STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05855

# GEZAMELTE SHRIFTEN IN FUFTSEHN BENDER

S. An-Ski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אנ־סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## צוועלפטער באַנד

# פּיאָנערן

פערלאַג „אנ־סקי“

ווילנאָ־ווארשא־ניו־יארק תרפ"ז־1927

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל“ ווארשא.

PRINTED in POLAND

SZ. AN—SKI

Tom dwunasty

PIONERZY

Warszawa, 192

Wydawn: „AN—SKI" Wilno–Warszawa–Nowy-Jork.

SH. AN—SKY

Volume twelvth

PIONERS

Warsaw, 192

Publishing Company „AN-SKY" Vilno–Warsaw–New-York

Drukarnia I. Hendlera, Długa 26

ש. אַנ־סקי.

# פּיאָנערן

ערשטער טייל

## „די ערשטע שוואַלבּ“

(אַ כראָניק פון „די זיבּעציגער יאָהרען)

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער-
לויבניש פון אויטאָרס צואה-פערוואלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דיעם זאַץ האָט אויסגעפיהרט פייגע שריפטגיסער.

# א

אַ גרויסע אומגעלומפּערטע בויד, אַ מין נח׳ס תבה, אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען האָט זיך שווער און לאַנגזאַם געשלעפּט איבער דער ברייטער, אײנגאַנצען מיט שיטערער בלאָטע פערפלייצטער גאַס פון שטעדטיל מילאָסלאַווקע. די פּאָר דאַרע פערד מיט די שטאַרצענדע אויסגעקראָכענע זייטען האָבען זיך אַלע ווײלע געשטרויכעלט, געוואָרפען זיך אָן אַ זייט—און די בויד האָט ווי אַ שיף אין אַ שטורם, זיך געוויגט און געבויגען, אונטערגעשפּרונגען און זיך געטויכט אין די גריבער און „טינטערלעך". דער בעל-עגלה, אַ קליין אַלט יודעל מיט אַב׳אויסזעהן פון אַ פערמאַטערטען צום טויט, אַ פערשפּריצטער פון קאָפּ ביז די פיס מיט בלאָטע, האָט מיט אַלע כחות אונטערגעטריבען די פערד מיט געשרייען און מיט דער אָבגעריסענער בייטש. אין גאָר קריטישע מאָמענטען פלעגט ער זיך נעהמען שילטען די פערד. און זיינע קללות האָבען געקלונגען ווי אַ וויינענדיגע בקשה.

די בויד האָט זיך אָבגעשטעלט ביי איין הויז, ביי אַ

צווייט, און פון איהר זענען אַרויסגעקראָכען מיט קרעכצען און זיפצען מטושטוש׳ע פאַרשוינען. מיט „אָבגעזעסענע פיס״, קוים לעבעדיגע און גענומען שלעפען פון בויד בעטגעוואַנד, פעק און אַלערליי קערב. פ׳ן די הייזער און קראָמען זענען אַנטקעגענגעלאָפען מאַנסביל, ווײבער און קינדער און די פוסט-טויטע גאַס איז אויף אַ ווײלע פערהילכט געווען מיט פרייד-געשרייען, קושערייען און מיט קריגערייען מיט׳ן בעל-עגלה. נאָכדעם האָט זיך די בויד געשלעפט ווייטער.

אַראָבזעצענדיג דעם צעהנטען אָדער צוועלפטען פאַרשוין, האָט דער בעל-עגלה אַריינגעקוקט טיף אין בויד, וואו עס איז געווען פערשלאָגען אין ווינקעל נאָך איין איינציקער פאַרשוין, און האָט הייזעריג אויסגעשריען:

—וואוהין פערפאָהרען, ר׳ יוד?

—וואוהין פערפאָהרען?—האָט זיך דער פאַרשוין פון בויד אָבגערופען שנעל, כמעט דערשראָקען—אין אַנ׳אכסניה! זייט אַזוי גוט, אין אַנ׳אכסניה!

—צו לייוויק׳ן?

—זאָל זיין צו לייוויק׳ן. איך קען דאָ קיינעם נישט. איך בין נישט קיין היגער.

דער בעל-עגלה האָט זיך מיט אַ טיפען קרעכץ אַרויפגעקליבען צוריק אויף די קאָזלעס און מיט אַ נעבעכדיגען געשריי געגעבען צו וויסען די פערד, אַז מען דאַרף זיך שלעפען ווייטער. אין אַ פערטעל שעה אַרום איז די בויד צוגעפאָהרען צו אַ גרויס איינגעאָרענדיג שטאַרק פערלאָזען הויז מיט אַ טויער אין דער מיט, ביי וועלכען עס איז געשטאַנען אַ הויכער סלופּ מיט אַנ׳אָנגעבונדען הייפעל צופוילט היי פון אויבען. אַריינפאָהרענדיג אין סטאָדאָלע, איז דער בעל-עגלה אַראָבגעקראָכען פון די קאָזלעס און אויסגעשריען:

—געקומען! קריכט זייט מוחל אַרויס.

פון בויד איז אַרויסגעקראָכען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, אַ דאַרינקער, אַ קליינער, מיט אַ שוואַרץ בערדעל, איינגעבויגענעם רוקען און דערשראָקענע אויגען. ער איז געווען

אין אַ קורצען ענגען ראָק, מיט קורצע אַרבעל, פון וועלכען די הענד האָבען אַרויסגעשטעקט הויל און אָרים, אין אויסגעריבענע הויזען און אויסגעטראָטענע פערלאַטעטע שיך. אויפ׳ן קאָפּ—אַ ניי זיידען היטעל און אויף דער ברוסט אַ ברודיגע מאַנישקע, אײַ־בערגעבונדען מיט אַ שוואַרץ שנירעל. אַרויסקריכענדיג פון בויד, האָט דער יונגערמאַן מיט אַ תמ׳עוואַטען בליק זיך אַרומגעקוקט. אַ לאַנגע אומעטיג־פּוסטע גאַס מיט פונאַנדערגעוואָרפענע הײַזלעך, פערזונקענע אין בלאָטע. אין דער זייט גאַס אַנ׳אַלטע קרעטשמע. און אַ הימעל, אַ בעדעקטער מיט שווערע פינסטערע וואָלקענס.

דער יונגערמאַן האָט אַ זיפץ געטהון און גענומען אויס־גלייכען די ביינער. אין דעם שמאָלען רעקעל און ענגע הויזען האָט ער זיך, ווייזט אויס, געפיהלט אונבעקוועם און אונהיימליך. ער האָט אַרויסגעצויגען פון טאַש אַ לייווענטענעם זעקעל און, אָבקעהרענדיג זיך אָן אַ זייט, גענומען פאָרזיכטיג צאָהלען קו־פער־געלד.

דער בעל-עגלה האָט אַרויסגענומען פון בויד דעם יונגער־מאַנס פעקעל און געוואַרט אויפן געצאָהלט. ערשט איצט האָט ער צייט געהאַט צו בעמערקען דעם אונגעוועהנליכען אַנצוג פון דעם פּאַרשוין.

—ווער איז אַ יונגערמאַן? אַ משורר׳ל?—האָט ער, נישט לאַנג טראַכטענדיג, אַ פרעג געטהון.

אין אַזעלכע בגדים האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטע־לען אַנ׳אַנדערן, ווי אַ משורר׳ל.

—נישט קיין משורר...—האָט איהם אונצופרידען געענט־פערט דער יונגערמאַן, און אומקעהרענדיג זיך, איהם דערלאַנגט אַ הויפען קופער-געלד.

—אָט האָט איהר פינפאונזיבעציג קאָפּיקעס, ווי מ׳ר האָ־בען זיך בעדינגען.

דער בעל-עגלה האָט איבערגעצעהלט דאָס געלד און גע־זאָגט מיט אַ בעטענדיגען קול:

—ר׳ יוד! איהר דאַרפט געבען אַ הוספה. איהר האָט דאָך

געזעהן, וואָס פאַר אַ וועג עס איז געווען—אַנ'אָבקומעניש! האָט רחמנות, זענט מוסיף כאָטש אַ גילדען.

—ניין! ניין!—האָט דער יונגערמאַן גיך אַ מאַך געטהון מיט די הענד.—מעהר וועל איך קיין גראָשען נישט געבען! גאָר אַ נייעס, הוספות! בעדונגען זיך! איך בין קיין גביר נישט, איך קאָן נישט!

—נו, קאָנט איהר נישט, דאַרף מען נישט. מיט גוואַלד וועל איך ביי אייך נישט בעהמען... זאָל אייך גאָט העלפען.—האָט דער בעל-עגלה געענטפערט טרוקען און בעליידיגט, האָט טיף אַ זיפץ געטהון, אַרויפגעקליבען זיך אויף די קאָזלעס און דעמאָנסטראַטיוו, נישט זאָגענדיג קיין „זייט געזונד" אָבגעפאָהרען.

דער יונגערמאַן איז אַריין אין אכסניה. אַ גרויסע האַלב-פינסטערע אונהיימליך פוסטע שטוב מיט אַנ'ערד-פאָדלאָגע, מיט עטליכע שמוציגע טישען און מיט בענק ביי די ווענד. די לופט איז געווען אַ שווערע, עס האָט זיך געפיהלט דער גערוך פון בראָנפען און פון רויהע פיש. ביי אַ גרויסער לעזשאַנקע איז געזעסען אויף אַ בענקעל אַ בעיאָהרטע יודענע און געשטריקט אַ זאָק. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אָבגעשטעלט זיך אויף דעם אַריינגעהענדיגען יונגענמאַן מיט אַ פערוואונדערט-פרע-ןענדיגען בליק.

—גוט מאָרגען, בעל-הבית'טע.—האָט זיך געווענדט צו איהר דער יונגערמאַן, בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר.—ביי אייך איז אַנ'אכסניה? מען קאָן צו אייך פערפאָהרען?

די בעל-הבית'טע, נישט אַראָבלאָזענדיג פון איהם איהר פערוואונדערטען בליק, האָט געלאַסען געענטפערט:

—פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען? פערשטעהט זיך, מען קאָן.

—אויף עטליכע טעג?

—אפילו אויף אַ חודש... דערויף איז דאָך דאָס אַנ'אכסניה.

—און וויפיל נעהמט איהר פאַר אַ נאַכטלעגער?

—מען וועט אייך באַלד זאָגען... דער בעל-הבית וועט

קומען, וועט ער זאָגען... קיין איבריגס וועט מען ביי איך נישט נעהמען.

דער גאַסט האָט זיך בענוגענט מיט דעם ענטפער, אַוועקגעלעגט דאָס פּעקעל און צוגעזעצט זיך אויף אַ ברעג באַנק.

—אַ שלעכטער וועג... צובראָכען אַלע ביינער.—האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ.

—פון וואַנען פאָהרט איהר? פון ווייט?

—פון וויטעבסק. אָנדערטהאַלבען מעת-לעת געשלעפּט זיך.

—איהר זענט געקומען אַהער וועגען עפּעס אַ געשעפט?

—יאָ... אַנ'ענין,—האָט נישט גערן געענטפערט דער גאַסט.

די בעל-הבית'טע האָט אַוועקגעלעגט דעם זאַק אויף דער לעזשאַנקע און אויפגעהויבען זיך.

—איהר וועט עפּעס עסען? פערהאַן אַ שטיקעל קאַלטע פיש.

דער גאַסט האָט אַ ווײַלע געטראַכט און ענדליך איינגעשטימט:

—נו, זאָל זיין, גיט...

די בעל-הבית'טע האָט אָנגעוויזען אויף אַ פּעסעל וואַסער אין ווינקעל און געזאָגט:

—וואַשט זיך עסען. די פּאַמעניצע איז אין פאָרהויז.

—ווען דער גאַסט האָט גענומען עסען, האָט זיך די בעל-הבית'טע צוגעזעצט צום טיש און גענומען איהם אויספרעגען:

—איהר האָט דאָ וועמען עס איז—קרובים, בעקאַנטע?

—ניין, קיינעם נישט...

דער בעל-הבית'טעס פערשלאָפענע געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען אָבלעבען פון נייגעריגקייט. ווער קאָן דאָס זיין דער יונגערמאַן אין אַ קורצען רעקעל, אין אַ מאַנישקע, וואָס איז געקומען פון אַזעלכע מרחקים און האָט דאָ נישט—נישט קיין קרוב, נישט קיין גואל? מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָהנט, אַז זעלדע-גליקע וואַרט פון טאָג צו טאָג, מען זאָל קומען „אָנקוקען" איהר טאָכטער. אפשר האָט זיך דאָס דער חתן לכתחילה אַזוי איבערגעטהון, מען זאָל איהם נישט דערקענען און דערפאַר איז ער טאַקע אַזוי איינגעהאַלטען און ענטפערט אָהן חשק. די בעל-

הבית׳טע האָט גוט פערשטאַנען, אַז בײ אַזעלכע פאַלען פּאַסט נישט און עס איז אוננוצליך פונאַנדערצופרעגען, פונדעסטוועגען האָט זי נישט געקאָנט בײקומען איהר נײגעריגקײט און געפרעגט:

—נעהמט נ׳שט פאַר אומגוט, אויב איך וועל אײך פרעגען... זײט איהר נישט געקומען אַהער וועגען אַ שדוך?

דער גאַסט האָט גלײך פערשטאַנען וואָס זי מײנט און מיט אַ שמײכעל געענטפערט:

—איהר מײנט אודאי, אַז איך בין געקומען אַהער זעהן אַ כלה? האָט איהר טאַקע אַ גרויסען טעות. איך בין געקומען וועגען גאָר אַנ׳אַנדער ענין.

ער האָט אײלענדיג געענדיגט עסען די פיש און אָנגעהויבען אַ ביסעל היימישער:

—אָט וואָס, בעל-הבית׳טע, איך וועל אײך דערצעהלען דעם רײנעם אמת, נאָך וואָס איך בין אַהער געקומען. איך בין אַהער געקומען, איך בין געקומען אַהער געבען דאָ לעקציעס. איך בין אַ לעהרער.

—וואָס הײסט אַ לעהרער?

—גאָר פּראָסט, אַ „שרײבער". איך לערן לײענען און שרײבען. רוסיש,—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ נישט-זיכערן טאָן.

—רוסיש?—האָט נאָך אַלץ נישט פערשטאַנען די בעל-הבית׳טע.—וועמען-זשע לערנט איהר?

—וועמען? וועמען עס מאַכט זיך, יונגלעך, מײדלעך.

די בעל-הבית׳טע, פאַר וועלכער דאָס אַלץ איז געוועזן אומגעריכט, האָט אַ װײלע געטראַכט. דערנאָך האָט זי אויסגערופען:

—הײסט דאָס אַ שקאָלע?

—חס ושלום! וואָס פאַר אַ „שקאָלע"!—האָט זיך דערשראָקען דער לעהרער.—אין דער הײם, לעקציעס... ווי אומעטום אין די גרויסע שטעדט.

-הײסט דאָס, ווי אַ רבי׳צין? אַ רבי׳צין איז דאָ בײ אונז.

—אַ רבי׳צין איז דאָ בײ אײך?—האָט אונרוהיג איבערגעפרעגט דער לעהרער.—אָבער זי לערנט דאָך נאָר יודיש?

—ס'פערשטעהט זיך, זי לערנט מיידלעך עברי, לערנט אפילו שרייבען, נאָר זי קען נעבעך אַליין נישט. אַנ'אַלטע יודענע.

—וויפיל נעהמט זי?—האָט מיט דערזעלבער אונרוהיגקייט געפרעגט דער לעהרער.

—וויפיל נעהמט זי! וויפיל מען גיט, אַזויפיל נעהמט זי. צעהן קאָמיקעס אַ חודש, פופצעהן קאָפּיקעס... אַנ'אַנדערש מאָל גיט מען איהר אָבעסען אַ וואַרמעס, אַ וועטשערע. אַנ'אָרימע יודענע.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. נאָכדעם האָט דער לעהרער מיט אַ בעטענדער שטים געפרעגט:

—ווי רעכענט איהר, בעל-הבית'טע, וועט זיך מיר איינגע-בען דאָ עפּעס צו מאַכען?

די יודענע האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס און געענטפערט איינגעהאַלטען און גלייכגילטיג.

—ווייס איך? פון וואַנען זאָל איך עס וויסען?

—אָבער פאָרט, ווי טראַכט איהר? איהר זענט דאָך עפּעס, אָהן עין-הרע, אַ בעל-הבית'טע, אַ היגע...

—דעם אמת זאָגענדיג, פערשטעה איך נישט... צו וואָס? מ'קאָן זיך נישט בעגעהן אָהן דעם?

—וואָס רעדט איהר!—האָט אָנגעהויבען איהר איינריידען דער לעהרער.—הייניגע צייטען! איהר פערגעסט, אַז איצט קאָן מען אָהן דעם נישט אויסקומען! איצט מוז יעדערער קענען לייענען און שרייבען רוסיש. כאָטש אַ ביסעל.

—מ'מוז קענען,—האָט די בעל-הבית'טע איבערגע'חזר'ט מיט אַ סקעפּטישען שמייכעל און אַ דריק געטהון מיט די פּלייצעס.—אַ דאַנק גאָט, נישט מיין מאַן, נישט איך, קענען נישט קיין „פּאָטשערעס" און פונדעסטוועגען, נישט צו פערזינדיגען, מיר לעבען און פיהרען אַ האַנדעל.

און שווייגענדיג אַ ווײַלע, צוגעגעבען:

—און גלאָט, איך פערשטעה נישט, ווער וועט דאָס אָב-רייסען אַ יונגעל פון חדר?

—דער טאָג איז גרויס. מען קאָן געפינען אַ ליידיגע שעה. און וואָס עפּעס דוקא יונגלעך? איך לערן מיידלעך אויך.

—סיידען מיידלעך... איך ווייס נישט. אפשר וועט ווער אָבגעבען אייך אַ מיידעל לערנען. אפשר וועט זיך געפינען אַזאַ... בעל-הבית'טע.

זי האָט שיער נישט אַרויסגערעדט „אַזאַ משוגע'נע בעל-הבית'טע". נאָר בעצייטענס אָבגעהאַלטען זיך.

דער לעהרער האָט זיך געפיהלט געדריקט פון דער בעל-הבית'טעס פעסימיסטישען טאָן און איהר גלייכגילטיגקייט צו זיין לאַגע. ער האָט פערשטאַנען, אַז נעהמען איינריידען זי, וועט זיין אַנ'אומזיסטע טרחה און ער האָט אויסגעקליבען אַנ'אַנדער, בעסער מיטעל צו פעראינטערעסירען זי. צורוקענדיג זיך אַ ביסעל נעהנטער, האָט ער אָנגעהויבען געמיטליך און מיט הארץ.

—הערט אויס... ווי איך זעה, זייט איהר אַ יודענע אַ קלוגע און פערשטעהט אַ געשעפט. איהר וועט מיך פערשטעהן. ווי איהר זעהט, בין איך דאָ אַ פרעמדער מענש. נישט איך קען קיינעם, נישט קיינער קען מיך. וואוהין געהן? צו וועמען ריידען? פון וואָס אָנהויבען?—איך ווייס גאָרנישט... ווייטער קאָן איך אייך זאָגען, אַז איך בין נישט אויסען עפּעס וואָס דאָרט פון-די היינטיגע זאַכען, היינטוועלטיגקייט. זאָל מיך גאָט אויסהיטען. איך בין אַ יוד, ווי אַלע יודען און זוך אַ שטיקעל ברויט, מען דאַרף דאָך לעבען און יעדער זוכט זיך ברויט, וואו ער קאָן. וואָס, אפשר נישט אַזוי?

—פערשטעהט זיך.

—אַלזאָ, וואָלט איך אייך בעטען, איהר זאָלט מיר ביי-הילפיג זיין... איך פערלאַנג פון אייך חס ושלום נישט קיין איבריגע טרחה. איהר קאָנט מיר בייהילפיג זיין מיט אַ וואָרט, מיט אַנ'עצה... אַ וואָרט איז אַנ'אַנדערש מאָל טייערער פון גאָלד... עס פערשטעהט זיך, אַז איך וועל נישט וועלען, חס ושלום, אייער טרחה אומזיסט. קיין גביר בין איך נישט, נאָר אַ פּאָר רובעל, ווי זאָגט מען דאָס... אויב עס וואָלט זיך עפּעס איינגעבען, וואָלט איך מיט'ן גרעסטען פערגעניגען..! ווייטער,

וואָלט איך בײַ אײַך בלײַבען אויף קוואַרטיר. ס'איז נישט גאָט ווייסט וואָס, נאָר פונדעסטוועגען פּאַרט עפּעס... און לסוף זענען מיר דאָך יודען, דאַרף דאָך איינער דעם צווייטען בעהילפיג זײַן.

די בעל-הבית'טע איז געוואָרען מונטערער. אויף איהר האָבען דעם לעהרערס רייד געמאַכט אַנ'איינדרוק מיט זייער חשיבות'קייט און דער הונגעריגקייט פון טיפען. מ'האָט פון עלע רובל האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע אויף אַ נייעם באָדען, אַ מעהר בעשעפטיגען, פערשטענדליכען און אינטערעסאַנטען און זי האָט שוין לעבהאַפטער בעענטפערט:

—גוט, פאַרוואָס נישט, איך וועל זעהן אײַך בעהילפיג זײַן... ווי זאָגט מען דאָס, מיר זענען דאָך יודען. אָבער איך ווייס נישט, מיט וואָס קאָן איך אײַך בעהילפיג זײַן.

—סטייטש מיט וואָס?—האָט אויסגעשריען דער לעהרער—איהר קאָנט מיך מיט עטליכע ווערטער שטעלען אויף די פיס... איך דאַרף דאָך אײַך נישט לערנען... איהר ווערט נאָר פערוואַרפען וועגען מיר אַ וואָרט אײַן בעל-הבית'טע, דער אַנדערער... און מעהר דאַרף איך נישט.

און אָנבויגענדיג דעם קאָפּ אָן אַ זייט, האָט ער צוגעגעבען פּאַטעטיש:

—איך בין אפילו נישט קיין היגער, פונדעסטוועגען האָב איך פון אײַך געהערט: אייער מאַן, ר' לייוויק... מען ווייסט איהם, מען קען איהם, אויף אַלע יודען געזאָגט געוואָרען... און אייערס אַ וואָרט וועט טאַקי האָבען א פעולה...

## ב

אַ בעיאָהרטער יוד מיט אַ געלע צעפּודעלטע באָרד און בעדיכטע ברעמען איז האַסטיג אָנגעקומען מיט אַנ'צראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט דורכצוקלאַפּען די אַנטקעגענדיגע וואַנד מיט'ן שטערן. אין מיטען שטוב האָט ער זיך מיטאַמאָל

אָבגעשטעלט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַרומגעקוקט זיך און, דערזעהן דעם גאַסט, האָט ער אויף שנעל איהם אַ שטעק געטהון די האַנד און מעכאַניש אַרויסגערעדט:

—שלום עליכם. פון וואַנען איז אַ יוד?

און נישט וואַרטענדיג אויף אַנ׳ענטפער, האָט ער אַ גע-שריי געטהון צו דער בעל-הבית׳טע:

—חנה-לאה! וואַנקאַ האָט פערקויפט דעם פלאַקס ברוכ׳ן... פערברענט זאָלען זיי ביידע ווערען!

—איך האָב דיר געזאָגט...—האָט דאָס ווייב אָנגעהויבען.

נאָר ער האָט איהר מיט כעס איבערגעשלאָגען:

—דו האָסט מיר געזאָגט! אַ סך פערשטעהסטו! בהמה!

און ער איז געשווינד אַוועק אין צווייטען חדר.

די בעל-הבית׳טע האָט זיך אויפגעהויבען, אַוועקגעלעגט דעם זאָק און איז געלאָפען אַוועק נאָך איהם. פונאַנדערפרעגענ-דיג וועגען דעם פלאַקס, וואָס ברוך האָט איבערגעכאַפּט, האָט זי צוגעגעבען שטיל ווייזענדיג מיט׳ן קאָפּ צום צימער, וואו דער גאַסט איז געזעסען.

—האָסט געזעהן דעם יונגענמאַן, וואָס זיצט דאָרט?

—נו?

—דאָס איז אַ „שרייבער"...

—וואָס פאַר אַ „שרייבער"—האָט לייוויק איבערגעפרעגט מיט אונגעדולד, אינגאַנצען אַריינגעטהון אין זיינע מחשבות.

—אַ „שרייבער"... ער לערנט לייענען און שרייבען גויאיש,—האָט חנה-לאה געענטפערט מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל, ווי מען דערצעהלט וועגען אַ משונה׳דיגער זאַך.

—נו-ו?

—ער איז פערפאָהרען צו אונז...

—נו-ו?

—ער וויל בלייבען דאָ אין שטעדטיל, שאַפען זיך אַ קנע-לונג...

נו? נו? נו?—האָט לייוויק אויסגעשריען שטאַרק צערייצט.

—וואָס „נוקעסט" דו, איך פערשטעה נישט! „נו?", „נו?"—

האָט זיך חנה־לאה בעליידיגט—מען טאָר דיר שוין קיין וואָרט נישט זאָגען!

—אויף וואָסער שוואַרץ יאָהר דאַרף איך דאָס וויסען? מיין דאגה איז דאָס? איז ער געקומען—איז ער געקומען! נויטיג איז מיר דאָס צו וויסען! דולט מיר אַ קאָפּ!

—שריי נישט און פּילדער נישט. אַז איך דערצעהל, מסתמא ווייס איך צוליב וואָס איך דערצעהל, ער זאָגט צו עטליכע רובל איך זאָל איהם בעהילפיג זיין. ער וועט נאָך בלייבען ביי אונז אין אכסניה... פרעשטעהסט איצט?

לייוויק האָט, ווייזט אויס, פערשטאַנען. ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, קנייטשענדיג דעם שטערן, בערעכענענדיג אויף וויפיל דאָס לוינט זיך.

—פּש!—האָט ער אַרויסגערעדט מיט פעראַכטונג—נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזען איי. וואָס וועט ער דאָ מאַכען? ווער וועט איהם דינגען? ווער וועט איהם אָוועקגעבען די קינדער?— אויך מיר אַ געשעפט—לערנען „פּאָצערעס"! און גלאָט, דער רב וועט איהם אַרויסטרייבען פון שטאָדט... נאָר אַז ער זאָגט צו עטליכע רובל—זאָג איהם דאָרט, וואָס עס איז... און גיב אויף איהם אַכטונג. ווער ווייסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען!.. נו, איך האָב קיין צייט נישט צו פערגעהמען זיך מיט די נאַרישקייטען. איך וועל לויפען צו ברוכ'ן און וועל איהם די באָרד אויסרייסען!

דורכגעהענדיג דאָס צימער, וואו דער לעהרער איז געזעסען, האָט ער אויף איהם אַ בליק געטהון מיט פעראַכטונג און איז געשווינד אַרויס.

חנה־לאה איז צוריק אַוועק אויף איהר אָרט. גענומען ווייטער דעם זאָק און, קוקענדיג אויף די פּרוטיקעס, האָט זי לאַנגזאַם גערעדט:

—איהר האָט אפשר געהערט פון צירעל מנחם־טרייגעס, די דובראָוונער? איהר מאַן האַנדעלט מיט געהילץ.

—ניין, נישט געהערט וועגען איהר...

—ביי איהר זענען דאָ צוויי מיידעלעך און נאָך אַ פּלי־

מעניצע, א יתומה, וועלכע זי האָדעוועט. זי וואָלט אייך אפשר צוועקגעגעבען די מיידלעך לערנען.

—א רייכע בעל-הבית׳טע?

—אויף אונזביידען געזאָגט געוואָרען, כאָטש אין צעהן יאָהר אַרום! די ערשטע גביר׳טע אין שטעדטיל.

און, שוויגענדיג אַ ווײַלע, האָט זי צוגעגעבען:

—איהר קאָנט נאָך פּרובען אַריינגעהן צו ביילע אפרים׳-קעס, אויך אַ בעל-הבתישע יודענע. זי האָט צוויי יונגלעך מיט אַ מיידעל... יאָ!—האָט זי זיך געכאַפּט,—אָט צו וועמען געהט אַריין! צו זעלדע חיים איסער׳ס! זי וועט אייך די ערשטע אָוועקגעבען איהרע מיידלעך. זי האָט מיר אַנומעלט אַליין געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלען, אַז זיי זאָלען קאָנען אויף גויאיש שרייבען. ביי איהר איז אַ גרויסע קראַם, קומען אַריין פּריצים.

דער לעהרער האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו-געהערט. ער האָט געשלונגען חנה-לאה׳ס ווערטער, אויסרעכע-נענדיג אַזוי פיער-פינף בעל-הבית׳טעס, וואָס וואָלטען קאָנען אָבגעבען זייערע קינדער לערנען, האָט זי שוין אָפּטימיסטישער בעזאָגט:

וואָס מיינט איהר? אפשר וועט איהר טאַקע מאַכען דאָ אַ גוטע קנעלונג. עס קאָן זיין, אַז מען וועט אייך אָבגעבען לער-נען מיידלעך און אפשר אפילו יונגלעך אויך.

—בעל-הבית׳טע! ביי אייך איז פערהאַן אַ טינט-און-פע-דער?—האָט אויפגערעגט געפרעגט דער לעהרער.—זייט אַזוי גוט! איך וואָלט פערשרייבען די נעמען פון די בעל-הבית׳טעס, וואָס איהר האָט אויסגערעכענט, און מאָרגען איי״ה וואָלט איך גע-באַנגען צו זיי.

אויפשרייבענדיג אויף אַ פּאַפּיר די רשימה פון די בעל-הבית׳טעס, האָט ער דערלאַנגט דאָס פּאַפּירעל חנה-לאה׳ן.

—זייט מוחל, גיט אַ קוק, ווי איך שרייב... דאָס האָב איך זיך נאָך געאיילט. אַז איך ציל זיך, שרייב איך נאָך שע-נער. רוסיש שרייב איך אויך זעהר שען.

חנה-לאה האָט נישט געקענט שרייבען, פונדעסטוועגען האָט זי אויפמערקזאַם אייגגעקוקט זיך אין דער האַנדשריפט און האָט עס אויפריכטיג געלויבט:

—אַ פיינע האַנד! געטאָקטע אותיות ווי פּערל! אַ שאָד, וואָס איך קען נישט לייענען,—האָט זי צוגעגעבען אָהן איבריגען פערדרוס.

דער לערער איז געווען געשמייכעלט פון איהר לויב און האָט געפרעגט:

—הייסט דאָס, זאָגט איהר מיר צו... איהר וועט זיך דורכריידען מיט אייערע בעקאַנטע, וועט זיי איינריידען... ביקצור, איהר וועט שוין וויסען, וואָס צו זאָגען.

—ווי דען, ווי דען!—האָט חנה-לאה פערזיכערט—ווי נאָר דער מאַן וועט קומען, וועל איך נעהמען די פּאַטשיילע אויף די פּלייצעס און וועל געהן אין מאַרק אין „ברזם"... זאָרגט נישט, איך וועל שוין וויסען, וואָס צו זאָגען!

ווילענדיג איינגאַנצען אונטערקויפען די בעל-הבית'טע, האָט דער לעהרער אַ קוק געטהון אין פענסטער און אונרוהיג געזאָגט:

—שוין צייט מנחה דאַווענען! וואו איז דאָ ביי אייך אַ בית-המדרש?

—צוויי טריט פון דאַנען! איהר וועט אַרויסגעהן פון שטוב, זיך נעהמען רעכטס און אין ערשטען געסעל וועט איהר דערזעהן די קלויז...

דער לעהרער האָט שטילערהייד אָבגעבענשט און איז אַוועק אין קלויז.

## ג

דער לעהרער, וואָס איז געקומען קיין מילאָסלאַווקע,—זלמן איצקאָוויטש—איז געוואָרען אַ לעהרער גאַנץ אומגעריכט.

געבוירען איז ער געווען פון א קליין שטעדטיל. א זוהן פון א שמש, האט ער פריהער געלערנט אין תלמוד-תורה. בלייבענדיג צו דרייצעהן יאהר א יתום, איז ער מיט עטליכע קאפיקעס אין קעשענע און מיט א בריף פון רב אוועק צו-פוס קיין וויטעבסק אין דער ישיבה. זעקס יאהר איז ער אבגעזעסען אין דער ישיבה, געהערט דעם שיעור און געגעסען „טעג". קיין גאנצע וואך טעג האט ער קיינמאל נישט געהאט און איהם איז אויסגעקומען נישט ווילענדיג, פאסטען תעניתים. אומגעגאנגען איז ער שטענדיג אבגעריסען און האלב בארוועס. דאס גאנצע הונגעריגע, בטלנישע, דורך און דורך פערגרעבט ישיבה לעבען, אהן א היימישער אטמאספערע, אהן צנ'אייגען ווינקעל, פערשפארט אין די קאלטע וועגד פון שוהל—האט ארויפגעלעגט אויף איצקאוויטש'ן, ווי אייך אויף דאס רוב חברים זיינע א קענטיגען צ כען פון אבגעלא- זענקייט און פערווילדקייט. געלערנט האט איצקאוויטש אהן אנ'- אינערליכען בערוף און חשק, נאר פון נויטווענדיגקייט, ווייל אהן דעם וואלט ער געדארפט אומגעהן איבער די הייזער. אלע זיינע געדאנקען זענען געווען ארויסגעטהון אין דער פראגע, ווי צו בעקומען „טעג", וואס עס האבען איהם געפעהלט, און אין רייכע הייזער. זענענדיג אבגעריסען פון רעאלען לעבען מיט זיינע אלטעגליכע אינטערעסען, האט איצקאוויטש, ווי זיינע חברים, געלעבט אין א וועלט פון פאנטאסטישע חלומות, נישט אלעמאל אידעאלע און ריינע. קלעפענדיג ארום דעם הייס אנ- געהייצטען שוהל-אויוען, פלעגען די ישיבה-בחורים אפט גאנצע ווינטער-נעכט פערבו ענגען אין טרוימען וועגען לוקולוס-מאלציי- טען (ווי זיי האבען זיך עס פארגעשטעלט) און נישט זעלטען אין אפענע געשפרעכען וועגען די אינטימע פריידען פון פרויען- נאהנטקייט...

וועגען זיין צוקונפט האט איצקאוויטש ווייניג געזארגט. ער איז געווען זיכער, אז דער ראש-ישיבה וועט שוין זעהן, ער זאל נישט פערבלייבען קיין אלטער בחור, אז מען וועט פאר איהם געפינ ן א כלה, אנ'ארימע יתומה און אז נאך דער חתונה וועט איהם פארשטעהן די איינציגע צוטריטליכע קאריערע

פון אַ מלמד. וועגן עטוואָס מעהר האָט ער קיינמאָל נישט געטרוימט.

אַזוי וואָלט עס מסתמא אויך זיין, ווען ער וואָלט נישט באַר אומגעריכט געוואָרען פערכאַפּט פון די „נייע שטרעמונגען“.

געווען איז עס אין ענדע 70-גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, אין יענער צייט, ווען די השכלה-בעוועגונג האָט פערכאַפּט גרויסע שיכטען פון דער מיטעלער יודישער אינטעליגענץ. עס איז דאַן געווען אַ מערקווירדיגע צייט און אין פיל הינזיכטען אַ טיף טראַגישע. אין דער פעלזען-מויער פון די אַלטע רעליגיעז-קולטורעלע יסודות איז געמאַכט געוואָרען אַ טיפער שפּאַלט. אַ גאַנצער דור פון דער אינטעליגענץ, אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם רעליגיעזען יאָך, האָט זיך אַ ריס געטהון צום ליכט, צו וויסענשאַפט, צו אַ נייעם לעבען. דער התלהבות'דיגער אידעאַליזם, וועלכער איז נישט געווען אויסגערעכענט אויף די רעאַלע כחות, אויף די אומשטענדען, דער דרייסטער שפּרונג איבער אַ פיל טויזענדיעהריגער קולטור, האָט געקאָסט נישט וואָלוועל. די בעוועגונג, וועלכע איז געווען איבערהויפּט אַ פערניכטענדע, אָהן אַ נייער נאַציאָנאַלער שאַפונג, האָט געשטעלט אין קאָן דעם גאַנצען קיום פון יודישקייט, פון פאָלק און האָט נאָך זיך געלאָזט גאַנצע מחנות, כמעט אַ גאַנצען דור צובראָכענע, צוקאַליעטשעטע, וועלכע האָבען אָבגערודערט פון איין ברעג און נישט דערגרייכט צו אַ צווייטען. נאָר אַן-און פאַר—זיך איז דער התלהבות'דיגער אידעאַליזם געווען וואונדערבאַר שען מיט זיין ברייטקייט און דרייסטקייט. דאָס איז געווען אַ מעכטיגער הויב-זיך פון פאָלק, וואָס האָט ערוואַכט צו אַ נייעם בירגערליכען און נאַציאָנאַלען לעבען.

די הויפּט נעסטען פון דער השכלה-בעוועגונג זענען געוואָרען גראָד יענע אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען געהאַט די גרונד-אויפגאַבע אָבצוהיטען און פערשטאַרקען די אַלטע יסודות פון יודענטום—די ישיבות. נישט קוקענדיג אויף דעם שטרענגען רעזשים פון די ישיבות און אויף זייער אָבגעריסענקייט פון דער לעבעדיגער וועלט, האָבען זיי פאָרט פאָרגעשטעלט דעם גינסטיג-

סטען באַדען אויף צו פערשפרייטען אפיקורסישע און משכּילישע שטרעבונגען. צווישען די ישיבה-בחורים, וועלכע האָבען ווי-נישט-ווי דאָך געלעבט אין אַן׳אַטמאָספערע פון גייסטיגע אינטע-רעסען, האָט זיך אויסגעטיילט אַ געוויסע צאָהל דענקענדע אינ-טעליגענטע בחורים, מיט אַן׳אונרוהיגען זוכענדען געדאַנק, מיט אַ סובטעלען גייסט. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס ישיבה-לעבען, מיט זיין פרייהייט פון פאַמיליען-טראַדיציעס און על-טערן-השגחה אויסגעאַרבייט ביי די בחורים אַ געוויסע אונאָבהענ-גיקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. צו דעם האָט נאָך דער הונגער, קעלט און אַנדערע נויטען געוועקט ביי זיי אין האַרצען אונצו-פרידענהייט און פראָטעסט. אַ דאַנק דעם אַלעם זענען די ישיבות געווען אַ גינסטיגער באָדען פאַר די נייע שטרעמונגען און האָ-בען געגעבען די גרעסטע צאָהל פּיאָנערען און פאַנאַטישע פּראָ-פּאַגאַנדיסטען פון השכּלה אין דער אייראָפּעאישער בילדונג.

# ד

די ערשטע קערנדלעך פון השכּלה האָט אין וויטעבסקער ישיבה געבראַכט אַ געקומענער יונגערמאַן, וואָס האָט בעזוכט דעם שיעור אַלס אַ פּריוואַטער צוהערער. דער יונגערמאַן, דעם אָרטיגען גביר׳ס אַנ׳איידעם, האָט זיך גערעכענט פאַר אַנ׳עלוי, נאָר איז געווען אַ געהיימער משכּיל, האָט געהאַט ביי זיך אַ היבשע ביבליאָטעק פון העברעאישע און דייטשע השכּלה-ספרים. אויסערליך האָט ער געפיהרט דעם געוועהנליכען לעבען און שטאַט פון אַנ׳איידעם אַ וואויל-לערנער און אַ קעסט-קינד און שטילערהייד האָט ער גאַנצע נעכט פערבראַכט ביי ביכער און זיך געגרייט צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, שטודירען אין אוני-ווערזיטעט. בעקענענדיג זיך מיט די ישיבה-בחורים און געפי-נענדיג צווישען זיי עטליכע ערנסטע און פעהיגע, האָט ער זיך גענומען פאַרזיכטיג, אָבער ענערגיש זיי „אָראָבפיהרען פון וועג״.

אָנגעהויבען האָט ער דערפון, וואָס ער האָט דורך פּלפּול און וכּוחים אין גמרא-ענינים פּערזייהט בּיי זיי אין האַרצען אַ ספק אין דער הייליגקייט פון דער תּורה. נאָכדעם האָט ער זיי אָנגעהויבען געבען לייענען השכּלה-ספרים, האָט בּיסלעכווייז אָנגעהויבען עפענען פאַר זייערע אויגען נייע האָריזאָנטען. אין אַ קורצער צייט האָט דער געהיימער משכּיל שוין געהאַט עטליכע איבּערגעגעבּענע תּלמידים, וועלכע האָבען פון זייער זייט זיך גענומען ענערגיש צו פערשפּרייטען די השכּלה-אידעען צווישען די איבּריגע חברים. עס איז קיין האַלב יאָהר נישט פערבּיי, ווי כּמעט אַ האַלבּע ישיבה, וואו עס האָבען זיך געפונען בּיי אַ אַכציג בּחורים, איז „אַראָב פון וועג". ווי עס קומט געוועהנליך פאָר אין אַזעלכע פאַלען, האָבען די דענקענדע און בּעוואוסטזיניגע נאָכגעצויגען נאָך זיך די וועניג-בּעוואוסטזיניגע, וועלכע זענען געוואָרען פערכאַפּט פון דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם און אַריינגעצויגען אין שטראָם. צווישען די לעצטע האָט זיך געפונען אויך איצקאָוויטש. נישט האָבּענדיג פריהער קיין אויסגעאַרבּייטע, דורכגעטראַכטע רעליגיעזע איבּערצייגונג, איז ער מיט אַמאָל, אָן אַנ'אינערליכען קאַמף, אָהן אַ גייסטיגען איבּערבּרוך, אַריבּער אויפ'ן צווייטען בּרעג. ער איז געווען איבּערראַשט, פערבּלענדט פון די פּערספּעקטיווען, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם געעפענט: „גימנאַזיע... אוניווערזיטעט... דאָקטאָר..." אַלץ וואָס האָט זיך פריהער געמאָלט אין זיין פאָרשטעלונג, ווי עטוואָס אונדערגרייכבּאַרעס פאַר אַ געוועהנליכען מענשען, אַלץ, וואָס איז פריהער געווען בּלויז אַ הערליכער טרוים, איז מיטאַמאָל געוואָרען דערגרייכבּאַר פאַר איהם, הונגעריגען, אָרימען, דורך אַלעמען פעראַכטעטען ישיבה-בּחור. און מיט פרייד האָט ער אָבּגעוואָרפען אַלץ, וואָס ער האָט פון קינדווייז געהאַלטען פאַר הייליג: האָט אויפגעהערט דאַווענען און לערנען און גענומען זיך פלייסיג לערנען די רוסישע שפּראַך.

די „גרויסע חבד'ניצע", וואו איצקאָוויטש און פיל אַנדערע ישיבה-בּחורים האָבען זיך אויפגעהאַלטען, האָט זיך אומגעוואַנדעלט אין אַ געהיימען משכּילים-קלוב. פון דער אויסערליכער

זייט איז אַלץ געבליבען ווי געווען. די ישיבה-בחורים האָבען פּינקטליך בעזוכט דעם שיעור, פּאַר פרעמדע מענשען האָט מען אַ גאַנצען טאָג געשאָקעלט זיך איבער די גמרות און געלערנט אויפ'ן קול. אָבער באַלד נאָך מעריב, ווען דער שמש פלעגט אַוועקגעהן, האָט זיך די קלויז מיט אַמאָל איינגאַנצען אומגע-ביטען. די גמרות פלעגען זיך האַסטיג צומאַכען און אָבגעלעגט ווערען אָן אַ זייט. פון די בעהאַלטענע פערשלאָסענע קעסטלעך פלעגט מען אַרויסנעהמען די פערוועהרטע געהיימע ספרים פון מפּו, לעבענזאָן, גאָרדאָן, ליליענבלום און פּרץ סמאָלענסקין און נישט ווייניגער געהיימע רוסישע לעהר-ביכער—און מען פלעגט זיצען איבער זיי ביז טיף אין דער נאַכט, טיילמאָל ביז טאָג. אין איין ווינקעל זיצט אַ בחור איינגאַנצען אַריינגעטהון אין שטודירען לעבענזאָן'ס „זרבבל". אַ צווייטער, שאָקלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען גוף איבער אַ רוסישער גראַמאַטיקע, חזר'ט מיט התלהבות, מיט אַ גמרא-נגון נאָכאַנאַנד: „סטאָל—סטאָלאַ—סטאָלו—סטאָל—סטאָלאָם—אָ סטאָליע!" און נאָכאַמאָל: „סטאָל—סטאָלאַ—סטאָלו"... אַ דריטער חזר'ט איין מיט דערזעלבער התלהבות קרילאָוו'ס פאַבעל'ן. אַנדערע שרייבען שוין אייגענע מאמרים אָדער שירים. פון צייט צו צייט ווערט די אַרבייט איבערגעריסען מיט הייסע וכוחים אויף רעליגיעזע און פילאָזאָפישע טע-מעס, מיט לעגענדעס און מעשיות וועגען די גרויסע משכילים. אַנ'אַנדערש מאָל קומען פאָר אָבלאַכענישען פון דער גמרא, פון דעם אַלטען פרומען דור, נישט זעלטען אויך אַ גאָטס-לעסטע-רונג.

ווי פאָרזיכטיג די ישיבה-בחורים האָבען זיך נישט גע-פיהרט, זענען פונדעסטוועגען דערגאַנגען צום ראש-ישיבה נישט קלאָרע ידיעות, אַז אין דער ישיבה האָבען זיך פערפיהרט אפּיקורסים. די ידיעות האָבען זיך איהם אויסגעוויזען אויף אַזוי פיל משונה-ווילד, אַז ער האָט אין זיי נישט געגלויבט. אָבער ווען די ידיעות זענען געוואָרען אָפטער, האָט ער אָנגעהויבען נאָכקוקען די תלמידים, געמאַכט אַנ'אויספאָרשונג און גאָרנישט נישט דערוויסענדיג זיך, האָט ער זיך בערוהיגט. עס האָט זיך

אָבער געפונען אַ פערדעטער, אַ ישיבה-בחור אַ משכיל, וואָס האָט חרטה געהאַט אויף זיינע זינד, און האָט דערצעהלט דעם ראש-ישיבה אַלץ, וואָס עס קומט פאַר צווישען די בחורים. איבערהויפט אין דער „אַלטער חבדניצע". דער ראש-ישיבה איז געווען ערשיטערט, איז כמעט געפאַלען חלשות און לאַנג געוויינט, ווי אַ קינד. קומענדיג צו זיך, האָט ער צונויפגערופען אַנ'אסיפה פון די נכבדי-העיר און פרומע יודען, און מען האָט בעשטימט—אום האַלבער נאַכט בעפאַלען אומגעריכט די „חבדניצע" און מאַכען אַנ'אונטערזוכונג. אַזוי האָט מען געטהון. אַרום האַלבער נאַכט, ווען די געהיימע משכילים האָבען געהאַלטען אין רעכטען ברען פון זייער געהיימער אַרבייט, האָט זיך דערהערט אַ טומעלדיג קלאַפען אין דער פערשפאַרטער טהיר. עס איז געוואָרען אַ מהומה. די בחורים האָבען גענומען געשווינד בעהאַלטען די פערוועהרטע ספרים און ביכער. זיי האָבען נאָך אָבער קיין צייט נישט געהאַט אַלץ אַרויסצורוימען און בעהאַלטען, ווי די טהיר איז געווען אויפגעבראָכען און אין קלויז האָבען זיך אַריינגעריסען אַ גאַנצע מחנה עלטערע יודען מיט'ן ראש-ישיבה. מען האָט גענומען זוכען און אַלץ ענטדעקט: אַלע אפיקורסישע ספרים, די געשריבענע העפטען, די רוסישע לעהרביכער. ביי איינגע בחורים האָט מען געפונען אין די קעסטלעך קאָלבאַס און אַנדערע טריפה מאכלים.

ערשיטערט זענען געווען נישט נאָר די ישיבה-בחורים, נאָר אויך די אונטערזוכער, איבערהויפט דער ראש-ישיבה. די פיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט. ער איז כמעט געפאַלען אויף דער באַנק און אָנגעהויבען וויינען און כליפען, ווי אַ קינד. נאָר די איבריגע, ווי זיי זענען נאָר געקומען צו זיך, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען מיט געשרייען און קללות אויף די ישיבה-בחורים און גענומען שלאָגען זיי מכת רצח. די ווילדע סצענע האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די בחורים, צעשלאָגענע און צעבלוטיגטע, זענען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען צוזאַמען מיט זייערע קעסטלעך און צוריסענע ביכלעך פון קלויז.

נאָך דער קאַטאַסטראָפע איז די ישיבה געוואָרען געשלאָ-

סען און אַלע בחורים, אפילו די פרומע, האָבען פערלוירען זייערע „טעג" און צעשאַטען זיך איבער דער שטאָדט אָדער אָבגעפאָהרען אַהיים.

דאָס קרייזעל משכילים, אָפענע און געהיימע, וועלכעס האָט זיך געפונען אין שטאָדט, איז געקומען צו-הילף די אַרויס-געטריבענע ישיבה-בחורים, האָט בעקומען פאַר זיי אַ ביסעל געלד, געפונען פאַר זיי אַ וואוינונג ביי אַ קריסט אין עק שטאָדט. עטליכע האָט מען אָבגעשיקט אין אַנדערע שטעדט מיט בריף צו די דאָרטיגע משכילים. צוויי-דריי משכילים זענען אָנ-געקומען צו בעלי-מלאכות. נאָך איינעגע האָבען בעקומען לעקציעס אויף צו לערנען העברעאיש. אַ פינף—זעקס בחורים, צווישען זיי אויך איצקאָוויטש, זענען געבליבען אָהן מיטלען, און ערנעהרט זיך פון די עטליכע רובל, וואָס די רייכערע שטאַדטישע משכילים פלעגען זיי אַרויסגעבען מאָנאַטליך.

אַ יאָהר צייט האָט איצקאָוויטש אַזוי אָבגעלעבט, ער האָט זיך געלערנט, ווייל קיין אַנדער זאַך האָט ער נישט געהאַט צו טהון. ווייט איז ער פאַר דעם יאָהר נישט אַוועק. האָט זיך אויסגעלערנט לעזען און שרייבען (איבערהויפט האָט ער געצאַר-בייט אויפ'ן כתב). אין דער רוסישער גראַמאַטיק ביז „צייט-וואָרט" און אין אַריפמעטיק ביז „תשבורות". מיט אַזעלכע קענט-נישען בעקומען לעקציעס אין וויטעבסק, וואו עס זענען געווען גימנאַזיסטען, וואָס האָבען געגעבען לעקציעס, איז געווען שווער און איצקאָוויטש האָט בעשטימט צו פאָהרען אין אַ וואָס צר-עס-איז שטעדטיל. עמיצער האָט איהם אָנגעוויזען אויף מילאָסלאַווקע. אַ שטעדטיל אַ גרויס און אַ רייכס, דאָרט קאָן מען נישט נאָר פערדינען אויפ'ן לעבען, נאָר ממש שאַרען גאָלד. אין אָנהויב האָט ער מורא געהאַט צו פאָהרען אין אַ שטעדטיל אַלס לעה-רער. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ווי ער וועט נאָר אַהין קו-מען, וועט מען איהם פערוואַרפען מיט שטיינער, דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער, אויפעסען לעבעדיגערהייד. נאָר דער הונ-גער און נויט האָבען איהם צוגעגעבען מוט. די חברים האָבען בעקומען פאַר איהם „אָנשטענדיגע" בגדים, האָבען אָנגעזאַמעלט

עסליכע רובל און ער איז אַוועקגעפאָהרען. בעגלייטענדיג איהם, האָבען די חברים איהם געוואונשען:

—זאָלסט דאָרט זוכה זיין צו מאַכען גאַנץ מילאָסלאַווקע פאַר אפּיקורסים!

—ווינשט מיר בעסער, איך זאָל זיך נישט אומקעהרען פון דאָרט מיט צובראָכענע רוק און לענד—האָט זיי האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט איצקאָוויטש געענטפערט.

## ה

לאַנג זוכען דעם קלויז האָט איצקאָוויטש נישט בעדאַרפט. באַלד ווי ער האָט פאַרקערט אין זייטיגען געסעל, האָט ער דערזעהן אָבגעזונדערט אין אַ הויף אַ גרויסען אַלטען בנין, מיט הויכע מאַטאָווע פענסטער. פאַר דער טהיר האָבען זיך געוואַלגערט צו-בראָכענע בענק, פערדאַרטער סכך, שטיקער זאַמד, צונויפגע-שמאָלצענע מיט וואַקס. איצקאָוויטש האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַ מקום-קדוש.

בשעת ער איז אַריין אין קלויז, האָט מען דאָרט געדאַ-ווענט מנחה. יודען האָבען געדאַווענט שנעל, שנעל, ווי מענשען, וואָס האָבען זיך אויף אַ רגע אָבגעריסען פון אַ נויטיגער און ערנסטער אַרבייט, כדי אָבצוקומען אַ חוב, וואָס מען דאַרף גע-שווינד אָב'פטר'ן. פון אַלע זייטען האָט זיך געטראָגען אַ גע-שווינדער געלויף פון ווערטער, עהנליך אויף שנעלער פויקערייי פון אַ באַראַבאַן. עס איז געווען עטוואָס שרעקענדעס אין דעם געשווינדען ווערטער-געלויף. עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען עמיצער פון די דאַוונער וואָלט זיך פערהאַקט אויף אַ וואָרט, אויף א רגע אָבגעשטעלט זיך, וואָלט פאַרקומען א קאַטאַסטראָפע, אַ צוזאַמענשטויס, ווי בשעת וואַגאָנעס געהען אַראָב פון די רעלסען. די ווייטערדיגע ווערטער וואָלטען אין זייער געלויף אַרויפגעשפּרונגען אויף די פריהערדיגע, וואָלטען זיך פונאַנדער-

געפֿלויגען, און די גאַנצע תּפילה וואָלט זיך אומוואַנדלען אין אַ הויפֿען צובראָכענע און צוקאַליעטשעטע ווערטער. נאָר די פֿיליעהריגע געוועהנהייט האָט אויסגעטראָטען פֿאַר די תּפֿלה-ווערטער אַ גלאַטען וועג און זיי זענען געפֿלויגען מיט דער גיכקייט פון אַנ׳עקספּרעס-צוג אָהן אַנ׳אויפהאַלט גלייך צום כּסא הכּבוד.

איצקאָוויטש, וועלכער האָט פערבראַכט זיין קינדהייט און יוגענד אין שוהלען און בתּי-מדרשים, איז אַריין אין קלויז מיט דער היימישקייט, ווי מען געהט אַריין אין אַנ׳אייגען הויז, וואו יעדעס ווינקעלע איז גוט בעקאַנט. אַריינגעגאַנגען, אָבגעשווענקט די שפּיץ פינגער פון האַנד-פאַס, אַ וויש געטהון זיי אָן נאַסען האַנדטוך—און, נישט אַרומקוקענדיג זיך, צוגעגאַנגען גלייך צום אויווען און אָנגעהויבען דאַוונען. מחמת אָט דער גרינגקייט און היימישקייט, מיט וועלכער ער איז אַריין, האָט קיינער פון די דאַוונער נישט בעמערקט זיין אַריינקומען. דער איינציגער, וועלכער האָט בעמערקט דעם נייעם אונגעוועהנליכען גאַסט—איז געווען דער שמש.

גרשון דער שמש, אַ נידעריג יודעל מיט אַ רוהיג נאַאיווען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט, איז שטענדיג געשטאַנען נעבען בימה און פלעגט בעגעגענען מיט די אויגען יעדערען, וואָס איז אַריינגעקומען אין קלויז.

גרשון האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ בעל-הבית פון קלויז און האָט דעריבער גערעכענט פאַר זיין דירעקטען חוב נישט נאָר בעמערקען אַ ניי געקומענעם גאַסט, נאָר אויך פונאַנדערפרעגען איהם אין אַלע פּרטים. געטהון האָט ער דאָס נישט פון נייגיריגקייט. נאָר מכּמה טעמים: ערשטענס, אויב אין שוהל האָט זיך בעוויזען אַ נייער מענש, וועט שוין מסתּמא ווער-עס-איז פון די חשוב׳ע בעלי-הבתּים ווענדען זיך צו גרשונ׳ען מיט דער פראַגע: „ווער איז דער יוד?“ אויף אַזאַ פראַגע דאַרף מען דאָך וואָס נישט איז ענטפערן. און כּדי צו בערוהיגען די נייגיריגקייט פון אַ חשוב׳ן בעל-הבית, איז אָבער נאָך וועניג מיטצוטיילען איהם ווער דער גאַסט איז און ווי מען רופט איהם. דער חשוב׳ער בעל-הבית וויל נאָך אויך וויסען, פון וואַנען ער

איז געקומען, וועגען וואָס פאַר אַ געשעפט, אָדער ענין. ווי לאַנג וועט ער דאָ פערברענגען און נאָך פיל אַנדערע פרטים. און חוץ דעם דאַרף גרשון אויך מחמת אַנדערע טעמים וויסען אַלץ געגוי וועגען דעם אומבעקאַנטען: אַז אַ מענש איז געקומען קיין מילאָסלאַווקע, איז ער מסתמא נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין געקומען. מסתמא דאַרף ער דאָ עפּעס האָבען. אָבער אַ פרעמדען מענשען איז דאָך נישט אזוי גרינג אויפצוזוכען ווע-מען ער דאַרף. איינאָרדנען וואָס ער דאַרף. אַנ׳אַנדערש מאָל ווידער טרעפט, אַז אַזאַ מענש איז אַ נצרך, האָט נישט וואו איבערצונעכטיגען. ווער-זשע וועט זאָרגען וועגען אַזאַ מענשען, אויב נישט דער שמש. נאָר כדי צו זאָרגען וועגען אַ מענשען דאַרף מען דאָך וויסען ווער ער איז און וואָס ער דאַרף.

גרשונ׳ען האָט איבערראַשט איצקאָוויטש׳ס קליידונג, נאָר נאָך מעהר האָט איהם פערוואונדערט זיין אויפפיהרונג. גע-וועהנליך, אַז עס קומט אַ נייער מענש אין שוהל, שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער טהיר און קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט פרעגען, וואוהין געהן ווייטער. בעגעגענענדיג דעם אויפמערק־זאַמען נאָר נישט שטרענגען בליק פון גרשונ׳ען, פערשטעהט דער גאַסט גלייך, אַז דאָס איז דער שמש, געהט צו איהם צו, בעקומט זיין שלום-עליכם און נאָך אַ קורצען געשפּרעך ווייסען ביידע אַלץ, וואָס זיי דאַרפען וויסען. איצקאָוויטש אָבער איז אַריין אין שוהל ווי אַ היימישער מענש און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אין גרשונ׳ס זייט.

גרשון האָט געקוקט אויפ׳ן גאַסט, און געוואָלט דערמאָהא-נען זיך, אויב ער איז שוין נישט געוועזען דאָ פריהער. אין דערזעלבער צייט האָט ער געפּרובט בעשטימען, ווער דער יונ-גערמאַן איז.

— עפּעס אַ טייטשל! אַ חיה רעה! פון וואַנען האָט ער זיך בענומען?

איהם איז נישט געפעלען געוועזען — נישט די בגדים, נישט די אויפפיהרונג פון גאַסט, און ער האָט רעזומירט זיינע גע-פיהלען און זיין בעליידיגונג מיט דעם וואָרט:

—אַ שגץ!

אָבוואַרטענדיג ביז איצקאָוויטש וועט ענדיגען דאַוונען, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען מיט דעמזעלבען געפיהל, מיט וועלכען מאַהאָמעד איז געגאַנגען צו דעם באַרג, וועלכער האָט נישט געוואָלט געהן צו איהם.

—שלום עליכם,—האָט ער דערלאַנגט איצקאָוויטש'ן די האַנד מיט אַ ברוגז טאָן און אָנגעשטעלט אויף איהם אַ וואַרטענדען בליק.

—עליכם שלום.

—אַ גאַסט?

—אַ גאַסט,

—פון וואַנען איז אַ יוד?

—פון וויטעבסק.

—אויף לאַנג געקומען אַהער?

—המ... איך וויים נאָך נישט.

—איהר האָט דאָ קרובים? בעקאַנטע?

—קיינעם נישט.

—איהר זענט געקומען וועגען אַ געשעפט?

—מסתמא, אויב איך בין געקומען, אפנים דאַרף איך דאָ עפעס...

—וואָס פאַר אַ געשעפט?

—אָ! פיל צו דערצעהלען... אַנ'ענין!

—וואוהין זענט איהר פערפאָהרען?

—צו לייוויק'ן אין אכסניה.

אַ ווײלע האָבען זיי געשוויגען. גרשון האָט נישט אַראָבגעלאָזט פון גאַסט זיין פרעגענדיגען בליק, ווי ער וואָלט איהם פאָרלעגען ריידען דייטליכער. נאָר איצקאָוויטש האָט געשוויגען. גרשונ'ען האָט דאָס ענדליך אַריינגעבראַכט אין כעס. ער האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פלייצעס און טרוקען געפרעגט:

—איהר וועט אָפט קומען אַהער דאַוונען?

—יאָ.

—דאַרף מען דאָך האָבען אַנ'אָרט, וואו צו זיצען. אָט

האָט איהר אַ לעדיג אָרט,—האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ לעדיג אָרט נישט ווייט פון טהיר און בעליידיגט אָבגעגאַנגען צוריק צו דער בימה.

איצקאָוויטש האָט גוט פערשטאַנען די שטימונג פון דעם שמש און האָט פאַר זיך אַ שמייכעל געטהון.

—געה דערצעהל איהם, ווער איך בין און נאָך וואָס איך בין געקומען,—האָט ער געטראַכט.—איידער איך וועל נאָך צייט האָבען עפּעס אָנצוהויבען צו טהון, וועט ער מיר קאַליע מאַכען. עס וועט איהם גאָרנישט זיין, אַז ער וועט מיט אַ טאָג שפּעטער זיך דערוויסען.

אַ ביסעל בערוהיגענדיג זיך, האָט גרשון אָנגעהויבען זוכען אַ פערענטפערונג אויף דער מאָדנער אויפפיהרונג פונ'ם אונגעוועהנליכען גאַסט.

„עס טרעפען אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען פּראָסט פיינד וועגען זיך צו דערצעהלען. מאַלע, וואָס פאַר אַ מענשען עס זענען דאָ אויף דער וועלט! מען קאָן דאָך נישט צושטעהן מיט אַ מעסער צום האַלז: דערצעהל!... און ווייטער קאָנען זיין אַזעלכע ענינים, וועגען וועלכע עס פּאַסט נישט צו דערצעהלען: אַ שדוך... אַ פּאַס... אַ לגאָטע...”

די בעדייטונג פון לעצטען וואָרט האָט גרשון נישט קלאָר פערשטאַנען. נאָר ער האָט געוואוסט, אַז וועגען אַ לגאָטע רעדט מען אַלעמאָל שטיל, בסוד. און ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם וואָרט פערענטפערן אַזעלכע זאַכען, וועלכע פלעגען איהם נישט קלאָר זיין.

אין קלויז איז געווען וואַרים, ליכטיג און היימליך. איצקאָוויטש'ן האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקגעהן. שטעהענדיג ביים טיש, האָט ער געעפענט אַ גמרא און אַריינגעקוקט אין איהר. ער איז שוין געוועהנט געווען מעכאַניש צו עפענען אַ ספר, וואָס ליגט פאַר די אויגען. דערצו איז ביי איהם דורכגעפלויגען דער געדאַנק: זאָלען דער שמש און די פּאָר יודען, וואָס זענען אין שוהל, זעהן, אַז איך קוק אַריין אין אַ ספר. דאָס וועט נישט שאַדען.

די מסכתא איז איצקאָוויטש'ן געווען בעקאַנט. ער האָט זי דאָס לעצטע יאָהר געלערנט. איבערבלעטערנדיג זי, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף איין אָרט, אויף וועלכען ער האָט אַמאָל פיל געהאָרעוועט, אויף וועלכען עס איז דאָ אַ שווערער תוספות. איהם האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען דעם גאַנצען ענין מיט אַלע זיינע קשיות און תרוצים. דערווייל האָט מען אָנגעהויבען דאַווענען מעריב. דאַווענדיג מיט אַלעמען, האָט איצקאָוויטש נישט אַרויסגעלאָזט די גמרא פון האַנד און האָט זיך אַלץ מעהר פערטיפט אינ'ם ענין.

די אַלטע גמרא מיט די דיקע בלעטער און אויסגעבויגענע פערשמאָלצענע ברעגעס. דער הילצערנער מיט וואַקס פערגאָסענער און אין פיל ערטער צושניצטער (אַלס „עדות" אויף אָבגעשניטענע נעגעל) טיש, דאָס שטילע צונויפגעגאָסענע זשומען פון דאַווענען, און די גאַנצע אַטמאָספערע פון קלויז האָבען אַרויסגערופען ביי איצקאָוויטש'ן פיל ערינערונגען. מעהר ווי אַ יאָהר אַז ער איז נישט געווען אין אַ שוהל, נישט געזעהן קיין גמרא. און אָט זיצט ער ווייטער ביי אַ גמרא, פאַר אַ חלב'נעם ליכט. אויף איין מאָמענט האָט זיך איהם געדוכט, אַז עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען, אַז דאָס גאַנצע יאָהר לעבען אין אַן אַנדער סביבה מיט אַנדערע אינטערעסען איז נאָר אַ חלום, און באמת איז ער דערזעלבער ישיבה-בחור, וואָס פריהער. ער האָט דערפיהלט אין האַרצען אַ וואַרים געפיהל און אַ מין בענקעניש נאָך עטוואָס היימליכעס, רוהיגעס און פערלוירענעס.

איצקאָוויטש האָט אַ טיפען זיפץ געטהון און צוגעבויגען זיך צו דער גמרא. מיט אַ קרענקליכען דורשט האָט ער גענומען לערנען דעם ענין, מאַטערענדיג זיך צו דערמאָהנען זיינע שוועריגקייטען מיט די סתירות, מיט די קונציגע פשטים און תרוצים אַליין נישט בעמערקענדיג, האָט ער גענומען לערנען אויפ'ן קול מיט אַ נגון. קיינמאָל פריהער, אין די אַמאָליגע יאָהרע האָט ער נישט געלערנט מיט אַזאַ חשק, מיט אַזאַ אמת'ן ברען.

פאַר אָט דעם נאָהנטען ספר, וואָס איז געווען צונויפ-

געבונדען מיט זיין לעבען ביז דעם ל'עבטען יאָהר, האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעעפענט זיין האַרץ, און דער גאַנצער אומעט, צער און נישט אויסגעווינטע טרעהרען, וואָס האָבען זיך דאָרט אָנגעקליבען, האָבען זיך איצט אויסגעגאָסען אין די דינע, טרויעריגע מיסטישע טענער פון גמרא-נגון.

עס איז שוין לאַנג געווען נאָך מעריב, אַלע זענען זיך צוגאַנגען און אין שוהל איז געבליבען איין גרשון. ער האָט פון דערווייטען נאָכגעקוקט דעם אונגעוועהנליכען גאַסט און אַלץ מעהר דורכגעדרונגען זיך צו איהם מיט אַ סימפּאַטישען געפיהל. ווי זיס ער לערנט, עס צוגעהט איבער אַלע גלידער!

—אָט דאָס איז אַ לערנען... דאָס פערשטעה איך!—האָט ער פאַר זיך גערעדט.—ווי קומט צו איהם דאָס לערנען פון אַ בעל-הבית, וועלכער „בראָקט" אָב נאָכ'ן דאַווענען אַ בלאַט גמרא?... דער יונגערמאַן מוז זיין אַ גרויסער למדן, אַנ'עלוי...

ער איז געשטאַנען אויף אַנ'אָרט פון דער ווייטען און צוגעהערט זיך, פערגעסענדיג אפילו, אַז ער דאַרף געהן אַהיים און פערשליסען די קלויז.

אָבוואַרטענדיג אַ רגע, ווען איצקאָוויטש איז שטיל געבליבען און זיך פערטראַכט, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש אויף די שפּיץ פינגער און אַרויסגערעדט אוזיכער מיט גרויס אָבשיי.

—האָט קיין פעראיבעל נישט, רב יוד... אפשר איז אייך נישט ליכטיג. אפשר אָנצינדען אַ גאַנצע ליכט?...

—האַ? וואָס?—האָט איצקאָוויטש אויסגעשריען, ווי אויפכאַפּענדיג זיך,—אַ ליכט? ניין, אַ דאַנק... כ'דאַרף נישט!...

גרשון איז נישט אַוועקגעגאַנגען. אַזוי ווי איצקאָוויטש האָט נישט גענומען ווייטער לערנען, האָט ער איהם געפרעגט:

—האָט קיין פעראיבעל נישט. ווי איך פערשטעה, זענט איהר פון אַ ישיבה. פון אַ גרויסער ישיבה, אפשר פון וואָלאָזשין אָדער פון מיר?

די פראַגע האָט מיט אַמאָל אומגעקעהרט איצקאָוויטש'ן צו דער ווירקליכקייט. זיין גאַנצע שטימונג מיט איהר פּאָעזיע איז פערשוואונדען. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער איז נישט קיין

ישיבה-בחור, אַז ער איז אַ לעהרער, אַ משכיל, אַנ'אפיקורס, וועלכער האָט צובראָכען אַלע צוימען. וואָס אַזוינס איז מיט איהם דאָ פאָרגעקומען!

—פון וואַנען נעהמט איהר, אַז איך בין פון אַ ישיבה, פון וואָלאָזשין אָדער פון מיר?—האָט ער געענטפערט טרוקען.— איך בין נישט קיין ישיבה-בחור. אַז עמיצער קוקט אריין אין אַ גמרא, מוז ער שוין זיין אַ ישיבה-בחור?

—איך האָב, חס ושלום, נישט געוואָלט אייך זאָגען... אייך פוגע בכבוד זיין... אַדרבא... פערקעהרט...—האָט גרשון שטאַמלענדיג אָנגעהויבען פערענטפערן זיך.

איצקאָוויטש האָט פערמאַכט די גמרא אין אומגעקוקט זיך איבער די פוסטע קלויז.

—ס'מוז שוין זיין נישט פריה?

—אַ זייגער ניין...

—שפעט... אַריינגעקוקט אין אַ גמרא... האָט זיך געטראָפען אַ בעקאַנט אָרט... לאַנג אַ גמרא נישט געעפענט...—האָט איצקאָוויטש גערעדט, ווי פערענטפערענדיג זיך.

—אָט דאָס איז דאָך די מעשה! אין דעם ליגט דאָך דער כח פון דער הייליגער תורה, אַז מען נעהמט זי אין האַנד, קאָן מען זיך פון איהר נישט אָברייסען,—האָט גרשון מיט אַ גליקליכען און שטאָלצען שמייכעל געענטפערט.

און שווייגענדיג אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבען:

—איך האָב אייך פריהער געוויזען אַנ'אָרט, דאָ ביים אויווען... איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז אין דרום-וואַנד, עטליכע ערטער פון מזרח, איז דאָ אַ לעדיג אָרט. דער בעל-הבית איז אָבגעפאָהרען אויף אַ פּאָר חדשים... איהר קאָנט דאָרט זיצען.

—אַ דאנק... נאָר מיר איז אַלץ איינס, וואו צו זיצען. אַ גוטע נאַכט.—האָט געענטפערט איצקאָוויטש.

און ער איז געשווינד אַוועק אין אכסניה.

# ו

חנה־לאה איז אַ היבשע צייט געזעסען און געטראַכט, ווי אַזוי אויסצופיהרען דאָס שליחות, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. די אויפגאַבע איז געווען אַנ'אויסערגעוועהנליכע און נישט קיין גרינגע. פריהער פאַר אַלץ דאַרף מען, נאַטירליך, אַרויסלאָזען אַ קלאַנג, אַז עס איז געקומען אַ שרייבער. אַלע וועלען, פערשטעהט זיך, זיין איבערראַשט, מען וועט אָנהויבען ריידען וועגען דעם. דעמאָלט וועט זי שוין וויסען ווי אַריינצושטעלען אַ וואָרט... עס פערשטעהט זיך, זי וועט זיך נישט נעהמען לויבען דעם שרייבער אָדער איינריידען וועמען־עס־איז אָבצוגעבען איהם די קינדער. וואָס דאַרף זי עס נעהמען אויף זיך? מאַלע וואָס נאָכדעם מאַכט זיך, וועט זי זיך נישט אָבוואַשען אין צעהן וואַסערן. דערצו וועט מען זי גלייך חושד זיין, אַז זי איז פּעראינטערעסירט אין דעם. נאָר אַזוי אונבעמערקט, אין די רייד וועט זי אַריינוואַרפען אַ גוט וואָרט וועגען שרייבער. און טהון וועט זי דאָס נישט צוליב די עטליכע רובל, וואָס ער האָט איהר צוגעזאָגט, נאָר וויל ער איז איהר טאַקע געפעלען געוואָרען.

—מיר דאַכט,—האָט זי געטראַכט,—אַז ער איז אַ שטילער און אַנ'איידעלער יונגערמאַן... געגאַנגען אין קלויז מנחה דאַווענען... און ער מוז זיין פון אַ פיינער משפחה. מען זעהט נאָכ'ן פּנים: אַנ'איידעל פּנים...

אַז לייוווק איז געקומען, האָט זי אָנגעטהון די קורטקע אויף איין אַרבעל און אַוועק אין מאַרק.

דער מאַרק האָט זיך געפונען אויף אַ גרויסען פּלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט שענקען און די בעסטע הייזער אין שטעדטעל. אין מיטען מאַרק זענען געשטאַנען עטליכע רייהען הילצערנע ביידלעך מיט קלייטען, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט

אויפהויבען זיך אויף אַ פּאָר טרעפּלעך. אינ׳ם פונאַנדערגעגאָסע־נעם ים בלאָטע האָבען די קליייטען אויסגעזעהן ווי פּאָר־היסטאָ־רישע פּאַלען־הייזלעך.

אַזוי ווי קיין מאַרק־טאָג איז דאַן גראָד נישט געווען און אויפ׳ן מאַרק האָבען זיך געפונען נישט מעהר ווי פינף־זעקס פוהרען, איז אין די קלייטען געווען שטיל און די קרעמערינס זענען געזעסען ביי די טהירען פון זייערע קראָמען, האָבען געשטריקט זאָקען און פון צייט צו צייט איבערגעוואָרפען זיך פון דער ווייטען מיט בעמערקונגען.

חנה־לאה איז אַריין אין אַ בשמים־קראָם צו איהרער אַ קרובה, האָט געפרעגט וואָס מאַכען די קינדער, האָט זיך גע־קלאָגט אויפ׳ן אייגענעם געזונד און דערצעהלט, אַז לייוויק האָט געקויפט פּאַר זעקס רובל חזיר־האָר. מיט אַמאָל, ווי דער־מאָהנענדיג זיך, האָט זי לעבהאַפט אויסגעשריען:

—מחשבותן! ס׳איז דאָ נייעס אין שטעדטיל: געקומען אַ גאַסט. ווייסט ווער?

—ווער?

—טרעף! איך גיב כ׳וויס וואָס, אַז דו ס׳ט נישט טרע־פען!... ס׳איז געקומען אַ שרייבער לערנען מיידלעך „פּאָטשע־רעס״. זאָל איך אַזוי געזונד זיין!

—וואָס רעדסטו?!—האָט די קרעמערין נייגעריג אויסגע־שריען.—אַ מיידעלשער לעהרער איז געקומען? אוי, טייערינקע מיינע, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען!

זי איז אַרויסגעלאָפען פון קלייט און געשריען מיט גע־פילדער צו די אַנדערע קרעמערינס:

—מיידלעך! קומט נאָר גיכער אַהער! הערט אַ נייעס!

פון די נעהנטערע קראָמען זענען צוגעגאַנגען נישט נאָר מיידלעך, נאָר אויך ווייבלעך און עלטערע פרויען.

—לויפט, מיידלעך, קויפט פּאַפּיר און פּענעס!—האָט ווידער אויסגעשריען די נייעס־ברענגערין—עס איז געקומען צופאָהרען אַ „שרייבער״, אַ מיידעלשער לעהרער, וועלכער וועט לערנען אַלעריי „פּאָטשערעס״.

דאָס נייעס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקען איינ־דרוק. עס האָבען זיך גענומען שיטען פראַגען:

—וואָס פאַר אַ שרייבער? פון וואַנען האָט ער זיך גע־נומען?

—אַי, דאָס לאַכט זי!—האָט זיך אָבגערופען אַנ'עלטערע יודענע—וואָס אַ שרייבער? ווען אַ שרייבער? זי וויל אונז אָב־נאַרען!

—איך זאָל אַזוי געזונד זיין!—האָט זיך אַריינגעמישט חנה־לאה—ער איז פערפאָהרען צו מיר...

—וואָס עפּעס מיט אַמאָל אַ שרייבער? וואָס? ווער? ווע־מעס?

צום קרייזעל איז צוגעגאַנגען אַ יונג ווייבעל, דעם אָר־טיגען גביר'ס אַ שנור, און אָנגעהויבען מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך פּיהלען בעליידיגט פון די אַלע אויסגעשרייען:

—שאַ! וואָס ווערט איהר אַזוי נתפעל? ווילדע מענשען! ווער ווייסט דאָס נישט, וואָס עס איז אַ שרייבער? אַ שרייבער איז אַ לעהרער! לערנט לייענען און שרייבען. אפילו גראַמאַטי־קע! ביי אונז אין מאָהילעוו...

—„ביי אונז אין מאָהילעוו"—האָט איהר שטיל איבערגע־קרימט אַ מיידעל, וואָס איז געשטאַנען הינטער איהר און אַ וואונק געטהון צו אַ צווייטער.

—חלשות צו קוקען, ווי זי קרימט זיך!—האָט יענע אויך שטיל געענטפערט—זי מיינט, אַז אויב זי איז פון מאָהילעוו, איז צו איהר קיין גלייכען נישטאָ אין דער וועלט!

—...ביי אונז אין מאָהילעוו,—האָט דאָס ווייבעל ווייטער גערעדט—ווייס יעדעס קינד, וואָס דאָס איז אַ לעהרער. אַלע בעלי־הבתים גיבען אַוועק זייערע קינדער לערנען...

—אפילו יונגלעך?

—ווי דען! אי יונגלעך, אי מיידלעך. אַ קלייניגקייט—אַ לעהרער. לעהרער זענען זעהר געבילדעט.

—געבילדעטע גוים, משומדים!—האָט אויסגעשריען אַנ׳עלטערע יודענע.

—...זעהר געבילדעט!—האָט דאָס מאָהילעווער ווייבעל נאָכאַמאָל געזאָגט.—צווישען זיי זענען אפילו פערהאַן גימנאַזיסטען, וואָס לערנען זיך אויף דאָקטאָר... ביי אונז אין מאָהילעוו...

—אַי, גענוג שוין דיר מיט „דיין מאָהילעוו״,—האָט זי איבערגעשלאָגען נאָך איינע—ווער ווייסט דאָס נישט, אַז ביי אייך אין מאָהילעוו איז איינער קליגער פאַר דעם אַנדערן! אָבער מילאָסלאַווקע איז אַ דאַנק גאָט נישט מאָהילעוו! מיר קאָנען אויסקומען אָהן דעם! אַ שרייבער! אויף וואָס פאַר אַ כפרה דאַרף מען איהם?

אָבער דאָס רוב קרעמערינס, יונגע ווייבלעך און מיידלעך, איבערהויפט מיידלעך, צווישען וועלכע עס זענען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געלייענט „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״—האָבען מיט פרייד צוגענומען דאָס נייעס. דאָס וואָרט „שרייבער״ אָדער „לעהרער״ האָט אין זייער געדאַנק אַרויסגערופען אַ פאָרשטעלונג וועגען עמיצען אַ פרייען, אַ העכערן. בקיצור, וועגען אַ „העלד״. נישט וואַגענדיג אָבער אָפען אַרויסצוזאָגען זייער פרייד, האָבען זיי עס מאַסקירט מיט איראָנישע בעמערקונגען.

—אָט האָסטו דיר מילאָסלאַווקע! אַ שטאָדט ווי אַלע שטעדט! אפילו אַ לעהרער! וואָס דאַרף מען מעהר.

—איצט וועלען אַלע מילאָסלאַווקער מיידלעך ווערען געבילדעטע!

—געבילדעטע, נישט געבילדעטע, אָבער „ליובקעס״ וועלען זיך אָנהויבען!—האָט זיך אַריינגעמישט אַנ׳עלטערע יודענע.

—אַז איך זאָג דאָך שטענדיג, מילאָסלאַווקע וועט קיין פגע רע נישט מיידען!—האָט איין אַלטינקע אויסגערופען מיט כעס.—אַ שרפה, אַ כאָלערע, אַ נאַבאָר—וואוהין קומט עס צום ערשטען—קיין מילאָסלאַווקע. אָט האָסטו דיר אַ שרייבער!...

—אָך־אָך־אָך!—האָט געזיפצט נאָך איינע—משיח'ס צייטען! איך זאָג אייך, דאָס איז משיח'ס צייטען. אַ שרייבערל! פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?

—מסתמא פון ווילנאָ, פון וואַנען זאָל ער זיין? אַ טריפה'־ביאַק, אַ געגאָלטע מאָרדע. דאָ האָט חנה־לאה געפונען פאַר פּאַסיג אַריינצומישען זיך.

—אַי—אַי, קרוינעלע, וואָס רעדט איהר! ווער פון ווילנאָ? וואָס פאַר אַ טריפה'ביאַק? וואָס פאַר אַ געגאָלטע מאָרדע? אַ יונגערמאַן ווי אַלע יונגעלייט, אַ שטילער, אַנ'איידעלער... אויף אַלע יודען געזאָגט געוואָרען. געקומען צו מנחה—איז ער אַוועק־געגאַנגען אין שוהל... און איהר זאָגט אַ טריפה'ביאַק? גלאַט גערעדט, אין דער וועלט אַריין!

חנה־לאה'ס ווערטער האָבען געפּלעפט די עלטערע ווייבער און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע קראָמען. דערפאַר האָבען אָבגעלעבט די יונגע. דאָס מאָהילעווער ווייבעל האָט בעגלייט די אַלטע מיט אַ פעראַכטענדען אויסרוף:

—יענטעס! וואָס זיי ווייסען! זיי מיינען, אַז אַלע דאַרפען זיצען אַ גאַנצען טאָג איבער אַ זאָק אָדער זאָגען תהלים און אַ לעבעדיגען מענשען אין די אויגען נישט זעהן!

—ביי זיי איז נאָר וואָס—גלייך אַ גוי, אַ משומד! מעהר ווייסען זיי נישט.

—חנה־לאה'לע, האַרצינקע!—האָבען איינציגע אָנגעהויבען צושטעהן צו חנה־לאה'ן—ווי זעהט ער אויס? אַ יונגער? אַנ'־אַלטער?

—דו דאַרפסט דאָס נויטיג וויסען?... נו, גוט! אַ יונגער, אַ יונגער! אפשר אַ יאָהר ניינצעהן—צוואַנציג, נישט מעהר! און אויסגעפּוצט—אין עסיג און אין האָניג.

חנה־לאה'ן האָט זיך באמת געדוכט, אַז דער לעהרער איז זעהר עלעגאַנט געקליידעט.

דאָס האָט נאָך מעהר צערייצט די נייגעריגקייט פונ'ם יונגוואַרג.

—אַי, טייערינקע מיינע! איך וואָלט איהם שוין וועלען

גיכער זעהן!—האָט איינע אויסגעשריען.

—איך וועל געהן צו איהם לערנען זיך!—האָט אויסגערו־פען נאָך איינע.—ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער!... חנה־לאה׳לע, איהר ווייסט נישט, צי ער נעהמט טייער?

—זעהר וואָלוועל!—האָט חנה־לאה קאַטעגאָריש געענטפערט.

—אויב וואָלוועל?—וועל איך זיך אויך לערנען!—האָט זיך אָבגערופען אַ דריטע.

—איך אויך!

—איך אויך!

אין אַ שעה אַרום האָבען די קרעמערינס זיך שוין צע־טיילט אויף צוויי צדדים: די יונגע זענען געווען אינגאַנצען אויפ׳ן לעהרערס זייט. ביי די מיידלעך האָבען די הערצער געקלאַפּט שטאַרקער, ווי געוועהנליך. וואַרימע, זיסע טרוימען האָבען זיי אַוועקגעטראָגען ווייט פון דעם בלאָטיגען מאַרק מיט זיין וואָכעדיגען גראָהען לעבען. דערפאַר האָבען די עלטערע ווייבער אַרויסגעזאָגט די טרויעריגסטע און פינסטערסטע נביאות, האָבען געשראָקען איינע די אַנדערע מיט אַלערליי מורא׳דיגע זאַכען, האָבען געזיפצט, געשאָקעלט מיט די קעפּ און איבער־גע׳חזר׳ט: „משיח׳ס צייטען!”

ביינאַכט, ביי וועטשערע, איז דאָס געשעהעניש אַרומ־גערעדט געוואָרען שוין צוזאַמען מיט די מאַנסלייט. דערביי האָבען זיך צוזאַמען מיט די זיפצען און קרעכצען שוין געהערט בעמערקונגען: „דאָס טאָר מען אַזוי נישט לאָזען”... „מען דאַרף עפּעס טהון”... „וואָס שווייגט דער רב” א. ד. גל.

2

איציקאָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען פון קלויז אין אַ מאָדנער שטימונג. ער האָט אַליין נישט פערשטאַנען, וואָס אַזוינס מיט איהם איז פאָרגעקומען. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט טרעפען, אַז ער, דער משכיל, דער פערברענטער אַפּיקורוס, זאָל זיך מיט אַמאָל זעצען אין קלויז לערנען מיט חשק גמרא!

ער האָט זיך אַביסעל אַליין געשעמט פאַר זיין שוואַכ־קייט און מיט אַ געמאַכטען שמייכעלע געפּרובט איינריידען זיך אַליין, אַז ער האָט דאָס געטהון בכיון, כדי אָבצונאַרען די בעלי הבתים, זיי זאָלען איהם רעכענען פאַר אַ פרומען, אין שוהל איז ער דאָך אויך נור צוליב דעם געגאַנגען.

—דאָס איז גוט, זעהר גוט!—האָט ער גע׳טענה׳ט פאַר זיך.—לאָזען זיי טאַקע מיינען, אַז איך בין פרום, וועלען זיי קיין מורא נישט האָבען אָבגעבען מיר די קינדער לערנען, אַפילו יונגלעך... ווען אָבער, זיי וואָלטען וויסען ווער און וואָס איך בין!!

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אויפגערעגט געגען איהם וואָלטען ווערען גרשון דער שמש און אַנדערע יודען און אפילו חנה־לאה, ווען זיי וואָלטען זיך דערוויסען, ווי ער האָט גע־לעבט דאָס לעצטע יאָהר און וואָס פאַר אַ שרעקליכער אַפּיקורס ער איז.

ער האָט פאַר זיך געשמייכעלט, ווי קלוג ער נאַרט דאָס אַלעמען. און אין דערזעלבער צייט איז ער געווען איינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט אַ ווייכער, טיף־פאָעטישער שטימונג און זיין געדאַנק האָט זיך אַלע ווייל דורשטיג געצויגען צו דעם ענין, וועלכען ער האָט נאָר־וואָס געלערנט.

—אַ בעל תשובה געוואָרען!—האָט ער זיך צולאַכט.—אפשר זאָל איך גאָר אַוועקוואַרפען די לעהרעריי און צוריקזעצען זיך

אין קלויז ביי דער גמרא, כאַ־כאַ!

אין אַכסניה האָט איציקאָוויטש געטראָפען אַ גאַנצע קאָמ־פּאַניע יודען, וועלכע זענען געפאָהרען פון אַ חתונה און פער־בּליבען דאָ נעכטיגען. מען האָט געטרונקען משקה, טיי און פרעהליך פערבראַכט די צייט. חנה לאה, דערזעהענדיג דעם לעהרער, האָט איהם געזאָגט:

—איהר וועט שלאָפען אויף דער שאַלקע, דאָרט איז אַ בעזונדער חדר. שרה'קע! נעהם אַ ליכט און פיהר־אָב דעם יונגען־מאַן אויף דער שאלקע!—האָט זי געהייסען דאָס אייניקעל.

שרה'קע, אַ צעהן־יעהריג מיידעלע, האָט אָפּגעפיהרט איציקאָוויטשן אויף דער שאלקע. געהענדיג מיט'ן ליכט אויף די טרעפּ, האָט זי געהאַלטען דעם קאָפּ אויסגעדרעהט און געקוקט מיט גרויס־געעפענטע אויגען אויף איציקאָוויטש'ן. אין חדר האָט זי זיך אָבגעשטעלט אויף איין אָרט, ווי בערצויבערט, נישט אַראָבלאָזענדיג איהר דערשראָקען־נייגעריגען בליק פון לעהרער.

—וואָס קוקסט דו אַזוי אויף מיר, מיידעלע?

—גאָרנישט!... האָט זי זיך פערשעמט, ווי מען וואָלט זי באַפּען ביי אַ פערברעכען און איז שטאַרק רויט געוואָרען. אַוועק־שטעלענדיג דאָס ליכט, איז זי געשווינד אַראָפּגעלאָפען אין הויז און באַלד אומגעקעהרט זיך מיט אַ קישען און מיט איציקאָווי־טשעס קלומיקעל.

איציקאָוויטש האָט אומרוהיג פונאַנדערגעבונדען דעם קלו־מיק. איבערצייגענדיג זיך אַז קיינער האָט איהם ניט אָנגעריהרט און ניט געזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכע ספרים דאָרט געפינען זיך האָט ער זיך בערוהיגט און מיט אַ שמייכעל געפרעגט ביים מיידעלע:

—וואָס־זשע האָסט דו אויף מיר אַזוי געקוקט?

—אַזוי...

—דו ווייסט, ווער איך בין?

—איך ווייס.

—ווער?

—איך שעם זיך צו זאָגען... האָט זי געענטפערט און פערשטעלט דאָס פּנים.

—שעם זיך נישט, זאָג!

און ער האָט איהר אַוועקגענומען דאָס הענדטעל פון פּנים.

—איהר זייט אַ שריי־בער... האָט זי שעמענדיג זיך געצויגען.

—און דו וואָלסט וועלען לערנען זיך?

—יאָ!—האָט זי אויסגעשאָסען הויך און איז אַרויסגעלאָפען פון הדר.

איציקאָוויטש איז אַ ווײַלע געזעסען מיט אַ פערגליווערטען שמייכעל אויף די ליפּען. נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, פערשפּאַרט די טהיר, אַרומגעקוקט זיך און פונאַנדערגעבונדען דעם קלומיקל. דאָרט האָט זיך געפונען אַ ווייס העמד, תּפילין און אַ תּפילין־זעקעל און אַ פּעקעלע ביכער אַרומגעבונדען מיט אַ שטריקעל, אַ גראַמאַטיקע, אַריטמעטיקע, אַ „בוך צום לעזען" און געאָגראַפיע מיט אַ היסטאָריע. חוץ דעם האָט זיך אין דעם פּעקעל געפונען נאָך אַ פּעקעלע, בעזונדער פערוויקעלט אין אַ פּאַפּיר און איבערגעבונדען. איציקאָוויטש האָט פּאָרזיכטיג פונאַנדערגעוויקעלט אויך דאָס פּעקעל. דאָרט האָבען זיך געפונען: דער „חטאת נעורים" ליליענבלום׳ס. דער ערשטער טייל „עיט צבוע" מפו׳ס, און צוויי ביכלעך „השחר", אין וועלכע עס איז געווען געדרוקט דער אָנהויב פון פּרץ סמאָלענסקינ׳ם ראָמאַן „קבורת חמור". די אַלע השכלה־ספרים האָט געשענקט איציקאָוויטש׳ן איינער פון די משכּילים.

ער האָט צוריק פערוויקעלט און איבערגעבונדען די ספּ[illegible] און די לערען־ביכער, אַוועקגעלעגט זיי צוקאָפּען, געלעגט זיך און גלייך איינגעשלאָפען. איהם האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז ער איז אין דער ישיבה און דער „ראש ישיבה" לעגט איהם פּאָר התונה האָבען מיט דער דיקער געלער מויד, מיט וועלכער ער איז געפאָהרען צוזאַמען אין בויד.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפריה און זיך געפּיהלט, פריש און מונטער. ער האָט געוואוסט, אַז פון דעם היינטיגען

טאָג הענגט אָב אַלץ און ער איז געווען זיכער, אַז איהם וועט זיך אַלץ איינגעבען. נעהמענדיג מיט זיך די תפילין, איז ער אַראָב אין הויז און געוואַשען זיך. ביים טיש זענען געזעסען לייוויק, חנה-לאה און שרה׳קע און געטרונקען טיי. איציקאָ־וויטש האָט זיך צוגעזעצט. ווי אַ בן־בית און פרעהליך געפרעגט חנה׳לאה׳ן:

—נו, וואָס, בעל־הבית׳טינקע? וואָס הערט זיך?

—איך בין נעכטען געווען אין מאַרק, אין די קראָמען... איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך האָב זיך אַליין נישט געריכט, אַז מען זאָל זיך אַזוי דערפרעהען פון אייער קומען. אַ פנים, איהר זענט טאַקע גערעכט געווען, וואָס איהר האָט געזאָגט: „היינטיגע צייטען" איהר וועט גלויבען. אַלע מיידלעך האָבען אין איין קול געשריען, אַז זיי ווילען זיך לערנען שרייבען.

—וואָס רעדט איהר!—האָט אויסגעשריען דערפרעהט איציקאָוויטש.

—אָט וואָס איהר הערט! איהר וועט דאָ מאַכען גליקליכע געשעפטען!

—רייד נישט, ווי אַ יודענע! רייד קיין נאַרישקייט ניט!—האָט איהר איבערגעשלאָגען לייוויק.—מיידלעך ריידען. סאַראָקעס באָלבען, און דו חזרס׳ט עס איבער! „מען דאַרף דאָך פערשטעהן אַנ׳עסק. זיי וועלען זיך לערנען! און וואָס וועלען די טאַטעס און מאַמעס זאָגען? מען וועט זיי אָבלאָזען פון די קראָמען? וואָס? משוגע, און דו זאָגסט צו און גיסט אַ מענטשען האָפנונגען!

—אפשר ביזט דו טאַקע גערעכט...—האָט חנה-לאה שוין איינגעשטימט.

—הערט זי נישט, וואָס זי וועט אייך ריידען, צוזאָגען גאָלדענע בערג—האָט זיך לייוויק געווענדעט צום לעהרער.—געהט אַליין אַריין צו די רייכערע בעלי-הבתים...

ווי דען, ווי דען! ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך וועל געהן אַליין.

—אָט, אַז איהר וואָלט געקאָנט „פּראָשעניעס" שרייבען, אַז איהר וואָלט געוואוסט „זאַקאָנעס", וואָלט גאָר זיין אַנדערע רייד. דעמאָלט וואָלט איהר געדאַרפט אויף כפרות אייער גאַנ־צע שרייבעריי,—האָט זיך לייוויק אָבגערופען.

—„פּראָשעניעס"?... נו, וואָס הייסט? מ'קאָן זיך דאָך אויס־לערנען שרייבען!...—האָט איציקאָוויטש אָנגעהויבען. נאָר לייוויק האָט איהם מיט אַ בטול-שמייכעל איבערגעשלאָגען.

—דאָס דוכט זיך אייך! אַ „פּראָשעניע" אָנשרייבען איז נישט אַזאַ גרינגע זאַך. און נישט אַזוי גרינג איז אויסצולער־נען זיך דאָס. אַ „פּראָשעניע" אָנשרייבען איז אַמאָל שווערער ווי אָבלערנען אַ בלאַט גמרא. אין אַ „פּראָשעניע" דאַרף יעדעס וואָרט זיין אויף זיין אָרט. געווענג איין פּינטעלע שטעלען נישט וואו מ'דאַרף—טויג שוין די „פּראָשעניע" נישט. אַ קלייניגקייט אַ „פּראָשעניע"!

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, איז ער אַוועק אין צווייטען חדר

נאָך טיי, האָט איציקאָוויטש גענומען אין האַנד די תפילין און נישט זיכער אַרויסגערעדט:

—געדאַרפט אַפילו געהן אין קלויז דאַווענען, אָבער היינט וועט זיין אַזוי פיל אַרבייט...

—נו, וואָס איז, אַז איהר וועט אין דער היים אָבדאַווענען?—האָט איהם בערוהיגט חנה לאה.—לייוויק דאַווענט אויך אין דער־וואָכען אין דער היים. אַ פערנומענער מענש...

איציקאָוויטש האָט זיך געלאָזט איינריידען, האָט זיך גע־שטעלט אין ווינקעל און ערנסט, פרום אָבגעדאַווענט. נאָכ'ן דאַווענען האָט ער איבערגעביסען. נאָכדעם דורכגעלייענט חנה־לאה'ן די רשימה פון די בעלי־הבתים, וואוהין ער האָט זיך געקליבען געהן. זי האָט איהם אויפמערקזאַם אויסגעהערט, צו־געגעבען נאָך אַ פּאָר נעמען און בעגלייט פון שטוב מיט די בעסטע ווינשענישען.

אין מאַרק, וועלכען איציקאָוויטש'ן איז פאָרגעקומען דורכ־צוגעהן, האָט מען געוואַרט אויף איהם מיט גרויס אונגעדולד.

ביי די קרעמערינס איז קיין אַנדער געשפּרעך נישט געווען, ווי וועגן דעם „שרייבער“. עס האָבן זיך שוין בעשאַפן וועגן איהם לעגענדעס. איינע האָבן דערצעהלט, אַז ער איז אַרב׳ס אַ זוהן, אַ גרויסער עלוי, נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל וויסען אַלע חכמות און האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. אַנדערע האָבן מיטגעטיילט, אַז ער איז אַ גרויסער אַפּיקורס, וועלכער איז אַנטלאָפען פון דעם ווייב, איבערלאָזענ־דיג אַ גרויסען נדן. נאָך אַנדערע האָבן שטילערהייד פערזיכערט, אַז ער בעהאַלט זיך פון פּריזיוו, און אַזוי ווייטער. און אַלע האָבן מיט נייגיריגקייט געקוקט אין יענער זייט, פון וואַנען דער געהיימניספולער מענש האָט זיך בעדאַרפט בעוויזען.

צוגעהענדיג צום מאַרק און דערפיהלענדיג אויף זיך צעהנ־דליגער אויגען האָט איציקאָוויטש זיך פערלוירען. אין דעם קורצען און ענגען רעקעל פון פרעמדע פּלייצעס האָט ער זיך אַזוי אויך געפיהלט גענוג אונהיימליך, און דאָ נאָך די צעהנ־דליגער נייגיריגע בליקען. דערצו האָט ער נאָך געדאַרפט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט שפּרייזען איבער קלעצלעך, שפּרינגען איבער ציגעל, וועלכע זענען געווען פונאַנדערגעוואָר־פען אין ים פון בלאָטע, און ער האָט געשפּרייזט מיט אַנ־אָרגעבלאָזטען קאָפּ, מיט אונזיכערע טריט, נישט וויסענדיג וואו אַהינצוטהון די הענד.

די קרעמערין, וועלכע האָט די ערשטע בעמערקט איצי־קאָוויטש׳ן, האָט אויפגערעגט אויסגערופען.

—שאַ! שטילער! אָט איז ער! ער געהט!

די קליינינקע דאַרינקע פיגור, די אונזיכערע טריט און דאָס פערשעמטע אויסזעהן פון „העלד“, וועלכען מען האָט מיט אַזאַ אונגעדולד אָבגעוואַרט, האָט איבערראַשט די קרעמערינס.

—דאָס איז גאַ־אָר?—האָט איינע פערוואונדערט אַרויסגע־רעדט.

—ווי דו זעהסט?!

—איך האָב געמיינט, עפּיס רעכטס... ער ווייזט אויס גאָר ווי אַ... ישיבה־בחור!

—חלשות צו קוקען!—האָט זיך געהיצט אַ מיידעל—אַזאַ „שרייבער" וואָלט איך צו זיך אויפ'ן שוועל נישט לאָזען.

—שאַ, וואָס האָסט דו געוואָלט, ער זאָל זיין אַ גאָלדע־נער?—האָט זיך איינגעששעלט אַנ'אַנדער מיידעל,—אַ מענש, ווי אַלע מענשען!

—ער איז אַפילו נישט גאָר קיין מאוס'ער. אַנ'איידעל פנים,—האָט זיך אָבגערופען אַ ווייבעל און צוגעגעבען מיט אַ שמייכעלע:—אויף מיין וואָרט שענער פאַר אסתר־נחמה'ס חתן!...

—שרייבער!!—האָט מיט אַמאָל אויסגעשריען אַ מיידעל און באַהאַלטען זיך הינטער די חברטעס.

איציקאָוויטש האָט זיך דערשראָקען אומגעקוקט און איז באַגעגענט געוואָרען מיט אַ הילכיג געלעכטער.

# ח

אין איציקאָוויטשעס רשימה איז אויפ'ן ערשטען אָרט גע־שטאַנען: „צירל מנחם־טריינעס פון דובראָוונאַ" און ביי דער זייט איז געווען צוגעשריבען: „אַ יונגעל צווי מיידלעך און אַ פלימעניצע". חנה־לאה האָט אַפילו געזאָגט וועגען צירל־מנחם־טריינעס, אַז זי איז „דער גרעסטער חזיר אין שטעדטיל", נאָר זי האָט צוגעגעבען, אַז דאָס איז די גבירטע און אָנהויבען מוז מען פון איהר.

צירל האָט געוואוינט אין אַ גרויס הויז מיט 8 פענסטער צו דער גאַס, מיט אַ גאַניק. דורכגעהענדיג אַ פינסטערן פאָרהויז, איז איציק אַריין אין אַ גרויס חדר, וואו עס האָט געהערשט אַ שרעקליכע אונאָרדנונג און אויף אַלץ איז געלעגען אַנ'אָנגעוואַק־סענער שמוץ. אויפ'ן טיש, פון וועלכען עס איז אַראָבגעהאָנגען צו דער ערד אַ שמוציק טישטוך, איז געשטאַנען נאָך נישט צו־גערוימט דאָס נישט־געוואַשענע געפעס פון דער נעכטיגער ווע־טשערע, האָבען זיך געוואַלגערט קאָרקעס ברויט, ביינער און

אַנדערע שיריים פון עסענוואַרג. אויף אַ ווייכען דיוואַן איז געלעגען פערוויקעלט אין אַ קאָלדרע אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך באַר־וואָס רויפגעכאַפּט. דערזעהען דעם אַריינגעהענדיגען יונגען־מאַן, האָט זי מיט אַ וויינענדיג־דערשראָקען קול אויסגעשריען:

—מאַ־אַ־אַמע!

און פערדעקט זיך ביז די אויגען.

—ווער איז דאָ־אָרט?—האָט זיך דערהערט פון צווייטען חדר אַ בייזערדיג קול פון אַ פרוי און באַלד איז אַריין אין חדר אַ יונגע פרוי מיט אַ פלאַטשיגען פנים אָהן אַנ׳אויסדרוק, מיט קעל־בערנע אויגען. זי איז געווען אין אַ שמוציג קלייד, נאָך מעהר שמוציגע קאָפטע מיט אויסגעריבענע עלענבויגענס און קאַלאָשען אויף די באָרוויסע פיס. דערפאַר האָט זי געטראָגען אויפ׳ן האַלז דריי שניר גרויסע אָנגעקליבענע פערל. דערזעהן דעם אונבעקאַנטען מענשען, האָט זי זיך אָבגעשטעלט פערוואונדערט.

—ווּעמען דאַרפט איהר?

—איך האָב געוואָלט זעהן... דאָ וואוינט צירל מנחם־טריי־בעס פון דובראָוונא?

—דאָס בין איך צירל! וואָס דאַרפט איהר?

איציקאָוויטש האָט זיך בעמיהט אויסדריקען אויפ׳ן פנים אַ געפיהל פון כבוד און מאַכענדיג אַ טריט פאָראויס האָט ער אָנגעהויבען אונזיכער מיט אַ דרייסטען טאָן:

—איך בין אַ לעהרער... איהר האָט מסתּמא שוין געהערט... ביי אייך זענען דאָ, זאָלען געזונד זיין, צוויי מיידעלעך... מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר וואָלט וועלען זיי זאָלען זיך לערנען.

—מען האָט אייך געזאָגט, אַז איך וואָלט וועלען, דאָס מיינע מיידעלעך זאָלען זיך לערנען?—האָט אויסגעשריען ער־שטוינט צירל—ווער האָט דאָס אייך געזאָגט?

—חנה־לאה, לייוויק דעם בעל־אכסניה׳ס... האָט איציקאָ־וויטש געענטפערט אַ ביסעל דערשראָקען.

—לייוויק׳ס ווייב? חנה־לאה׳צקע?—האָט צירל איבערגע־פרעגט נאָך מעהר פערוואונדערט—ווי געפעלט דאָס אייך!... פון

וואַנען ווייסט זי, די הולטייקע, וואָס איך וויל טהון מיט מייבע מיידעלעך?—האָט זי פאַרטגעזעצט מיט אויפרעגונג.—איך וועל זי טרעפען, וועל איך איהר אָנשפייען אַ פולע צורה, דער פאַסקודניצע! זי האָט וועגען מיר צו ריידען! לאָז זי בעסער ריידען וועגען איהר שוועסטערקינד, דעם מופקר, נישט וועגען מיר... איהר קאָנט דאָס איהר זאָגען.

און איבערלאַכענדיג דעם אָטעם האָט זי צוגעגעבען רוהיגער:

—איך דאַרף נישט קיין לעהרער, איך דאַרף נישט! מיינע מיידעלעך וועלען אויסקומען אָהן אַ לעהרער. געהט אייך געזונטערהייד!

דער לעהרער איז אַרויס פון שטוב, ווי אַן אָבגעבריהטער און איז אַ ווײַלע געשטאַנען אויף איין אָרט ביז ער איז געקומען צו זיך.

—„אַ גוטער אָנהויב, נישטאָ וואָס צו ריידען—האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַר זיך מיט אַ טיפען זיפץ.—אָך, פערברענט זאָל זי ווערען! אכּבּים, נישט אומזיסט האָט חנה-לאה געזאָגט, אַז זי איז אַ גרויסער חזיר."

ער האָט אַ קוק געטהון די רשימה. דער צווייטער נאָמען איז געווען גנעשע-יחנה'ס, אויף דערזעלבער גאַס מיט דריי הייזער ווייטער. צוגעהענדיג צו גנעשעס הויז האָט ער זיך בעגעגענט מיט אַ בעיאָהרטער פרוי, וועלכע איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. זי האָט זיך אָבגעשטעלט און געפרעגט:

—ווען דאַרפט איהר?

—גנעשע יחנה'ס...

—דאָס בין איך... איהר זענט, דוכט זיך, דער „שרייבער".

—יאָ... איהר האָט שוין געהערט?...

—געהערט, ווי דען!—האָט זי זיך אָבגערופען מיט אַ גוטמוטיגער איראָניע.—איהר קלויבט זיך מסתמא בעטען, איך זאָל אייך אָבגעבען מיינע קינדער? איך פערשטעה שוין. האָט איהר זיך נעבעך אומזיסט מטריח געווען. איך האָב צוויי יונגלעך, זאָלען געזונד זיין, וועל איך זיי מסתמא נישט אָברייסען פון

חדר, און דאָס מיידעלע מיינס איז נאָך אַ פּיצעל קינד, אינגאַנ-צען צעהן יאָהר, ביז הונדערט און צוואַנציג. דערצו געהט זי שוין צו דער רבי׳צין.

—נו, די רבי׳צין! די רבי׳צין לערנט דאָך נאָר יודיש, אי דאָס זאָגט מען, אַז זי קען גאָרנישט. און איך לערן אי יודיש, אי רוסיש, אויב איהר ווילט—אפילו דייטש. היינטיגע צייטען איז עס נויטיג...

גנעשע האָט אַ ווײלע געטראַכט און געפרעגט נישט זיכער:

—און וואָס נעהמט איהר אַ חודש? אָדער אפשר אויפ׳ן זמן?

—אויפ׳ן חודש... דער מקח ווענדט זיך נאָך דעם, וואָס לערנען, וויפיל צייט און וויפיל קינדער אויף איין לעקציע. געוועהנליך, נעהם איך... אַ רובל אַ חודש...

—אַ ר-ר-רובל אַ חודש?!—האָט גנעשע אויסגעשריען—וואָס רעדט איהר? פון זינען וועל איך אַראָב, איך זאָל צאָהלען פאַר מיין שנעקל אַ רובל אַ חודש. זי איז דאָס אינגאַנצען נישט ווערט!

—אויב דריי-פיער קינדער אינאיינעם, איין שעה, וועל איך לערנען פאַר ווייניגער... פיל ווייניגער!—האָט איציקאָוויטש געענטפערט, דערשרעקענדיג זיך אַליין פאַר דעם גרויסען מקח, וואָס ער האָט אויסגעבעט׳ן—איך וועל נעהמען 75 קאָפּיקעס... פאַר אייך וועל איך אַראָבלאָזען אויף פופציג... איך דאַרף דאָך פון עפּעס לעבען,—האָט ער צוגעגעבען רחמנות׳דיג.

גנעשע איז געשטאַנען אַ ווײלע אונענטשלאָסען.

—איך וועל זיך מישב זיין... דעם אמת זאָגענדיג, וואָלט איך טאַקע וועלען ס׳מיידעלע זאָל זיך אויסלערנען שרייבען רו-סיש. ס׳איז נויטיג. ביי מיר איז אַ קראָם... און איהר האָט שוין עפּעס אַ סך קינדער?

—איך בין נאָך כמעט אין ערגעץ נישט געווען.

—נו, אָט געהט אַריין צו עטליכע בעלי-הבתים... אַז אַנ-דערע וועלען אָבגעבען, וועל איך אויך אָבגעבען מיין מיידעלע.

איציקאָוויטש איז מיט דעם ענטפער אויך צופרידען געווען.

דערפיהלענדיג, אַז גנעשע איז אַ גוטהאַרציגע פרוי, האָט ער זי געפרעגט:

—אפשר וועט איהר אַזוי גוט זיין אַנ'עצה געבען מיר, וואוהין אַריינצוגעהן?

—אָט, צו צירל מנחם-טריינעס געהט אַריין. זי האָט צוויי מיידעלעך און האַלט אויף אַנ'אָרימע פּלימעניטשקע. זי איז, צווישען אונז גערעדט דער גרעסטער חזיר אין שטעדטיל, נאָר אַ גביר'טע איז זי—אויף מיר געזאָגט געוואָרען.

—און נאָך צו וועמען?—האָט איציקאָוויטש געפרעגט, פערשווייגענדיג זיין בעזוך ביי צירלען.

—געהט נאָך אַריין צו זלמן-איסר דעם פלאַקס-הענדלער. ער איז נישט קיין איבריגער גביר, נאָר ער האָט אַ שאָק מיט קינדער... ווער ווייסט, אפשר וועט ער אייך אָ-געבען לערנען אַ פּאָר.

און זי איז געשווינד אַוועק, שליאַפּענדיג מיט די גרויסע שיך איבער דער בלאָטע.

איציקאָוויטש איז אַוועק צו זלמן-איסר'ן, אויף וועמענס הויז גנעשע האָט איהם אָנגעוויזען פון דער ווייטען. אין אַ גרויסער קיך, וואוהין ער איז גלייך פון טהיר אַריין, האָט ער געטראָ-פען אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן. אַנ'איידעל, גלייכוואוקסיג, מיט גרויסע שוואַרצע, נאַאיוו-ערנסטע אויגען. דערזעהענדיג דעם לעהרער, האָט זי זיך ווי דערשראָקען, האָט זיך אָפּגערוקט הינטער זיך, איז רויט געוואָרען, האָט שנעל אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טיי, וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנד און האָט, אַליין נישט וויסענדיג צו וואָס, אַרויפגעוואָרפען אַ טוך אויף די פּלייצעס.

—דאָ וואוינט ר' זלמן-איסר?—האָט איציקאָוויטש געפרעגט אויך אַ ביסעל צוטומעלט.

—דאָ... און איהר... איהר זענט דאָס דער...

—דער לעהרער,—האָט איציקאָוויטש אונטערגעזאָגט.

—איך וויס... דער טאַטע איז אין אַנדערן חדר...—האָט דאָס מיידעל געענטפערט, נישט אַראָפּלאָזענדיג פון איציקאָוויטש'ן

דעם אָנגעשטרענגטען בליק פון איהרע גרויסע אויגען, מיט וועלכע זי האָט איהם ווי אויפגעהאַלטען, ער זאָל נישט אַוועק-געהן. און ער איז געבליבען אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט עטוואָס אויסוואַרטען.

—איהר לערנט דאָך רוסיש?—האָט זי געפרעגט מיט אַ ביסעל אַ ציטערענדען קול.

—נאָר רוסיש!... איך קאָן, פערשטעהט זיך, יודיש אויך לערנען, נאָר איך פערנעהם זיך נישט מיט דעם.

—איך וואָלט זעהר וועלען לערנען זיך... נאָר דער טאַטע וועט נישט לאָזען,—האָט זי אַרויסגערעדט מיט פערביטערונג.

—פאַרוואָס?

—ער רעכענט, אַז אין מיינע יאָהרען איז שוין שפעט צו לערנען זיך און—נישט פאַסיג... דערצו רעכענט ער, אַז איך בין שוין אַ געלערנטע, און דאַרף שוין מעהר נישט לערנען זיך. און וואָס קען איך? מעהר נישט לייענען רוסיש.

—לייענען קענט איהר?

—יאָ... ביי אונז אין הויף האָט געוואוינט אַ שרייבער פון דער פאָליציי, האָט זיין טאָכטער מיר געוויזען די „אַזבוקאַ" און ווי צו לייענען. נאָכדעם האָב איך זיך שוין אַליין אויס-געלערנט. רוסישע ביכער זענען ביי אונז דאָ, וואָס זענען גע-בליבען פון עפעס אַ פריץ. אויפ'ן בוידעם האָב איך זיי גע-לייענט. דורכגעלייענט כמעט אַלע און לייען איצט גוט. נאָר וואָס איז די פעולה, אַז איך קען קיין גראַמאַטיקע נישט און קען נישט אויסלעגען. און דערהויפט איז דאָך גראַמאַטיקע.

—ס'פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז דער עיקר.

—און ס'איז שווער צו אויסלערנען זיך? מיר דוכט זיך, אַז גראַמאַטיקע איז אַ שווערע זאַך, אַז דאָס גאַנצע לעבען קאָן מען זי נישט אויסלערנען!—האָט זי אַרויסגערעדט מיט פער-צווייפלונג.

—דאָס דוכט זיך נאָר,—האָט איציקאָוויטש זי גענומען בע-רוהיגען,—עס פערשטעהט זיך, גראַמאַטיקע איז זעהר אַ שווערער למוד, נאָר מען קאָן זיך אויסלערנען... איך נעהם זיך אָן צייט

דריי חדשים אויסלערנען אייך די גאַנצע גראַמאַטיקע!—האָט ער צוגעגעבען זיכער, פערגעסענדיג, אַז ער אַליין האָט נאָר גע-לערנט ביז „צייטוואָרט״.

דאָס מיידעל האָט אַ קוק געטהון אויף איהם מיט פערגע-טערונג און האָט אַ זיפץ געטהון.

אַז איהר וואָלט נאָר וויסען, ווי איך וויל זיך לערנען! איך וואָלט וועלען וויסען אי גראַמאַטיקע, אי בעזונדערע ווער-טער. אַז איך לייען פערשטעה איך נישט אַ סך ווערטער, און פרעגען איז נישטאָ ביי וועמען... נאָר איך וועל זיך לערנען. אויב דער טאַטע וועט אפילו נישט וועלען איהר זאָלט צו אונז געהן, וועל איך געהן וואוהין עס איז, וואו איהר וועט לערנען און וועל אייך צאָהלען פון מיין אייגען געלד.

און האָט צוגעגעבען:

—געהט אַריין צום טאַטען, רעדט זיך דורך מיט איהם. איך האָב פיער ברידער און דריי שוועסטער. איך בין די עלטסטע...

אין אַנדערען צימער האָט איציקאָוויטש געפונען אַ יוד פון מיטעלען עלטער מיט אַ גרויסער צוקעמטער שוואַרצער באָרד מיט קלוגע, גוטמוטיגע, שוואַרצע אויגען. ער איז געזעסען ביים טיש און געריעבענט אויף אַ „שטשאָט״.

—גוט מאָרגען! איהר זענט ר׳ זלמן איסר?—האָט איציקאָ-וויטש געפרעגט.

—איך,—האָט געענטפערט דער בעל-הבית און גענומען אויפמערקזאַם בעקוקען דעם גאַסט—וואָס דאַרפט איהר?

איך בין אַ לעהרער... איך האָב געוואָלט...—האָט אָנגע-הויבען איציקאָוויטש.

נאָר זלמן-איסר האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד און גוטמוטיג-איראָניש געזאָגט:

—אַ-אַ, דאָס זענט איהר דער לעהרער? ברוך הבאו—נו, שלום עליכם! זיצט!

איציקאָוויטש האָט זיך געזעצט.

—הייסט דאָס, זענט איהר געקומען צו אונז קיין מילאָ-

סלאָווקע, לערנען קינדער שרייבען און גראַמאַטיקעס?

—יאָ, ווי איהר זעהט...

—נו, און אפיקורסות? זענט זיך מודה! מען זאָגט, אַז אַלע לעהרער זענען פייערדיגע אפיקורסים?—האָט זלמן-איסר געפרעגט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל.

—גאָט זאָל היטען!—האָט איציקאָוויטש אויסגעשריען דער־שראָקען,—איך שווער אייך, אַז איך בין קיין אפיקורס נישט. אַ יוד, ווי אַלע יודען. וואָס? אַ פרומער יוד טאָר נישט קענען קיין וועלטליכע למודים?

—אָט דאָס טענה איך דאָך אויך!—האָט איינגעשטימט זלמן איסר.—אָט ביי מיר דאָס עלטערע מיידעל, זאָל געזונד זיין, קען אויף די שוואַרצע פינטעלעך. לייענט רוסיש, זאָג איך אייך, ווי אַ וואַסער. נישט ערגער פאַר'ן גרעסטען לעהרער. און אַ דאַנק גאָט, זי ווייסט נישט פון קיין אפיקורסות... נו, איז פון וואַנען זענט איהר?

—פון וויטעבסק.

—וואָס רעדט איהר—האָט זיך זלמן-איסר דערפרעהט—מיין שטאָדט. איך בין דאָך אויך אַ דאָרטיגער. קענט איהר דאָרט וועמען עס איז? קענט איהר אפשר ר' וועלוועלע עלקעס?

—ווי הייסט! ר' וועלוועלע עלקעס? ווער קען דאָס איהם נישט? פון די שענסטע יודען אין וויטעבסק!

—דאָס איז מיינער אַ פעטער.

—אַזוי?... נו, און איהר ווייסט, אַז ער האָט געטהון אַ שדוך מיט'ן מוזיניק?

—וואָס רעדט איהר!—האָט זיך ווייטער דערפרעהט זלמן-איסר—איך הער עס ערשט פון אייך. ער האָט מיר נישט גע־שריבען וועגען דעם.

און צוגעהענדיג צו דער טהיר פון אינעווייניגסטען חדר, האָט ער הויך אויסגערופען:

—פייגע! הערסט אַ נייעס? דער פעטער וועלוועלע האָט אַ שדוך געטהון מיט נחמנ'ען.

—מזל-טוב!—האָט זיך דערהערט פון דאָרט אַ ווייבעריש

קול.—מיט וועמען האָט ער אַ שדוך געטהון? ווייסט ביז?

—מיט וועמען האָט ער אַ שדוך געטהון? איהר ווייסט נישט?—האָט זלמן איסר אויך איבערגעפרעגט.

—מיט וועמען, ווייס איך נישט, נאָר פון שקלאָוו. מען זאָגט, אַ גרויסאַרטיגער שדוך. מיט די גרעסטע מיוחסים. אַכט־הונדערט רובל נדן און פינף יאָהר קעסט.

זלמן איסר האָט דאָס אויך איבערגעגעבען דעם ווייב און ווייטער געפרעגט:

—און ר׳ הערשעלע דעם דין מוזט איהר דאָך אויך אודאי קענען? מיין ווייבס אַ שני בשלישי.

אַ גוטע האַלבע שעה האָט זלמן איסר זיך אויסגעפרעגט וועגען בעקאַנטע און קרובים און איציקאָוויטש האָט מיט גרויס חשק געענטפערט און דערצעהלט. אָבוואַרטענדיג אַ פּאַסענדען מאָמענט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו דער פראַגע, וואָס האָט איהם אינטערעסירט:

—איז וואָס-זשע וועט איהר מיר, ר׳ זלמן איסר, זאָגען וועגען אייערע קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין?

—וועגען וועלכע קינדער?—האָט איהם זלמן איסר נישט פערשטאַנען.

—דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט פרעגען וועגען לער־נען זיי...

—המ...—האָט זלמן איסר אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד—לערנען! איך האָב זיי, אַ דאַנק גאָט, אַכט שטיק... נעהמען זיי אַלעמען לערנען, וואָס?

נאָר ער האָט באַלד צוגעגעבען ערנסטער:

—ס׳פערשטעהט זיך, היינטיגע צייטען, געדאַרפט זיי לער־נען! וואו אָבער נעהמט מען, מיין פריינד, געלט? געלטעלע—געלטעלע—געלטעלע?

—ס׳איז נישט, גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ געלט.

—וויפיעל נעהמט איהר אַ חודש?

—ע!... מיר וועלען דורכקומען... זייט נאָר מרוצה.

—זלמן איסר האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

—דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געקלערט, אַז מיין על-טער מיידעל וועט לערנען די אַלע איבריגע... אַי, לייענט זי, זאָג איך אייך, לייענט זי! עס נעהמט אָן אַ פּחד צו הערען. עטעל! קום אַהער!

עטעל איז אַריין.

—ברענג אַקאָרשט אַ ביכעל און ווייז דעם לעהרער, ווי דו לייענסט.

עטעל איז אַרויס און זיך גלייך אומגעקעהרט מיט אַ צו-שיט ביכעל „סאָווּרעמעננִיק" (אַ מאָנאַטשריפט פון די 60-טע יאָהרען) און גענומען לייענען שנעל אָהן אינטאָנאַציע, נישט רעכענענדיג זיך מיט די אַקצענטירונגס-צייכענס און מאַכענדיג שרעקליכע גרייזען.

—איהר הערט? איהר הערט?—האָט דער פאָטער טריאומפי-רענדיג אויסגערופען—זי לייענט דאָך, ווי אַ מיניסטער! וואָס—נישט?

—יאָ, זי לייענט זעהר גוט!—האָט אויטאָריטעטיש געלויבט דער לעהרער.—נאָר פונדעסטוועגען האָט זי נאָך געדאַרפט צו-לערנען גראַמאַטיק.

—גראַמאַטיק?—האָט זיך געוואונדערט זלמן-איסר.—וואָס הייסט, קיין גראַמאַטיק קען זי נישט? קענסט נישט, עטעל?

—ניין... גראַמאַטיק איז זעהר שווער—האָט עטעל שטיל געענטפערט.

—זעהר שווער,—האָט אונטערגעהאַלטען איציקאָוויטש.

—נו, אַלע חכמות קאָן מען דאָך נישט אויסלערנען,—האָט זיך בענוגענט זלמן-איסר,—גענוג פון איהרעטוועגען דאָס, וואָס זי קען... אָבער ווי זי לייענט! אַ?

—זי לייענט אויסגעצייכענט!

עטעל האָט גענומען דאָס בוך און, שווייגענדיג, אַרויס-געגאַנגען.

—זיצט גאַנצע טעג און לייענט,—האָט זלמן איסר דער-צעהלט.—ביי מיר אויפ'ן בוידעם האָבען זיך געוואַלגערט ביכער, געקויפט אַמאָל אויף פּאַפּיר ביי אַ פויער פון פאָלוואַרק. האָט די זיי אויסגעזוכט און אַלע דורכגעלייענט.

טראַכטענדיג אַ ווײלע, האָט ער צוגעגעבען:

—אָט וואָס: געהט אַריין צו אַנדערע בעלי-הבתּים, קלויבט צונויף קינדער. וועלען מיר דעמאָלט זעהן. מסתּמא וועל איך אייך אויך אָבגעבען די יונגערע צוויי מיידלעך. אפשר אפילו אַ יונגעל איינעם... איך וועל זיך מיישב זיין...

—און די עלטערע? ס'איז זעהר נויטיג זי זאָל זיך אויסלערנען גראַמאַטיק.

—גראַמאַטיק?

זלמן-איסר האָט אַ ווײלע געטראַכט און דערנאָך ענטשלאָסען אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

—גוט! איך וועל זיך דורכריידען מיט דעם ווייב, און וועל זיך מיישב זיין. עס קאָן גריילֿיג זיין, אַז איך וועל די עלטערע אויך אָבגעבען לערנען. לאָז זי קענען גראַמאַטיק. אַז זיין אַ געלערנטע, זאָל זי שוין זיין אַ געלערנטע אין אַלץ! קומט אַריין אין אַ פּאָר טעג אַרום.

---

איציקאָוויטש איז אַוועק פון זלמן-איסר'ן אין אַ געהויבענער שטימונג. די פריינדליכע אויפנאַהמע, דאָס געשפּרעך וועגען וויטעבסק, דאָס בעגעגעניש מיט'ן חנ'עוודיגען מיידעל, וואָס האָט געקוקט אויף איהם מיט אַזאַ פערעהרונג, און דער צוזאָג אָבצוגעבען איהם די קינדער לערנען—דאָס אַלץ האָט צוגעגעבען איציקאָוויטש'ן מונטערקייט און האָפנונג.

אין דעם פאָלגענדען הויז ווידער האָט איציקאָוויטש'ן בעגעגענט אַנ'איינגעבויגענע זקנה מיט אַ „קנופּ" אויפ'ן קאָפּ. אויף זיין פראַגע, אויב דאָ וואוינט ביילע אפרים'ס, האָט די אַלטע בייז געענטפערט:

—אויף וואָס דאַרפסטו ביילע אפרים'ס? זי וועט באַלד אַריינקומען.

אַז ביילע איז אַריין, האָט ער געמאָלדען איהר, אַז ער איז אַ לעהרער. נאָר זי האָט איהם ביים סאַמע אָנהויב איבערגעשלאָגען די רייד:

—שוין געהערט! געהערט די גוטע בשורה! וואָלסט נישט קומען, וואָלט איך קיינער נישט געווייגט...

—האָט זיך אָנגעטהון ווי אַ פּורים-שפּילער און געהט אום איבער די הייזער!—האָט די אַלטע צוגעגעבען מיט כעס.

—געהט זיך געזונטערהייד, געהט!—האָט ביילע איהם גראָב אַ זאָג געטהון און אַוועק אין צווייטען חדר.

איציקאָוויטש איז שנעל אַרויס פון שטוב און אַוועק איבער די ווייטערדיגע הייזער. אין איינעם האָט ער נישט געפונען די בעל-הבית׳טע אין דער היים, אין צווייטען האָט מען איהם אָבּ-געזאָגט אָט צוליב וואָס:

—גענוג, וואָס מען רייסט פון זיך די הויט, וואָס מען ציהט די אָדערן אויף שכר-למוד דעם מלמד. האָסטו דיר נאָך אַ נייע זאַך... איהר מיינט אודאי, אַז דאָ אין מילאָסלאַווקע וואוינען הוילע ראָטשילד׳ס. האָט איהר טאַקע אַ טעות...

נאָך וואַרעמס איז איציקאָוויטש אַוועק צו מענדיל כאַזאַ-נאָוו׳ן, וועלכען חנה-לאה האָט כאַראַקטעריזירט אַלס אַ וועלטלי-כען מענשען. געטראָפען האָט ער כאַזאַנאָוו׳ן מיט׳ן ווייב אין קלייט, ביי דער שטוב, צונעהמענדיג געקויפטען האָבער ביי אַ פויער. דערביי איז געשטאַנען אַ מיידעלע, וועלכעס, דערזעהענ-דיג דעם לעהרער, האָט זי אַ ציה געטהון די מוטער פאַר׳ן אַרבעל און שטיל געזאָגט:

—מאַמע! מאַמע! זעה, דער שרייבער איז געקומען! מאַמע, הערסט? דער שרייבער!

די מוטער האָט געוואָרפען אַ בליק אויף איציקאָוויטש׳ן און בעענטפערט טרוקען:

—גוט, גוט, איך הער! איך בין נישט קיין טויבע... ער וועט וואַרטען אַ ווײַלע.

דאָס מיידעלע האָט ווידער אַ ציה געטהון דעם טאַטען פאַר׳ן אַרבעל און איהם אָנגעזאָגט דיזעלבע בשורה.

—לאָז מיך צורוה!—האָט אויף איהר אָנגעשריען דער פאָטער.

געענדיגט צונעהמען דעם האָבער האָט כאַזאַנאָוו דערלאַנגט איציקאָוויטש'ן די האַנד.

—שלום-עליכם! דאָס זענט איהר דער לעהרער? וואָס לערנט איהר?

-אַלץ...—האָט איציקאָוויטש געענטפערט—שרייבען, לייענען, חשבון...

—גראַמאַטיק אויך?

—פאַרוואָס נישט! מיט'ן גרעסטען פערגעניגען... נאָר ביז גראַמאַטיק איז אויך דאָ געגוג וואָס צו לערנען.

—דאָס וויים איך!—האָט כאַזאַנאָוו געענטפערט ערנכט. און, שווייגענדיג אַ ווײַלע, ווידער געפרעגט:

—און אין וויפיל צייט נעהמט איהר זיך צונטער אויס-צולערנען?

—עס ווענדט זיך נאָכ'ן תּלמיד נאָך... וייטער פערשטעהט איהר דאָך אַליין: וואָס מעהר מען לערנט זיך, אַלץ מעהר קען מען...

—הייסט דאָס, האָט די חכמה אויך קיין גרונד נישט, ווי להבדיל, די תּורה?

—נו, לאָמיר רעכענען, אַז אַ גרונד האָט זי...

—נאָר עס איז נויטיג אַראָבצולאָזען זיך ביז'ן רעכטען גרונד? אמת?—האָט כאַזאַנאָוו געשמייכעלט.

און ווענדענדיג זיך צום ווייב, האָט ער ערנסט אַ פרעג געטהון:

—וואָס וועסטו זאָגען, דבורה?

—וואָס זאָל איך זאָגען,—האָט דבורה געענטפערט אָנגע-ברוגז'ט.—איך זאָג: אַנ'עבירה געלד. נאָר דו וועסט דאָך מיך אַלץ איינס נישט פאָלגען...

—פערשטעהסט דו מיך,—האָט איהר אָנגעהויבען כאַזאַנאָוו איינריידען,—היינטיגע צייטען. מען פיהרט אַ געשעפט. מ'דאַרף עפּעס פערשרייבען...

—מען קאָן זיך בעגעהן אָהן דעם!—האָט איהם דבורה שאַרף איבערגעשלאָגען.

—מאַ-אַמען!!—האָט דאָס מיידעלע זיך געבעטען.

—שווייג! ווער פֿערשטומט!—האָט אויף איהר די מוטער אָנגעשריען.—זי קריכט אויך זאָגען אַ דעה. אַריין אין שטוב!

—איהר האָט אפשר ביי זיך וואָס עס איז געשריבענעס מיט אייער האַנד. איך וואָלט געוואָלט זעהן אייער האַנדשריפט,—האָט כאַזאַנאָוו געפֿרעגט דעם לעהרער.

—ווי דען? איך האָב!

איציקאָוויטש האָט אַרויסגענומען און דערלאַנגט אַ צוגעגרייט פּאַפּירעל, אויף וועלכען עס זענען געווען צו עטליכע שורות אין יודיש און רוסיש.

כאַזאַנאָוו האָט גענומען דאָס פּאַפּירעל און מיט אָנשטרענגונג געלעזען:

—„פּאָ-פּרי-גוניאַ סטרעקאָזאַ“... וואָס הייסט דאָס „פּאָפּריגוניאַ סטרעקאָזאַ“.

—„פּאָפּריגוניאַ“ הייסט אַ שפּרינגערין און „סטרעקאָזאַ“ איז... אַזאַ מין קליינינקע חיה׳לע... איהר פֿערשטעהט?

—איך פֿערשטעה, פֿאַרוואָס זאָל איך נישט פֿערשטעהן—האָט כאַזאַנאָוו געענטפֿערט. און צוגעגעבען: אַ שענע האַנד. געטאָקטע אותיות.

—אַ כתב אַ שענער איז דאָך ביי איהם—האָט זיך דבורה אַריינגעמישט.—פֿון וואַנען ווייסטו, אַז ער וועט די קינדער אויסלערנען אַזוי שרייבען?

כאַזאַנאָוו האָט זיך נישט אָבגערופֿען אויף איהר בעמערקונג און געפֿרעגט דעם לעהרער.

—איהר האָט שוין עפּעס תּלמידים?

איציקאָוויטש האָט געפֿיהלט, אַז ביי דער געפֿעהרליכער פֿראַגע קאָן אַלץ געהן פֿערפֿאַלען, און האָט געענטפֿערט אונבעשטימט:

—ווי דען... עס איז דאָ, מען האָט צוגעזאָגט...

—ווער האָט אייך אָבגעגעבען די קינדער?

—אָבגעגעבען, הייסט עס, האָט נאָך קיינער נישט אָבגעגעבען, נאָר מען האָט צוגעזאָגט...

—פערשטעהסטו?—האָט דבורה פיל בעדייטענד אַ קוק גע־טהון אויפ׳ן מ..ן.—קיינער האָט נאָך נישט אָבגעגעבען. דו וועסט אַרויסשפּרינגען דער ערשטער. מען וועט דיך צרומשטעקען מיט פעדערן.

—געזונט זאָלט איהר זיין, בעל־הבית׳טע.—האָט איציקאָ־וויטש זיך געווענדט צו איהר מיט אַ בעטענדען קול.—איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, אַז אויב אַלע וועלען אַזוי זאָגען, וועט קיינמאָל קיין זאַך זיך נישט אויספיהרען. עמיצער מוז דאָך זיין דער ערשטער...

—ער איז גאַנץ גערעכט,—האָט איהם אונטערגעהאַלטען לאַזאַנאָוו.

—הערט, ר׳ מענדיל,—האָט זיך דער לעהרער צו איהם הייס געווענדט.—ווי איך זעה, געהט איהר אַריין אין מיין לאַ־גע. און איך וועל מיט אייך ריידען גאָר אָפען:—איהר פער־שטעהט דאָך, אַז פאַר מיר איז זעהר וויכטיג, עמיצער זאָל מאַכען דעם אָנהויב. זענט איהר דער ערשטער, און איך וועל דערפאַר נעהמען ביי אייך וועלוועלער, אַ סך וועלוועלער, ווי ביי אַנדערע. דאָס, פערשטעהט זיך, וועט זיין צווישען אונז. געוועהנליך, איז ביי מיר אַ מקח אַ רובל אַ חודש פון אַ תלמיד...

—אַ רובל אַ חודש! הייסט דאָס פאַר צוויי מיידלעך צוועלף רובל אַ זמן! הערט, משוגע׳נער?—האָט דבורה אויסגעשריען.

—שאַ, לאָז אַ מענשען ריידען,—האָט זי אָבגעשטעלט דער מאַן.

—הערט, בעל־הבית׳טע,—האָט זיך ווייך צו איהר געווענדט איציקאָוויטש.—איהר פערשטעהט דאָך, אַז איך בין אויך אַ מענש, איך דאַרף דאָך אויך עסען און טרינקען. וויפיל תלמידים קאָן איך דאָס האָבען? נו, לאָמיר רעכענען צעהן, העכסטענס צוועלף. אַז איך וועל נעהמען וועניגער פון אַ רובל, פון וואָס וועל איך לעבען?.. נאָר מיט אייך וועט ביי מיר זיין גאָר אַנדערע רייד... מיידעלע, געה אַוועק אַ ווייל פון דאַנען,—האָט ער אַ זאָג גע־טהון דעם מיידעל, וואָס איז געשטאַנען און געשלונגען יעדעס וואָרט פון געשפּרעך.

דאָס מיידעלע איז געהאָרכזאַם אַוועקגעגאַנגען.

—אַט וואָס!—האָט ער אַרויסגערעדט שטיל און ענטשידען.— איך וועל נעהמען פאַר אייערע ביידע מיידעלעך פינפאונזיבעציג קאָפּיקעס אַ חודש. נאָר אַלעמען דאַרפט איהר זאָגען, אַז איהר צאָהלט פאַר זיי צו רובל אַ חודש.

—נו, וואָס נאָך ווילסטו?—האָט לאַזאַנאָוו פונאַנדערגעפיהרט די הענד.

דאָס ווייב האָט זיך געמוזט אונטערגעבען

—עס פערשטעהט זיך, פינפאונזיבעציג קאָפּיקעס אַ חודש איז נישט קיין גרויס געלד... אָבער פונדעסטוועגען פאָרט, ווי איז דאָס מיט אַמאָל עפּעס...

—נו, נישטאָ וואָס צו ריידען! אָבגעמאַכט! איך גיב אַוועק די קינדער לערנען. און זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!—האָט ענדליך בעשטימט דער בעל-הבית און דערלאַנגט איציקאָוויטש'ן די האַנד.

—טאַטע!!—האָט אויסגעשריען ענטציקט דאָס מיידעל, וואָס האָט זיך אונבעמערקט אומגעקעהרט, און האָט זיך אַ וואָרף געטהון דעם פאָטער אויפ'ן האַלז.

—שאַ, שאַ, פרעה זיך נאָך נישט אַזוי,—האָט זי די מוטער אָבגעשטעלט—לערנען איז נישט אַזוי גרינג ווי דיר דוכט זיך. וועסט נאָך אַזוי בעקומען מיט דער ווירע איבער די הענד, אַז די הענד וועלען דיר וועה טהון. איך ווייס שוין, איך האָב געזעהן, ווי לעהרער טהוען, וואָס, נישט אמת?—האָט זי זיך געווענדט צו איציקאָוויטש'ן.

—עס פערשטעהט זיך,—האָט דער לעהרער שמייכלענד געענטפערט.—אויב דו וועסט זיך פוילען און נישט גוט שרייבען, וועסטו בעקומען איבער די הענד.

—איך וועל זיך נישט פוילען!

—און איך בעט אייך טאַקע, לעהרער, איהר זאָלט מיט זיי זיין שטרענגער,—האָט געבעטען די מוטער—אויב זיי וועלען נישט פאָלגען, מעגט איהר זיי אפילו אָבשמייסען אויך, יאָ, יאָ!

—אויב זיי וועלען שוין גאָר שטאַרק שטיפען,-האָט איינ-

געשטימט איציקאָוויטש.—ריטער זענען דאָך ביי אייך מסתמא וואָלוועל?

נאָר די ווערטער האָבען אויף דעם מיידעלע קיין איבעריגען איינדרוק נישט געמאַכט און זי איז אַוועקגעלאָפען אָנזאָגען די בשורה דער שוועסטער.

—טייערע קינדער, שטילע,—האָט זיי געלויבט דער פּאָט־ר.—איהר וועט נחת האָבען פון זיי... נו, קומט אַריין אין שטוב, מיר וועלען טרינקען מאָהאָריץ!

אומגעקעהרט זיך אַהיים צו וואַרמעס, האָט זיך איציקאָוויטש אַ ביסעל אַ שכור׳ער פון די צוויי גלעזלעך בראָנפען און פון דעם ערפאָלג אויסגעשריען:

—נו, בעל-הבית׳טע, גיט מיר אָב אַ מזל-טוב!

—וואָס?—האָט די בעל-הבית׳טע צופרידען געפרעגט—איהר האָט שוין פיל תלמידים?

—פיל, נישט פיל, נאָר עס געהט אויף אַ וועג. איהר וועט זעהן, איך וועל האָבען תלמידים!

—עס פערשטעהט זיך!—האָט צוגעשטימט חנה-לאה—איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס עס טהוט זיך אין שטעדט׳ל. אַלע טענה׳ן אין איין קול, אַז ביי היינטיגע צייטען דאַרף מען אָבגעבען די קינדער לערנען... און איך וועל אייך נאָך זאָגען בסוד, אַז איהר זענט דאָ אַלעמען געפעלען געוואָרען.

נאָך וואַרמעס איז איציקאָוויטש ווייטער אַוועק איבער׳ן שטעדטיל, נאָר דאָס מאָל איז דער ערפאָלג געווען אַ קלענערער. אין איין הויז האָט מען איהם פּראָכט אָבגעזאָגט, אין צווייטען האָט ער קיינעם נישט געטראָפען. פון דריטען האָט מען איהם אַרויסגעטריבען. פון זעקס הייזער, אין וועלכע ער איז געוועזן, האָט ער נאָר אין איינעם בעקומען דעם צוזאָג, אַז מען וועט זיך מיישב זיין. די שטימונג איז ביי איהם ווידער געוואָרען נידערגעשלאָגען. אומגעגאַנגען אַ גאַנצען טאָג. געווען ביי די רייכסטע בעל-הבתים—און בעקומען האָט ער סך הכל א״ן לעקציע אויף פינפאונזיבעציג קאָפּ. אַ חודש. ווייזט אויס, אַז דאָ וועט זיך נישט איינגעבען עפּעס צו מאַכען און עס וועט

אויסקומען אומ־יוקעהרען זיך צוריק אין װ. הונגערן ווי פריהער.

עס איז שוין געוואָרען פינסטערליך. איציקאָוויטש איז געגאַנגען פערטראַכט, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ רוף:

—לעהרער! שטעהט אַ ווײלע!

ער האָט דערזעהן אויף דער צווייטער זייט גאַס אין פענסטער פון אַ גרויס הויז אַ מיידעל פון אַ יאָהר נײנצעהן מיט אַ קיילעכדיג פּנים, בעדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך, מיט געלע, אַ ביסעל געקרייזעלטע האָר און מיט אַ רויטען באַנד אויפ׳ן האַלז. דאָס מיידעל איז געווען שטאַרק אונרוהיג און האָט דערשראָקען אַרומגעקוקט זיך, נאָר אין גאַסעל איז קיינער אַ חוץ איציקאָוויטש׳ן נישט געווען.

—קומט אַריין אין שטוב... קיינער איז נישטאָ... איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען!—האָט זי געזאָגט מיט אַנ׳איבערגעריסענעם קול פון אויפרעגונג.

איציקאָוויטש איז אַריין אי׳ן שטוב.

—איהר האָט שוין עפּעס אַ סך מיידלעך, וואָס לערנען זיך?—האָט זי איהם בעגעגענט.

—איך האָב... עטליכע.

—ווער אַלץ?

—מענדעל לאַזאַנאָוו האָט מיר אָבגעגעבען זיינע צוויי מיידלעך, זלמן איסר...

—אויך מיר מענשען!—האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען מיט פעראַכטונג—פאַרוואָס זענט איהר נישט אַריינגעקומען צו אונז? איהר ווייסט, ווער מיין טאַטע איז? לייוויק יאַכנעס, דער געהילץ־הענדלער. איהר האָט מסתמא געהערט?

—געהערט, ווי דען!—האָט איציקאָוויטש געפונען פאַר נויטיג איינצושטימען.

—פריהער פאַר אַלץ האָט איהר געדאַרפט אַריינגעהן צו אונז!... נו, און וואָס לערנט איהר?

—לייענען, שרייבען.

—אויף רוסיש? רוסיש קען איך שוין! איך שרייב אַראָב

פון אַ פאַרשריפט. און אויף דייטש קענט איהר לערנען?

—וויפיל איהר ווילט.—האָט איציקאָוויטש געענטפערט די-כער. ער האָט געקענט דעם דייטשען אַלפאַבעט.

—אדרבה! פּרובט, שרייבט אַן אויף דייטש: „אסתּר דוואָ-שע בוראַקאָוויטש.“

איציקאָוויטש האָט זיך געזעצט ביים טיש און אָנגעשריי-בען, וואָס זי האָט געפאָדערט.

אסתּר דוואָשע האָט גענומען קאָפּירען דאָס אָנגעשריבענע און, ווייזענדיג יעדעס אות, האָט זי האָפּערדיג געפרעגט:

—גוט? גוט?

—זעהר גוט!

—יאָ! שרייבט נאָך אָן אויף דייטש: „מילאָסלאַוועקע“.

זי האָט אַראָבקאָפּירט אויך דאָס וואָרט און בעהאַלטען דאָס פּאַפּירעל פון וועלכען זי האָט קאָפּירט. נאָכדעם האָבען זיי גענומען משוה ווערען.

—דאָס ווענדט זיך, ווי איהר וועט זיך לערנען: אַליין, אָדער אינאיינעם מיט נאָך עטליכע.

—אַליין, אַליין!—האָט זי האַסטיג אויסגעשריען אַ שענע מעשה! כ'וועל זיך זעצען מיט עפּעס שנעקעס מיידלעך!

—אויב אַליין און אַ גאַנצע שעה, איז... צוויי רובל...

האָט איציקאָוויטש נישט זיכער געבאָטען.

אסתּר דוואָשע האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול און גענומען באָטען פופציג, דערנאָך פינפאונזיבעציג קאָפּ. דורכגעקומען איז מען אויף אַ רובל, וואָס אַ העלפט פון דעם האָט די שילערין געדאַרפט צאָהלען בסוד פון דער מוטער.

אַז איציקאָוויטש האָט זיך געקליבען אוועקגעהן, האָט אסתּר דוואָשע מיט אַ מין העלדישקייט איהם דערלאַנגט די האַנד.

—איהר מיינט, אַז ביי אונז זענען בלויז אַלטפרענקישע יודען?—האָט זי קאָקעטיש אַרויסגערעדט—האָט איהר אַ טעות... אָט איך האָב קיין מורא נישט צו „רוקאַוועז“ מיט אַ מאַנסבילן!

—איך בין אויך נישט פון די שרעקעוודיגע!—האָט איהר דער לעהרער מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם געענטפערט.

—איהר וועט זעהן—האָט אסתּר דוואָשע אָנגעהויבען מיט אַ שטאַרקער אויפרעגונג—איהר וועט זעהן... נו, גאָרנישט!... טיילמאָל געהט מען אפילו אונטער דער האַנד שפּאַצירען, אַז קיינער זעהט נישט... יאָ! אין מילאָסלאַווקע זענען אויך דאָ היינטוועלטיגע מענשען!

און זי האָט אַ וואָרף געטהון אויפ'ן לעהרער אַ הייסען בליק.

אַרויסגעהענדיג, איז איציקאָוויטש עטליכע מינוט געגאַנגען ווי אַ שכּור, פיהלענדיג אין האַנד דעם צוריהר פון דער מיידעלס האַנד.

—עטעה אַ ווילע! דאָס ביזטו דער שרייבער!—האָט צו איהם אַ געשריי געטהון פון דער צווייטער זייט גאַס אַנ'עלטערער יוד, וועלכער איז געזעסען ביי אַ קראָם.

איציקאָוויטש האָט זיך דערשראָקען אומגעקוקט און, דערזעהענדיג דעם, וואָס רופט איהם, האָט ער באַלד געענטפערט:

—יאָ, יאָ!... איך! איך!

—אַ פיינע מלאכה, נישטאָ וואָס צו ריידען! האָסטו קיין בעסערע נישט געפונען?

איציקאָוויטש, רעכענענדיג, אַז דאָס איז אַנ'אַריינפאָהר צו אַ געשפּרעך וועגען אַ לעקציע, האָט געענטפערט איינגעהאַלטען:

—אַ מלאכה, ווי אַלע מלאכות... מען דאַרף דאָך פון וואָס עס איז לעבען...

—וואָס? ביזט גע'פגר'ט פון הונגער?

—און אפשר טאַקע געשטאָרבען פון הונגער. פון וואַנען ווייסט איהר?... און וואָס איז דאָס אייער דאגה!—האָט איציקאָוויטש מיט פערדרוס אַרויסגערעדט און אַוועק ווייטער.

—דו ביזט נישט נאָר אַ גוי, דו ביזט נאָך דערצו אַנ'עזות מחוצף פּנים אויך—אַ מיתה משונה זאָלסטו איינגעהמען!—האָט איהם נאָכגעשריען דער קרעמער.

צומאָרגענס האָט איציקאָוויטש געהאַט צוויי פרעהליכע

סיורפּריזען: אַזוי ווי ער האָט נאָר געענדיגט דאַווענען, איז אַין שטוב אַריינגעלאָפען פערסאָפּעט אַ מיידעלע און האָט אויסגע- שאָסען:

—די מאַמע האָט געהייסען, איהר זאָלט קומען צו אונז!

—ווער איז דיין מאַמע? וועמעס ביזטו?

—איהר זענט דאָך נעכטען געווען ביי אונז! מיין מאַמע איז דאָך צירעלע מנחם טריינעס פון דובראָוונאָ!

דער לעהרער האָט זיך דערמאָהנט, אַז דאָס איז דאָסזעל- בע מיידעלע, וועלכעס ער האָט געטראָפען שלאָפען אויף דער סאָפע אין הויז, פון וואַנען די בעל-הבית׳טע האָט איהם אַזוי גראָב משלח געווען.

—זעהר גוט, מיידעלע! זאָג דער מאַמען, אַז איך וועל באַלד קומען... אפשר ווייסטו צוליב וואָס זי רופט מיך?—האָט ער צוגעגעבען.

—די מאַמע וויל אונז אָבגעבען לערנען זיך.—האָט דאָס מיידעלע געענטפערט—זי זאָגט: „היינטיגע צייטען"... מיר וועלען זיך לערנען אַלע: איך, מיין שוועסטערל רבקה׳לע און מיין שוועסטערקינד גענענדעלע... זי איז נעבעך אַנ׳אָרים יתומה׳לע, און זי איז ביי אונז אומזיסט... מיין טאַטע איז זעהר רייך, דער רייכסטער אין שטאָדט, און מיר וועלען צאָהלען מעהר פאַר אַלע.

באַלד ווי דאָס מיידעלע איז אַרויס פון שטוב, האָט חנה- לאה אויסגעשריען:

—נו? וואָס האָב איך אייך געזאָגט?.. אָ! איך קוועל! דאָס חזיר האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנדערע האָבען אויך אָבגעגעבען די קינדער לערנען, האָט זי זיך דערשראָקען איהרע קינדער זאָלען נישט בלייבען די לעצטע. אַ קליינינקייט, זי זאָל בלייבען די לעצטע!... און ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? נעהמט נישט וואָלוועל ביי איהר. נישקשה, זי איז נישט קראַנק צו צאָהלען אַנ׳איבעריגען רובל אַ חודש. זי ווייס, פערשטעהט זיך, דינגען זיך, נאָר איהר לאָזט נישט אַראָב פון מקח. איך פערזיכער אייך, אַז זי וועט בעצאָהלען טייערער, נאָר מען זאָל

נישט זאָגען, אַז זי איז נישט אין מעמד אַװעקצוגעבען די קינדער לערנען.

אַ ביסעל שפּעטער איז געקומען נאָך אַ שליח, אַ יונגעל פון אַ יאָהר צװעלף, אין אַ לאַנגע קאַפּאָטקע און אַ בּאַראַשקען היטעל.

—דער רבי האָט געהייסען, איהר זאָלט שוין קומען צו אונז אין חדר!—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט תקיפות, קוקענדיג דעם לעהרער גלייך אין די אויגען מיט אַ מין בטול.

—װער איז דיין רבי?

—רב יאָסעל רחל'ס. אונזער חדר איז נעבען דער אַלטער קלויז... דער רבי האָט געזאָגט, איהר זאָלט תיכף ומיד קומען!

—אויף װאָס דאַרף מיך דיין רבי?—האָט זיך איציקאָװיטש געװאונדערט.

—דאָס װעט ער אייך אַליין זאָגען!—האָט דאָס יונגעל חוצפה'דיג געענטפערט און צוגעגעבען:—נו, איך האָב קיין צייט נישט. מיר דאַרפען זיך זעצען לערנען.

חנה-לאה האָט געטראַכט אַ װיילע.

—אַ-אַ!—האָט זי זיך געכאַפּט,—דאָס יונגעל איז דאָך גדליה מירעל'ס. זיין טאַטע דינט ביי אַ רייכען געהילץ-הענדלער און געפינט זיך שטענדיג אין ראַסיי. מסתמא, האָט ער דאָס געשריבען דעם װייב, זי זאָל לאָזען לערנען די קינדער רוסיש.

## ט

איציקאָװיטש איז אַרויס פון שטוב אַ מונטערער און אַ זיכערער. נאָר די ערשטע בעגעגעניש זיינע איז געװען נישט גאָר קיין פרעהליכע. איהם אַנטקעגען איז אָנגעקומען אַנ'אַלטע יודענע, אַנ'איינגעבויגענע, מיט אַ דיקען סדור אונטער'ן אָרעם. דערזעהענדיג איהם, האָט זי זיך אָבגעשטעלט, אַ קוק געטהון אויף איהם מיט טיפען האַס און האָט אָנגעהויבען ריידען נישט

הויך, אָבער גיך און אויסדריקליך, ווי מען שעפטשעט אַנ׳אָב-שפרעכעניש:

—אין דער ערד זאָלסטו ליגען, מופקר, אפיקורס, משומד! וועלכע שדים האָבען דיך אַהער געבראַכט? ברעכען זאָלסטו ריק און לענד, האַלז און אַקען, הענד און פיס! רבונו של עולם! באַטש צוליב מיינע ביטערע יתומים שיק אויף איהם אָן אַ בייזע מפלה! טפו! טפו! טפו!

און זי איז גיך אַוועק.

איציקאָוויטש איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט און דערשראָקען פון דעם אומגעריכטען אָנפאַל. אין דער אַלטערס קללות האָט זיך געפיהלט אַזאַ שמערץ און בעליידיגונג, אַז ער האָט גלייך פערשטאַנען דאָס זיי זענען אַרויסגערופען נישט בלויז פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם.

—ווער איז די יודענע?—האָט ער אַ פרעג געטהון אַ פער-בייגעהענדיגען יונגעל.

—בליומע די רבי׳צין.

איציקאָוויטש האָט פערשטאַנען פאַרוואָס זי שילט איהם. ער בעהמט ביי איהר צו דאָס שטיקעל ברויט.

אין חדר האָט איציקאָוויטש געטראָפען יאָסעל דעם מלמד, אַ יונגען מאַן מיט אַ קליין בלאָנד בערדעל, אַ ביסעל צוגעזשמו-רעטע אויגען, מיט דינע צונויפגעפרעסטע ליפען. ביים טיש זענען געזעסען פיער יונגלעך.

יאָסעל האָט זיך אַ ביסעל אויפגעהויבען פון אָרט, דער-לאַנגט איציקאָוויטש׳ן שלום עליכם, געבעטען זיצען און גלייך צוגעטרעטען צום ענין: איינער פון זיינע בעלי הבתים, וועלכער געפינט זיך אין טיף ראָסיי, וויל אַז זיינע יונגלעך זאָלען קענען רוסיש. אַזוי ווי אין שטעדטעל איז קיין לעהרער נישט געוועזען, האָט ער, יאָסעל, וועלכער קען אַ ביסעל רוסיש, געמוזט נעמען אויף זיך צו לערנען זיי. נאָר דער בעל-הבית מאָהנט, אַז די קינדער זאָלען איהם שרייבען גרוסען אין רוסיש. און דאָס קען ער זיי נישט אויסלערנען. ער אַליין קען נישט פיל מעהר ווי די „אַזבוקע״. איז אָט איצט, אַז עס איז געקומען אַ לעהרער, האָט די מוטער פון די יונגלעך געבעטען איהם, יאָסלען, ער

זאָל דורכשמועסען מיט'ן לעהרער וועגען לערנען די קינדער.

יאָסעל האָט דאָס אַלץ דערצעהלט רוהיג און אָביעקטיוו— קאַלט, ווי וועגען אַ זאַך, וואָס עס געהט איהם נישט אָן.

—איך וועל זיין זעהר צופרידען, אַז איהר וועט אַראָב- נעהמען פון מיר די התחייבות און זיי לערנען רוסיש. דאָס איז נישט פאַר מיר קיין בעשעפטיגונג.

איציקאָוויטש האָט איינגעשטימט אַז לערנען רוסיש איז נישט קיין עסק פאַר אַ מלמד. אויף דערויף דאַרף מען זיין אַ ספּעציאַליסט. ער האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען מקח, נאָר דער מלמד האָט איהם טרוקען געענטפערט, אַז וועגען דעם דאַרף דער לעהרער ריידען מיט דער מוטער פון די קינדער.

—גוט,—האָט איציקאָוויטש איינגעשטימט און גלייך אַרויס- געגאַנגען. ר' יאָסעל איז איהם נאָכגעגאַנגען און אָבגעשטעלט אין פאָדערצימער, איינרוימענדיג איהם:

—די קינדער אין די אויגען האָב איך נישט געקאָנט ריי- דען מיט אייך ווי ס'געהער צו זיין... דען עס פּאַסט נישט פאַר אַ מלמד זיך אַריינצומישען אין אַזעלכע עסקים... נאָר אין תוך גערעדט וואָלט איך זעהר געוואָלט איהר זאָלט אָננעהמען די לעקציע. איך וואָלט זיך אַליין אויך בגנבה עטוואָס אונטערגע- לערנט... נאָר וועגען דעם וועלען מיר נאָך שמועסען... פאָלגט מיך, געהט אַריין צו דער מוטער פון די יונגלעך און בעט איהר, זי זאָל איבעררעדען מיט די עלטערן פון די איבעריגע יונגלעך... זי וועט דאָס טהון אויב איהר וועט בעשטעהן צו נעהמען פון איהר צו פופציג קאָפּ. איך וועל אויך אַריינוואַרפען אַ וואָרט... כ'וועל זאָגען, אַז איך וועל זיין ביי די אוראָקען. איהר פערשטעהט? אום כדי זיי זאָלען נישט מורא האָבען... נו... פאַר אַ שעדליכען איינפלוס... ווי געוועהנליך... איהר פערשטעהט?

—כ'פערשטעה! כ'פערשטעה! כ'דאַנק אייך זעהר!

יאָסעל האָט אַ ווײַלע געשוויגען דערנאָך האָט ער נישט זיכער אַרויסגערעדט:

—איינער אַ בחור האָט זיך געוואָלט מיט אייך זעהן... ער וואוינט דאָ אין דעם הויף... ער האָט עפּעס אַנ'עסק צו

אייך. נאַטירליך דאַרף קיינער דערפון נישט וויסען... איהר וועט אַריינגעהן אָט אין דער טהיר. ער איז דאָרט אַליין אין שטוב. ער וואַרט אויף אייך...

—ווער איז ער דען?

—אַ חתן־בחור... מלך עקיבה׳ס...

—ער וויל זיך לערנען?

—עט! יאָ לערנען, נישט לערנען... איהר וועט מיט איהם ריידען, וועט איהר הערען... נאָר עס זאָל בלייבען צווישען אונז! נו, האָט מיר אַ גוטען...

און ער האָט זיך שנעל אומגעקעהרט אין חדר אַריין.

איציקאָוויטש איז אַריין אין דער אָנגעוויזענער טהיר און האָט דאָרט געטראָפען אַן׳איינגעהויקערטען בחור מיט אַ טעמפ געזיכט און דערשראָקענע אויגען.

—קומט דאָ אַריין... קומט!—האָט ער געשווינד געזאָגט צום לעהרער ווייזענדיג אויף אַ זייטיגען צימער—דאָרט איז קיינער נישטאָ!

ווען זיי זענען אַריין אין צימער האָט דער בחור שטיל געפרעגט:

—כ׳בעט אייך, איהר קענט שרייבען רוסישע בריף?

—כ׳קען...—האָט איציקאָוויטש עטוואָס צומישט פון דער פראַגע, געענטפערט.

—פערשידענע בריף?

—פערשידענע...

—און צו אַ כלה?

—צו אַ כלה אויך...

—און לעזען קענט איהר דאָך אודאי אויך פערשידענע בריף, ס׳הייסט, אַלערליי האַנדשריפטען?

—כ׳קען, אודאי קען איך...

—הערט זשע אויס...

און דער בחור האָט גענומען איציקאָוויטש׳ן דערצעהלען זיין פערלעגענהייט: מיט צוויי חדשים צוריק האָט ער תנאים געשריבען מיט אַ מינסקער מיידעל, זעהר אַ געבילדעטע. דער

שדכן האָט איהר, פערשטעהט זיך, איינגערעדט, אַז דער חתן איז אויך אַ געבילדעטער, אַז ער קען „אַלע שבע חכמות פון דער וועלט", כמעט „אַלע זיבעציג לשונות". איצט האָט די כלה צו איהם געשריבען אַ רוסישען בריף און פערלאַנגט ער זאָל איהר דורכאויס ענטפערן אויך אין רוסיש. ער האָט זיך גע־ווענדט צו יאָסלען, אָבער ער האָט זיך אויך נישט אונטערגע־נומען אַדורכצולעזען דעם בריף.

—איצט פערשטעהט איהר שוין—האָט דער חתן געשעפּטס־מעסיג פערענדיגט.—דאָ איז אַזאַ מין עסק, וואָס צוליב אַ נאַ־רישקייט קאָן זיך דער שדוך צוגעהן!

—ווילט איהר זיך הייסט עס אויסלערנען שרייבען אַ רו־סישען בריף... האָט איציקאָוויטש אָנגעהויבען.

—ניין, ניין,—האָט איהם דער חתן שנעל איבערגעשלאָ־גען.—וואָס פאַר אַ לערנען זיך!... נישט איך האָב צייט דערויף און נישט איך דאַרף עס! אַ חתן—און וועל זיך ערשט געהן לערנען!

—וואָס זשע ווילט איהר?

—גאָר פשוט: איהר זאָלט מיר אָנשרייבען אַ בריף. איך האָב שוין פון איהר בעקומען צוויי רוסישע בריף. וועט איהר זיי מיר איצט דורכלעזען, פערטייטשען, ווי ס'געהער צו זיין, דערנאָך וועט איהר נעהמען אַ בייגעלע פּאַפּיר און שרייבען וואָס איך וועל אייך זאָגען. איך וועל אייך זאָגען אויף יודיש און איהר וועט שרייבען אויף רוסיש. איהר וועט, באַטירליך, צוגעבען פון זיך אַ ביסעל מליצה, דאָס איז זעהר נויטיג. און אויך דעם אַדרעס אויפ'ן קאָנווערט וועט איהר אָנשרייבען.

איציקאָוויטש האָט אַ טראַכט געטהון, האָט אַ דרעה גע־טהון מיט'ן קאָפּ און געענטפערט:

—דאָס איז זעהר אַ שווער עסק!

—מיט וואָס איז עס אַזאַ שווער עסק, אויב איהר קענט שרייבען, קער עס פאַר אייך נישט שווער זיין... אַלזאָ, בקיצור, וויפיל ווילט איהר?

—פון בריף?

—ניין, אויפ׳ן חודש! פון בריף וויל איך נישט! איך דינג אייך אָב, אַז וויפיל בריף איך וועל דאַרפען, זאָלט איהר מיר שרייבען. דער עיקר, אַזוי ווי כ׳וועל נאָר דערהאַלטען אַ בריף זאָלט איהר מיר איהם גלייך איבערלעזען און אָנשרייבען אַנ׳ענטפער.

—פאַר אַזאַ אַרבייט וועט וועניגער ווי דריי רובל אַ חודש נישט זיין.—האָט איציקאָוויטש קאַטעגאָריש געענטפערט.

דער בחור האָט זיך שיער פאַר׳ן קאָפּ געכאַפּט. ער האָט גענומען איציקאָוויטש׳ן אויפווייזען, אַז ער וועט נישט קיין סך צייט ביי איהם צונעהמען, אַז עס איז נישט יושר׳דיג אויסצו־נוצען יעמעמס נויט, נאָך דערצו אַז ער וועט מוזען צאָהלען אָהן פּאָטערס וויסען. איציקאָוויטש האָט נאָכגעלאָזט אַ רובל און דאָס געשעפט איז געשלאָסען געוואָרען פאַר צוויי רובל אַ חודש. זיי האָבען אָבגעמאַכט אַז אין אָוועגד, נאָכ׳ן אוראָק ביי יאָסלען אין חדר, זאָל איציקאָוויטש זעהר פאָרזיכטיג און אונבעמערקט זיך אַריינכאַפּען צום חתן?

איציקאָוויטש איז אַוועק צו צירעל מנחם־טריינעס. איצט האָט איהם די בעל־הבית׳טע שוין גאָר פריינדליכער אויפגע־נומען.

—זיצט... וואָס זענט איהר נעכטען אַזוי אַנטלאָפען?—האָט זי איהם מיט אַ בעליידיגטען טאָן פאָרגעוואָרפען. איך האָב זיך, נאַטירליך, געבייזערט, וואָס חנה לאה האָט זיך נישט געבעטע־נערהייד מטריח געווען. אָבער צו אייך האָב איך גאָרנישט גע־האַט... האָט אייך ווער שוין געגעבען קינדער?

איציקאָוויטש האָט איהר אויסגערעכענט די אַלע בעלי־בתים, וועלכע האָבען איהם אָבגעגעבען אָדער צוגעזאָגט אָבצו־געבען זייערע קינדער.

—אַז איך וועל אייך אָבגעבען מיינע מיידלעך, וועלען אייך שוין דעמאָלט אַלע אָבגעבען זייערע קינדער—האָט איהם צירעל פערזיכערט. נאָר כ׳לעבען, כ׳וויים נישט וואָס צו טהון... זיי געהען דאָך צו דער רבי׳צין...

—איך לערן אי יודיש, אי רוסיש און איהר קאָנט זיכער זיין, אַז יודיש קען איך אויך בעסער פאַר דער רבי'צין.

—ניין, יודיש זאָלען זיי זיך לערנען ביי דער רבי'צין, אַנ'אָרימע יודענע... זי איז שוין דאָ געוועזן און מיר אָנגע־וויינט אַ קאָפּ. איך האָב אַ וויין הארץ... נאָך דרייסיג קאָפּיקעס אַ חודש איז נישט קיין אומגליק. עס איז, געלויבט צו גאָט, ביי מיר נישט קיין גרויסע סומע, איך בין בכח... אַ חוץ דעם, ווען איהר וועט נישט לערנען מיט די קינדער קיין יודיש, וועט איהר דאָך ביליגער נעהמען. וויפיל נעהמט איהר? ביי מיר איז צוויי מיידעלעך זאָלען געזונד זיין און אַ פּלימעניצע—אַ יתומה. און אַ שכנ'טע האָט מיך אויך געבעטען, אַז איהרע אַ מיידעלע זאָל זיך אויך לערנען צוזאַמען מיט מיינע.

נאָך אַ לאַנגען דינגען זיך זענען זיי פאַרטיג געוואָרען אויף צוויי רובל פופציג קאָפּ.

—איך ווייס אַז איך וואָלט ביי אייך געקאָנט אָבדינגען נאָך פופציג קאָפּ.—האָט צירעל געענדיגט—נאָר איך וויל שוין נישט. איך וויל גלייכער צאָהלען מיט פופציג קאָפּ. טייערער, דערפאַר וועט איהר מיר בעסער לערנען די קינדער, דאָס איז דאָך נישט עפּעס זלמן־איסר'ס קינדער...

איציקאָוויטש האָט שוין איצט געהאַט אוראָקען אויף זי־בען רובל, ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דאָס שוין אַ ממשות'דיגער גרונד אונטער די פיס. און עס וועט נאָך געוויס צוקומען אויף אַ פינף רובל.

דעמזעלבען טאָג און אויך אויף צומאָרגענס האָט איצי־קאָוויטש פאָרטגעזעצט זיינע וויזיטען. אַז ער איז איצט אַריינ־געקומען אין אַ שטוב האָט ער שוין נישט געפונען פאַר נויטיג זיך צו רעקאָמענדירען, נאָר ער פלעגט גלייך צוטרעטען צו דער זאַך, זאָגענדיג, אַז ער האָט פיל תלמידים, אַז ער נעהמט זעהר ביליג און לערנט זעהר גוט און צום סוף פלעגט ער צו־געבען:

כ'האָב געהערט, אַז אייער מיידעלע, זאָל געזונד זיין

האָט אַ גוט קעפּעל. אין משך פון צוויי חדשים וועל איך זי אויסלערנען אי שרייבען, אי לעזען און אי רעכענען, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט קלינגען מיט איהר...

די רעזולטאַטען פון איציקאָוויטשעס דריי טעג אַרומ־שמייען זענען געווען גלענצענדע. ער האָט שוין געהאַט אַכצעהן שילערינס מיט שילער פאַר צעהן רובל מיט פופציג קאָפּ. אַ חודש. אויף אַזאַ ריזיגע סומע האָט זיך איציקאָוויטש גאָרנישט גערייכט. צעהן מיט אַ האַלבען רובל!—דאָס איז דאָך אַ פערמע־גען! און דערמיט ענדיגט זיך דאָך נישט! צוויי—דריי בעל־הבית׳טעס, וועלכע האָבען צוגעזאָגט זיך מיישב זיין, וועלען איהם געוויס אָבגעבען די קינדער און דאַן—דאַן וועט ער האָ־בען אַזוי גוט ווי אַ צוועלף־דרייצעהן רובל אַ חודש!

דאָס איינציגע וואָס האָט קאַליע געמאַכט איציקאָוויטשעס שטימונג איז געווען דער צווייפעל צי אַ טייל בעלי־הבתים וועלען גאָר בעצאָהלען. ווען איציקאָוויטש האָט אויסגערעכענט פאַר חנה־לאה׳ן די נעמען פון די בעלי־הבתים, וועלכע האָבען איהם אָבגעגעבען די קינדער, האָט זי זיך ביי צוויי נעמען שטאַרק געקרימט:

—שפרה לייבעס?... זלמן איס-סר׳ס?—האָט זי אומצופרידען געצויגען—אוי, זיי געפעלען מיר גאָרני ט!

—פאַרוואָס?—האָט ער אַ צאַפּעל געטהון.

—מ׳טאָר נישט ריידען קיין לשון־הרע, נאָר כ׳האָב מורא, אַז זיי וועלען נישט צאָהלען...

—פאַרוואָס!

—דערפאַר, ווייל זיי מאַכען היינט שלעכטע געשעפטען, בעזונדערס שפרה לייבעס! די האָר אויפ׳ן קאָפּ זענען נישט זייערע... און כ׳בין זיכער, אַז זי האָט אומישנע אָבגעגעבען איהר מיידעלע צו אייך, כדי מ׳זאָל מיינען אַז זי איז פער־מעגליך... איבעריגענס, ס׳איז מעגליך, אַז אויך זי וועט צאָה־לען: זי וועט זיך נישט וועלען מבזה מאַכען.

דעמזעלבען אָוענד נאָך האָט זיך איציקאָוויטש איינגע־אָרדענט מיט קעסט און דירה. דאָס בעזונדערע דאָך־צימערל ביי

חנה־לאה׳ן איז איהם זעהר געפעלען, ער איז אויך געווען צו־פרידען פון די קעסט. ווען ער האָט זיך געדונגען מיט חנה־לאה וועגען דעם מקח האָט זי איהם פלוצלונג געזאָגט:

—ווייסט איהר וואָס, זאָל זיין זיבען רובל, ווי איהר זאָגט, נאָר איהר וועט דערפאַר לערנען מיין אייניקעל. זי לאָזט מיך נישט צורוה: אַלע מיידלעך לערנען זיך און זי נישט. קיין בעזונדערע צייט וועט זי ביי אייך נישט צונעהמען. איהר וועט זי אַריינפאַקען צווישען אַנדערע קינדער וואו עס איז. זי איז אַ וואויל מיידעלע. זי וועט פאָלגען.

דער לעהרער האָט מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאָג, נאָך דערצו, אַז חנה־לאה האָט נישט געפאָדערט די צוגעזאָגטע בעלוינונג פאַר איהר „מיטהילף״.

*

עטליכע טעג איז איציקאָוויטש געווען דער פאָפולערסטער מענש אין שטעדטעל. אומעטום, אין באַזאַר, אין די הייזער, אין שוהל האָט מען נישט גערעדט פון עפּעס אַנדערש, ווי פון לעהרער. יעדעס וואָרט זיינס, יעדער זשעסט זיינער האָט זיך באַלד צוטראָגען איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל און איז געוואָרען אַ טעמע פאַר אונאויפהערליכע שמועסען. נאָר בעת די פרויען פון פערשידענעם עלטער, האָבען אין די שטובען, אין די קראָ־מען און אין גאַס הויך גערעדט וועגען „אונערהערטען געשע־העניש״, האָבען די מענער בעזונדערס די מלמדים און די אי־בעריגע כלי־קודש ווי דער חזן, דער שוחט, דער סופר, זעהר נישט גערן גערעדט וועגען דעם. האַלטענדיג נישט פאַסיג פאַר זייער כבוד צו לעגען אַכט אויף אַזעלכע נישטיגע ענינים. און ווען אַ געוועהנליכער בעל־הבית פלעגט איבערפרעגען אַ מלמד, אָדער דעם שוחט:

—איהר האָט שוין געזעהן דעם „גאַסט״? דעם „שענעם

תּכשיט"? פלעגט יענער מאַכען אַ תּמ'עוואַטע מינע:

—וואָס פאַר אַ גאַסט? וואָס פאַר אַ תּכשיט?

—ס'טייטש, וואָס פאַר אַ גאַסט! דעם לעהרער, דעם שרייבער! איהר האָט דען נישט געהערט? ס'גאַנצע שטעדטעל געהט דאָך האָדאָראָם!

—געהט ער אין דער אדמה! ר'איז געקומען—איז ער געקומען, וואָס איז דאָס מיין באָבעס דאגה? ברעכט ער האַלז און אַקען!

—איהר וועט זעהן, ער וועט נאָך דאָ אַריינברענגען אפיקורסות, ספרים חצונים...—האָט דער בעל־הבית געוואָרענט...

דער מלמד פלעגט אַ פעראַכטענדען שמייכעל טהון און רוהיג ענטפערן:

—נו, לאָמיר זאָגען, אַז ער וועט קיין אפיקורסות דאָ נישט אַריינברענגען! דאָס וועט זיך איהם נישט איינגעבען! מילאָסלאַווקע איז נאָך, דאַנקען גאָט, נישט ווילנאָ!...

אָבער די רוהיגקייט און זיכערקייט איז נאָר געווען אַנ־אויסערליכע, אַ געמאַכטע. צווישען זיך האָבען די מלמדים און די אַנדערע פרומע יודען ווייט נישט אַזוי רוהיג גערעדט וועגען דעם לעהרער.

—האָסט געהערט, וואָס זאָגסטו דערצו?—פרעגט אונרוהיג איין מלמד דעם צווייטען, טרעפענדיג זיך.

—אַ שרעק! אַ שרעק!—ענטפערט דער צווייטער אויך אונרוהיג.

—מ'טאָר דאָס אָבער נישט אַזוי לאָזען! מ'דאַרף עפּעס טהון דערצו!...

—נישט „מ'דאַרף", נאָר „מ'מוז"!—פערבעסערט דער צווייטער.

און זיי פלעגען זיך געשווינד צוגעהן.

אויפ'ן פירטען טאָג נאָכ'ן לעהרערס קומען, ווען ער האָט זיך שוין געקליבען אויף די „אוראָקעס" זענען זיך אין שוהל אינדערפריה נאָכ'ן דאַווענען, צונויפגעקומען עטליכע מלמדים און עטליכע פרומע בעלי־בתים. זיי האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט

נישט אָבגערעדטערהייד, נאָר אַלע האָבען געפיהלט, אַז דער שמועס וועט איצט זיין וועגען לעהרער. און יעדער האָט גע־וואַרט, אַז דער צווייטער זאָל אָנהויבען ריידען וועגען דעם ענין.

איין מלמד, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער, עטוואָס גראָה־ליכער באָרד, מיט אַ בייז געזיכט פון ערד־קאַליר האָט נערוועז אונ גיך, אָבגעלעגט די תפילין און מיט אַראָבגעלאָזטע אוי־גען האָט ער ווי פאַר זיך אַרויסגערעדט:

—מ'שמועסט דאָך אפילו, אַז ער האָט שוין אַ קנעלונג אויך...

און ער האָט אַ הויב געטהון מיט די אַקסלען.

—ס'שטעדטעל איז משוגע געוואָרען!—האָט אַ צווייטער מלמד אַ זאָג געטהון און אויך געדריקט מיט די אַקסלען.

—פון וואַנעט האָט ער זיך דאָ אַהער גענומען? וואָס פאַר אַ טייוועל האָט איהם דאָ אַהער געבראַכט?...—האָט אַ דריטער מלמד מיט פערדרוס און אויפרעגונג געשריען.

—פון וואַנעט ער האָט זיך גענומען? פון ווילנאָ! פון וואַנעט דען!—האָט נאָך איינער אויסגערופען.

—אַ נידריגער יונגערמאַן, אַ גוט געקליידעטער, אַ דיקער, מיט אַ בייכעל און אַ ברייט ווייס געזיכט בעוואָקסען מיט אַ שוואַרץ בער־דעל, מיט אַ חוצפה'דיגען בליק, איז צוגעגאַנגען צו דער גרופקע, האָט לאַנגזאַם אַראָבגענומען דעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה פון די אַקסלען און ענטשלאָסען און זיכער אַ זאָג געטהון:

—איך האָב אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז מילאָסלאַווקע איז אַ הפקר־וועלט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען, אַז אין אַ שטעדטעל אַריין זאָל קומען עפעס אַ שגץ, אַ פאַרך, אַ שנעק און טהון וואָס איהם געפעלט! בע־טראַכט נאָר! ס'קומט צופאָהרען אַ שרייבער, פיהרט איין אַ שקאָלע—און גאָרנישט! קיינער מאַכט זיך גאָרנישט וויסען! ס'איז דאָך פשוט סדום!

—איסר איז גערעכט!—האָבען אַלע מסכים געווען.

—וואָס איז?—האָט איסר ווייטער גערעדט—וואו זענען די

בעלי־בתים? וואו זענען מענשען? וואו איז דאָס שטעדטעל? גע־קומען אַזאַ שגץ—האָט מען איהם באַלד נאָך אין ערשטען טאָג געדאַרפט אַרויסיאָגען פון שטעדטעל און איהם אַזוי אָנלערנען, אַז ער זאָל שוין פערזאָגען אַ צעהנטען דאָ אַהער צו קומען...

—דו, איסר, האָסט, ווייזט אויס, פערגעסען, אַז יודען זענען אין גלות...—האָט זיך אָנגערופען דער סופר, אַ קליינינטש־קער אַלטינקער מיט אַ פאַרמעט-פּנים און טריבע אויגען.—ס'איז גרינג צו זאָגען: אַרויסיאָגען... און ווי אַזוי ווּעסטו איהם אַרויס־יאָגען? וואָס קאָנסטו איהם טהון אָך—אָך—אָך!

—עט! ס'איז גאָרנישט אַזאַ שווערע הלכה! מ'דאַרף זיך נאָר נעהמען דערצו—האָט איסר געענטפערט—מ'דאַרף נאָר אַוועק־טראָגען צום סטאַנאָוואָי אַ פונט טהיי און עטליכע רובל—און מאָרגען וועט שוין דער שנעק אין שטעדטעל נישט זיין!

—דעם סטאַנאָוואָי... אַ פונט טהיי... האָט זיך אַנ'אַלטינ־קער יודעל אָנגערופען, דרעהענדיג סקעפּטיש מיט'ן קאָפּ. דו פערגעסט נאָר, אַז דו האָסט צו טהון מיט אַ „שרייבער", הויב נאָר אָן מיט איהם—וועט ער ס'גאַנצע שטעדטעל אומגליקליך מאַכען. דו קענסט, זעה איך, נישט דידאָזיקע חברה!... מעגסט בטוח זיין, אַז מיט'ן סטאַנאָוואָי, וועט דער משומד זיך גיכער צונויפריידען ווי מיר!

—נאָך וואָס צום סטאַנאָוואָי! מ'קאָן זיך מיט איהם אויף אַנ'אַנדער אופן אָבפערטיגען!—האָט איסר געזאָגט—מ'קאָן איהם פּאַקען ערגעץ אין אַ שטיל געסעל און אָנברעכען די ביינער. קיינער וועט נישט זעהן, נישט הערען... דאָס איז ס'בעסטע מיטעל קעגען אַזאַ פירה! נאָך אַזאַ עליה, וועט ער שוין עוקר זיין וואוהין דער פעפער וואַקסט!

—דאָס איז נישט קיין יודיש מיטעל!... דאָס איז נישט קיין יודישע תחבולה!—האָט דער אַלטער סופר פּראָטעסטירט, דרעהענדיג מיט'ן קאָפּ.

—דו איסר פערגעסט איין קלייניגקייט,—האָט זיך אָנגע־רופען אַנ'אַלטיטשקער מיט אַ שאָקלענדיגען קאָפּ און טרעהריגע אויגען.—דו פערגעסט, אַז אויף צו שלאָגען דאַרף מען האָבען

כח... גבורה!... וואו האָבען מיר גבורים? מעגסט זיכער זיין, אַז ער האָט מעהר כח ווי מיר אַלע צוזאַמען! קיינער פון אונז עסט דאָך נישט קיין חזיר... און ער האָט שוין מסתמא עטליכע פוד חזיר אויפגעגעסען... וואָז-זשע קאָנסטו מיט איהם מאַכען!.

—לפי דעתי,—האָט זיך אָנגערופען אַ הויכער יוד, אַ מלמד—לפי דעתי, כ׳זאָג עס גאַנץ אָפען, ווענדט זיך אַלץ אָן רבי חיים׳קע! ער איז דער רבו! ער איז דער בעל-הבית פון שטאָדט, דער מרא דאתרא, און ווען ער זאָל ווען, וואָלט דער שגץ שוין לאַנג זיך נישט געפונען אין שטעדטעל! יאָ, כ׳וועל עס זאָגען אָהן מורא!—רב חיים׳קע איז טאַקע אַ שענער, פרומער יוד, אָבער אַחוץ זיין „יורה-דעה" טהוט ער גאָרנישט, און וויל גאָרנישט וויס ן... מיר זענען געזעסען ביי איהם געוועזן און דערצעהלט, אַז ס׳איז אָראָבגעקומען עפּעס אַ שרייבער, וואָס קאָן דאָ אָנטהון אין שטעדטעל שלעכטס, גאָט זאָל שומר ומציל זיין!... און ער—גאָרנישט, ער האָט געקרעכצט, געזיפצט, גע-זאָגט, אַז יודען זענען אין גלות און דאָס גאָר!

—שאַ! ס׳איז אַ חוצפה אַזוי צו ריידען וועגען ר׳ חיים׳-קען!—האָט איסר אויפגערעגט געשריען.—מיר זענען אַלע נישט ווערט דאָס מינדסטע פינגערל פון זיין פוס!... איך בין אויך געוועזן ביי איהם און מיט איהם גערעדט. ער האָט זיך שיער צעוויינט, ער איז אינגאַנצען צוברָאָכען... אָבער וואָס קאָן ער דען טהון דערצו?

—ס׳טייטש, וואָס?—האָט איין מלמד אויסגעשריען.—ער איז רבו! ער קאָן בעפעהלען! ער קאָן אפילו דעם אשמדאי אַליין אויך בעפעהלען! האָט ער דען נישט געקאָנט ביז איצט צונויפ-רופען אַן׳אסיפה?

—שטילער!—האָט איהם איסר איבערגעריסען—דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט! בעפעהלען! דו פערגעסט, אַז רב חיים׳קע קאָן גאָרנישט איצט אַזוי שטאַרק בעפעהלען... דו ווייסט, דוכט זיך, גוט, אַז מ׳האָט איהם שוין פאַר אַ האַלב יאָהר שכירות נישט בעצאָהלט און אַז אַ סך בעלי-בתים זענען מיט איהם נישט צופרידען... און ווען ער וואָלט כאָטש געוואוסט, אַז די בעלי-

בתים אַליין וועלען יאָ זיין אויף זיין זייט... זעהסט דאָך: דער משומד האָט נאָר בעוויזען צו קומען, האָבען איהם שוין אַלע אָבגעגעבען די קינדער...

—די ווייבער!—האָט עמיצער אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט.

—די ווייבער טהון גאָרנישט אָהן די מענער...

—פאַרוואָס עפּעס ווייבער, פאַרוואָס עפּעס מענער, אַז די מלמדים אַליין חבר'ן זיך מיט איהם און גיבען איהם אָב זייערע תלמידים...—האָט דעם סופר'ס זוהן, אַ יונגערמאַנטשיק, זיך אַריינגעמישט און אַ קוק געטהון אויף יאָסלען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שווייגענדיג אין דער זייט.

יאָסעל, שטאַרק צעמישט פון דעם אומגעריכטען פאָר-וואורף, איז אונזיכער צוגעגאַנגען צו דער גרופּע און מיט פער-ביטערונג געזאָגט.

—דו רעדסט אַנטקעגען מיר, שמערעל... אָבער ס'איז זיך לייכט צו ריידען!... אלע ווייכען אין וואָס פאַר אַ מעמד איך בין געווען... וואָס וואָלסטו געטהון אויף מיין אָרט? „אַל תדין את הבירך עד שתגיע למקומו״! דו וואָלסט זיך אָבגעזאָגט פון די תלמידים? און וואָלסט געוואָלט בלייבען אָהן פרנסה? וואָס? כ'פרעג אייך אַלעמען: בין איך שולדיג, אַז גדליה מירעס האָט זיך איינגע'עקשנ'ט זיינע קינדער זאָלען לערנען רוסיש? איז מיך דען ווער חושד, אַז איך בין צופרידען מיט'ן שרייבערס קומען?.. אויב ס'קלערט ווער דאָס, זאָל ער עס אָפען זאָגען...

אַלע זענען מבובל געוואָרען פון דערדאָזיגער רעפּליקע און, כּדי אַ סוף צו מאַכען צו דעם סכסוך, האָט איסר אויסגע-רופען:

—ניין, פערשטעהט זיך, אַז צו דיר, יאָסעל, האָט קיינער גאָרנישט. נישט דו ביזט שולדיג, נאָר גדליה. דער טייוועל ווייסט איהם, וואָס מיט איהם איז געוואָרען זייט ער איז אַוועק אין „טיף ראַסיי״...

—הערט אויס!—האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגערופען דער מלמד מיט'ן בייזען פּנים.—לאָמיר נישט ריידען דערפון, ווער ס'איז שולדיג, מיר זענען אַלע שולדיג! איצט מוזען מיר עפּעס טהון

דערצו!... מ'קאָן עס נישט אַזוי לאָזען. איך בין זיכער, אַז דער שרייבער איז נישט אַליין, מיט זיין אייגענעם רצון, געקומען צו אונז, נאָר די ווילנער חברה האָבען איהם געשיקט. זיי זענען זיך תּמיד אַזוי נוהג, די צרה איז נישט אינ'ם רוסיש לערנען, ס'זענען דאָ פיל פרומע און עהרליכע יודען, וועלכע קאָנען שרייבען און לייענען רוסיש. ס'אומגליק איז אינ'ם „יודישקייט"... איהר פערשטעהט—אינ'ם יו-דיש-קייט! די חברה איז זעהר פאָרזיכטיג, זיי טרעטען נישט אַרויס בפרהסיא, נאָר זיי אַרבייטען בסוד. זיי האָבען ספרים חצונים, אין וועלכע ס'שטעהט שרעקליכע זאַכען. אויב דער אפיקורס וועט זיך דאָ בעזעצען, וועט ער אַריינבערענגען די „זאַראַזע" אומעטום, אין חדר, צווישען יונגוואַרג, דעם וועט ער זאָגען אַ וואָרט, דעם צווייטען וועט ער געבען אַ ביכעל—און וועט ער נאָר אַראָבפיהרען פון דרך הישר אַ צוויי-דריי יונגלעך—איז שוין אַ סוף!—וועט זיך אָנהויבען אַ שרפה, וועלכע מ'וועט שוין נישט קאָנען איינלעשען... די „זאַראַזע" מוז שוין ווערען אויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל, שוין היינט, מ'טאָר קיין איין טאָג נישט פערזוימען!

דעם מלמד'ס הייסע רעדע האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אַלע האָבען געשוויגען, קלערענדיג וואָס צו טהון.

גרשון שמש, וועלכער האָט שווייגענדיג און אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם שמועס, האָט זיך אומגעריכט אַריינגעמישט:

—זייט מיר מוחל, וואָס כ'האָב די העזה זיך אַריינצומישען אין געשפּרעך—האָט ער בעשיידען, נאָר מיט אינערליכער זיכערקייט געזאָגט. איהר רעדט אַלץ וועגען דעם שרייבער, אַז ער איז פון דער „חברה", אַז ער איז אַ טרפניאַק, אַ משומד... מיר דוכט זיך, דאָס איהר האָט במחילה אַ טעות. איך בין טאַקע נישט קיין גרויסער למדן, נאָר אויגען האָב איך דאָך... מיט דריי טעג צוריק איז דער שרייבער דאָ געווען ביי מנחה. דערנאָך איז ער איבערגעבליבען און איז אַ צווי שעה געזעסען ביי דער גמרא און הויך געלערנט... איך האָב זיך איינגעהערט, און לויט מיין מיינונג, איז ער נישט קיין טרפניאַק! ער האָט גע-

לערנט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ מתיקות, מיט אַזאַ ניגון—זאָגט זיך. וואָס איהר ווילט—אַ חזיר׳ניק וואָלט דאָס נישט געקאָנט!...

—אַ—אַ! הערט איהר, הערט איהר, אַז ער זיצט איבער דער גמרא!—האָט זיך אָנגערופען דער בייזער מלמד-ווייסט איהר דען, וואָס דער טייטש דערפון איז? ווייסט איהר, אַז די פער-ברענטסטע אפיקורסים, די כופרים בעיקר זיצען אויך ביי דער גמרא? זיי לערנען ספּעציעל גמרא כדי צו וויסען ווי אַזוי כופרים צו זיין.

—אָבער דער ברען... די מתיקות...—האָט גרשון זיך נאָכ-אַמאָל געפּרובט.

—הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען!—האָט זיך פּלוצלונג אָבגערופען אַ זקן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ זייט.—יעדע זאַך דאַרף מען בעטראַכטען פון אַלע זייטע זיי-טען. איך רעכען, אַז מנחם איז גערעכט: מ׳דאַרף דאָס שלעכטס באַלד מיט׳ן וואָרצעל אויסרייסען. נאָר מ׳דאַרף וויסען ווי אַזוי דאָס צו טהון. פריהער דאַרף מען זיך גוט צוקוקען צו דעמדאָ-זיגען פאַרשוין. איך האָב איהם אויך געזעהן אויף דער גאַס. אמת, אז ער געהט געקליידעט ווי אַנ׳אפיקורס, נאָר ער זעהט גאַנץ אָרענטליך אויס. גלויבט מיר, איך האָב אַ חוש... און לויט מיין מיינונג, דאַרף מען, איידער מען ווענדט אָן דעם מדת הדין, פריהער פּרובען מיט מדת הרחמים, ווי יודען זאָגען מחויב... ווער ווייסט, אפשר איז אין איהם נאָך געבליבען אַ יודישער ניצוץ—און עס איז נאָך מעגליך איהם מחזיר בתשובה צו זיין?

—אמת... אמת...—האָט דער סופר מסכים געווען און האָט אַ טיפען קרעכץ געטהון.

—און ווער וועט מיט איהם ריידען?

—זאָל יאָסעל מיט איהם ריידען!—האָט זיך דעם סופר׳ס זוהן מיט אַ גיפטיג שמייכעלע אָנגערופען.

—געהט ער צום טייוועל! לאָז דער מלאך המות מיט איהם ריידען!—האָט יאָסעל אויסגעשריען.

—שאַ! וואָס ביזטו אַזוי אין כעס געוואָרען?—האָט דער אַלטער בערוהיגט יאָסלען.—טאַקע דו! דו וועסט זיך דאַך מיט

איהם יעדען טאָג זעהן. אָט וועסטו זיך צו איהם צוקוקען, וועסט מיט איהם פערפיהרען אַ שמועס וועגען גמרא, וועסט חוקר ודורש זיין ווער ער איז, דערנאָך וועסטו ביסלעכווייז אָנהויבען איהם מדריך זיין: וואָס פאַר אַ תּכלית? וואָס פאַר אַ זין? דו ביזט דאָך נישט קיין נאַר, וועסט שוין וויסען ווי אַזוי צו ריידען.

—זאָל גלייכער איסר מיט איהם ריידען-האָט יאָסעל פאַרבעלעגט.

—ס'וועט נישט שאַדען, אַז איהר וועט ביידע, אי דו, אי איסר, מיט איהם ריידען.

—איך פון מיין זייט בין גרייט,—האָט זיך איסר, לאַכענדיג, אָבגערופען.—איך וועל, נאַטירליך, פרובען מיט איהם ריידען מיט גוטען, וועל איך פועל זיין—איז גוט, אַז נישט—וועל איך זיך נישט שעמען איהם אָראָבצולאָזען אַ פּאָר פעטש. דערצו בין איך אַ מזיק.

אַלע האָבען זיך פרעהליך צעלאַכט.

—דו אייל זיך נישט אַזוי מיט די פעטש—האָט איהם דער גוטמוטיגער אַלטיטשקער געזאָגט,—פאַטשען אַ מענשען איז נישט אַזאַ גרויסע חכמה. דו פרוב אַפריהער צעבלאָזען אין איהם דעם יודישען ניצוץ... דאָס איז דער עיקר.

—איהר שפּילט אייך מיט פייער, זאָג איך אייך!—האָט זיך דער בייזער מלמד אָנגערופען. מיין מיינונג איז, אַז מיר דאַרפען ביי איהם קיין שום פונק נישט זוכען... אין דער צייט, וואָס איהר וועט זוכען ביי איהם דעם „יודישען פונק"—וועט ער דערווייל פערזייהען הונדערטער פונקען פון אפיקורסות, וועלכע וועלען זיך צעברענען אין אַ העלישען פלאַם! איבריגענס, טהוט ווי איהר פערשטעהט.—און ער איז בייז אָבגעגאַנגען אין אַ זייט.

## יא

בּיז פרייטאָג האָט איציקאָוויטש שוין ענדגילטיג געהאַט צונויפגעשטעלט זיינע „אוראָקען" און האָט זונטאָג געזאָלט צו־טרעטען צו דער אַרבּייט.

וועגען אַ וועלכער עס איז פּעדאַגאָגישער מעטאָדע האָט איציקאָוויטש, נאַטירליך, קיין שום אַהנונג נישט געהאַט. נישט נאָר וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל קיין קינדער נישט געלערנט, נאָר ער האָט נאָך אפילו קיינמאָל נישט געזעהן ווי אַזוי מען לערנט מיט אַנדערע. דאָס איינציגע אויף דעם געבּיט, וואָס ער האָט געוואוסט איז געווען דער אופן ווי איינער פון די ווי־טעבּסקער אפּיקורסים האָט איהם געלערנט רוסיש. און ער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז די איינציגע מעטאָדע פון לערנען. און אין אַלגעמיין האָט דאָס לעהרעריי זיך איהם אויסגעוויזען אַלס אַ זעהר גרינגע און פּשוט'ע זאַך: אויסלערנען דעם שילער דעם אַלפאַבּעט, צווייזען איהם ווי צונויפצושטעלען זילבּען, צווינגען איהם זיך אויסצולערנען פון אויסענווענדיג, פאָרגיבּען איהם צו שרייבּען פון פאָרשריפטען, אָדער פונ'ם בּיכעל אַרויס.

נאָך וועניגער האָט זיך איציקאָוויטש געקימערט וועגען זיינע אייגענע קענטעניסען. ער האָט געקענט דייטליך און שען שרייבּען יודיש און רוסיש. ער האָט געקענט דעם דייטשען אַלפאַבּעט. ער האָט נישט איבּריג פליסיג, אָבּער נישט פּעראַי־קענדיג זיך געלעזען אַ לייכט רוסיש בּיכעל. ער האָט געקענט אויף אויסענווענדיג אַ צעהנדליג משלים פון קרילאָוו'ן. ער האָט געקענט כמעט אָהן גרייזען די גראַמאַטיק בּיז „גלאַגאָל" און די פיער אַריפמעטישע אָפּעראַציעס. דידאָזיגע קענטעניסען האָבּען זיך איציקאָוויטש'ן אויסגעוויזען אַזוי גרויס, דאָס ער איז זיכער געווען, אַז עס דאַרפען געדויערן יאָהרען בּיז די שילער וועלען דאָס אַלץ זיך אויסלערנען.

זייענדיג אַזוי זיכער אין זיינע קענטענישען האָט איציקאָוויטש דאָך זיך נישט געקאָנט בעפרייען פון אַ געוויסער איבערליכער אונרוהיגקייט. אויסלערנען קינדער לעזען און שרייבען איז טאַקע נישט קיין קונץ, אָבער אין תּוך אַריין?... די בעלי-בתים וועלען דאָך צאָהלען מיט מזומן געלד, מיט ממשות׳דיגע רובלס און האַלבע רובלס—און וואָס וועט ער זיי, אייגענטליך, געבען דערפאַר? וואָרום נישט קוקענדיג דערויף, וואָס איציקאָוויטש פלעגט אומעטום טענה׳ן, אַז היינטיגע צייטען מוז מען זיך לערנען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער פלעגט זיך כסדר אַליין איינשמועסען, אַז בילדונג איז זעהר אַ וויכטיגער ענין, האָט ער אָבער טיף אין זיך בעטראַכט די בילדונג פאַר אַ לייכטזיניגע, נישטיגע זאַך, אָהן וועלכער מ׳קאָן זיך לייכט בעגעהן און איהם האָט דאָס ווילד אויסגעזעהן, וואָס ערנסטע מיושב׳ע בעלי-בתים בעשטעהן צו צאָהלען איהם ממש געלד פאַר זיין אַרבייט. און די לאַגע פון אַ לעהרער האָט איהם אויסגעוויזען נישט זיכער און באָדענלאָז.

איינאָרדנענדיג זיך מיט די „אוראָקען", האָט איציקאָוויטש זיך גענומען אַדורכקוקען זיינע לעהר-ביכער. ער האָט גענומען דאָס לעזע-בוך, האָט איבערגעקוקט עטליכע בלעטער, אַ בליק געטהון אין דער גראַמאַטיק, אין דער אַריפמעטיק און בערוהיגענדיג זיך, האָט ער עס אַוועקגעלעגט. די לעהר-ביכער פון היסטאָריע און געאָגראַפיע האָט ער אפילו נישט געעפענט. ער איז זיכער געווען, אַז די העכערע למודים וועט איהם אין שטעדטעל נישט אויסקומען צו בענוצען. דאָס בלויז, וואָס ער בעזיצט דידאָזיגע ביכער, כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיי נישט אַריינגעקוקט, האָט איהם אויסגעוויזען ווי די וויסענשאַפטען וואָלטען איהם נישט פרעמד געווען. און ווען עס וואָלט איהם ווער עס איז אַ פרעג געטהון, צי ער קען היסטאָריע און געאָגראַפיע, וואָלט ער גאַנץ אויפריכטיג געענטפערט:

—ס׳טייטש קענען געשיכטע און געאָגראַפיע! געשיכטע און געאָגראַפיע זענען נישט אַזעלכע פשוט׳ע זאַכען, וועלכע מ׳קאָן אויסלערנען אינגאַנצען. זיי האָבען קיין גרונד נישט

נאָר פיל דערפון קען איך, ס'הייסט דעם עיקר—דעם אָנהויב און דעם סוף... כ'האָב אפילו ביכער פון געשיכטע און געאָ-גראַפיע, אין וועלכע ס'איז אַלץ דאָ פון אָנהויב ביז'ן סוף!

די לעצטע עטליכע טעג האָט איציקאָוויטש אונטער פער-שידענע אויסריידען אויסגעמיטען צו געהן אין שוהל אַריין. נאָר פרייטאָג-צו-נאַכטס איז ער אַהין געגאַנגען מיט'ן בעל-הבית פון זיין קוואַרטיר, מיט לייוויק'ן.

אין שוהל האָבען אַלע מתפללים קיין אויג פון איהם נישט אַראָבגעלאָזט. פון אַלע זייטען האָט ער זיך בעגעגענט מיט שטרענגע, בייזע חוזק'דיגע און אין בעסטען פאַל, נייגעריגע בליקען. עטליכע יונגלעך האָבען די גאַנצע צייט פון דאַווענען נישט אָבגעטרעטען פון איהם, זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און עקשנות'דיג געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ ווילדע חיה. איינער פון זיי האָט אפילו געפרובט איהם אָנריהרען מיט אַ האַנד, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי דאָס איז נישט קיין חלום נאָר אַ ממשות'דיגער מענש.

פאַר קריאת התורה איז צו איהם צוגעקומען איסר, דער יונגערמאַן, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אינ'ם שמועס פון די מלמדים. ערנסט און זעלבסטצופרידען, מיט אַ הויך אויפגעהוי-בענעם קאָפּ, נאַכלעסיג פערוואָרפען דעם טלית אויף די אַקסלען, איז ער צוגעגאַנגען צום לעהרער און מעשה בעל-הבית האָט ער הויך געפרעגט:

—דאָס ביזטו דער לעהרער?

איציקאָוויטש האָט אַ צאַפּעל געטהון פון דעם אונגעריכטען אויסרוף, ער האָט זיך שנעל אומגעקעהרט און דערזעהענדיג פאַר זיך דעם אונבעקאַנטען פיין געקליידעטען בעל-הבית האָט ער אייליג און פערלוירען געענטפערט:

—יע, איך...

—פון וואַנען ביזטו?

—פון וו...

—און רעכענסט דאָ צו בלייבען?

דוכט זיך... כ'ווייס נישט... איך וועל זעהן...

איציקאָוויטש'ן האָט וועה געטהון אי דער שטרענגער בעפעהלערישער טאָן פון פרעגער און אי זיין ווענדען זיך צו איהם אייף „דו", נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט וועמען ער האָט פאַר זיך און די ברייטע זילבערנע עטרה האָט איהם זעהר אימפּאָנירט, האָט ער בעשלאָסען צו ענטפערן בעשיידען און דרך-ארצ'דיג.

איסר'ן ווידער איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם לעה-רערס בעשיידענקייט און דרך ארץ און ער האָט ווייטער גע-צויגען אין פריהערדיגען טאָן:

—און קיין אַנדער מלאכה האָסטו שוין נישט גַעקאָנט געפינען?

—וואָס איז פאַר אַ פראַגע!—האָט איציקאָוויטש בעשיידען געענטפערט—פערשטעהט זיך, דאָס ווען איך וואָלט געקאָנט גע-פינען אַנ'אַנדער בעשעפטיגונג, וואָלט איך זיך דערמיט נישט פערנומען...

דערדאָזיגער ענטפער האָט איסר'ן נאָך מעהר גוט גע-שטימט צום לעהרער. „ניין, ער איז נישט קיין שגץ, מ'קאָן מיט איהם ריידען",—האָט ער אַ טראַכט געטהון און זעצענדיג זיך נעבען איציקאָוויטש'ן, האָט ער איהם ווייך געפרעגט:

—אויף וויפיל האָסטו שוין „אוראָקעס"?

—המ... נאָך ווייט פון אַנ'עשר צו ווערען...

—אָבער דאָך אויף וויפיל?

—אויף אַ רובל אַכט...—האָט איציקאָוויטש געענטפערט, בעהאַלטענדיג אומישנע דעם אמת'ן צושטאַנד פון זיינע פער-דינסטען.

—גאָר קלאָגעדיג, גאָר קלאָגעדיג!—האָט איסר מיט אַ ביסעל מיטגעפיהל געזאָגט,—אַכט רובל! וואָס איז עס פאַר אַ געלד!... ממה נפשך: אז עסען חזיר—זאָל שוין רינען איבער דער באָרד. אויב שוין נישט קלערען אויף קיין תחלית, איז כאָטש איצט הנאה האָבען. און אויב ווידער נישט דאָס און נישט דאָס יאָ וואָס פאַר אַ זין, וואָס פאַר אַ תכלית האָט עס? נישט וואָהר?

—געוויס!—האָט איציקאָוויטש אַ שמייכעל געטהון.
שוויגענדיג אַ ווײלע, האָט איסר נאָכאַמאָל געפרעגט:
—כ׳האָב געהערט, אַז דו קענסט אין די קליינע אותיות?
—אַ ביסעל...
—זאָג זשע מיר דעם אמת: ציהט עס דיך נישט צוריק צו דער גמרא? צום יהדות?
—און אַז ס׳ציהט מיך יע?—האָט איציקאָוויטש מיט אַ זיפץ געענטפערט. איהר ווייסט נישט דאָס שפּריכוואָרט: אַז מ׳קאָן נישט אַריבער, גיי מען אַרונטער...
איסר האָט איינגעשטימט מיט דער ריכטיגקייט דערפון און האָט ביי זיך בעשלאָסען: „גענוג פאַר׳ן ערשטען מאָל", און פערריכטענדיג זיך דעם טלית אויף די אַקסלען האָט ער פריינדליך אַ זאָג געטהון:
—אויב אַזוי, אויב דו קענסט לערנען, וועלען מיר נאָך שמועסען. איך וועל דיך ווען עס איז פערבעטען צו מיר אויף טהיי.
און ער איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט אַזוי שטאָלץ, ווי ער איז געקומען, שלעפּענדיג קאָקעטיש נאָך זיך דעם טלית איבער דער פּאָדלאָגע, ווי אַ זיגערישער האָהן שלעפּט נאָך די פליגעל...

## יב

נאָך אַ פּעטען, שווערען, זאַטען שבת׳דיגען מיטאָג, ווען לייוויק און חנה-לאה האָבען זיך צוגעלעגט שלאָפען, איז איציקאָוויטש אַריין צו זיך אין צימערל און בסוד סודות פעררוי־כערט אַ פּאַפּיראָס. אַראָבזעצענדיג זיך פאַר׳ן אויוועלע און אַריינ־לאָזענדיג דאָרט דעם רויך פון מויל, האָט ער זיך גענומען דערמאָהנען זיין נישט ווייטע פערגאַנגענהייט. ער האָט געלעבט אין הונגער און קעלט, ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי

זאָט אָנגעגעסען ווי היינט, דערפאַר אָבער, ווי פרעהליך און גוט ער פלעגט פערברענגען דעם שבת! אויף דער בשותּפוּת׳-דיגער קוואַרטיר, וואו ער האָט געוואוינט מיט נאָך עטליכע אַרויסגעטריבענע ישיבה-בחורים פלעגען זיך צונויפקומען אַ חברה משכּילים. מ׳האָט געפיהרט אינטערעסאַנטע שמועסען, מ׳האָט געלעזען ביכער, מ׳האָט אַרומגערעדט קאָמפּליצירטע רעליגיעזע פראַגען, מ׳האָט געבויט פּלענער. אַלע זענען געווען פערנומען מיט׳ן געדאַנק וועגען ענטוויקלונג, בילדונג. ס׳איז געווען ליכטיג אויף דער נשמה. ס׳האָט זיך לייכט געלעבט, געגלויבט אין לעבען, אין דער צוקונפט... און דאָ? ווי אַלץ איז פערלאָשען געוואָרען! נישטאָ קיין נאָהנטער מענש אַרום זיך, מ׳הערט נישט קיין פריש וואָרט. איינער אַליין אין טיפען וואַלד...

איציקאָוויטש האָט דעררויכערט דעם פּאַפּיראָס, זאָרגפעלטיג איהם פערדרוקט אין אַש, טיף אָפּגעזיפצט און איבערגעהענדיג זיך הין און צוריק איבער׳ן צימער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטערל, וועלכעס איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שטיל געסעלע, אין וועלכען ס׳האָבען זיך אינגאַנצען געפונען וויט אָפּגערוקט איינס פונ׳ם אַנדערן, עטליכע כאַטקעס. נאָך דעם געסעל האָבען זיך געצויגען סעדער און נאָך וויטער האָט זיך געטונקעלט אַ געדיכטער וואַלד. אין געסעל איז געווען טויט און פּוסט. נאָר ביי איין הייזעל איז געשטאַנען האַרט ביים וואַנד אַ בחור׳ל אין אַ לאַנגען סורטוק און אַ געוואַנטען היטעל און האָט אונאויפהערליך געקוקט צו לייוויק׳ס הויז, ווי ער וואָלט עפּעס ערוואַרט.

שטעהענדיג אַזוי עטליכע מינוט אונבעוועגליך האָט דאָס בחור׳ל גענומען זיך דרעהען הין און צוריק איבער׳ן געסעל. באַלד איז אַרויסגעקומען שרה׳קע, לייוויק׳ס אייניקעל. דאָס בחורל האָט זי אָפּגעשטעלט און זי עפּעס אויסגעפרעגט. ענטפערענדיג איהם האָט דאָס מיידעלע אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף איציקאָוויטשעס דאַך-שטיבעל. און ווען דאָס מיידעלע איז אַוועקגעגאַנגען האָט דאָס בחור׳ל פאָרזיכטיג זיך אַרומקוקענדיג געשווינד אַריין אין הויז, וואו איציקאָוויטש האָט געוואוינט.

איציקאָוויטש, וועלכער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום בחור האָט פערשטאַנען, אַז וועגען איהם האָט ער זיך דאָס געפרעגט דעם מיידעל. דאָס האָט איהם בעאונרוהיגט: וואָס קאָן דערדאָ־זיגער אונבעקאַנטער בחור צו איהם דאַרפען? האָט איהם נישט אַמאָל ווער אונטערגעשיקט איהם נאָכצושפּירען? צי האָט ער נישט אַמאָל בעמערקט דעם רויך פונ׳ם פּאַפּיראָס?

ער איז אַוועק פון פענסטער און זיך איינגעהערט אין די פּאָרזיכטיגע טריט אויף די טרעפּ. באַלד האָט ער דערהערט אַ לייכטען גראַבלען ביי דער טהיר.

—ווער איז דאָרט?—האָט ער הויך און דערשראָקען גע־פרעגט.

די טהיר האָט זיך געעפענט און אין צימערל איז אַריין דער בחור׳ל מיט קוים שפּראָצענדיגע וואָנסעלעך, מיט אַנ׳אָפען מויל, בלויע העלע, נאַאיווע אויגען, וועלכע קוקען פשוט און צוטרויליך. זיין געזיכט, געראָיטעלט פון אויפרעגונג איז געווען ווי בעשטראַהלט פון אינערליכער התלהבות.

—דאָס בין איך... איך!—האָט ער מיט אַ ציטערנדיגער שטים געענטפערט, שמייכלענדיג צומישט און זיך אַרומקוקענדיג. איך האָב זיך דאָ אַהערגע׳גנב׳עט קיינער זאָל מיך נישט בע־מערקען... איך וויל... כ׳דאַרף מיט אייך עפּעס ריידען... איך... איך בין... אַ משכיל!—האָט ער שעפּטשענדיג, פייערליך אַ זאָג געטהון.

—שאַ! שטילער!—האָט איציקאָוויטש דערשראָקען איהם אָב־געשטעלט און זיך אומגעקוקט.—ווער ביזטו?

—איך בין—אלי׳ שמואל־חיה׳ס. מיין פאָטער האַלט די קרעטשמע און האַנדעלט מיט ברויט... איהר האָט מיך געזעהן אין שוהל... ס׳הייסט איך האָב אייך געזעהן...

איציקאָוויטש האָט אויפגעעפענט די טהיר אַ קוק געטהון אין בוידעם און איבערצייגענדיג זיך, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ, האָט ער שוין רוהיגער געפרעגט:

—אַלזאָ, וואָס־זשע ווילסטו? וואָס האָסטו צו זאָגען

—ערשטענס וועל איך אייך זאָגען—האָט אלי׳ מיט אַ זעהר

ערנסטער, כמעט טראַגישער שטים געענטפערט,—היט אייך! איהר קאָנט אייך נישט פאָרשטעלען ווי די פרומע יודען זענען בייז אויף אייך! וואָס זיי ריידען! אוי! אוי! כ׳האָב נעכטען געהערט ווי זיי שמועסען וועגען אייך, האָב איך געציטערט!

—וואָס האָבען זיי גערעדט?—האָט איציקאָוויטש אונרוהיג געפרעגט.

—וואָס? אַלץ! אַלץ וואָס איהר ווילט נאָר! דאָס איהר זענט פון ווילנאָ, דאָס איהר זייט אַ שרעקליכער אפיקורס, אַז אייך האָט דאָ אַהערגעשיקט די „חברה" איהר זאָלט אָראָבפיה-רען ס׳גאַנצע שטעדטעל פון יודישען דת... אַ שרעק! אַ שרעק!

—דאָס איז נישט אמת!—האָט איציקאָוויטש אויסגערופען, בלאַס ווערענדיג—איך בין גאָרנישט...

—הערט ווייטער!—האָט איהם אלי׳ איבערגעריסען.—ווייסט איהר ווער עס האָט זיך פאַר אייך איינגעשטעלט? איהר וועט נישט גלויבען! דער שמש. ער האָט אַלעמען פערזיכערט, אַז איהר זענט אַ גאַנצע נאַכט געזעסען אין בית-המדרש און הייס געלערנט... כאַ-כאַ!

אלי׳ האָט זיך פרעהליך צולאַכט. איציקאָוויטש איז אויך מונטערער געוואָרען און ער האָט שוין געוואָלט דעמדאָזיגען בחור, זיין חבר בדעה ערקלערען, אַז ער האָט דאָס ספעציעל געטהון, אָבער ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז, אייגענטליך קען ער דאָך נאָך נישט דעם בחור און ווייסט נישט, צי מ׳קאָן זיך איהם אָנפערטרויען.

—הער זיך איין, וואָס כ׳וועל דיר זאָגען!—האָט ער איהם געזאָגט—איך קען דיך נישט און כ׳קאָן מיט דיר נישט זיין אָפענהערציג. אויב דו ווילסט כ׳זאָל דיר גלויבען, אַז דו ביזט אַ משכיל, טאָ פעררויכער, גלייך, אַ פאַפיראָס!...

—פעררויכערן!... אַ פאַפיראָס?—איז אלי׳ ערשטוינט גע-וואָרען פון דעם אונגעריכטען פאָרשלאָג, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט אין וואָס עס געהט און האָט זיך ברייט צו-שמייכעלט:

—אדרבה!—האָט ער אויסגעשריען,—כאָטש איך רויכער,

אייגענטליך, נישט, נאָר אום אײַך צו ווייזען, אַז איך בין אַנ׳-אַפּיקורס, וועל איך עס טהון. אַפילו חזיר עסען אויך!

און שמייכלענדיג האָט ער גענומען פון איציקאָוויטש׳ן אַ פּאַפּיראָס און אונגעשיקט פעררויכערט. ער האָט צוויי מאָל אַ ציה געטהון און פייערליך געפרעגט:

—נו, איצט גלויבט איהר שוין?

—איצט זעה איך, אַז דו ביזט משלנו!—האָט איציקאָוויטש ערנסט געענטפערט און אויך אַ ציה טהוענדיג פון פּאַפּיראָס האָט ער איהם פערלאָשען און עטוואָס פייערליך געזאָגט:

—גלזאָ, הער־זשע! זאָלסט וויסען זיין, אַז איך בין פון די אמת׳ע, פון די עכטע משכילים! און דאָס וואָס איך האָב געלערנט גמרא אין בית־המדרש האָב איך עס נאָר לפנים גע-טהון...

—געוויס! געוויס! ס׳איז דאָך פערשטענדליך! כ׳פערשטעה עס זעהר גוט!—האָט אלי׳ בעגייסטערט אויסגעשריען. און זיי האָבען געמיינט, אַז איהר לערנט טאַקע באמת. און ווייסט איהר וואָס זיי האָבען בעשלאָסען צו טהון?... איהר וועט עס נישט גלויבען! זיי האָבען בדעה אייך מחזיר למוטב צו זיין און ווירקען אויף אייך, איהר זאָלט אַוועקוואַרפען די לעהרעריי און זיך זעצען לערנען גמרא! כאַ־כאַ־כאַ?

—אַזוי לאַנג קרענקען זיי, ווי לאַנג זיי וועלען ביי מיר דאָס נישט פועל זיין! נאָר דאָס איז פונדעסטוועגען גוט אַזוי... ס׳איז זעהר גוט אַזוי,—האָט איציקאָוויטש אויסגערופען.

—אודאי איז עס גוט אַזוי!

—איך וועל זיי שוין אַרומפיהרען פאַר דער נאָז, כ׳וועל זיי אָבנאַרען מיט וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזען.

—אַודאי! אַודאי! און ווייסט איהר אַז דאָס, וואָס איסר עזריאל׳ס איז היינט צו אײַך צוגעקומען—דאָס איז דאָך געווען אַנ׳אָנהויב... אַנדערש וואָלט ער, נאַטירליך, צו אײַך נישט צו-געגאַנגען. איך קען איהם גאַנץ גוט!

—אַזוי גאָר? כיטרע בעסטיעס! נו, איך בין אויך נישט קיין נאַר!

—אָבער איהר דאַרפט אייך זעהר ו גן!

—זייט רוהיג, וועגען מיר! איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען. איך בין נישט קיין יונגעל—האָט איציקאָ-איטש פעסט געענטפערט—נאָר ס'איז זעהר גוט, וואָס דו האָסט מיר דאָס אַלעס איבערגעגעבען. אַ דאַנק דיר! איך וועל דיר נאָך אָבדינען!—און אַ קוק טהוענדיג אויף אלי'ן האָט ער ווי פערוואונדערט געזאָגט:

—דו ביזט. זעה איך, אַנ'אמת'ער משכיל, אָבער גאָר אַנ'אמת'ער!

—געוויס אַנ'אמת'ער!—האָט אלי' אונטערגעהאַלטען.

—ווי אַזוי ביזטו געוואָרען אַ משכיל?

—אַ! וועגען דעם איז פיל דאָ צו דערצעהלען, מ'קאָן אַ גאַנץ בוך וועגען דעם אָנשרייבען—האָט אלי' זיך געהיצט.—מיט איין האַלב יאָהר צוריק בין איך נאָך געוועזן געוואַלדיג פרום און כ'וואָלט זיכער שוין ס'גאַנצע לעבען געבליבען בלינד, ווען דער אויבערשטער וואָלט נישט געמאַכט קיין נס: מיט פינף חדשים צוריק האָט מיין פעטער, וועלכער וואוינט אין ג. חתונה געמאַכט זיינס אַ טאָכטער. מיין פאָטער איז אַהינגעפאָהרען אויף דער חתונה און האָט מיך מיטגענומען מיט זיך און דאָרט אויף דער חתונה האָב איך מיך בעקענט מיט'ן חתנ'ס ברידער. אַך! וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז! וואָס פאַר אַ מענש! ס'איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַ צווייטער צו איהם! איהר האָט אפשר געהערט וועגען איהם? מען רופט איהם אַרציק גאָלדמאַן...

—ניין, כ'האָב נישט געהערט...

—וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג ברייען! כ'וועל אַייך זאָגען בקיצור: ער האָט זיך צו מיר גענומען, ווי זאָגט מען עס: מיט ביידע הענד! לכתחילה האָב איך איהם, פערשטעהט זיך, גאָרנישט געוואָלט הערען, האָב זיך געוועהרט. אָבער ער האָט זיך צו מיר צוגעזעצט, גענומען מיך אין דער קלעם אַריין און האָט מיר בעל-כרחו אַריינגעלעגט די געדאַנקען אין קאָפּ. ער האָט מיר ערקלערט וואָס איז אַזוינס די השכלה. דערנאָך האָט ער מיר געגעבען איבערצולעזען אַ ביכעל...

ווייסט איהר וואָס? „התועה בדרכי החיים"! איהר האָט געהערט וועגען דעם? נאָך אַזאַ ביכעל איז גאָר אויף דער גאַנ-צער וועלט נישט צו געפינען! דאָס ביכעל האָט מיר די אויגען געעפענט! און איך בין אינגאַנצען אַנ'אַנד,רער מענש געוואָרען... אַך, ווען איהר וואָלט געלעזען דאָס דאָזיגע ביכעל!...

—איך האָב עס געלעזען... האָט איציקאָוויטש אַ שמייכעל געטהון.

—איהר האָט עס געלעזען? וואָס רעדט איהר? נו? וואָס זאָגט איהר דערצו? דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך אַנ'אמת'ער אבן-טוב! דערנאָך האָט מיר גאָלדמאַן געגעבען נאָך איין בי-כעל „אהבת ציון". איהר האָט דאָס אודאי אויך געלייענט?

—געוויס. פון אברהם מפו.

—דאָס האָב איך מיטגעבראַכט מיט מיר אַהער, דריי מאָל האָב איך עס אַדורכגעלייענט. כ'געדענק עס כמעט אינגאַנצען אויף אויסענוועניג... אַזאַ טיפע השכלה ווי אין „התועה בדרכי החיים" איז טאַקע דאָרט נישטאָ. נאָר דערפאַר אָבער דאָס לשון, די מליצה איז דאָך ממש האָניג! ס'הארץ איז אין מיר געוואַק-סען, לעזענדיג!

—ער האָט דיר אפשר אויך דערצעהלט וועגען די ביכ-לעך „קבורת חמור" און „חטאת נעורים"?—האָט איציקאָוויטש מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

—יע! ער האָט מיר דערצעהלט!—האָט אלי' אויסגעשריען: שוין-זשע האָט איהר די ביכלעך אויך געלעזען? און איך האָב געמיינט, אַז מ'קאָן זיי אפילו נישט בעקומען!

—עט! מ'קאָן זיי בעקומען... און אפילו זעהר לייכט... האָט איציקאָוויטש אַלץ מיט דעמזעלבען טאָן גערעדט און איינ-בויגענדיג זיך האָט ער פון אונטער'ן דיוואַן אַפּערגעשלעפּט אַ פערבונדען פעקעל העברעאישע ביכלעך.

—איהר האָט זיי!—האָט אלי' ערשטוינט אויסגעשריען.—אָ! וואָס פאַר אַ גליק! איהר וועט זיי מיר געבען?

—הער,—האָט איציקאָוויטש צו איהם ערנסט געזאָגט.—דו ווייסט דאָך גוט, וואָס עס הייסט האָבען ביי זיך אַזעלכע ביכ-

לעך? דו בעטסט מיך איך זאָל זיי דיר געבען. און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט זיי ביי דיר געפינען?...

—אָ! וועגען דעם זאָרגט אייך נישט! איך ווייס ווי צו בעהאַלטען...

—אָבער דאָך, אויב מ׳וועט זיי ביי דיר געפינען? פון וואַנען קאָן איך וויסען, אַז דו וועסט נישט אויסזאָגען ביי וועמען דו האָסט זיי גענומען?

—איך?—האָט אלי׳ ערשטוינט אויסגעשריען.—איך וועל זאָגען ביי וועמען כ׳האָב גענומען? בין איך דען פון זינען אַראָב? איך וועל זיך גלייכער לאָזען אויף שטיקער צערייסען איידער אייך אויסגעבען!

—גיב תקיעת־כף... ביי אַלעם, וואָס איז דיר הייליג, אַז דו וועסט קיינעם, קיינעם נישט ווייזען די ביכלעך...

—ניין, וואַרט נאָר...—האָט איהם אלי׳ אָבגעשטעלט—איך האָב אַ יונגערן ברודער, וועלכער ווערט אויך אַ משכיל... איך עפען איהם די אויגען אויף... איהם אַליין נאָר ערלויבט מיר צו געבען די ביכלעך... ער קען האַלטען אַ סוד...

—אַלזאָ, גוט. אָבער קיינעם נישט מעהר! שווער זיך!

אלי׳ האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

—כ׳שווער ביי אַלעם, וואָס מיר איז הייליג! כ׳שווער ביי דער הייליגער השכלה, אַז איך וועל קיינעם נישט ווייזען די ביכלעך און אַפילו מען זאָל מיך צעשניידען אויף שטיקער, וועל איך נישט זאָגען ביי וועמען איך האָב זיי גענומען!

אלי׳ס שבועה האָט איציקאָוויטש׳ן בערוהיגט און ער האָט זאָרגפעלטיג מיט אַ געוויסער פייערליכקייט פונאַנדערגעבונדען דאָס פעקעל און דערלאַנגט אלי׳ן „חטאת נעורים”.

—נעהם, נאָר היט עס ווי דיין שוואַרצאַפּעל!

## יג

אלי׳ האָט געכאַפּט דאָס ביכעל און איינעסענדיג זיך דערין מיט אַ גיריגען בליק, האָט ער עס גענומען בלעטערן און פּלוצלונג האָט ער עס אין אַ מין רעליגיעזען עקסטאַז צוגעדריקט צו די ליפּען.

—ווען דו וועסט עס דורכלעזען און מיר עס צוריקגעבען, וועל איך דיר געבען אַ צווייטס...

אלי׳ האָט זיך צעקנעפּעלט דעם קאָלנער פון העמד, אריינגעלעגט דאָס ביכעל צו זיך אויף דער ברוסט, צוריק פערשפּילעט און הייס אויסגעשריען:

—אַך, ווי דערוואַרט איך זיך שוין דעם אָוענד, ווען אַלע וועלען זיך לעגען שלאָפען! כ׳וועל זיך פערמאַכען אין צימערל און אַ גאַנצע נאַכט לעזען!

בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, האָט ער זיך צוגעזעצט און גענומען ריידען געשעפטסמעסיג:

—וועגען דעם עיקר האָב איך מיט אייך נאָך נישט גערעדט! איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך בין שוין „פריי”, דאָס איז דאָך נאָך אָבער ווייניג. וואָס טהוט מען ווייטער?

—איהר דאַרפט זיך לערנען. בעט אייער פאָטער ער זאָל אייך ערלויבען ביי מיר זיך צו לערנען. איך וועל נישט טייער נעהמען,—האָט איהם איציקאָוויטש געראַטען.

—וואָס רעדט איהר?—האָט אלי׳ אויסגעשריען.—איהר קענט נישט מיין פאָטער! ער שטרעבט מיך צו מאַכען פאַר אַ רב, האַלט מיך יום-ולילה ביי דער גמרא, קלויבט זיך מיך חתונה מאַכען... איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וויפיל איך האָב שוין געליטען פאַר די עטליכע חדשים! איך בין ווי אין קבר! טאָג און נאַכט זיצען ביי דער גמרא בעת די נשמה איז אינגאַנצען פערשלונגען פון דער השכלה! איך קאָן שוין מעהר

נישט!... ווייסט איהר, איך האָב בעשלאָסען צו אַנטלויפען פון דער היים. ווי דענקט איהר?

—אַנטלויפען איז לייכט, אָבער וואוהין?

—כ׳ווייס אַליין נישט וואוהין. אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין, וואו עס זענען דאָ משכּילים...

—און פון וואָס וועסטו דאַרט לעבען?

—וועגען דעם זאָרג איך זיך נישט—האָט אלי׳ רוהיג געענטפערט.—כ׳וועל דורכקומען! וויפיל דאַרף איך דען אויף צו לעבען! אַ חוץ דעם, אויב כ׳וועל צריינפאַלען צו „אייגענע”, וועלען זיי דאָך מיך שטיצען...

—חלילה! דערויף פערלאָז זיך נישט!—האָט איציקאָוויטש אויסגעשריען.—דערין בין איך שוין גוט ערפאַהרען! משכּילים, משכּילים און אַז עס קומט צו דער קעשענע, הערען זיי אויף צו זיין משכּילים... יעדע קאָפּיקע מוז מען ביי זיי מיט צוואַנגען אויסרייסען...

—פאַרוואָס?—האָט אלי׳ אין תמימות׳דיגער פערוואונדערונג געפרעגט.

—דערפאַר, ווייל דער רובל איז אַלעמען טייער, אי דעם משכּיל, אי דעם פּאַנאַטיק...

—נו, דאָס איז אַ קלייניגקייט... אויף דער ערשטער צייט וועט מיר קלעקען. איך קלויב שוין לאַנג געלד און האָב שוין אָנגעקליבען אַכט רובל. און וואָס ווייטער וועל איך שוין זעהן... כ׳וועל נישט פערפאַלען ווערען!—האָט ער פעסט צוגעגעבען. קיין אַנדערן אויסוועג האָב איך נישט! דאָ ווייטער בלייבען קאָן איך נישט... כ׳מוז זיך דערשלאָגען צו דער הויפּט-נעסט פון השכּלה... אָ, השכּלה, השכּלה, דו טאָכטער פון הימעל!—האָט ער פּאָעטיש אויסגעשריען. איך זעה ווי אַ ווייטען ברייטען ים, אויף וועלכען עס שווימען ריזיגע שיפען!...

—שטילער! שריי נישט! עס קען נאָך ווער דערהערען. די בעלי־בתּים זענען שוין זיכער וואַך.

—ריכטיג! כ׳האָב זיך גאָר פערגעסען, וואו כ׳געפין זיך... ווען איהר זאָלט וויסען, ווי גליקליך איך בין, וואָס כ׳האָב זיך

מיט אייך געזעהן! איצט האָב איך שוין גאָר קיין מורא נישט, כ׳ווייס, אַז איהר וועט מיך לערנען, אָנווייזען... שלעכט איז נאָר, וואָס ס׳איז זעהר שווער זיך אַריינצוכאַפּען צו אייך אומבעמערקטערהייד. אין מיטען דער וואָך קאָן איך זיך דאָך לגמרי נישט אַוועקרייסען...

ער האָט אַ קוק געטהון אין פענסטער און אויסגערופען:

—ס׳ווערט טונקעל! כ׳האָב גאָרנישט בעמערקט, ווי די צייט איז אַוועק!... מען דאַרף אַנטלויפען. דער פאָטער איז שוין געוויס געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין. נו, אַ גוטען...

ווען אלי׳ איז שוין געהאַט, זעהר פאָרזיכטיג, אַרויסגעגאַנגען, איז איציקאָוויטש לאַנג אַרומגעגאַנגען אויפגערעגט איבער׳ן צימערל. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן די פאַנטאַזיעס פון זיינע חברים אין ו., אָן זיינע אייגענע הבטחות צו „אַרבייטען“ אין מילאָסלאַוועקע און ער האָט מונטער אויסגערופען:

—וואוילו! מיר׳ן זעהן! איך וועל זיי דאָ אַריינברענגען אַזויפיל השכלה, אַז זיי וועלען האָבען צו זינגען און צו זאָגען!

## יד

זונטאָג איז איציקאָוויטש צוגעטרעטען צו דער אַרבייט. מיטנעהמענדיג מיט זיך עטליכע לעזע-ביכלעך, עטליכע פון פריהער צוגעגרייטע „פאָרשריפטען“, אַ לינעאַלע און אַ בלייפעדער, איז ער באַלד אינדערפריה אַוועק אויף די „אוראָקעס“.

דעם ערשטען אוראָק האָט ער געהאַט ביי זלמן-איסר׳ן, וועלכער האָט סוף כל סוף בעשלאָסען אָנצודינגען ביי איציקאָוויטש׳ן, אויסער די צוויי יונגערע מיידלעך, אויך די עלטערע, די, וועלכע האָט שוין גוט געלייענט, נאָר נישט געקענט קיין גראַמאַטיק. דער לעהרער האָט שוין געטראָפען זיינע דריי שילערינס ביים טיש, אויף וועלכען עס זענען שוין געווען צוגעגרייט אַלע שרייב-מאַטעריאַלען, אַ רוסישער אלף-בית און אַ העפטעל „סאָוורעמענניק“. די יונגערע קינדער אויסגעצוואָגענע

און צוגעקעמטע זענען דרך-ארצ'דיג געזעסען ביים טיש, ער-ווארטענדיג דעם לעהרער.

דער לעהרער איז צוגעטרעטען צום אוראָק: ער האָט אָב-ליגירט אַ בויגען פּאַפּיר, אָנגעשריבען אויף דער ערשטער שורה עטליכע בוכשטאַבען און געהייסען די קינדער נאָכשרייבען, ווייזענדיג זיי ווי צו האַלטען די פעדער. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו דער עלטערער, עטעל:

—נו, אַלזאָ, פון וואָס הויבען מיר אָן?...

—איך דענק... גלייך פון גראַמאַטיק...—האָט עטעל אונ-ענטשלאָסען אָנגעהויבען—נאָר כ'האָב אָבער נישט קיין גראַמאַטיק, כ'האָב אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגען. דער טאַטע איז בע-קאַנט מיט'ן סטאַנאָוואַי, וועט ער היינט צו איהם אַריינגעהן בעטען... ביי איהם מוז זיכער זיין אַ גראַמאַטיק...

—ביז איהר וועט זיך שאַפען אַ גראַמאַטיק, וועלען מיר דערווייל שרייבען דיקטאַנדע, דאָס איז אויך זעהר נויטיג...

ער האָט איהר גענומען דיקטירען פון זיין ביכעל קרי-לאָווס פאַבעלען, פערגלייכענדיג יעדעס אויפגעשריבענע וואָרט מיט'ן ביכעל, צי די שילערין שרייבט ריכטיג. דיקטירענדיג איהר די גאַנצע פאַבעל, האָט ער פעררעכט די גרייזען און איהר פאָרגעגעבען דריי מאָל איבערצושרייבען די פאַבעל און אויסלערנען זי פון אויסענווייניג. איהם האָט מען אויך אַזוי געלערנט.

—זאָגט מיר דעם טייטש פון די ווערטער, וועלכע איך פערשטעה נישט,—האָט עטעל געבעטען.—אָט האָב איך אָנגעשרי-בען די אונפערשטענדליכע ווערטער: פראָניקנוטי, ביריוזאָווי, ראָשטשאַ, וואָדושעווליעניעם.

דאָס זענען גאַנץ פשוט'ע ווערטער,—האָט איהר איציקאָ-וויטש איבערגעשלאָגען עטוואָס אונגעדולדיג.—עס איז גאַנץ לייכט זיי צו פערטייטשען. אָבער וואָס לוינט זיך דאָס? אויף איין בלעטעל האָט איהר די ווערטער, און אויפ'ן צווייטען אַנדערע...

—אַלזאָ?

—דאַרפט איהר דעריבער נישט לעזען קיין שווערע ביכער.

איהר דאַרפט לעזען פּאָולסאָנס ביכעל און דערנאָך אַ כרעסטאָ-מאַטיע—אַ ביכעל אַזעלכעס. און ערשט דערנאָך, ווען איהר וועט שוין גוט פערשטעהן דידאָזיגע ביכלעך, וועט איהר אָנהויבען לעזען דיקע ביכער און אפילו ראָמאַנען.

—אָבער איך פערשטעה דאָך, וואָס איך לעז, דעם אינהאַלט פערשטעה איך גוט!...—האָט עטעל געפּרובט פּראָטעסטירען. איך קאָן אייך דערצעהלען. וואָס כ'האָב געלייענט...

—אָ! איהר שפּאַרט זיך מיט מיר? ווער ווייסט בעסער: איך, אָדער איהר?—האָט דער לעהרער זיך אויף איהר כמעט אָנגעבייזערט און גענומען לערנען מיט די קינדער לעזען זילבענווייז (דעם אַלפאַבעט האָט זיי די שוועסטער אויסגעלערנט).

ווען דער אוראָק איז געווען געענדיגט, האָט עטעל נישט דרייסט געבעטען דעם לעהרער:

—ערקלערט מיר כאָטש דעם טייטש בלויז נאָר פון די צ״ויי ווערטער: „ראָשטשאַ״ און „גאָריזאָנט״, נאָר די צוויי ווערטער בלויז!

—„ראָשטשאַ״—דאָס איז אַ וואַלד, גאָר פּשוט. און „גאָריזאָנט״—דאָס איז אַ שענער באַרג אַזאַ!—האָט איציקאָוויטש ענטשלאָסען געענטפערט.

—אַ שענעם דאַנק אייך!—האָט עטעל אַ גליקליכע איהם געדאַנקט.

דעם צווייטען אוראָק האָט ער געהאַט ביי צירל מנחם-ט״יינעס. נישט קוקענדיג אויף דער שפּעטער שעה, האָט ער ערשט די קינדער געטראָפען ביים פריהשטיק.

צירל האָט געפרעגט דעם לעהרער:

—איהר וועט טרינקען טהיי?

—אַ דאַנק,—האָט ער געענטפערט, נישט אָבזאָגענדיג זיך.

צירל האָט איהם אָנגעגאָסען אַ גלאָז טהיי און ווייזענדיג מיטן קאָפּ אויף דעם יונגערן מיידעלע, האָט זי מיט מוטערליכען שטאָלץ געזאָגט:

—זי איז, קיין עין-הרע, אַ געוואַלדיגע חכמה! נעכטען איז דאָ ביי אונז געזעסען איינער אַנ'אַלטער מאַן, האָט זי צו

איהם געמאַכט פערשידענע מינעס, מאַכט ער צו איהר: „זאָג נאָר, מאַך דיך נישט נאַריש. איך בין אַ שדכן, און אויב דו וועסט מיר מאַכען מינעס, וועל איך עס אַלע חתנים דערצעהלען און קיינער וועט דיך פאַר קיין כלה נישט נעהמען". האָט זי איהם דערויף געענטפערט... רבקה'לע, וואָס האָסטו איהם גע-ענטפערט?

—איך האָב איהם געענטפערט: „אויב דער טאַטע וועט מיר געבען אַ סך געלד נדן, וועט מיך אַ חתן נעהמען מיט מיאוסע מינעס אויך".

צירל און די קינדער האָבן זיך ברייט צעשמייכעלט פון רבקהלעס חכמה. איציקאָוויטש האָט אויך אויס העפליכקייט אַ שמייכעל געטהון.

ווען זיי האָבען געענדיגט טהיי טרינקען, האָט דער לעה-רער אויסגעזעצט די קינדער און געגומען זיי ווייזען, ווי אַזוי צו שרייבען. צירל האָט זיך אויך צוגעזעצט און נאָך יעדער בעמערקונג פון לעהרער האָט זי צוגעגעבען:

—הערסט, זעלדעלע, וואָס מ'רעדט צו דיר?

אָדער: גנענדעלע, הער אויס מיט קאָפּ! כ'צאָל דאָך פאַר דיר געלד...

דער דריטער אוראָק איז געווען ביי ראָזאַנאָוון, וואוהין עס האָבען אויך געזאָלט קומען חנה-לאה'ס אייניקעל און דער שכנ'טעס אַ מיידעלע. ווען דער לעהרער איז אַריינגעקומען, זענען שוין אַלע קינדער געווען און, זיצענדיג אויף דער פּאָד-לאָגע, געשפּילט אין שטיינדלעך. דערזעהענדיג דעם לעהרער, זענען די קינדער אויפגעשפּרונגען און געגומען טאַנצען פאַר שמחה:

—דער לעהרער איז געקומען! דער לעהרער איז געקומען!

# יה

די פערטע לעקציע איז געווען ביי גנעסע יאַכנעס, וואו-הין עס איז נאָך צוגעקומען דאָס מיידעלע פון שפרה-לייבעס, אין וועמענס צאָהל-פעהיגקייט חנה-לאה האָט געצווייפעלט. דאָ, האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז נאָך נישט געווען קיין שום שרייב-מאַטעריאַלען. די קינדער זענען געלאָפען צו די מוטערס, אָבער זיי זענען באַלד צוריקגעקומען מיט פערוויינטע אויגען און אָהן פאַפיר און פעדער.

נאָך זיי זענען נאָכגעקומען די מוטערס.

—זיי זענען געקומען צולויפען, ווי די משוגעים,—האָט גנע-סע יאַכנעס זיך גענומען בעקלאָגען—גיב זיי פאַפיר, פעדערס, טינט, כ׳וויס אַליין נישט, וואָס נאָך!

—מ׳מוז דאָך דאָס אַלץ האָבען...—האָט דער לעהרער בע-מערקט.

—איהר פערשטעהט אַ מעשה? ווידער אַמאָל געלד! כ׳האָב נישט אָנגעגרייט, כ׳האָב גערעכענט, אַז איהר וועט שוין דאָס אַלץ מיט זיך ברענגען.

—מיר האָבען וועגען דעם נישט גערעדט. ס׳פיהרט זיך אומעטום, אַז די בעל-הבית׳טעס קויפען אַליין פאַפיר און ביכ-לעך. איהר קאָנט זיך פרעגען, וועמען איהר ווילט.

—איך האָב דאָך פריהער געזאָגט!—האָט שפרה-לייבעס זיך אָנגערופען צו גנעסע׳ן—הויב נאָר אָן מיט די לעהרערס, וועסטו שוין נישט קאָנען פון זיי זיך אָבטשעפען.

—אַלזאָ, וויפיל דאַרף מען, זאָגט שוין אַמאָל!—האָט גנע-סע בייז געזאָגט, און געגעבען די קינדער עטליכע קאָפּיקעס.

אָט די לעקציעס, וועלכע האָבען געדויערט ביז צווי נאָכ-מיטאָג, האָבען איציקאָוויטש׳ן געוואַלדיג ערשעפּט. יעדע שעה האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַן׳אייביגקייט און נאָך דער פערטער לעקציע האָט ער, אַ בלייכער, מיט קאָפּ-וועהטאָג, זיך

קיים דערשלעפּט אַהיים און פון מידיגקייט כמעט גאָרנישט גע-געסען ביי מיטאָג.

נאָך מיטאָג האָט ער נאָך געהאַט דריי לעקציעס: ביי דער געלער אסתר-דוואָשע, דערנאָך מתחילת אָווענד ביי יאָסעל אין חדר. צום סוף ערשט האָט ער געהאַט צו שרייבען די ליבעס-קאָרעספּאָנדענץ פון דעם חתן-בחור מלך-עקיבא׳ס.

אסתר-דוואָשע האָט ביים לעהרערס אַריינקומען געגומען לויפען אין שטוב, ווי אַנ׳אונטערגעשאָסענע, זידלענדיג די דינסט, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין זאַל, און זי אַרויסגעטריבען אין קיך אַריין. דערנאָך האָט זי דערלאַנגט דעם לעהרער די האַנד און, שווער סאַפּענדיג, ליידענשאַפטליך אַרויסגערעדט:

—איך האָב אייך ערוואַרט!

בעזעצענדיג דעם לעהרער נעבען זיך, האָט זי איהם מודיע געווען, אַז זי וויל זיך לערנען אַלץ מיט אַמאָל, נאָר אָנהויבען מוז מען דורכאויס פון „דייטש”. איציקאָוויטש, וויסענדיג פון פריהער וועגען איהר שוואַכקייט צו „דייטש”, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ ריין אָנגעשריבענעם דייטשען אַלפאַ-בעט. דאָס מיידעל איז דערפון ענטציקט געווען און גענומען מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטער מינע נאָכשרייבען די אותיות, וויזענדיג יעדעס אות דעם לעהרער מיט דער פראַגע: „גוט?” נאָר באַלד איז איהר דאָס פערמיאוס׳ט געוואָרען און פערלאַנגט פון לעה-רער, ער זאָל איהר ווייזען אַ „רעכענונג”. איציקאָוויטש האָט איהר גענומען ערקלערען, ווי מען שרייבט ציפערן. זי האָט אָבער, גאָרנישט פערשטעהענדיג, נאָכגעזאָגט נאָך איהם אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און אויף דער פראַגע: „פערשטאַנען?”— האָט זי געשווינד געענטפערט: „פערשטאַנען, וואָס איז דאָ נישט צו פערשטעהן!”

דערנאָך האָט זי געפּאָדערט אַ רוסישען פּאָרשריפט. זי-צענדיג אַזוי אָנגעבויגען איבערן בויגען פּאַפּיר און נאָכשריי-בענדיג די בוכשטאַבען, האָט אסתר-דוואָשע פּלוצלונג זיך אָנ-געריהרט אונטער׳ן טיש מיט איהר פוס אָן איציקאָוויטשעס פוס. איציקאָוויטש איז רויט געוואָרען, אָבער ער האָט דעם פוס נישט

אָוועקגענומען. דאָס מיידעל האָט שווער אָטעמענדיג, מיט אַ ציטערדיגער שטים פון אויפרעגונג, איהם געפרעגט, ווייזענדיג דאָס אָנגעשריבענע:

ג... גוט?...

—זעהר גוט...—האָט איציקאָוויטש מיט דערזעלבער אויפרעגונג געענטפערט און האָט אויך, ווי נישט ווילענדיג, זיך אָנגעריהרט מיט זיין פוס אָן איהרען.

אין צווייטען צימער האָט דער זייגער הייזעריג געשלאָגען פינף. נאָר איציקאָוויטש'ן האָט זיך נאָך נישט געוואָלט אַוועקגעהן און ער איז נאָך צוגעזעסען אַנ'איבעריג פערטעל שעה. ווען ער האָט ענדליך געוואָלט אַוועקגעהן, האָט אסתר-דוואָשע אומצופרידען אויסגעשריען:

—איהר געהט שוין? ס'איז דאָך נאָך קיין שעה נישט!

—חלילה! כ'האָב אַליין געהערט שלאָגען פינף.

אסתר-דוואָשע איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטען צימער, האָט געשווינד צוגערוקט דעם ווייזער פון זייגער אויף דריי פערטל פינף און אומקעהרענדיג זיך, געזאָגט צום לעהרער:

—קומט, זייט מוחל, דאָ אַריין, וועט איר זעהן ס'איז ערשט דריי פערטעל פינף! ס'איז אונז געבליבען נאָך אַ פערטעל שעה...

איציקאָוויטש איז נאָך געבליבען אויף אַ פערטעל שעה און איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ מאָדנער פיבערדיגער אויפרעגונג.

ביי יאָסלען אין חדר האָט ער געהאַט דריי שילער. דעם פערטען יונגעל האָבען די עלטערן נישט נאָר נישט געלאָזט לערנען, נאָר האָבען איהם אפילו נישט ערלויבט איבערצובלייבען אין חדר בעת דער לעקציע.

אין חדר האָט איציקאָוויטש מיטאַמאָל זיך דערפיהלט פריי. מיט יונגלעך האָט ער זיך געפיהלט היימיש, גאָרנישט דאָסזעלבע וואָס מיט מיידלעך.

יאָסעל האָט בעגעגענט דעם לעהרער מיט אַ זויער שמייאין זיך האָט ער זיך געטראָגען מיט משכילישע האָט געהאָפט צו בענוצען זיך מיט'ן לעהרערס

קענטעגישען, און האָט אפילו געטראַכט ווען-עס-איז צו בעקומען פון איהם אַ משכילישע ביכעל, וועלכעס יאָסעל וואָלט שטאַרק געוואָלט אַמאָל דורכלעזען, פערשטעהט זיך, בסוד-סודות. נאָר מיט די אַלע זינדיגע מחשבות האָט זיך יאָסעל אַרומגעטראָגען ביז יענעם שמועס אין בית-המדרש. דער פאָרוואורף, וואָס דעם סופר׳ס זוהן האָט איהם דאַן געמאַכט וועגען האַלטען מיט׳ן לעהרער, האָט איהם אַזוי אָנגעשראָקען, אַז ער האָט פערגעסען אָן די אַלע געדאַנקען און האָט פעסט בעשלאָסען מיטצוהעלפען אומקעהרען דעם לעהרער אויפ׳ן דרך־הישר. און איצט, בעת׳ן לעהרערס אַריינקומען, האָט זיך ביים מלמד אין דער נשמה אָנגעהויבען אַ קאַמף צווישען די געהיימע משכילישע פערלאַנגען און דער ניכטערער שטים וועגען פאָרזיכטיגקייט.

זאָל איסר דער ערשטער אָנהויבען—האָט ער ביי זיך געטראַכט.—איך וועל דערווייל שטעהן אָן אַ זייט...

ער האָט באריכות איבערגעגעבען דעם לעהרער, ווי אַזוי ער האָט ביז איצט געלערנט די קינדער רוסיש. ער אַליין לעזט שלעכט, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער אויסגעלערנט די קינדער לעזען זילבענווייז! וואָס שייך דער שריפט—קען ער נישט די גרויסע בוכשטאַבען, דערפאַר די קליינע „אַזבוקע״ שרייבען די קינדער נישט שלעכט. און ער האָט דעם לעהרער געוויזען די העפטען פון די קינדער.

איציקאָוויטש האָט מיט אַ מין לייטזעליגען שמייכל בעקוקט די העפטען און האָט העפליך אָנגעוויזען יאָסלען, אַז אין זיין „אַזבוקע״ זענען פערפעהלט די בוכשטאַבען „אי״ און „שטש״.

—איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי מען רעדט זיי אַרויס,—האָט יאָסעל בתמימות געענטפערט.

דערנאָך האָט איציקאָוויטש געוויזען, אַז דעם „צע״ קאָן מען שרייבען אויף צווייערליי אופנים: מיט אַ קעפעל אין דער הויך, אָדער מיט אַנ׳עק אַראָב, און אַז דער בוכשטאַב „כאַ״ דאַרף זיך געפינען נאָך „עף״.

—אָבער דאָך—האָט ער געענדיגט—איז עס גאַנץ גוט אויפגעשריבען און די האַנדשריפט איז אויך נישט קיין מיאוסע.

נאָך דער לעקציע, איידער איציקאָוויטש האָט זיך נאָך בעוויזען אויפצושטעלען, האָט יאָסעל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ ווינקעל, אַ קאָמאַנדעווע געטהון:

—נו, קינדער, רוימט גיכער אַראָב פון טיש און נעהמט די גמרות.

אויפ'ן הויף האָט שוין אויף איציקאָוויטש'ן געוואַרט דער חתן-בחור מלך. ער האָט שטיל איהם אַ שעפּטשע געטהון: „געהט נאָך מיר, נאָר שטילער", און אַרויפגעפיהרט דעם לעה-רער צו זיך אין בוידעם-שטיבעל. דאָרט האָט ער פאָרזיכטיג פערמאַכט די טהיר און דערלאַנגט דעם לעהרער צוויי בריוועלעך, געשריבען אין רוסיש מיט אַ גרויסער, אפילו גאַנץ לייכטער פרויען-האַנדשריפט.

—נו, לעזט און פערטייטשט מיר יעדעס וואָרט.

איציקאָוויטש האָט גענומען לעזען און פערטייטשען איהם דער כלה'ס בריף. דער בריף איז געווען געשריבען כמעט אַנאַלפאַבעטיש, אָבער מיט גרויסע פּרעטענזיעס. די כלה האָט איהם געשריבען, אַז זי לעזט „זעהר אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, פון וועלכע זי איז זעהר ענטציקט". זי האָט זעהר אומגעלום-פערט און צעדרעהט געפּרובט איבערגעבען דעם אינהאַלט פון איין ראָמאַן און אויך אויסגעדריקט איהר פערלאַנג, דער חתן זאָל מיט איהר אָנהויבען פיהרען אַ ראָמאַן, כאָטש ביי זיי איז געווען תנאים און אַ גערעדטער שידוך. ביידע בריף זענען גע-ווען אונטערגעשריבען: „פון מיר דיין טייערע כלה סאָנע חלף". גאָר אונטען האָט זיך געפונען אַ צושריפט אויף יודיש. אין ערשטען בריף: „געדענקט-זשע, למען-השם, מיר צו ענטפערן אויף רוסיש. כ'רעכען, אַז דער שדכן האָט נישט געזאָגט קיין ליגענט, זאָגענדיג, אַז איהר קענט רוסיש און אפילו דייטש". און אין צווייטען: „דער פאָטער מיינער בעט מיך נאָכאַמאָל צו דער-מאָהנען אייער פאָטער וועגען די פינף און זיבעציג רובל, וועלכע ער דאַרף איינלעגען אין באַנק צום נדן."

דאָס לעזען די בריף, פערטייטשען און ערקלערען זיי האָט געדויערט מעהר ווי אַ שעה. מלך איז אָבער נישט געווע

צופרידען מיט איציקאָוויטשעס ערקלערונג און האָט אין יעדען וואָרט, אין יעדער פראַזע געזוכט עפּעס אַ פערבעהאַלטענעם מיין, אַ רמז און האָט זיך כּסדר געפרעגט:

—וואָס איז דער פשט דערפון?

אָבגעפּאַרטיגט זיך מיט די בריף, האָט מלך פייערליך געזאָגט:

—נו, איצט נעהמט די פעדער און איהר וועט אויף דעם בויגעלע פּאַפּיר שרייבען, וואָס איך וועל אייך זאָגען.

און ער האָט איציקאָוויטש'ן דיקטירט פאָלגענדען בריף:

„שענע בלום, וועלכע וואַקסט אין הערליכען וויינגאָרטען פון דער שטאָדט מינסק, סאָניע חלף, נרה יאיר!

„אַזוי ווי אַ ברייטער טייך, וועלכער פליסט צווישען הויכע ברעגעס און קאָן נישט פערפלייצען דעם טאָל—אַזוי שטרעב איך אייער פּנים אָנצוקוקען און קאָן נישט, ווייל איך געפין זיך אין מילאָסלאַווקע און איהר—אין מינסק. אָ! ביטערער גורל! ווי דערלעב איך שוין די גליקליכע צייט. און אַזוי ווי די זון לייכט נאָר בייטאָג, אָבער ביינאַכט קאָן מען זי פאַר קיין שום פּאַרמעגן אין דער וועלט נישט באַקומען צו זעהן, אַזוי קאָן איך אויך נישט באַקומען צו זעהן אייער פּרעכטיגע פיגור! אָ! ביטער מזל!...”

—די ווערטער זענען שוין איינמאָל געוועז,—האָט איציקאָוויטש בעמערקט.

—אמת! נאָר ס'מאַכט נישט, שרייבט זיי נאָכאַמאָל. אַזעלכע ווערטער קאָן מען נאָכאַמאָל אויך שרייבען... נו, ווי געפעלט אייך מיין מליצה?

—וואוילן! אויסגעצייכענט!—האָט איציקאָוויטש אויפריכטיג געלויבט.

—איך האָב דערויף צוויי נעכט געקלערט... אַרומגעטראַכט... נו, וואָס שרייבט מען ווייטער?

—כ'רעכען, אַז מען דאַרף איהר שרייבען וועגען די ביכלעך, וועלכע איהר לעזט, און וועגען דעם, וואָס זי פערלאַנגט... אַז איהר זאָלט מיט איהר... ווי זאָגט מען דאָס, אָנהויבען צו

פיהרען אַ ראָמאַן...—האָט איציקאָוויטש עטוואָס אין פערלעגענ-היית געענטפערט.

—וואָס טייטש פיהרען אַ ראָמאַן? בנאמנות, כ׳פערשטעה נישט, וואָס דער פשט דערפון איז!

—גאָר פשוט: שרייבען איהר ליבעס-בריף, ס׳הייסט, ליבע.. מ׳שרייבט, אַז מ׳איז פערליבט, אַז מ׳בענקט און מען רופט זי אָן מיט איידעלע ווערטער...

מלך האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ און שווייגענדיג אַ ווייַלע, האָט ער זיך אָבגערופען:

—ס׳טייטש, כ׳שרייב דאָך איהר ליבעס-בריף... איז דאָס דען נאָך ווייניג! נו, נעהמט די פעדער און שרייבט: „מיין פיל געליבטסטע כלה! אייער פערלאַנג, אַז כ׳זאָל מיט אייך אָנהויבען פיהרען אַ ראָמאַן, ערפיל איך מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, אָבוואָהל אין פיר חדשים אַרום וועט ביי אונז אי״ה זיין די חתונה און דאַן וועט דאָס שוין נישט נויטיג זיין״.

## יד

אין עטליכע טעג אַרום, ווען איציקאָוויטש איז אַהיימגעקומען אויף מיטאָג, האָט ער געטראָפען חנה-לאה׳ן שטאַרק צעטומעלט. אָברופענדיג איהם בסוד אין צווייטען חדר אַריין, האָט זי איהם מיט שרעק איינגערוימט:

—מ׳איז דאָ געווען אייך רופען צום... סטאַנאָוואָי!

—מיך?—האָט איציקאָוויטש געפרעגט, בלייך ווערענדיג.

—אייך... כ׳האָב מורא, אַז דאָס איז צוליב׳ן פּאַס.

—אַ פּאַס האָב איך—האָט איציקאָוויטש געזאָגט.

—איהר האָט אַ פּאַס?—האָט די בעל-הבית׳טע אַ דערפרעהטע אויסגעשריען.—אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! כ׳האָב זיך אַזוי דערשראָקען... פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסען, אַז איהר האָט אַ פּאַס?

—נאָך וואָס פאַר אַ פּאַס איך האָב?—האָט איציקאָוויטש

בעזאָגט, ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט בעגלויבט.—און ווען האָט דער סטאַנאָוואָי געהייסען קומען?

—דער גוי האָט געזאָגט, אַז טאַקי באַלד.

אָבער נישט קוקענדיג אויף זיין פּאַס, איז איציקאָוויטש ווייט נישט רוהיג געווען צוליב דעם פאָרשטעהענדען וויזיט.

—ער זאָל זיך נאָר נישט גלאַט טשעפּען...—האָט ער מיט מורא געזאָגט.—דער טייוועל ווייסט איהם, ער קאָן זיך אָן דער מינדעסטער קלייניגקייט אָנטשעפּען...

—ניין, אונזער סטאַנאָוואָי איז אַ גוטער גוי... ער וויל פּשוט עטליכע רובל... וואָס קאָן מען מאַכען! נאָר איין זאַך איז אַ וואונדער: פון וואַנען האָט ער זיך דען דערוואוסט וועגען אייך?

—ווייזט אויס, אַז עס האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע גוטע מענשען, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר נויטיג איהם דאָס איבערצוגעבען... זאָגט איהר, הייסט עס, אַז עטליכע רובל?... וויפיל-זשע דאַרף מען איהם געבען?

—וויפיל ס'לאָזט זיך. נעהמט קודם מיט מיט זיך אַ רובל דריי, פּרובט איהם אָבער געבען נאָר איינעם. וועט ער נישט וועלען—איז פערפאַלען! וועט איהר איהם דערלעגען. אַזוי פיהרט מען זיך...

איציקאָוויטש איז געווען אַזוי צעטראָגען, אַז ער האָט שוין נישט געגעסען קיין מיטאָג און, נעהמענדיג ביי דער בעל-הבית'טע אַ דריי-רובלדיגען, איז ער אַוועק צום פּריסטאַוו.

די קאַנצעלאַריע פון פּריסטאַוו האָט זיך געפונען אין דער צווייטער זייט שטעדטיל, וואו עס האָבען געוואוינט בלויז קריסטען. דעם פּריסטאַווס קאַנצעלאַריע און זיין וואוינונג האָבען פערנומען אַ גערוים הויז.

דער אויסערליכער אָנבליק פון דער קאַנצעלאַריע, בלויז דער שילד מיט'ן אָדלער האָט שוין איציקאָוויטש'ן אויפגעשוי-דערט. ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַס פון קעשענע און, האַלטענדיג איהם אין דער האַנד, ווי עפּעס אַ רעטונגס-גאַרטעל,

האָט ער אויפגעעפענט די טהיר און איילינג אַראָבגענומען דאָס היטעל.

ער האָט זיך געפונען אין אַ גרויסען וואַרטע-ציטער, וואו עס זענען געווען אַ פינף-זעקס פויערים, סאָטסקי, וועלכע זענע געזעסען אָדער האַלב-געלעגען אויף די בענק.

—וועמען דאַרפסטו?—האָט איהם איין סאָטסקי געפרעגט, נייגעריג בעטראַכטענדיג איהם.

—דעם גאָספּאָדין פּריסטאַוו... זיין „בלאַהאָראָדיע”... האָט געהייסען קומען...—האָט איציקאָוויטש אַרויסגעשטאַמעלט.

—זשיד, טשי נע זשיד?—האָט איין סאָטסקי שטיל געפרעגט דעם צווייטען.

אין דער טהיר, וואָס פיהרט אין קאַנצעלאַריע, האָט זיך בעוויזען אַ מאַסיווע פיגור אָהן אַ ראָק, אַ פעט געזיכט מיט ריזיגע שטריכען, מיט אַ טאָפּעלטער גאָמבע, מיט עטוואָס גרויליכע באַקען-בערד און אויסגעזעצטע אויגען. אויפ׳ן ערשטען בליק האָט די פיגור און דאָס געזיכט געמאַכט אַ שרעקענדיגען איינדרוק.

—ווער איז דאָ?—האָט ער מיט אַ הייזעריגער באַס-שטים געפרעגט, אומקוקענדיג זיך איבער׳ן צימער.

די ריזיגע פיגור און די מורא׳דיגע שטימע האָבען שוין גאָר דערשלאָגען איציקאָוויטש׳ן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

—אייער... בלאַהאָראָדיע... האָט געהייסען...—און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד מיט׳ן פּאַס.

דער פּריסטאַוו האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף איציקאָוויטש׳ן און פּלוצלונג אויסגערופען

—איהר זענט דאָס דער לעהרער?

—איך...

דער פּריסטאַוו האָט זיך עפּעס הויך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער גוטמוטהיג צוגעגעבען:

—נו, נו! כ׳בעט אייך זעהר, הער לעהרער! כ׳בעט אייך אַריין!

איציקאָוויטש איז אַריין אין קאַנצעלאַריע, וואו אַ יונגער שייגעץ איז געזעסען ביי אַ טיש און אונאויפהערליך געשריבען.

—זיצט!—האָט דער פּריסטאַוו איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל נעבען אַ טיש, פערלעגט פול מיט פּאַפּירען.

—וואָס איז דאָס?—האָט ער געפרעגט, בעמערקענדיג אי־ציקאָוויטשעס אויסגעשטרעקטע האַנד מיט אַ צונויפגעלעגט פּאַ־פּיר.—אַ פּאַספּאָרט? גוט, מיר'ן זעהן...

און עפּענענדיג עס, האָט ער ווי פון יוצא-וועגען גענומען לעזען:

—זלמן לייבאָוו איציקאָוויטש... איציקאָוויטש, נו, פיין, נאָר דאָס אויף שפּעטער.—און ר'האָט אומגעקעהרט איציקאָוויטש'ן דעם פּאַספּאָרט.—זענט איהר, הייסט עס, געקומען קיין מילאָ־סלאַווקע פערנעהמען זיך מיט לעהרעריי?... אַ פיינער עסק... אָבער צי זענט איהר אַ לעהרער אָדער אַ מלמד?

—ניין, ניין, נישט קיין מלמד, נאָר אַ לעהרער!...

—איהר לערנט רוסישע „גראַמאָטע"?... און אַנ'ערלויבעניש האָט איהר?—האָט ער אומגעריכט אַ פרעג געטהון, אָבער בע־מערקענדיג שרעק אויף איציקאָוויטשעס געזיכט, האָט ער גלייך צוגעגעבען:—נו, שרעקט אייך נישט! כ'וועל זיך מאַכען נישט וויסענדיג, כ'וועל קוקען דערויף דורך די פינגער... לערנט! ווי־פיל איהר ווילט נאָר... ביי גאָט, אַז כ'פּרעה זיך פון גאַנצען האַרצען, וואָס איהר זענט געקומען צופאָהרען! עלעהיי אונזערע יודעלעך וועלען אַ ביסעל גראַמאָטנע ווערען! זיי זענען דאָך גאָר ווילדע מענשען! נישט אמת?

—זעהר ווילדע מענשען. ווייסען נישט פון קיין בילדונג!—האָט איציקאָוויטש דרייסטער געענטפערט, נאָכדעם ווי דעם פּריסטאַווס רייד האָבען איהם בערוהיגט און צוגעגעבען מוטה.

—אַזוי, אַזוי! אַלע ווייסען נאָר די סינאַגאָגע און נאָר די סינאַגאָגע... איין שווינדלער גרעסער פאַר'ן צווייטען! עהרען־וואָרט!... איהר רויכערט?

—כ'רויכער...—איז איציקאָוויטש שוין דרייסט געוואָרען און, נעהמענדיג דעם פּאַפּיראָס, וועלכען דער פּריסטאַוו האָט

איהם דערלאַנגט, האָט ער געשווינד און אומגעשיקט פעררוי־בערט, אויפשטעהענדיג דערביי פון אָרט.

—און אום שבת?... רויבערט איהר אויך?—האָט דער פריסטאַוו איראָניש שמייכלענדיג געפרעגט.—אַי־אַי! מ'טאָר נישט!

—ווען קיינער זעהט נישט—רויבער איך,—האָט איציקאָ־וויטש שמייכלענדיג געענטפערט.

—אַזוי! עהרען־וואָרט! כאַ־כאַ־כאַ! און ווען דער ראַבין זאָל זיך דערוויסען? וועט ער מאַכען אַ געוואַלד: איי־וויי מיר! שטעווא קוריס פּאַפּיראָסקע־ע?...

—כע־כע־כע!

—נאָר ס'מאַכט נישט!—האָט דער פריסטאַוו ערמונטערענד צוגעגעבען, קלאַפּענדיג איציקאָוויטש'ן איבער'ן פּלייצע.—איהר זאָלט פאַר זיי קיין מורא נישט האָבען! וועט ווער עס איז עפּעס אייך טשעפּען—קומט גלייך צו מיר, וועל איך זיי באַלד דרך־ארץ לערנען. פאַר מיר ציטערן זיי. איך קען זיי גוט. לאַנגע פּאות און דורך און דורך בעסטיעס. נישט אמת?

איציקאָוויטש האָט מיט אַ חניפה'דיג שמייכלעלע געקוקט אויפ'ן פריסטאַוו און נישט וויסענדיג וואָס צו ענטפערן, האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

—פאַנאַטיקערי!... טאַקיע פאַנאַטיקערי, טשטאָ סטראַסט!*)

—„פאַנאַטיקי" דאַרף מען זאָגען און נישט „פאַנאַטיקערי"—האָט איהם דער פריסטאַוו פעררירכט.—אַזוי־וי! איך ראַנגעל זיך מיט זיי שטענדיג... איך האָב אַ גוטען פריינד אין שטעדטיל, זלמן־איסר הייסט ער. איהר קענט איהם, איהר לערנט זיינע קינדער. ער איז צו מיר געקומען בארגען אַ גראַמאַטיק. גראָד איז ביי מיר געווען אַן אַלטע גראַמאַטיק, האָב איך איהם גע־געבען. אַלזאָ, קריג איך זיך שטענדיג טאַקע מיט דעם דאָזיגען זלמן־איסר'ן: „פּאַרוואָס, זאָג איך, עסט דו נישט קיין חזיר? וואָס פאַר אַן עבירה איז דאָס דען? אַן עבירה איז, וואָס מען לאָזט

---

*) פאַנאַטיקער, אַזעלכע פאַנאַטיקער, אַ שרעק.

אַרויס פון מויל, נישט וואָס מען לעגט אין מויל!" ער אָבער שאָקעלט מיט די פאות און שרייט: „איי-ווי מיר! קאַק מאָזנאָ!"*) כאַ-כאַ-כאַ!

דער פּריסטאַוו האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעהענדיג צו דער טהיר, האָט ער אַ געשריי געטהון:

—אַגאַשאַ! דערלאַנג די גראַפינקע, עטליכע גלעזלעך און עפּעס צו פערבייסען!—איהר וועט דאָך געוויס זיך נישט אָבזאָגען עפּעס צו טרינקען?—האָט ער געפרעגט זיך ווענדענדיג צום טיש.

—כ'וועל טרינקען—האָט איציקאָוויטש געענטפערט, האַלטענדיג פאַר גלייכער צו ענטפערן בלויז מיט דיזעלבע ווערטער, מיט וועלכע מען האָט זיך צו איהם געווענדט, כדי נישט אַריינצופאַלען מיט עפּעס אַ גרייז. איבריגענס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער פּריסטאַוו רעדט נישט גאַנץ ריכטיג רוסיש: אַזאַ רוסישע שפּראַך מיט אַזאַ אַקצענט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט. בעזונדערס איז ער געוועזען איבערצייגט, אַז וואָס שייך דעם וואָרט „פאַנאַטיקער", האָט דער פּריסטאַוו געוויס אַ טעות. ער האָט זיך, נאַטירליך, נישט געהאַט בדעה צו שפּאַרען, נאָר ער ווייסט דאָך קלאָר, אַז מ'זאָגט נישט „פאַנאַטיק", נאָר „פאַנאַטיקער". ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געהערט דאָס וואָרט. פאַנאַטיקער, דאָס הייסט אַ פרומער יוד. פון וואַנען זשע קאָן דער פּריסטאַוו וויסען אַזאַ יודיש וואָרט?

—יאָ, יונגערמאַן—האָט דער פּריסטאַוו ווייטער גערעדט.— כ'בין זעהר צופרידען, וואָס איהר בעזעצט אייך דאָ... ס'וועט כאָטש זיין איין געבילדעטער מענש, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייידען, פאַר וועמען פון האַרצען זיך אָבצורייידען... איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ העק דאָ איז: נישטאָ קיין געזעלשאַפט, נישטאָ אפילו מיט וועמען אַ קערטעל צו מאַכען. כאָטש נעהם וואָיען ווי אַ וואָלף! דער איינאונאיינציגער

---

*) אוי הייו, ווי קאָן מען דאָס?

מענש, מיט וועמען מ'קאָן אַ ביסעל פערברענגען, שמועסען, עפּעס טרינקען—איז דער באַטיושקאַ... ס'איז דאָ נאָך אַ לעהרע־רין, נאָר זעהר נישט קיין אינטערעסאַנטע, אַ מיאוסקייט, אַזש אַ שרעק!

אַ באָרוועס שיקסעל האָט אַריינגעברענגט בראָנפען און פערבייסען.

דער פּריסטאַוו האָט זיך צעשמייכעלט, מיט פערגעניגען געריבען די הענד, דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסען צוויי גלעזלעך, האָט איינס גענומען און ס'צווייטע האָט ער דערלאַנגט איצי־קאָוויטש'ן.

—פאַר אַייער געזונד! „ליכאַים"!

—לחיים! לחיים!—האָט איציקאָוויטש פרעהליך געענטפערט.

אויפשטעלענדיג זיך האָט ער אַ ביסעל אָבגעזופּט און פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָבגעבריהט, האָט ער אויסגעשריען: „אוי!" און אַוועקגעשטעלט דעם נישט דערטרונקענעם שנאַפּס אויפ'ן טיש.

—וואָס? ס'בריהט?—האָט דער פּריסטאַוו זיך געפרעהט.

—ווי פייער!

—דערויף איז עס דאָך „פערצאָוועקע"!*) נו, פערבייסט! נאָר, ווי אַנ'אָרענטליכער מענש, זאָג איך אַייך פריהער, אַז דאָס איז חזיר־פלייש. כאַ אַ־זער! כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ! איהר האָט שוין אַמאָל בעגעסען חזיר? זייט זיך מודה!

איציקאָוויטש האָט כיטרע אַ וואונק געטהון מיט די אויגען און שטיל געענטפערט:

—כ'האָב אַ סך געגעסען!... ווען קיינער האָט נישט גע־זעהן...

און ער האָט גענומען אַ שטיקעל חזיר־פלייש.

איציקאָוויטש איז ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבען געזעסען און בעשמועסט מיט אַ רוסישען און נאָך דערצו מיט אַ פּריסטאַוו.

---

*) פעפער־שנאַפּס.

אַ מענש, וועלכען ער האָט זיך תמיד אין זיין פאַנטאַזיע פאָר־געשטעלט אַלס אַ שרעקליכען הוראַגאַן, וואָס שליידערט און שרייט; אַלס אַן אַלמעכטיגע קראַפט, וועלכע כאַפּט, שלאָגט, פאַר־שפּאַרט אין תפיסה און אָט זיצט איצט דערזעלבער מורא׳דיגער ריז צוזאַמען מיט איהם און שמועסט מיט איהם, ווי מיט זיינס גלייכען. ער האָט נישט געוואוסט, ווי זיך צו האַלטען, וואָס מיט זיך צו טהון. ביי יעדען וואָרט, וואָס דער פּריסטאַוו האָט גערעדט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, סטאַרענדיג זיך אַרויסצע־ווייזען אַ געוואַלדיגע אויפמערקזאַמקייט. פון בראַנפען האָט איהם גערוישט אין קאָפּ—און איהם האָט זיך פלוצלונג פערוואָלט דער־צעהלען דעם פּריסטאַוו זיין ביאָגראַפיע: ווי אַזוי ער איז גע־וואָרען אַ משכיל, ווי ער האָט זיך געמוטשעט פערשטעלען און ווי ער האָט דערנאָך געליטען דערפאַר. ער האָט געוואָלט געבען צו פערשטעהן דעם פּריסטאַוו, אַז ער האָט כשר פערדינט די אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער פּריסטאַוו האָט איהם אַרויסגעוויזען,

—פון וו. בין איך געקומען,—האָט ער גענומען ריידען,—אין וו. זענען גאָר אַנדערע מענשען, גאָר אַנדערע... אַלע טוען אויף! דאַוונען נישט, רויכערן אום שבת—אַלץ! זיי לערנען זיך, אַלע לערנען זיך, לעזען ביכלעך, אפיקורסישע און רוסישע און נאָך אַנדערע! אוי, דאָרט... כ׳קאָן נישט אַרויסזאָגען!... איז אַן אַנדער וועלט! אַן אָפּענע וועלט! בלויז בילדונג... בילדונג!...

דער פּריסטאַוו האָט געהאָרכט די אָבגעהאַקטע פראַזען און זיך געקלערט זיינע געדאַנקען.

—אַזוי, אין וו. איז, הייסט עס, אַן אַנדער לעבען—האָט ער מיט אַ זיפץ געזאָגט.—וואָס דען, אַ גובערניאַלע שטאָדט! און מיך האָט מען דאָ אַריינגעזעצט, אין דעם לאָך און מ׳האַלט מיך דאָ שוין ס׳זיבעטע יאָהר—כ׳בין שוין אינגאַנצען מיט מאָך פער־וואַקסען!

און אויפשטעהענדיג האָט ער איציקאָוויטש׳ן דערלאַנגט די האַנד:

—נו, כ׳בין זעהר צופרידען, וואָס כ׳האָב זיך מיט אייך בעקענט. לערנט, לערנט אייערע יודעלעך, ס׳איז זעהר פיין! און

אויב ס'וועט אייך ווער בעליידיגען—איז גלייך, אָהן שום אויס-רײדען, צו מיר. כ'וועל זיך שוין פאַר אייך איינשטעלען!

—קומט אָפטער צו מיר אַריין-האָט ער צוגעגעבען בע-גלייטענדיג דעם לעהרער.—אין אָווענד, אָדער אין אַנ'אַנדערע פרייע צייט: איהר וועט זיין אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט. כ'וועל אייך בעקענען מיט'ן באַטיושקאַ. אַ הויכגעבילדעטער מענש!

א'ציקאָוויטש איז אַוועק פון פּריסטאַוו אין אַ געהויבענער שטימונג. אַזאַ אויפנאַם! און—טאָמער וואָס—אפילו צוגעזאָגט זיך אָנצונעהמען זיין קריוודע. און חוץ דעם אַלעמען איז דאָך דאָס דריידל אין קעשענע פערבליבען!

—נו, איצט לאָך איך פון זיי אַלעמען!—האָט איציקאָוויטש גערעדט צו זיך, טראַכטענדיג וועגען די מלמדים.—איצט וועלן זיי נישט דערוועגען זיך מיך אָנצוריהרען.

און ער האָט בעשלאָסען אַריינצוקומען צום פּריסטאַוו.

## יז

די ערשטע וואָך פון לעהרעריי האָט איציקאָוויטש'ן אויס-געוויזען, ווי אַ גאַנצע אייביגקייט. נישט קוקענדיג אויף זיין אויסערסט פּראַיינפאַכטען „אונטערריכטס-מעטאָד”, האָט ער זיך אַלץ נישט געקאָנט איינאַרבייטען אויף די לעקציעס. דער גאַנ-צער אונטערריכט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די שילער צוגעוויזען די בוכשטאַבען אָדער מיט יעדען בעזונדער געלעזען עטליכע מינוט דערנאָך אָנגעלינירט פּאַפּיר, אויף דער ערשטער שורה אָנגעשריבען דעם אַלפאַבעט אָדער עטליכע ווער-טער און געהייסען נאָכשרייבען. די לעהרע פון אַריפמעטיק איז דערווייל אויך געווען בעגרעניצט מיט שרייבען ציפערן. נישט קוקענדיג דערויף איז בעת דער לעקציע געווען אַ שטענדיגער טומעל און געפילדער. אַלע קינדער האָבען גערעדט מיטאַמאָל, געריסען דעם לעהרער: איינע האָט איהם יעדע בוכשטאַב בעזונ-דער געוויזען, צי ס'איז גוט געשריבען, אַ צווייטע האָט געבע-

טען, ער זאָל איהר ליניִרען אַ בויגען פּאַפּיר, אַ דריטע האָט זיך געקלאָגט, אַז איהר חבר׳טע האָט איהר אַ שטויס געטהון מיט דער האַנד, אַ פערטע האָט דורכאויס געוואָלט, ער זאָל איהר זאָגען, ווער ס׳שרייבט בעסער: זי, צי איהר חבר׳טע א. אַז. וו.

איציקאָוויטש האָט זיך נישט בעקאָנט קיין עצה געבען נישט נאָר מיט די שילערינס, נאָר אויך מיט זייערע עלטערן און קרובים, וועלכע האָבען פון דער ערשטער מינוט אָן גע-קוקט פון אויבען אַראָב אויף איהם און זיין בעשעפטיגונג. די מוטערס האָבען זיך מיט איהם ביז צו איבעל געדונגען פאַר יעדע קאָפּיקע, וואָס ס׳איז נויטיג געווען אויף פּאַפּיר, טינט, ווער שמועסט אויף ביכלעך. די הוצאות זענען ביי זיי געווען ריינע גולה פון לעהרערס זייט. דעם לעהרער ווידער האָט פּשוט נישט געסטייעט קיין חוצפּה אויף אַרויסצובעקומען פון זיי די זאַכען. אין צימער, וואו די לעקציעס זענען פאָרגעקומען, זענען כסדר אַריינגעקומען זייטיגע פּערזאָנען, וועלכע פלעגען זיך אַריינמישען אין די לעקציעס, געשטיפּט מיט די קינדער און דער לעהרער האָט דאָך קיין העזה נישט געהאַט אַרויסצובעטען די אומגעבעטענע געסט. אָפט פלעגט בעת דער לעקציע אַריינ-לויפען אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער פון דער שילערין און געוואַלדעווען:

—חנה׳קע! די מאַמע האָט געהייסען, זאָלסט שוין לויפען אין קלייטעל אַריין נאָך קאַשע! ווערסט שוין שפּעטער צושרייבען!

—אוי-אוי! ליבינקע, טייערינקע, איך וועל נאָר איין שורה-לע צושרייבען!—בעט זיך דאָס מיידעל.

—נבלה! בעקומסט שוין עטליכע פּעטש! געה די מינוט! לעהרער, הייסט איהר געהן!

—געה, אַז מ׳הייסט דיך,—בעשטעהט דער לעהרער.

אָדער עס קומט אַריין צולויפען די בעל-הבית׳טע און בייזערט זיך הויך:

—רוימט-אויף אייער שרייבעכץ, שנעלער, שנעלער! כ׳דאַרף

האָבען דאָס צימערן... איהר וועט שוין מאָרגען ס'איבריגע דערשרייבען!

און דער אוראָק ווערט איבערגעריסען.

די שווערסטע לעקציעס זענען פאַר איציקאָוויטש'ן געווען ביי זלמן-איסר'ן און ביים חתן מלך'ן. עטעל האָט, בעקומענדיג די גראַמאַטיק, זיך גענומען מיט התמדה צו שטודירען און האָט דעם לעהרער כסדר געשטעלט פראַגען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט אין פערלעגענהייט. עגמת נפש האָבען איהם אויך פערשאַפט איהרע ביטעס, ער זאָל איהר פערטייטשען דאָס גע-לעזענע. כדי נישט אָנצעווערען זיין פּרעסטיזש, פלעגט ער איהר ענטפערן מיט אַ פעסטען טאָן, אימפּראָוויזירענדיג אָדער פער-טייטשענדיג די פאַר איהם אונבעקאַנטע ווערטער לויט ווי ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אָדער לויט דער עהנליכקייט צו אַנ'-אַנדער וואָרט. ער פלעגט איהר ענטפערן מיט אַזאַ אויטאָריטעט, אַז דעם מיידעל האָט אפילו נישט געקאָנט איינפאַלען צו צוויי-פלען אין זיינע קענטעינישען. נאָר די משונה'דיגע ערקלערונגען און פערטייטשונגען האָבען זי אַראָבגעשלאָגען פון וועג, האָבען איהר מטושטש געמאַכט דעם אינהאַלט פונ'ם געלעזענעם און האָבען זי געבראַכט צום בעשלוס, אַז זי איז נישט פעהיג עפּעס צו פערשטעהן. איציקאָוויטש'ן האָט זי מיט איהר דורשט נאָך וויסען, התמדה, און ערנסטע בעציהונג צו די לעקציעס אַזוי גערייצט, אַז ער האָט זי פיינד בעקומען. ער האָט נישט גע-קאָנט פערטראָגען איהר ערנסט-פרעגענדיגען בליק און פלעגט איהר בייז איבערשלאָגען אין מיטען די רייד.

—ביי מלך'ן ווידער האָט ער געהאַט אַנדערע אונאָנגע-נעהמליכקייטען. דער ערשטער בריף צו דער כלה איז מלך'ן אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז ער האָט נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער בעשלאָסען אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך אַ בריף צו שריי-בען, ווייל ער האָט צוגעטראַכט נאָך אַ שענע מליצה. איציקאָ-וויטש האָט איהם שוין דעריבער געמוזט אָוועקגעבען דעם צוויי-טען אָווענד אויך. אין די איבעריגע טעג איז ווייטער געווען דאָס זעלבע. איציקאָוויטש איז ענדליך אויפגעבראַכט געוואָרען און

האָט דעם חתן געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער קאָן איהם נישט אָוועקגעבען צו דריי שעה יעדען טאָג. דער חתן האָט געפּרובט טענה׳ן, אַז ער האָט מיט איהם אָבגעמאַכט אויף „דורכסבאַנק״, אָבער איציקאָוויטש, וויסענדיג, אַז דער חתן מוז איהם האָבען, האָט ער זיך פעסט געהאַלטען ביי זיינס און עס איז איהם געלונגען צו בעגרענצען דעם שריפטשטעלערישען ברען פונ׳ם חתן.

ביי אסתר-דוואָשע׳ן פלעגט די לעקציע אָדורך ביי מאָדנע אומשטענדען. צווישען דעם לעהרער און דער שילערין האָבען זיך איינגעשטעלט אַזעלכע בעציהונגען, אַז די שעה פלעגט פאַרביי אונבעמערקט. די לעקציע איז געווען נאָר ווי אַ געלעגענהייט צו אַ בעזונדער אַרט פלירט צווישען זיי: גאַנץ „אומגעריכט״ האָבען זיך זייערע פיס פערטשעפּעט אונטער׳ן טיש, האָבען זיי זיך אָנגעריהרט ביי די הענד, ביי די אַקסלען, האָבען זיי צוגעבויגען נאָהנט איין פּנים צום צווייטען. אי דער לעהרער, אי די שילערין, האָבען שטענדיג בעת דער לעקציע זיך געפונען אין אַ מין טשאַד, זיי האָבען נישט געהערט וואָס זיי ריידען, זענען דאָ רויט, דאָ בלאַס געוואָרען און האָבען שטיל יעדער פאַר זיך געטראַכט וועגען אַ קוש. אָבער זיי האָבען זיך נישט געקאָנט בעשליסען דערצו.

די אינטערעסאַנטסטע לעקציע איז פאַר איציקאָוויטש׳ן געווען ביי יאָסלען אין חדר. דאָ האָט ער זיך געפיהלט אין דער היים, האָט זיך געוויצעלט מיט די תלמידים, בענוצענדיג גמרא-פשט׳לעך, דערצעהלט יאָסלען פערשידענע פאַקטען פון זיין לעהרעריי, וועלכע האָבען געהאַט פיל געמיינזאַמעס מיט מלמדות. איינמאָל, נאָך דער לעקציע, האָט איציקאָוויטש געפרעגט יאָסלען:

—וועלכע מסכתא לערנט איהר איצט?

—חולין.

איציקאָוויטש האָט די מסכתא גוט געקענט און האָט זיך נייגעריג געפרעגט אויף וועלכען עמוד זיי האַלטען גראָד איצט. ווען יאָסעל האָט עס איהם געזאָגט, האָט ער, עטוואָס נאָכקלערענדיג, זיך דערמאָהנט דעם טעקסט פון יענעם דף און האָט

פון אויסענווענינ געזאָגט וועגען וואָס עס רעדט זיך דאָרט. די תלמידים און יאָסעל זענען ערשטוינט געוואָרען.

—ע-ע!—האָט יאָסעל אויסגעשריען—ווי כ׳זעה, איז עס טאַקי ריכטיג, אַז איהר ווייסט די קליינע אותיות!

—און איהר מיינט, אַז אַ לעהרער מוז דורכאויס זיין אַנ׳עם-הארץ?

—חלילה, נאָר... אויב ס׳איז יאָ אַזוי, וועל איך אייך פרעגען עטליכע קשיות אין דערזעלבער מסכתא טאַקי.

—אדרבה! אדרבה! איך וועל אייך אויך פרעגען עטליכע קשיות. נאָר היינט האָב איך, צום בעדויערן, קיין צייט נישט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז איציקאָוויטש איבערגעבליבען בעת׳ן שיעור, האָט די קינדער געשטעלט קשיות, און געגעבען תירוצים אויף זיי, און די קינדער זענען ענטציקט געווען פון איהם. דערנאָך האָט ער זיך מפלפל געווען מיט ר׳ יאָסלען און האָבען ביידע אַרויסגעוויזען בקיאות און חריפות אין ים-התלמוד, קיינער פון זיי האָט נישט גובר געווען דער צווייטען, נאָר זיי האָבען זיך ביידע גענוג געאַמפערט.

יאָסעל איז אַ ווײַלע געזעסען שטיל, געשמייכעלט און געגלעט זיך איבער דער באָרד, דערנאָך האָט ער געלאַסען, מיט עטוואָס בעדויערונג אין דער שטים, געזאָגט:

—נישט אַזוי! זאָגט זיך, וואָס איהר ווילט, נאָר איהר זייט נישט אויף אייער אָרט... געוואַלד געשריען! פון אייך וואָלט דאָך געקאָנט זיין אַנ׳אויסגעצייכענטער מלמד. וואָס רעד איך? אפילו אַ רב אויך, האָט איהר זיך גאָר גענומען צו לעה-רעריי! אַ שאָד, אַ שאָד:

איציקאָוויטש האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט פון די שבחים און ער האָט מיט אַ שמייכעלע געענטפערט:

—מילא, וואָס! כ׳ווייס אַליין, אַז פון מיר וואָלט געקאָנט זיין אַ רב, אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפען, אַז ס׳איז אַזוי בעשערט.

—ס׳טייטש, „בעשערט”? אַזעלכע זאַכען איז נישט פערהאַן קיין בעשערט—האָט יאָסעל געענטפערט.

—אָ־אָ! ס'איז פיל צו דערצעהלען און ווענינ צו הערען!— האָט איציקאָוויטש געענטפערט—כ'וועל אייך בזמן מן הזמנים דערצעהלען באריכות, ווי אַזוי איך בין געקומען צו לעהרעריי. דאַן וועט איהר שוין פערשטעהן!

צומאָרגענס, פרייטאָג איז עס געווען, האָט יאָסעל דער־צעהלט אין בית־המדרש איסר'ן וועגען זיין שמועס מיט'ן לעה־רער.

—איך בין זיכער, אַז איהם וועט גאָר גרינג זיין „אַרויס־צושלעפען"—האָט איסר בעמערקט—מ'דאַרף זיך נאָר נעהמען צו דער זאַך ווי ס'געהער צו זיין... איך וועל איהם פערבעטען צו זיך אויף א גלעזעל טהיי, כ'וועל פערבעטען גלייכצייטיג נאָך עטליכע מענשען, דו קום אויך און מיר וועלען זיך צו איהם נעהמען...

דעם צווייטען שבת האָט איציקאָוויטש זיך שוין געפיהלט פיל לייכטער אין בית־המדרש. ער האָט אַלעמען געקוקט גלייך אין די אויגען און האָט זיך שוין נישט בעגעגענט מיט אַזעלכע בייזע פעראַכטענדע בליקען, ווי דעם פאָריגען שבת.

בעת קריאת־התורה איז איסר צוגעקומען צו איהם.

—וואָס האָט מען דיך עפּעס אַ גאַנצע וואָך פאַר די אוי־גען נישט געזעהן?—האָט ער מיט אַ מילדען פאָרוואורף גע־זאָגט.—שוין־ושע ביזטו אַזוי שטאַרק פערנומען, אַז דו האָסט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו קומען דאַוונען? דערמאָהן זיך נאָר, וויפיל אמנ'ס דו האָסט היזק געהאַט! ווי איז'ס דיר נישט קיין שאָד? ס'איז דאָך אַ גאַנץ פערמעגען!

ער האָט זיך צעלאַכט.

—ניין, באמת,—האָט ער ווייטער גערעדט—איך האָב זיך געוואָלט מיט דיר זעהן. כ'האָב דיך געוואָלט פערבעטען אויף אַ גלעזעל טהיי. קום אַריין צו מיר! לעג נישט אָב!

—אַ דאַנק!—האָט איציקאָוויטש געענטפערט און ביי זיך האָט ער געטראַכט: כ'פערשטעה דאָך, וואָס דיין מיין איז... דו שפּרייטסט אַ נעץ אויס פאַר מיר, איך בין אָבער נאָך מעהר כיטרע!

# יח

אין עטליכע טעג אַרום נאָך דער לעקציע האָט יאָסעל זיך בעווענדט צו איציקאָוויטש'ן מיט אַ פאָרשלאָג:

—אויב איהר האָט חשק—לערנט היינט אויף מיין אָרט מיט די קינדער דעם „שיעור", כ'וואָלט זעהר געוואָלט הערען, ווי אַזוי איהר וועט איהם מסביר זיין.

—גוט!—האָט איציקאָוויטש גערן איינגעשטימט און, פער־געהמענדיג יאָסעלס אָרט, האָט ער, צו די קינדערס גרויסער צופרידע הייט, גענומען מסביר זיין דעם ענין אין דער גמרא, וועלכע איז איהם גראָד גוט בעקאַנט געווען. יאָסעל איז געזע־סען אין דער זייט און מיט אַ שמייכעלע זיך צוגעהערט. איצי־קאָוויטש איז גלייך אַריין אין דער ראָליע, האָט גענומען דעם טאָן פון אַ מלמד און אין משך פון אַ גאַנצער שעה האָט ער מיט די קינדער געלערנט און מסביר געווען אַ שטיק גמרא מיט מפרשים.

יאָסעל איז אפילו געווען ענטטוישט אין איציקאָוויטשעס למדנות, ער האָט זיך געריכט אויף מעהר, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער זיך בעמיהט אויסצודריקען זיין התפעלות און איהם בעשיט מיט שבחים.

אַהיימשיקענדיג די קינדער האָט ער איציקאָוויטש'ן פער־האַלטען און זיך אומגעקעהרט צום פריהערדיגען שמועס.

—ניין, כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל: כ'קאָן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי אַזאַ מענש ווי איהר האָט געקאָנט פערלאָזען די תורה! זאָגט, וואָס איהר ווילט—נאָר איך קאָן עס בשום אופן נישט פערשטעהן!

—איך האָב דאָך אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַז ס'איז פיל צו דערצעהלען און ווייניג צו הערען,—האָט איציקאָוויטש געענטפערט.

—אַז ס'איז פיל צו דערצעהלען—דאָס גלויב איך. נאָר

אַז ס'איז ווייניג צו הערען, דאָס זאָלט איהר מיר מוחל זיין, גלויב איך שוין נישט. אדרבה! כ'וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת: כ'וואָלט זעהר געוואָלט הערען ווי-אַזוי?... מיר קענען זיך נישט לאַנג, נאָר איהר זייט מיר אַזוי ליב, ווי אַנ'אַלטער בע-קאַנטער, ווי אַנ'אייגענער...

איציקאָוויטש איז געווען גערירט פון יאָסעל'ס ווערטער און איהם האָט זיך פערוואָלט דערצעהלען וועגען זיך. נאָר נישט קאָנענדיג דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, האָט ער בע-שלאָסען איבערצוגעבען „זיין געשיכטע" אַ ביסעל אויסגעבעסערט.

—שולדיג איז אין דעם אַלעם דער ראש-ישיבה! ער, דער גזלן, איז דער גאַנצער חייב, ער האָט מיך געשאָכטען!—האָט איציקאָוויטש גערעדט מיט היץ, האַלטענדיג באמת דעם ראש-ישיבה פאַר שולדיג אין זיינע צרות.

—דער ראש-ישיבה?—האָט יאָסעל זיך געוואונדערט און זיך נעהנטער צוגערוקט צו איציקאָוויטש'ן.

—כ'בין זיך מודה, אַז כ'בין געווען אַ ישיבה-בחור. פינף יאָהר האָב איך געלערנט אין ישיבה. כ'מיין זיך נישט צו ריה-מען, נאָר איך בין געווען דער בעסטער בחור, ס'האָט געקלונ-גען מיט מיר. הכלל, פערשטעהט איהר מיך, היינטיגע צייטען! האָט זיך מיר געוואָלט קענען אַ ביסעל רוסיש אויך. איז וואָס? ס'איז דען אַנ'עבירה?

—ניין!—האָט יאָסעל ענטשלאָסען געענטפערט—איהר זעהט דאָך, אַז איך קען אויך אַ ביסעל רוסיש און עס איז מיר נאָר אַ שאָד, וואָס כ'האָב זיך מעהר נישט געלערנט...

—זעהט איהר שוין! הכלל, האָב איך זיך אָנגעהויבען צו לערנען עפעס דאָרט אַ שעה אין טאָג צווישען מנחה-מעריב. האָט דאָס דער שמש בעמערקט און דאָס דערצעהלט דעם ראש-ישיבה. הכלל, דער ראש-ישיבה האָט מיך גערופען צו זיך און גענומען שרייען אויף מיר און מיך זידלען און רופען מיך אפיקורוס. איך בין דאָך אָבער אויך אַ ספילשליוועך און האָב נישט ליב, אַז מען שרייט אויף מיר. האָב איך איהם צוריק

געענטפערט. בקיצור, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מיר האָבען זיך צעקריגט און איך בין אַרויס פון דער ישיבה.

—האָ-האָ-האָ!—האָט זיך יאָסעל געוואונדערט.

—ווען ביים ראש-ישיבה איז דער כעס געשטילט געוואָרען, האָט ער גענומען שיקען צו מיר מענשען, וועלכע האָבען מיך צוגערעדט, כ'זאָל צוריק אַריין אין ישיבה. אָבער איך בין אַנ'עקשן. ביי מיר, אַז אָבגעטהון—איז פערפאַלען! כאָטש איי-געגנטליך האָב איך געהאַט די בעסטע טעג אין שטאָדט, נאָר איך האָב זיי געוואָרפען און אָנגעהויבען געבען רוסישע לעק-ציעס...

—צו וואָס כעס קאָן דערפיהרען אַ מענשען!—האָט יאָסעל ביטער געזיפצט.

—הכלל, איך בין אַוועק אויף דעם וועג. די גמרא האָב איך נישט פערוואָרפען, נאָר איך האָב זיך אַלץ מעהר אַריינגע-לאָזט אין די וועלט-חכמות. איהר ווייסט דאָך אודאי, אַז די חכמות האָבען אויך קיין גרונד נישט... אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע מיינע.

—אַזוי! אַ געשיכטע... האָט יאָסעל פערטראַכט גערעדט.

—נאָר איינס וועל איך אייך זאָגען—האָט איציקאָוויטש פערענדיגט—וויפיל איך האָב זיך נישט געלערנט, וויפיל איך האָב זיך נישט אַריינגעלאָזט אין די וועלטליכע חכמות—אַ יוד בין איך געבליבען!

—דאָס איז דער עיקר!-האָט יאָסעל אונטערגעהאַלטען. דער עיקר איז צו היטען דעם „ניצוץ" אין זיך. נאָר אָט, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגען: ס'קומט דאָך אויס, אַז אַלץ איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס איהר זענט אין כעס געווען. אָבער איצט, ווען דער כעס איז שוין ביי אייך פערגאַנגען, איז דאָך אַ קשיא?...—האָט ער פערענדיגט מיט אַ גמרא-ניגון, וואַרטענ-דיג, איציקאָוויטש זאָל אַליין פערענדיגען דעם לאָגישען אויס-פיהר.

איציקאָוויטש האָט זיך צולאַכט.

—ווי כ׳זעה, ווילט איהר מיך אומקעהרען אויפ׳ן דרך־הישר? זאָגט דעם אמת!

—ס׳טייטש, כ׳וויל? פערשטעהט זיך, אַז כ׳וויל! די מעשה איז דאָך אָבער, וואָס ס׳ווענדט זיך נישט אָן מיין ווילען, נאָר אין אייער!... איך פערשטעה טאַקי נישט, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט וועלען?...

איציקאָוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט.

—הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען—האָט ער ערנסט געזאָגט.—איך האָב אַליין געטראַכט וועגען דעם... איך האָב פיל געטראַכט... נאָר, עס זענען פערהאַן סיבות, וועגען וועלכע איך קאָן נישט זאָגען... אַלענפאַלס, קאָן איך אייך זאָגען, אַז מוסר זאָגען מיר איז פאָלקאָם איבריג. איך פערשטעה אַלץ גאַנץ גוט און ווען ס׳וועט קומען די צייט... נאָר, וואָס איז דאָ צו ריידען!...

איציקאָוויטש איז אַרויס פון חדר אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט אפילו אַליין נישט בעמערקט, אַז ער האָט פערפאַסט אַ גאַנצע לעגענדע וועגען זיין פערגאַנגענהייט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך פון האַרצען אַראָבגערעדט פאַר יאָסלען און האָט געפונען מיטגעפיהל און אַ וואַרימע בעציהונג. אָבער גלייכצייטיג מיט דעם האָט איהם געפרעהט, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען אָבצונאַרען דעם מלמד, איבערצוצייגען איהם וועגען זיין צוגעבונדענקייט צו דער תורה און אַזוי אַרום אַראָבצונעהמען פון זיך יעדען חשד פון השכלה.

אויפ׳ן צווייטען טאָג, ווען איציקאָוויטש איז געזעסען ביי יאָסלען אויף דער לעקציע, האָט אַ יונגעל אַריינגעבראַכט אַ צעטעלע. ר׳ יאָסעל האָט איבערגעלייענט און, גאָרנישט זאָגענדיג, עס איבערגעגעבען איציקאָוויטש׳ן. דאָס בריוועלע איז געווען פון איסר׳ן. ער האָט געבעטען יאָסלען, ער זאָל אין זיין נאָמען פערבעטען „רב זלמנ׳ען”, ד. ה. דעם לעהרער, צו זיך אין אָווענד אויף טהיי.

—אין אָווענד בין איך פערנומען ביי דעם...—ער האָט בעוויזען מיט׳ן קאָפ צו דער זייט פון הויף, וואו מלך וואוינט

—וועט איהר צו איסר'ן געהן אַ ביסעל שפּעטער, האָט איהם יאָסעל גע'עצה'ט.—ביז דעמאָלט וועל איך בעווייזען די קינדער אַהיימצושיקען און איך וועל אויך מיטגעהן מיט אייך.

— עפּעס בין איך נישט אויפגעלעגט...

—פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין? אַ גאַנצען טאָג אַרבייט איהר דאָך. פאַרוואָס זאָלט איהר נישט אַמאָל פערברענגען אויך? איהר זעהט דאָך כמעט קיינמאָל נישט קיין לעבעדיגען מענשען פאַר די אויגען. מ'טאָר נישט אַזוי! אויסערדעם, וועט איהר בע-ליידיגען איסר'ן. ער איז דאָך נישט אַבי-ווער... איהר וועט געהן!

—אַלזאָ, גוט—האָט איציקאָוויטש איינגעשטימט.

איסר האָט געוואוינט אין אַ גרויס צוויי-שטאָקיג הויז ביי זיין שווער עזריאל. ער האָט פערנומען צוויי צימערן, נאָר געסט האָט ער אויפגענומען אין אַלגעמיינעם גרויסען זאַל. ווען יאָ-סעל און איציקאָוויטש זענען, פריהער גוט אָבווישענדיג זיך די פיס, אַריינגעקומען אין זאַל, האָבען זיי שוין געטראָפען, אויסער איסר'ן, אויך אַ מלמד און מיכאל-ציפּעס, דער אַלטער, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין דעם פּלאַן געגען דעם לעהרער. דער בעל-הבית און די געסט אין די יאַרמולקעס, זענען געזעסען אַרום אַ גרויסען טיש מיט אַ סאַמאָוואַר און געשמועסט. ביים אַריינקומען פון נייעם גאַסט האָט איסר זיך עטוואָס אונטערגע-הויבען און אויסגערופען:

—ברוך הבא!... וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? כ'האָב געמיינט, אַז איהר וועט שוין נישט קומען...

—כ'בין פערנומען געווען.—האָט איציקאָוויטש זיך פער-ענטפערט.

—וויפיל תלמידים האָסטו דען, וואָס דו ביזט אַזוי טאָג און נאַכט בעשעפטיגט?—האָט מיכאל געפרעגט.—דו מוזט אודאי פערדינען מיליאָסען!

—אינגיכען וועט ער אויך אָנהויבען לייהען געלד אויף פּראָצענט און דיר משא גבול זיין,—האָט דער מלמד מיט אַ חניפה'דיג שמייכעלע זיך געווענדט צו איסר'ן.

—אָט דערפאַר האָב איך דאָך טאַקי מורא—האָט איסר גע-ענטפערט און, זעלבסט צופרידען, זיך צעלאַכט.

בעטענדיג די געסט זיצען, האָט ער זיי דערלאַנגט טהיי.

—מיר ריידען איצט וועגען חזנים—האָט איסר זיך גע-ווענדט צו איציקאָוויטש׳ן.—מיר דינגען איצט בעצייטענס אַ חזן אויף די ימים-נוראים. פופציג רובל גיבען מיר... ווי אַזוי איז ביי אייך אין וו. מיט אַ חזן?

איציקאָוויטש האָט אויפגעהערט צו טרינקען און האָט שנעל געענטפערט:

—ביי אונז אין דער גרויסער שוהל איז פערהאַן אַ כאָר-חזן. ער בעקומט דריי הונדערט רובל.

—דריי הונדערט רובל!—האָבען זיך אַלע געוואונדערט.—פאַרוואָס צאָהלט מען איהם אַזוי פיל געלד? וואָס? אַ כלי נגינה?

—נישט אַזוי וועיט די כלי-נגינה, ווי דאָס, וואָס ער זינגט „לויט נאָטען״.

—אַ—אַ! „פון נאָטען״!... דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדער סאָרט חזנים! דאָס זענען די חזנים, וואָס זינגען היינט אין שוהל און מאָרגען וועיסט זיי דער רוח וואו... ערגעץ אין די טריאַטרעס! אויף נאָטען!—האָט איסר גע׳חוזק׳ט.—און טאָמער פערגעסט ער די נאָטע—בלייבט ער שטעהן אין מיטען דאַוונען און—נישט פון אָרט! האַ-האַ!

—מ׳דערצעהלט אַזאַ מעשה—האָט זיך מיכאל אָנגערופען.—איינער אַזאַ חזן האָט אַמאָל אין מיטען דאַוונען פערגעסען די סאַמע וויכטיגסטע נאָטע און האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָהנען. נישט אַהין, נישט צוריק! זיין אשה, וועלכע איז געזעסען אין דער הויך אין עזרת-נשים, האָט יאָ געדענקט די נאָטע, נאָר ווי אַזוי דערמאָהנט מען דאָס דעם מאַן? הכלל, האָט זי זיך פלוצלונג צעזונגען: „אַז מען קע—ע—ען ני—ישט, אַז מע—ען ווי—ייסט נישט, נע—עהמט מע—ען זיך נישט או—ונ-טער!״ דער חזן האָט זיך באַלד דערמאָהנט די נאָטע און האָט וויטער געדאַוונט.

אַלע האָבען זיך צעלאַכט.

—אַ חזן אויף נאָטען—דאָס איז נאָך נישט געהערט גע-וואָרען—האָט זיך יאָסעל אָנגערופען—מ׳זאָגט, אַז דער בערלינער חזן איז נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי אַ גלות.

—נישט נאָר אין בערלין, נאָר אפילו אין ווילנאָ, זאָגט מען, איז אויך פערהאַן אַזאַ חזן—האָט איסר געזאָגט—אין ווילנאָ האָבען דאָך די חברה משכילים זייער בעזונדערע שוהל...

זיי מוזען דאָרט זיין זעהר פיל?—האָט דער מלמד גע-פרעגט.

—אַ קליינינקייט! די גאַנצע נעסט זייערע איז דאָך דאָרט!—האָט איסר אויסגעשריען.—זיי טהוען דאָרט אָן שרעקליכע מעשים. מ׳דערצעהלט: איינמאָל אום פורים האָבען זיי צוגעשיקט צום ווילנער גאון ר׳ אליהו שלח-מנות אַ חזיר׳ל... וואָס זשע ק״ערט איהר האָט דער גאון געטהון? ר׳האָט דעם שליח אַרויסגעטרי-בען? אָך! אדרבה, ער האָט דאָס חזיר׳ל צוגענומען און געגע-בען דעם שליח אַ רובל פאַר׳ן וועג און האָט נאָך געהייסען זיי שען דאַנקען... פערשטעהט זיך, אַז „זיי״ זענען נבהל-ונשתומם געוואָרען און האָבען גלייך געשיקט זייערס אַ מענש צום גאון געוואויר ווערען, מיט וואָס דאָס שמעקט?... „רבי—האָט ער גע-זאָגט—מיר פערשטעהען אייך נישט: מיר האָבען געמיינט, אַז איהר וועט אויסקלאַפען און אַרויסטרייבען אונזער שליח, צום סוף האָט ז׳ איהם נאָך שען בעלוינט און געהייסען אונז דאַנקען? היתכן?״... דער גאון אָבער, וואָס איז געווען אַ גרוי-סער חכם, האָט איהם געענטפערט:

—„ס׳טייטש, אַרויסטרייבען? אדרבה, איך בין געווען גע-ריהרט פון אייער מתנה: איהר האָט דאָך מיר אייער בעסטען ביסען פון מויל געשיקט!...״

אַלע האָבען זיך צעלאַכט און איציקאָוויטש אויך.

—נו, און אין ז׳ איז עפּעס פערהאַן אַ סך משכילים?—האָט איסר פּלוצלונג געפרעגט, קוקענדיג איציקאָוויטש׳ן גלייך אין די אויגען אַריין.

—פון וואַנען זאָל ער וויסען וועגען די ז׳-ער משכילים?—האָט יאָסעל שנעל געפרעגט, דערשרעקענדיג זיך פאַר איסר׳ס

אָפּענער פראַגע.

—פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסען?—האָט איסר געזאָגט—קוקענדיג איצט גלייך אויף יאָסלען,—שוטה, מיינסט, אַז נאָר אַ משכיל קאָן וויסען וועגען משכילים?

און ווענדענדיג זיך נאָכאַמאָל צו איציקאָוויטש'ן, האָט ער מיט אַ שמייכעלע געזאָגט:

—כ'וועל דיר זאָגען דעם אמת: ווען כ'האָב דיך ס'ערשטע מאָל געזעהן, האָב איך טאַקע געמיינט, אַז דו ביזט אַ משכיל, נאָר איצט הויב איך פערקעהרט אָן צו טראַכטען, אַז דו ביזט אַ „נסתר”.

—וואָס מיינט איהר? ס'איז נישט מעגליך?—האָט איציקאָוויטש לאַכענדיג געענטפערט.

—וואָס טויג מיר דאָרט! לאָמיר ריידען צו דער זאַך—האָט זיך מיכאל אָנגערופען.—כ'וועל דיר זאָגען אָפען: איך וואָלט זיך פיל וועניגער געוואונדערט, ווען דו ביזט אַ משכיל, ווי איצט, ווען ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דו ביזט אַ יוד ווי אַלע יודען. וואָרים וואָס? ס'קומט צופאָהרען אַ מענש אין אַ קורץ רעקעל, אָהן פאות און נעהמט זיך לערנען מיט קינדער אויף רוסיש. איז עס דאָך פאַר יעדען קלאָר, וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז! ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַזאַ מענש האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם עול פון יודישקייט, האָט פורץ-בגדר געוועזן און אויפגעהערט צו זיין אַ מענש. זעהט מען דאָך, מיט וועמען מען האָט צו טהון! אָבער אַז דערזעלבער לעהרער, מיט'ן קורצען רעקעל, אָהן די פאות קומט אין שוהל אַריין, זיצט ביי דער גמרא און זאָגט, אַז ער איז געבליבען אַ פרומער יוד, דעמאָלט פרעגט זיך דאָך אַ קשיא: סטייטש? ממה-נפשך: ביזטו אַ יוד, זיי זשע אַ יוד ווי אַלע, אלא נישט—זאָג זשע אָפען, אַז נישט! מ'דערצעהלט אַזאַ מעשה: איינמאָל איז אַ יוד אַנ'אורח אַריינגעקומען אין אַ קרעטשמע פאַרטאָגס. הערט ער, ווי די קרעטשמערקע וועקט עפּעס איינעם: „איוואַן, איוואַן! שטעה-אויף! ס'איז שוין צייט צו געהן אין צערקווע אַריין!” דער אורח האָט זיך פערוואונדערט און געפרעגט: וואָס איז עס אייער עסק,

יודענע, אַז איוואַן וועט פערשפּעטיגען אין צערקווע אַריין? הערסטו? דערדאָזיגער איוואַן איז דאָך מיין זוהן!—ענטפערט איהם די קרעטשמערקע—ער האָט זיך גע׳שמד׳ט!... דער אורח איז נאָך מעהר פערוואונדערט געוואָרען: נו, איז דאָך נאָך מעהר קשיא: וואָס זשע טרייבט איהר איהם נאָך אַליין אין צערקווע? ע, ע, רבּ יוד!—האָט זי איהם געענטפערט—ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין אמת׳ער יוד, לאָז ער כאָטש זיין אַנ-אמת׳ער גוי״... פערשטעהסט? איינס פון די בּיידע: אָדער אַהין, אָדער אַהער! און אַזוי ווי דו בּיזט איצט, וואס בּיזטו?

איציקאָוויטש האָט זיך געפיהלט דערשלאָגען פון דעם אָפּענעם אָנפאַל. ער האָט טרויערינ און נעבּעכדיג געשמייכעלט, נישט וויסענדיג וואָס צו ענטפערן. יאָסעל איז איהם צוהילף גע-קומען.

—ניין, ר׳ מיכאל, איהר זענט נישט גערעכט! אייער משל קומט גאָרנישט צו דעם נמשל מיט ר׳ זלמנ׳ען... מ׳דאַרף דאָך וויסען די סבּות. איהר זעהט ערשט ר׳ זלמנ׳ען ס׳צווייטע אָדער ס׳דריטע מאָל, און האָט נאָך מיט איהם קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט, אָבּער איך האָבּ שוין מיט איהם געשמועסט און וויים זיין גאַנצע געשיכטע.

—אויבּ אַזוי,—האָט מיכאל געזאָגט—איז גאָר עפּעס אַנ-דערש. זיי-זשע מיר מוחל! איך האָבּ דיך, גאָט בּעהיט, נישט געוואָלט בּעליידיגען...

—לאָזט געמאַך!—האָט זיך איסר אַריינגעמישט.—איך האָבּ נאָך אויך ווענינ מיט איהם געשמועסט, פונדעסטוועגען פער-שטעה איך איהם גוט. ס׳איז גאָר פּשוט, דער מענש האָט פער-בּלאָנדזשעט. איז פערקראָכען, גאָט ווייסט וואוהין, אָבּער ער האָט דאָך נישט פערלוירען „ס׳פּינטעלע יוד״ און וויל זיך אומ-קעהרען אויפ׳ן דרך-הישר. און איצט געהט עס נאָר אין דעם, מ׳זאָל איהם העלפען זיך אומקעהרען צו דער תורה און צו יודישקייט. נישט אמת, זלמנ׳קע?—האָט ער פערענדיגט, קלאַפּענ-דיג איציקאָוויטש׳ן פריינדליך איבּער דער פּלייצע.

—ווי זאָגט מען דאָס... ס׳איז נישט אַזוי פּשוט, ווי ס׳רעדט זיך...—האָט איציקאָוויטש געשמאַמעלט.

—הער מיך אויס!...—האָט מיכאל ווייטער גערעדט, צו-רוקענדיג זיך צום לעהרער—לאָמיר נאָר גוט די זאַך בעטראַכ-טען: דו ביזט אַ יונגערמאַן אַ קלוגער, אַ פעהיגער, קענסט לער-נען, ביזט פיל יאָהרען געזעסען ביי דער גמרא. דו ביזט שוין געווען אויף אַ דרך, פון דיר וואָלט געקאָנט זיין אַ לייט, דיר איז גאַנץ לייכט געווען צו קומען אויף אַ הויכער מדרגה... און דאָס אַלץ האָסטו אויסגעביטען—אויף וואָס? אויף אַ טאָפּ לינזען, ווי דער פעטער עשו, זאָלסט עס מיר מוחל זיין. וואָלט עס כאָטש געווען אויף אַ גרויסען טאָפּ לינזען! איז דאָס אויך נישט. בעטראַכט זיך נאָר, ווי דו לעבסט: אַ גאַנצען טאָג לויפסטו אַרום מיט אַן׳אַרויסגעשטעקטער צונג, האָסט נישט קיין פרייע מינוט, אַרבייטסט ווי אַ פערד און פערדינסט קוים בדוחק אַ שטיקעל ברויט. און איצט דיין אָנזעהן צווישען מענשען! אַ שען אָנזעהן, אַז דו דאַרפסט זיך אָבגעבען מיט קליינינקע מיידעלעך און מיט יודענעס בעל-הבית׳טעס, וועלכע קוקען אויף דיר ווי אויפ׳ן קל-שבקלים. און צוליב וואָס דאָס אַלץ? מ׳זאָגט אפילו, אַז דו ווילסט קענען די חכמות הגוים, נו, פרעג איך דיך: שוין-זשע ועסטו זיך פון דיינע מיידעלעך אויסלערנען די חכמות?...

—און נאָך אַ זאַך האָסטו פערגעסען,—האָט איסר זיך אַריינגעמישט און אויפהויבענדיג זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַראָבגענומען אַ גראַפינקע מיט בראָנפען און גלעז-לעך און אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן טיש,—דאַרפסט דאָך נישט פערגעסען, אַז דו ביזט שוין, דאַנקען גאָט, נישט קיין קינד, דו דאַרפסט שוין אַ טראַכט געבען וועגען אַ כלה. איצט, אַז דו שלעפּסט זיך אַרום איבער די הייזער און לערנסט מיידלעך, טאָ וועלכע משוגע׳נע וועט דיך וועלען נעהמען? ווען דו וואָלסט אָבער געזעסען ביי דער גמרא, וואָלט דיר גאָרנישט שווער געווען צו טהון אַ גוטען שידוך. נאָך דערצו ביי דיינע וועלט-ליכע קענטענישען! דו וואָלסט געקאָנט נעהמען אַ כלה מיט אַ פיינעם נדן, וואָלסט זיך דערנאָך פערנומען מיט מסחר, מיט

געשעפטען. אַ קליינינקייט, אַ מענש מיט אַ גמרא-קאָפּ, מיט אַ פעדער אין דער האַנד!... נו לחיים!—האָט ער פערענדיגט, אָנ-גיסענדיג אַ כּוס בראָנפען.—לאָז גאָט געבען, מ'זאָל טרינקען לכּבוד דיין אַוועקוואַרפען דאָס לעהרעריי!

—אָמן!

אַלע האָבען געטרונקען.

—הער-זשע מיך אויס!—האָט איסר גענומען ריידען, ווע-רענדיג פרעהליך נאָכ'ן ערשטען גלעזעל.—דו גיב אַ שפּיי אויף דיינע לעקציעס, וואַרף פון זיך אַראָב דיין קורצען סורדוט און ווער צוריק אַ יוד! אָט אַזוי!

—הער זיך איין!—האָט מיכאל צוגעגעבען.—פערשטעהסט זיך, אַז די טומאה האָט אַ כּח. אַז זי ציהט אַריין, איז שווער אַרויסצורייסען זיך. נאָר מ'דאַרף זיך אָנשטרענגען, מ'דאַרף ווי שמשון אַ שלעפּ טהון מיט די הענד און די קייטען וועלען זיך אויף שטיקלעך צערייסען.

דערביי האָט ער אַ צעשפּרייט געטהון די הענד, וויזענ-דיג ווי אַזוי שמשון האָט צעריסען די קייטען.

—וואָס-זשע שווייגט איהר, ר' זלמן? אַלע ריידען און איהר ענטפערט נישט,—האָט זיך יאָסעל אַריינגעמישט.

איציקאָוויטש, וועלכער איז געזעסען ווי צעמישט, האָט אַ צאַפּעל געטהון און שנעל געענטפערט:

—איך... וואָס זאָל איך ענטפערן? פערשטעהט זיך... נאָר מ'דאַרף בעקלערען, ווי? וואָס?

—וואָס איז דאָ פערהאַן צו קלערען?—האָט איהם איסר איבערגעשלאָגען.

—ניין, לאָז צו-רוה, זאָל ער זיך בעקלערען!...

—זעהסטו—האָט איסר ווידער געזאָגט,—אָדם האָט געהאַט צוויי זיהן: קין און הבל. קין האָט דער'הרג'עט הבל'ען און גאָט האָט פערשאָלטען קינ'ען. האָט אדם נאָכדעם גענומען קלע-רען, צי לוינט זיך נאָך צו האָבען קינדער, צי נישט? האָט ער געקלערט און געקלערט, גאַנצע הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט ער געקלערט, ביז ער האָט געבוירען שת'ן... מ'דאַרף

נישט קלערען! ס׳איז בעשלאָסען! וואַרפסט אַוועק דאָס לעהרעריי! און לאָמיר מאַכען נאָך אַ לחיים!

—לאָז גאָט געבען, מ׳זאָל טרינקען ביי דיר אויף דער חתונה!—האָט איסר צוגעוואונשען.

—לאָז גאָט געבען, מ׳זאָל טרינקען, ווען דו וועסט זיך אויסטהון פון דער „קליפה״ און וועסט זיך זעצען צו דער תורה—האָט מיכאל אויך געוואונשען.

—אָמן! אָמן!

—הא־לט! זלמן האָט נישט געזאָגט אָמן! נאָך אַ כוסה!—האָט יאָסעל געשריען.

זיי האָבען געטרינקען צום דריטען מאָל און אַז מיכאל האָט נאָכאַמאָל דאָסזעלבע געוואונשען, האָט איציקאָוויטש הויך אָבגע-ענטפער מיט כונה: „אָמן״ אָמן!״

## יט

אַ שכור׳ער, אַ בעטויבטער, וואַקלענדיג זיך, איז איציקאָ-וויטש אַהיימגעגאַנגען. ער האָט געמאַכט גרויסע שפרייזען, וואַרפענדיג מיט די הענד און האָט אויפ׳ן קול כסדר איבערגע-חזר׳ט:

—שאַדט נישט!... לאָז עס געהן... לאָז עס געהן, ווי עס געהט... איציקאָוויטש איז נישט קיין שוטה!...

אין זיין פערנעפּעלטען קאָפּ האָבען זיך געפּלאָנטערט שטיקלעך פון די נאַר-וואָס געהערטע רעדעס, אָבגעריסענע פראַ-זען, וועלכע האָבען געגלעט זיין אייגענליבע און געוועקט אין איהם אַכטונג צו זיך זעלבסט: „דו ביזט אַ יונגערמאַן אַ קלוגער, אַ פעהיגער...״ „פון דיר וואָלט געקאָנט זיין אַ לייט״... אָט זיי האָבען איהם פערשטאַנען! זיי האָבען באַלד געוואוסט אָבצושאַ-צען, וואָס פאַר אַ מענש ער איז! דערמאָהנענדיג זיך ווייטער איסר׳ס רייד וועגען אַ כלה, האָט איהם אַ וואַרים און פריידיג

געפיהל אויפגעשווידערט דאָס האַרץ. עס האָט זיך איהם גלייך פאָרגעשטעלט אסתר-דוואָשע מיט איהר אויפגערעגטען אויסזעהן און פערנעבעלטע אויגען—און ער האָט זיך ברייט און גליקליך צעשמייכעלט.

ס'איז געווען אַרום האַלבע נאַכט. דאָס שטעדטיל איז גע- שלאָפען. דער לבנה-סערפ האָט שוואַך, ווי פערגעסענדיג זיך און נישט ווילענדיג בעלויכטען די אָרימע קרומע געסלעך מיט די נעבעכדיגע איינגעהויקערטע הייזלעך, וועלכע זענען געזונקען אין בלאָטע. עפּעס אונענדליך-אומעטיגס האָט דאָס בילד מיט זיך פאָרגעשטעלט. עס האָט דערמאָהנט אָן אַנ'אַלט פערגעסענעם בית-עלמין מיט אין אונאָרדנונג צעוואָרפענע איינגעבויגענע מצבות.

געהענדיג פאַרביי דער שוהל, האָט איציקאָוויטש דער- הערט אַ פאָרזיכטיג-שטילען רוף:

—לעהרער... וואַרט-צו אַ ווײַלע.

—ווער איז?—האָט איציקאָוויטש דערשראָקען אויסגערופען און איז צוריקגעטרעטען.

—דאָס בין איך, אלי'... איהר דערקענט מיך נישט?—האָט, צוקומענדיג נעהנטער, איהם אָבגעענטפערט דאָס יונגעל „דער משכיל".

איציקאָוויטש האָט איהם דערקענט, ער האָט אָבער נישט בעקאָנט אַזוי גיך תופס זיין, ווער ער איז און פון וואַנען ער נעהמט זיך דאָ.

—וואָס טהוסטו איצט דאָ?

—איך וואַרט אויף אייך. איך האָב געזעהן, ווי איהר זענט געגאַנגען צו איסר'ן און איך האָב בעשלאָסען צו וואַרטען אויף אייך ביז איהר וועט זיך אומקעהרען... איך וויל אייך אָנזאָגען אַ גוטע בשורה, וועלכע וועט אייך זעהר פרעהען: איך האָב סוף כל סוף פעסט בעשלאָסען צו אַנטלויפען פון דער היים קיין מ.!

—קיין מ.?-האָט איציקאָוויטש איבערגעפרעגט, נישט פער-

שטעהענדיג נאָך קלאָר, אין וואָס עס געהט.—פאַרוואָס עפּעס קיין מ.?...

—כ'האָב געהערט, אַז דאָרט זענען פערהאַן פיל משכילים... אויסערדעם איז עס וויט פון מילאָסלאַווקע...

איציקאָוויטש האָט, פערשטעהענדיג שוין ענדליך, וועגען וואָס אלי' רעדט, זיך דערמאָהנט אין זיין שמועס מיט איהם און שווייגענדיג אַ ווייל'ע האָט ער אונענטשלאָסען געזאָגט:

—וואָס עפּעס פּלוצלונג... אַזוי אומגעריכט?...

—כ'קאָן שוין מעהר נישט! יעדער טאָג איז פאַר מיר אַ יאָהר... כ'געפין זיך ווי אין גיהנום... די גמרא איז מיר פער'מיאוס'ט, אַ חוץ דעם וויל מיך דער פאָטער דורכאויס חתונה מאַכען!

—חתונה מאַכען? עפּעס אַ פיינע כלה? אַ סך נדן?—האָט איציקאָוויטש לעבהאַפט איבערגעפרעגט.

—וואָס געהט'ס מיך אָן, וואָס פאַר אַ כלה? און אַז אפילו אַ גאָלדענע, וועל איך דען חתונה האָבען?

—און איך אויף דיין אָרט וואָלט חתונה געהאַט! ווי כ'בין אַ יוד, כ'וואָלט חתונה געהאַט!—האָט איציקאָוויטש זיך געהיצט.—לערנען זיך קאָנסטו דאָך שפּעטער אויך און דערוויל וואָלסטו געהאַט געלד...

—איר מאַכט חוזק!—האָט אלי' אויסגעשריען, צולאַכענדיג זיך.—חתונה האָבען! נאָך דאָס פעהלט מיר!... ווען מיר זאָל אויסקומען נישט נאָר חתונה האָבען, נאָר בלויז צו פערברענגען דאָ נאָך עטליכע חדשים, וואָלט איך עס נישט איבערגעטראָגען, כ'וואָלט זיך דערטרינקען... איבערהויפּט איצט, נאָכדעם ווי כ'האָב איבערגעלעזען „חטאת-נעורים״! אַך! וואָס פאַר אַ ביכעל דאָס איז!

—„וואָס פאַר אַ ביכעל!״—האָט איהם איציקאָוויטש עטוואָס צערייצט איבערגעשלאָגען.—אַ ביכעל ווי אַלע ביכלען! פון אַלעם ווערסטו נתפּעל... דאָס וועט דיך צו קיין גוטס נישט דערפיהרען!... לויפען... ס'איז לייכט צו זאָגען לויפען! דאָס איז לייכטער, ווי בעטראַכטען, בעקלערען מיט קאָפּ, דערפון נעהמען

זיך אַלע אומגליקען!... אָט בין איך אויך געלאָפען!—און האָב זיך אָבגעבריהט... איבריגענס, טהו ווי דו פערשטעהסט... ס'איז שוין שפּעט! אַ גוטע נאַכט!

און ער איז געשווינד אַוועק איבערלאָזענדיג אליין אַנ'-ערשטוינטען און פערלוירענעם.

דאָס דאָזיגע בעגעגעניש האָט איציקאָוויטש'ן עטוואָס אויס-געניכטערט. זיין שטימונג האָט זיך מיט אַמאָל געביטען, עס איז איהם איצט געוואָרען אומעטיג און שווער. ער איז געגאַנ-גען געשווינד, איינגעבויגען און האָט צערייצט געהאַלטען אין איין ריידען:

—איילען זיך! איילען זיך! קריכען אין פייער!... „השכלה"! ער פערשטעהט, וואָס עס איז אַזוינס „השכלה"! ער וועט זיך פערפלאָנטערן, ווי איך און וועט שוין דערנאָך נישט אַרויס-קריכען.

אַרויפקומענדיג צו זיך אין צימערל, האָט ער נישט אויס-טהוענדיג זיך, געלעגט אין בעט און באַלד איינגעשלאָפען.

צומאָרגענס אינדערפריה האָט איציקאָוויטש זיך שפּעט אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערען קאָפּ און אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט זיך דערמאָהנט אַליין, וואָס עס איז מיט איהם נעכ-טען פּאָרגעקומען, און—אין דער ערשטער מינוט האָט עס זיך איהם אויסגעדוכט ווי אַ חלום.

עס איז פּאָרגעקומען עפּעס זעהר וויכטיגעס—דאָס האָט ער קלאָר געוואוסט, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדער-קלויבען אין דעם, וואָס עס איז געשעהן. „זיי האָבען מיך גע-נומען מיט געוואַלד... אָנגע'שכור'ט... פערפּאָטערט מיך אין זייער נעץ"...—האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ דורכגעטראָגען. פונ-דעסטוועגען האָט ער נישט געפיהלט קיין שום פּראָטעסט, קיין שום אויפרעגונג געגען דעם. פערקעהרט, זיין מידער קאָפּ האָט נאָך גענומען בערעכטיגען וואָס ס'איז פּאָרגעקומען: לערנען זיך, בילדונג, השכלה. דאָס אַלץ זענען זעהר שענע זאַכען פאַר זאַ-טע, פאַר די וואָלכע האָבען רייכע עלטערן... וואָלטען זיי נאָר געפּרובט, די „גרויסע משכילים", לעבען ווי איך לעב, ליידען

אַזוי פיל דחקות ווי איך—וואָלטען זיי שוין אַנדערע דבורים גערעדט.

אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעטהון און איז אַראָבגעגאַנגען אונטען און די בעל-הבית'טע האָט גענומען מיט איהם ריידען וועגען די טאָג-טעגליכע עסקים, האָבען זיינע געדאַנקען באַלד אָנגענומען אַנ'אַנדער ווענדונג. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט לעקציעס, אַ בעשטימטע פּראָפעסיע, אַז ער איז מאַטעריעל פערזיכערט און דער נעכטיגער שמועס וועגען אומקעהרען זיך צום „אַלטען" האָט איהם איצט אויסגעוויזען ווי אַנ'אונזיניגע פלוידעריי. וואָס פאַר אַ זין האָט עס? פריש און געזונד און פלוצלונג נעהם, קעהר אום די האָלאָבלעס און ווער צוריק אַ ישיבה-בחור. מ'דאַרף דאָך זיין משוגע! וואָלט ער כאָטש באמת געווען אַזעלכער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר איסר'ן און פאַר זיי אַלע-דאַן וואָלט נאָך עפּעס אַנדערש געווען. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט ער דאָך צובראָכען אַלע צוימען, און געוואָרען אַנ'אמת'ער גוי. אפילו נאָך ערגער ווי אַ גוי! ווי זשע אַזוי האָט איהם גאָר געקאָנט אַזאַ משוגעת איינפאַלען!

„געוויס—האָט ער זיך געטראַכט נעהענדיג אויף די לעקציעס,—געוויס האָב איך זיך פערפּלאָנטערט און אָנגעפלוידערט גאָט ווייסט וואָס, האָב שיער נישט צוגעזאָגט אַוועקצוואַרפען די לעקציעס... אָבער ס'מאַכט נישט, קיין קאָנטראַקט האָב איך דאָך מיט זיי נישט געמאַכט. ס'וועט מיר נאָר זיין אַ ביסעל אונאָנגענעהם זיך מיט זיי צו טרעפען—און כ'דאַרף עס טאַקי נישט. וועל איך נישט געהן צו איסר'ן אויף טהיי. נישט קיין גרויסער היזק. בגוואַלד וועלען זיי מיך נישט נויטען צו ווערען אַ „בעל תשובה". און אויב זיי וועלען מיר עפּעס שלעכטס טהון—קאָן איך זיך דאָך ווענדען צום פּריסטאַוו און ער וועט זיך שוין מיט זיי אַנ'עצה טהון!

דערמאָהנענדיג זיך וועגען פּריסטאַוו האָט איציקאָוויטש בעשלאָסען אַריינצוגעהן צו איהם. איהם האָט זיך פערוואָלט

נאָכאַמאָל הערען אַ צוזאָג איהם צו פערטיידיגען. „אַלץ איז דאָך פיל נוצליכער צו פערברענגען ביים פריסטאַוו, ווי ביי איסר׳ן. דאָרט על כל פנים הער איך דאָך אַ רוסיש וואָרט, איב זיך איין אין דער שפּראַך.

אין אָווענד אויף דער לעקציע האָט יאָסעל איהם דער־מאָהנט וועגען נעכטיגען בעזוך ביי איסר׳ן און האָט איהם שוין בעוואָלט ווידער פערבעטען צו מיכאל׳ן אויף טהיי, אָבער איצי־קאָוויטש האָט איהם טרוקען איבערגעשלאָגען:

—מ׳האָט נעכטען גערעדט... מילא, וואָס מ׳פלוידערט אַלץ ביי אַ גלעזעל בראָנפען... דערוויל—בין איך לעהרער! און צו מיכאל׳ן וועל איך נישט געהן, כ׳האָב קיין צייט נישט!—און ער איז באַלד נאָר דער לעקציע אַוועקגעגאַנגען.

צומאָרגענס, פרייטאָג אינדערפריה איז איציקאָוויטש אַוועק צום פריסטאַוו.

פרייטאָג פלעגט איציקאָוויטש נישט געהן אויף די לעק־ציעס, ווייל אין דעם טאָג זענען אי די עלטערן אי די קינ־דער געווען פערשמייעט מיט׳ן שבת מאַכען, אויסערדעם וואָלט פרייטאָג געווען אונמעגליך צו געבען די אָווענד־לעקציעס, וועל־כע קומען שוין אויס אום שבת.

דעם פריסטאַוו האָט איציקאָוויטש געטראָפען אין קאַנצע־לאַריע. דאָרט איז אויך געווען דער שרייבער און דער ערשט נאָר וואָס אַריינגעקומענער גלח. אַ קליינינקער, אַ פולער, מיט גוטע אויגען און אַנ׳עטוואָס גרויליך בערדעל.

דער פריסטאַוו האָט זיך אפילו געוואונדערט פון איציקאָ־וויטשעס פריהען בעזוך, אָבער ער האָט איהם דאָך העפליך אויפגענומען:

—אַ-אַ! גאָספּאָדין לעהרער! זעהר אָנגענעהם!—האָט ער איהם בעגריסט נישט אויפהויבענדיג זיך פון אָרט און דערלאַנ־גענדיג איהם די האַנד.—אָט, באַטיושקאַ, האָב איך די עהרע אייך פאָרצושטעלען: דער אויפקלערער פון דער יודישער יוגענד... ער פערדינט ליבע און אַכטונג!

—ס׳איז מיר זעהר אָנגענעהם! זעהר אָנגענעהם!—האָט דער

גלח עטוואָס זיך אונטערהויבענדיג געזאָגט און דערלאַנגט איציקאָוויטש'ן די האַנד פון אונטער דער ריאַסע אַפער.

—אַ מענש מיט הויכער בילדונג, אָהן אַבערגלויבענס...—האָט איהם דער פריסטאַוו כסדר רעקאָמענדירט.—זיצט. איהר וועט טרינקען טהיי?

—אַ דאַנק!—האָט איציקאָוויטש געענטפערט זעצענדיג זיך.

—וואָס זשע הערט זיך? ווי געהען ביי אייך די געשעפטען? דער רב האָט אייך נאָך נישט געלעגט אין חרם אַריין?

—כע-כע! חרם—האָט זיך איציקאָוויטש דערפרעהט מיט'ן יודישען וואָרט.—ניין, נאָך נישט... נאָר די מלמדים... זענען בייז... אַ שרעק!...

—זיי זענען בייז? זאָלען זיי נאָר וואַגען אייך עפּעס שלעכטס טהון, וועל איך זיי אָנלערנען!... אַזוי, אַזוי, באַטיושקאַ, אַזאַ פאָלק איז עס! זיי האָבען מורא פאַר בילדונג, ווי דער טייוועל פאַר ווייררויך...

—זיי געהען אין פינסטערניש... פערבלאָנזשעטע און איינגע'עקשנ'טע—האָט דער גלח אָבגעקרעכצט.—פאַר זייער האַרטנעקיגקייט האָט זיי גאָט געשטראָפט. ער האָט זיי אַרויסגעטריבען פון זייער לאַנד און זיי צעזייעט איבער דער גאַנצער ערד... נאָר ענטשולדיגט מיר, איהר האָט עפּעס אַ סך שילער, הער לעהרער?

—אַכצעהן...

—איהר האָט, הייסט עס, אַ שולע?

—ניין. אַזוי. לעקציעס. כ'געה—האָט דער לעהרער לאַקאָניש געענטפערט.

—זעהר פיין! זעהר וואויל!

—לויט מיין מיינונג, באַטיושקאַ, איז עס נישט נאָר פיין, נאָר פשוט אַ גליק! וואָס רעדט איהר! זיי זענען דאָך גאָר קיין מענשען נישט! אין זייערע לייבסערדאַקעס, שרייען, פילדערן, פערשטעהען קיין וואָרט רוסיש נישט און געה טענה מיט זיי!... וועלען זיי זיך נאָר אָבער אויסלערנען אַ ביסעל „גראַמאָטע", וועלען זיי באַלד אַנדערע מענשען ווערען. דאַן, קאָן זיין, וועלען

לען זיי אויך ערלעכער ווערען... דעריבער טאַקי פרעג איך אפילו נישט דעם לעהרער, צי ער האָט אַנ'ערלויבעניש אַלס לעהרער? איך קוק דערויף דורך די פינגער. אַזוי!

און אַרויפלעגענדיג זיין האַנט מיט צעשפּרייטע פינגער אויפ'ן געזיכט האָט ער געוויזען ווי אַזוי ער קוקט דורך די פינגער.

—גאָט איז אַ גוטער, גאָט איז אַ גוטער!—האָט דער גלח קרעכצענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ געשעפּטשעט—נאָר, זעהט איהר, פּעאָדאָר סטעפּאַניטש, מיין מיינונג איז, אַז די יודען וועט מען מיט קיין בילדונג נישט בעסער מאַכען...

—פאַרוואָס?

—ווייל זיי זענען האַרטנעקיג אין זייער בלאָנדזשען, ביז דאָס ליכט פון קריסטוס-לעהרע וועט זיי נישט בעלויכטען, וועלען זיי נישט בעסער ווערען...

—ס'איז מעגליך...—האָט דער פּריסטאַוו כמעט צוגעשטימט און פּלוצלונג האָט ער לעבהאַפט אויסגערופען:

—אפשר, באַטיושקאַ, וועלען מיר טרינקען צו ביסלעך בראָנפען?

—איך מיין, אַז אויסער נוצען, וועט דאָס קיין שאָדען נישט ברענגען!—האָט דער גלח אויפהויבענדיג דעם ווייז-פינגער אין דער הויך פילדייטיג געענטפערט.

—אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „און טרינקען דערפרעהט דאָס האַרץ"—האָט דער פּריסטאַוו אין זעלבען טאָן אונטערגעהאַלטען—גריגאָריעוו! דערלאַנגט נאָר פון דער שאַפּע די גראַפינקע מיט בראָנפען—האָט ער זיך געווענדט צום שרייבער.

—אָבווישענדיג זיך די וואָנסעס נאָך דער ערשטער כוס'ע, האָט דער גלח זיך געווענדט צו איציקאָוויטש'ן:

—איהר זייט דאָך אַ געבילדעטער מענש, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע מדרגות, זיך פערטיפט אין דער לעהרע: אין פיזיקע, אין אַלערליי מעכאַניקעס און נאָך דאָרט פערשידענסטע וויסענשאַפטען... האָט איהר דאָך, הייסט עס, שוין פערוואָרפען אַלע יודישע אַבערגלויבענס?

—ער האָט געגעסען חזיר, באַטיושקאַ, חזיר!—האָט דער פּריסטאַוו געשריען—וואָס דאַרפט איהר מעהר! און דאָס איז ביי זיי די ערשטע עבירה, מ'קאָן זאָגען—„חרם״!

—אַזוי. האָט איהר זיך, הייסט עס, אָבגעזאָגט פון די פּאָראורטיילען, ווייל אייערע אויגען זענען געעפענט געוואָרען—האָט דער גלח ווייטער גערעדט.—און דאָך שטעהט איהר ווייטער אויפ'ן שייד-וועג. האָט איהר איינמאָל איינגעזעהן דעם אמת—טאָ נעהמט איהם אָן... וואָס זשע שטערט אייך, הער לעהרער, אַראָבצוּוואַרפען פון זיך דאָס אַלטע און אַריינצוטרעטען אין שויס פון קריסטוסעס צערקווע?

—ריכטיג!—האָט דער פּריסטאַוו אויסגעשריען, אַ קלאַפּ געבענדיג מיט דער פויסט אין טיש.—עהרען-וואָרט! ס'איז דאָך דער ריינער אמת! וואָס האָט איהר זיך צו רעכענען מיט אייערע איציק'ס, סרועלס? זיי האָבען דאָך אייך אָבגעשטויסען—טאָ שטויסט איהר זיי אויך אָב, טויפט זיך! וואָרים אַזוי שטעהט איהר דאָך טאַקי אין מיטען: נישט פאַר דער נשמה, נישט פאַר'ן טייוועל!...

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט ער מיט זיכערקייט געזאָגט:

—געוויס, באַטיושקאַ, ער וועט זיך טויפען, ער וועט זיך בעשטימט טויפען! ער איז דאָך שוין איצט אויך... בעטראַכט איהם. איז ער דען עהנליך אויף עפּעס אַ ברוך?... ער האָט דאָך גאָר קיין יודישע צורה נישט, עהרען-וואָרט!

איציקאָוויטש, אונרוהיג פון דער ווענדונג, וואָס דער שמועס האָט אָנגענומען, איז געזעסען אַ בלייכער מיט אַנ'אָנגעצויגען געזיכט און הילפלאָז געקוקט אין אַלע זייטען.

דער פּריסטאַוו איז עטליכע מאָל געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איציקאָוויטש'ן, האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דער פּלייצע און פריינדליך געזאָגט:

—ע-עך, יונגערמאַן! איהר קאָנט דאָך גליקליך זיין, ווען איהר זאָלט זיך שמד'ן! בעטראַכט נאָר, ווי אַזוי איהר לעבט

איצט. אַלע קוקען אויף איך ווי אויף אַ וואָלף, זיי וואָלטען איך גערן אומגעבראַכט. אָבער ווען איהר שמד'ט זיך, וואָלט איהר דאָך געלעבט ווי אַ גראַף...

—פאַראַיאָהרען האָט זיך אין ניקאָלאַיעווקע גע'שמד'ט איי־נער, אַ יונגער יודעל־האָט דער שרייבער, אָבהוסטענדיג, נישט דרייסט זיך אָנגערופען.—פאַר טויף־עלטערן האָט ער זיך גענומען איוואַן מיכאַילאָוויטש מוראַוויאָוו'ן און דעם איספּראַווניקס פרוי... וואָס זשע קלערט איהר? איוואַן מיכאַילאָוויטש האַלט איהם פאַר אַנ'אייגענעם זוהן, ער האָט איהם אָנגעשריבען דאָס הויז און האָט איהם געגעבען אַ רייכע כלה... איצט האָט ער דאָרט זיינס אַנ'אייזען־קראָם.

איציקאָוויטש האָט געפיהלט, אַז ער מוז אונבעדינגט עפּעס זאָגען, ער איז אָבער געווען אַזוי אָנגעשראָקען און צעטומעלט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידען.

—איך... איך... כ'בין נישט קיין פאַנאַטיקער... כ'טהו אַלעס... אַלעס...—האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים גערעדט.—נאָר שמד'ן זיך קאָן איך נישט... דאָס קאָן איך גאָרנישט! ניין!—האָט ער צוגעגעבען קוקענדיג מיט געבעט אין די אויגען אויפ'ן פריסטאַוו.

—פאַרוואָס קאָנט איהר נישט? האַלט איהר דען, אַז אייער גלויבען איז בעסער פאַר'ן קריסטליכען? אַלס געבילדעטער מענש...—האָט דער פריסטאַוו אָנגעהויבען.

—אַנ'אַלטער פאָטער... זעהר אַנ'אַלטער... זעהר אַ פרו־מער, אַ שרעק... אויב איך וועל זיך שמד'ן, וועט ער עס נישט איבערטראָגען און וועט שטאַרבען, ער וועט אינגאַנצען אַוועק־שטאַרבען...—האָט איציקאָוויטש געשטאַמעלט.

—אין דעם בעשטעהט דער טעות!—האָט דער גלח מוסר געזאָגט.—דער פאָטער אין הימעל איז העכער פאַר דעם ערדי־שען פאָטער. עס שטעהט געשריבען: „פערלאָז דיין פאָטער און מוטער און געה נאָך מיר"... איהר האָט געלעזען דאָס עוואַנ־געליום?

איציקאָוויטש, וועלכער האָט ס'ערשטע מאָל געהערט אַזאַ וואָרט, האָט ערשטוינט געקוקט אויפ'ן גלח.

—שוין-זשע האָט איהר נישט געלעזען? אַ געבילדעטער מענש און האָט נישט געלעזען דעם עוואַנגעליום?—האָט זיך דער פּריסטאַוו געוואונדערט.

—גיט איהם, פּעאָדאָר סטעפּאַניטש, דעם עוואַנגעליום. לאָז ער איבערלעזען און זיך פערטראַכטען.—גאָטס ליכט וועט אויף איהם אויך פאַלען...

—דוכט זיך, אַז ביי מיר...—האָט דער פּריסטאַוו אין פּער-לעגענהייט אָנגעהויבען, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגע-כאַפּט.—איבריגענס, וואָס רעד איך, איך האָב!—און אויסזוכענדיג געשווינד דאָס עוואַנגעליום, האָט ער עס דערלאַנגט איציקאָ-וויטש'ן.

—נעהמט, לעזט עס דורך און טראַכט זיך אַריין דערין און דערנאָך וועלען מיר ריידען—האָט דער פּריסטאַוו איהם גע'-עצה'ט.

—כ'וועל דורכלעזען...—האָט איציקאָוויטש געהאָרכזאַם און שרעקעוודיג געענטפערט און גענומען זיך געזעגענען.

—זאָל אייך גאָט שענקען זיין חסד—האָט איהם דער גלח געבענשט צום געזעגענען.

—אַרויסקומענדיג פון פּריסטאַוו, איז איציקאָוויטש כמעט געלאָפען, ווי אַ געשפּענסט וואָלט איהם נאָכגעיאָגט. ער איז גע-ווען געוואַלדיג אָנגעשראָקען. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז נאָך אַ האָהר און זיי וואָלטען איהם אָבגע'שמד'ט. דער פּריסטאַוו און דער גלח זענען דאָך נישט איסר און יאָסעל. מיט יענע קאָן מען איינ'טענה'ן, אָבער מיט זיי וואָס וואָלט ער געקאָנט טהון, ווען זיי נויטען איהם צו שמד'ן זיך? גאָרנישט! ער איז דאָך אינגאַנצען געווען אין זייערע הענד!

ער האָט בעהאַלטען דעם עוואַנגעליום טיף אין בוזעם. נישט וויסענדיג וואָס פאַר אַ ביכעל דאָס איז, האָט ער זיך דאָך אָנגעשטויסען, אַז דאָס האָט געוויס אַ דירעקטען שייכות צום שמד. און דאָס האָט איהם זעהר אומרוהיג געמאַכט.

—נאָך וואָס בין איך געגאַנגען צום פּריסטאַוו!... נאָר צי האָט ער דען געקאָנט וויסען, אַז ער וועט דאָרט טרעפען דעם גלח און אַז עס וועט אַרויסקומען אויף אַזאַ שמועס? פּערקעהרט, ער האָט זיך גאָר געריכט, אַז מ׳וועט איהם נאָכאַמאָל לויבען פאַר זיין טעטיגקייט און ער וועט בעקומען אַ צוזאָג אַז מ׳וועט זיך פאַר איהם איינשטעלען, וועלכעס איז איהם טאַקי אַזוי נויטיג נאָכ׳ן אָנפאַל פון איסר׳ן און זיין קאָמפּאַניע. אָנשטאָט דעם האָט ער גאָר געהאַט אַ צווייטען אָנפאַל, נאָך אַ שרעקליכערן נאָך אַ געפעהרליכערן—פון פייער און וואַסער...

ער האָט גאָרנישט בעמערקט, ווי ער איז שוין ווייט פון שטעדטעל אַרויס. פוןביידע זייטען וועג האָבען זיך געצויגען סעדער, אַ ביסעל ווייטער האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַ געדיכטער וואַלד—דער איינציגער שפּאַציר-אָרט פון דער מילאָסלאַוועקער יוגענד.

איציקאָוויטש איז אַריין אין וואַלד. איהם האָט זיך פערוואָלט זיין אַליין און בעטראַכטען די לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך איצט. אין וואַלד האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, איבער׳ן דורכפאָהר-וועג האָט מען קיין לעבעדיגען נפש נישט געזעהן און דער שפּאַציר האָט איציקאָוויטש׳ן בערוהיגט. און באמת—וואָס האָט ער זיך צו שרעקען, אומזיסט געשראָקען: עס שטעהט איהם קיין שום געפאַהר נישט פאָר. מען פּרובט איהם איינריידען, אָבער מיט געוואַלד וועט דאָך איהם קיינער נישט אַוועקזעצען צו דער גמרא און נישט אָב׳שמד׳ן. מ׳דאַרף זיך נאָר האַלטען פעסט און אויסמיידען די אָנרעדער—אי די ערשטע, אי די צווייטע.

די שרעק וועלכע האָט איהם פריהער בעהערשט בעת׳ן שמועס מיט׳ן גלח, איז איצט ביסלעכוויז פאָריבער. און אויף איין אויגענבליק איז איהם אפילו אַדורך ווי אַ בליץ אַ געדאַנק: און ווען כ׳זאָל זיך טאַקי שמד׳ן אויך? כ׳בין דאָך שוין סיי ווי סיי נישט קיין יוד, נאָך ערגער פון אַ גע׳שמד׳טען... וואָס פאַר אַ געוואַלד איסר מיט׳ן גאַנצען שטעדטעל וואָלטען דאָס געמאַכט! איציקאָוויטש האָט זיך אַזש צעשמייכעלט. אָבער באַלד האָט ער

צו זיך אַליין געזאָגט: „נאַרישקייטן״—און גענומען טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער האָט זיך גאַנץ פיין איינגעאָרדענט, ער איז פאַרזיכערט מיט אַ שטיקעל ברויט און קאָן אפילו נאָך אָבשפּאָרען אַ ביסעל געלד. ער דאַרף נאָר אַ ביסעל אַנדערש זיך פיהרען: שעצען זיין צייט, נישט בעזוכען איסר׳ן, זיך האַלטען שטרענג מיט יאָסלען...

זיין שטימונג האָט זיך אינגאַנצען אויסגעלייטערט, ער האָט דערפיהלט אין זיך פרישע כחות און מונטער, מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט ער זיך גענומען פערקירעווען אַהיים.

אַזוי ווי ער איז נאָר אַרויס פון וואַלד, האָט ער דערזעהן פון שטעדטעל אַנטקעגענקומען עפּעס אַ פרויען-געשטאַלט, און וועלכער ער האָט גלייך דערקענט אסתר-דוואָשע׳ן. ער איז געבליבען שטעהן מיט האַרץ-קלאַפּונג: עס האָט איהם אַ געפרעהט אַ געשראָקען די פּערספּעקטיוו פון דעמדאָזיגען בעגעגעניש דאָ אין וואַלד מיט אַ מיידעל, מיט וועלכער ער איז אין אַזעלכע מאָדנע בעציהונגען, אפילו אויף דער לעקציע, ווען אין צימער איז שטענדיג דאָ אסתר-דוואָשע׳ס אַלטיטשקע מוטער, האָט איהם אויך שרעקליך גערעגט די נאָהנטקייט און די ליידענשאַפטליכע אויפגערעגטקייט פון דעם מיידעל.

צוקומענדיג ביי אַ צעהן טריט פאַר׳ן לעהרער, האָט דאָס מיידעל זיך אָבגעשטעלט און מאַכענדיג דעם אָנשטעל ווי זי וואָלט איהם ערשט איצט בעמערקט, האָט זי זיך אומנאַטירליך צעלאַכט.

—כאַ-כאַ-כאַ! אַ בעגעגעניש! אַ שענע בעגעגעניש!... איך געה מיר אַזוי שפּאַצירען, טרעף איך גאָר אייך דאָ! ווי קומט איהר דאָ אַהער? כאַ-כאַ-כאַ!

זי האָט געוואָלט איהם אַזויערנאָך איינריידען, אַז דאָס בעגעגעניש איז אַ צופעליגע, בעהאַלטען פאַר איהם, אַז זי האָט געזעהן ווי ער איז געגאַנגען צום וואַלד און האָט אויף איהם געוואַרט, נאָר נישט דערוואַרטענדיג זיך אויף זיין אומקעהרען זיך, איז זי איהם אַנטקעגענגעגאַנגען.

—איך בין אויך געגאַנגען שפּאַצירען...—האָט איציקאָוויטש

מיט אַ פערשטיקטער שטים פון אויפרעגונג געענטפערט.

—שפּאַצירען? כאַ-כאַ-כאַ!... מיידלעך געהען שפּאַצירען אין וואַלד, נישט קיין מענער... אַלע מיידלעך געהען שבת און איך קאָן מיר ערלויבען פרייטאָג אויך צו שפּאַצירען. איך האָב נישט וואָס צו טהון...

זי האָט מיט ליידענשאַפטליך-פערנעפּעלטע אויגען אַ קוק געטהון אויף איציקאָוויטש'ן און אויפגערעגט געזאָגט:

—איהר ווילט שפּאַצירען מיט אַ בארישניע? ס'איז דאָך אַנ'עבירה? האַ? כאַ-כאַ!

—איך האַלט דאָס נישט פאַר קיין עבירה...—האָט איציקאָוויטש געענטפערט און געגאַנגען האַרט נעבען איהר.

זיי זענען אַריין אין וואַלד און עטליכע מינוט געגאַנגען שטילשווייגענד, מיט שטאַרק-קלאַפּענדיגע הערצער. אסתר-דוואָשע האָט זיך אָבגעשטעלט און, נישט קוקענדיג אויף איציקאָוויטש'ן, האָט זי אָבגעהאַקט געשעפּטשעט:

—איהר... האָט נישט מורא... צו געהן געאָרעמט מיט... אַ מיידעל?..

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט זי איהם גענומען אונטער דער האַנד און זיך שטאַרק צוגעדריקט צו איהם.

די נאָהנטע בעריהרונג פונ'ם מיידעל האָט איציקאָוויטש'ן ווי אָבגעקאָכט. ער האָט אסתר-דוואָשע'ן נישט געקוקט אין פּנים אַריין, נאָר ער האָט געזעהן איהר האַסטיג זיך הויבענדע ברוסט, ער האָט געהערט איהר געשווינד אָטעמען און עס האָט איהם זעלבסט אויך פערכאַפּט דער אָטעם און געשווינדעלט פאַר די אויגען. ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד, זי שטאַרק געדריקט און הייס געשעפּטשעט:

—איך וויל אייך זאָגען... איך...

ער האָט נישט געקאָנט פערענדיגען די פראַזע, אָבער אסתר-דוואָשע האָט איהם פערשטאַנען און האָט זיך אינגאַנצען אָהנמעכטיג אַראָבגעלאָזט אויף זיין האַנד. ער האָט זי פעסט ארומגעכאַפּט ביים האַלז און זי אַ קוש געטהון אין באַק. דער-

שרעקנדיג זיך אָבער באַלד פאַר זיין דרייסטקייט, איז ער צוריק אָבגעשפּרונגען ציטערנדיג איינגאַנצען. דאָס מיידעל האָט איהם אָבער פעסט אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און קוים צום הערען האָט זי ליידענשאַפטליך געשעפּטשעט:

—קומט... דאָרט... אין וואַלד...

און האָט איהם מיטגעריסען מיט זיך.

## כ

איציקאָוויטש איז צוריק אַהיים געגאַנגען אין אַ שרעקליך גייסטיגען צושטאַנד. ער האָט זיך געפיהלט דערשלאָגען, פערניכטעט, פונקט ווי אַ לאַווינע וואָלט אויף איהם אַראָבגעפאַלען און איהם צוגעדריקט. ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגעהן אין שטעדטעל, ער האָט מורא געהאַט צו טרעפען זיך מיט מענשען. איהם האָט זיך געדוכטען, אַז יעדער ווער עס וועט איהם אַנטקעגען קומען וועט אין זיין געזיכט דערקענען זיין געפאַלענקייט, זיין פערברעכען. און אַלע וועלען איהם פערוואַרפען מיט שטיינער.

פאַרזיכטיג, אונבעמערקט פון די בעלי־בתים, איז ער אַרויף צו זיך אין דאַך־שטיבעל, זיך געוואָרפען אויף'ן דיוואַן, פערזינקען דאָס פנים אין קישען און היסטעריש זיך צעוויינט, רייידענדיג כסדר:

—וואָס האָב איך געטהון!... וואָס האָב איך געטהון!...

לאַנג איז ער אַזוי געלעגען בעוואוסטלאָז, אָהן געדאַנקען, מיט אַ בליי־שווער געמיט. עס האָט זיך איהם געדוכטען, אַז איצט איז שוין „אַלעס געענדיגט”, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, נאָך וועלכען ער דאַרף זיך שוין נישט ווייזען מעהר אויף דער גאַס.

ס'האָט אָנגעהויבען טונקעל ווערען. עס איז שוין צייט געוועזען צו געהן אין שוהל אַריין. דערנאָך צום טיש. נאָך אַ געוואַלדיגער אָנשטרענגונג איבער זיך איז ער אַראָב אונטען, אַנ-

אויסגעמאַטערטער, אַ דערשלאָגענער און נישט קוקענדיג די בעלי־בתּים אין די אויגען אַריין האָט ער געזאָגט אַז ער איז אַ ביסעל נישט געזונד און ער וועט נישט געהן דריבער אין שוהל אַריין. ער איז קוים איינגעזעסען ביים טיש בעת׳ן עסען און האָט זיך ערשט עטוואָס בערוהיגט ווען ער האָט זיך גע־פינען אַליין ביי זיך אין צימערל. ער האָט זיך גלייך געלעגט אין בעט, אָבער ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינ־שלאָפען ר׳האָט זיך געוואָרפען אין היץ, אויפשפרונגענדיג אַלע מאָל מיט אַ שטאַרקער האַרץ־קלאַפּונג. פאַר די אויגען איז איהם כּסדר געשטאַנען אסתּר־דוואָשע מיט אַ צעפלאַמט געזיכט, מיט צעלאָזטע געלע האָר און האַסטיג זיך הויבענדער ברוסט. און קוים האָט ער אָנגעהויבען זיך צו פערגעסען האָט זיך איהם געדוכטען, אַז ער פאַלט אַראָב פון אַ שרעקליכער הויכקייט אין אַן אָבגרונד און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי, אָב־געגאָסען מיט אַ קאַלטען שווייס. נור ערשט פאַרטאָגס איז ער איינגעשלאָפען מיט אַ שווערען שלאָף, ווען ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט האָט ער זיך באַלד דערמאָנט אָן דעם וואָס עס איז געשעהן און ער איז ווידער אַריינגעפאַלען אין שרעק און פער־צווייפלונג. געהן אין שוהל איז פונדעסטוועגען נויטיג געוועז. נישט געהן—וואָלט געהייסען ציהען נאָך מעהר אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און שטאַרקענדיג זיך, איז ער אַוועק אין שוהל.

איהם האָט זיך געדוכטען, אַז אויף דער גאַס וועט מען איהם באַכטייטלען מיט די פינגער, איהם האָט זיך געדוכטען, אַז ער הערט שוין ווי מען שרייט איהם נאָך: מופקר! אָבער דאָס האָט זיך איהם נאָר געדוכטען. עטליכע פערשפעטיגטע יודען און יר־דענעס וועלכע האָבען געאיילט אין שוהל אַריין האָבען איהם געזאָגט, גוט שבת. ביים איינגאַנג פון דער שוהל האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אסתּר־דוואָשעס מוטער, די אַלטע האָט זיך דערפרעהט מיט איהם און פריינדליך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

—איך האָב געמיינט, נאָר איך אַליין האָב פערשפעטיגט—

האָט זי געזאָגט—ערשט, איהר אויך!

די דאָזיגע בעגעגעניש האָט איצקאָוויטשען בעזונדערס בע־רוהיגט. זי האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אַ ביסעל זיך צו בעטראַכטען, אַז וועגען זיין „פאַלען” קאָן קיינער נישט ווי־סען. אסתר דוואָשע וועט דאָך נישט געהן דאָס אויספּויקען.

נאָר, אַז ער איז אַריין איז שוהל און ער האָט זיך בע־געגענט מיט די צעהנדליגער אָנגעשטעלטע בליקען אויף איהם, האָט איהם ווידער אַרומגעכאַפּט די טיפע אומרוהיגקייט, איהם האָט זיך געדוכט, אַז מען קוקט עפּעס בעזונדער אויף איהם, ווי אויספּרובענדיג, ווי די מענשען ווייסען עפּעס וועגען איהם. אפשר האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז ער האָט ביים פּריסטאַוו חזיר געגעסען. אפשר האָבען זיך ענטדעקט עפּעס אַנדערע זיינע חטאים? בעזונדערס האָט איהם געדריקט איסר'ס אָנגעשטעלטער בליק.

מיט אַ שטאַרק-קלאַפּענדיג האַרץ, זיך גרייטענדיג אויפ'ן ערגסטען וואָס קאָן נאָר זיין, האָט איציקאָוויטש גענומען דעם סידור און זיך אַ נעהם געטהון פלייסיג צום דאַוונען.

פאַר הוצאת-התורה האָט איציקאָוויטש בעמערקט, אַז גרשון שמש געהט גלייך צו איהם צו. ס'האַרץ איז איהם אָבגעשטאָר־בען—איהם האָט זיך שוין געדוכט, אַז אין שוהל איז שטיל געוואָרען און אַלע ערוואַרטען עפּיס...

—ר' זלמן...—האָט גרשון מיט דרך-ארץ זיך אָנגערופען.

—„ס'הויבט זיך שוין אָן!”—האָט איציקאָוויטש אַ טראַכט גע־טהון און געפּיהלט, אַז ער פאַלט אין טיפען אָבגרונד.

—ר' זלמן... דער גבאי האָט אייך געהייסען עולה-לתורה זיין...

—וואָרט! נישט דיין עסק,—האָט איסר צוקומענדיג איבער־געשלאָגען גרשונ'ען—איך טרעט איהם היינט אָב מיין מפטיר.

און אַ קלאַפּ טהוענדיג איציקאָוויטש'ן, מעשה חבר, אי־בער דער פּלייצע האָט ער מיט אַ שמייכעלע צוגעגעבען:

—זעהסטו, דעם בעסטען ביסען פון מויל גיב איך דיר אָוועק! נאָר זעה, פערשעהם מיך נישט, פערשטעהסט?... אַלע

וועלען זיך, געוויס, נייגעריג איינהערען צו דיין מפטיר...

—זייט רוהיג... כ׳וועל לייענען דעם מפטיר נישט ערגער פון אַנדערע...—האָט איציקאָוויטש איהם פערזיכערט.

ער איז אין אמת׳ן דערצו געווען אַ מזיק. בעת ער איז נאָך געווען אין ישיבה, נאָך פאַר דער השכלה-עפּאָכע, פלעגט דאָס לייענען די תורה אָדער אַ מפטיר זיין ביי די ישיבה-בחורים אַ מין ספּאָרט, און וועלכען איציקאָוויטש, האָבענדיג אַ שטיקעל שטימע, פלעגט תמיד זיין דער ערשטער.

איסר, נישט אָבטרעטענדיג נאָך פון איציקאָוויטש׳ן, האָט אויף עפּיס געוואַרט. ער האָט אַהינגעקוקט צו דער מזרח-וואַנד וואו עס זענען געזעסען די חשוב׳סטע בעל־בתים. איציקאָוויטש האָט אויך אַ בליק אַהין געטהון און דערזעהן, אַז דאָרט קומט פאַר עפּיס ווי אַ בעראַטונג, בעת אַלעמאָל ווארפט אַנ׳אַנדערער אַהער צו איהם אַ נייגעריגען בליק. ענדליך איז פון דער גרופּע דאָרט אַרויס אַ זעכצעהן-יעהריג בחור׳ל, דעם רב׳ס אַ קרוב, און זיך געלאָזט צו איציקאָוויטש׳ן.

—דער רב בעט אייך, איהר זאָלט צוקומען צו איהם—האָט ער געזאָגט צו איציקאָוויטש׳ן.

—דער רב?...—האָט איציקאָוויטש דערשראָקען און אונ-צוטרויליך איבערגעפרעגט און האָט נעבעכדיג און בעטענדיג אַ קוק געטהון אויף איסר׳ן.

—וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען פאַר׳ן רב?—האָט איסר מיט חשד געזאָגט—ער וועט דיך נישט אויפעסען! אַז ער רופט דיך, גאָה.

איציקאָוויטש איז צעטומעלט געוואָרען. „דאָ איז עפּיס נישט גלאַטיג!״ האָט ער אַ טראַכט געטהון און אַ בלייכער, אַ צעטומעלטער, מיט וואַקלענדיגע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום רב.

דער רב, אַ קליינער, דאַרינקער אַלטיטשקער, מיט אַ שי-טער גרוי בערדעל, מיט אַ פּאָר טרויעריג-מידע אויגען, פער-דעקט איבער׳ן קאָפּ מיט׳ן טלית, האָט איציקאָוויטש׳ן צוגענומען

מיט אַ רוהיגען, דורכדרינגליכען און אומעטינען בליק. די בעל-בתים האָבּען זיך אָבּגערוקט.

—שלום עליכם!...—האָט דער רב געלאַסען געזאָגט, אויס-שטרעקענדיג איהם פון אונטער׳ן טלית אַפּער אַ דאַרע האַנד.

—עליכם שלום, רבי—האָט איציקאָוויטש ווי פערלוירען געענטפערט.

—ווי הייסט דו?

—זלמן.

—וועמענס ביזטו?... ווער איז דיין פאָטער?

—מיין פאָטער איז געוועזן אַ שמש.

—פון וואַנען ביזטו?

—פון ווּ.

—דו האָסט געלערנט אין ישיבה?

—געלערנט,—האָט איציקאָוויטש שטיל געזאָגט און אָבּגע-זיפצט.

נישט אַראָבּלאָזענדיג פון איציקאָוויטש׳ן זיין אומעטיגען בליק, האָט דער רב עפּעס געמאַכט מיט די ליפּען און נאָך אַ קורצע ווײַלע שווייגען געזאָגט:

—כ׳האָבּ געהערט אַז דו ביזט אַנ׳אָרענטליכער יונגערמאַן, כ׳וויל זיך מיט דיר בעקענען, מיט דיר שמועסען... קום אַרויף צו מיר היינט פאַר׳ן עסען, יועסט היינט זיין ביי מיין טיש...

איציקאָוויטש איז געוועזן ערשטוינט פון דעם אונערוואַר-טעטען כבוד, ער האָט זיך פערלוירען און, קומענדיג עטוואָס צו זיך, האָט ער הייס בעדאַנקט.

—כ׳האָבּ געהערט, אַז דו קענסט גוט לערנען—האָט דער רב ווייטער געזאָגט—מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דו... ביזט נישט אַזאַ... בקיצור, ביים עסען וועלען מיט שוין ריידען. אַלזאָ, זאָלסטו קומען, הערסט, מיין זוהן?

די לעצטע ווערטער האָט דער רב בעזונדערס צערטליך אַרויסגעזאָגט און גוטמוטיג אַ קוק-געטהון אויף איציקאָוויטש׳ן.

איציקאָוויטש האָט געוואָלט עפּיס ענטפערן, נאָר אין דער-זעלבער סעקונדע האָט מען אָנגעהויבען אויפרופען צו דער תורה

און ער איז געשווינד צוריק אַוועק אויף זיין אָרט.

איצט איז איציקאָוויטש'ן אַלץ קלאָר געוואָרען: אַי די איינגעגעסענע בליקען פון אַלע זייטען, אַי דער „כבוד" מיט'ן מפטיר, אַי דאָס פערבעטען צום רב: איסר און זיין קאָמפּאַניע פיהרען אַזוי-אַרום זייער אַטאַקע. זיי ווילען איהם אַרויפנעהמען צום רב און איהם צוריק אַרויפברענגען אויפ'ן דרך-הישר. דאָס איז עס איינגאַנצען! די אַטאַקע האָט איהם נישט נאָר נישט געשראָקען, נאָר פערקעהרט, איהם נאָך געפרעהט. זאָלען זיי אָנפאַלען! ער וועט זיך, נאַטירליך, נישט אונטערגעבען. נאָר וועט שׂכל'דיג און כיטרע זיך געהן מיט זיין וועג. ביים רב וועט ער זיך מאַכען פאַר אַנ'אָרענטליכען, פרומען בחור, נאָר אויף יעדען ממשות'דיגען פאָרשלאָג פון זייער זייט וועט ער אויסמיידען צו געבען אַ בעשטימטען ענטפער. ער וועט זיך שוין אַנ'עצה געבען מיט זיי...

ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער דאַרף באַלד לייענען מפטיר—און האָט זיך גענומען צוגרייטען דערצו. ער האָט איצט עפּעס אַזאַ געפיהל, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס געהאַט איבערגעקומען אַ שרעקליכען טויט-געפאַהר און איז דעריבער געווען פרעהליך און לעבהאַפט געשטימט.

ווען מען האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה, איז ער מונטער און דרייסט צו צום בעלעמער, האָט קלאָר און דייטליך איבערגלייענט די ברכות און אָנגעהויבען לייענען מפטיר. ער האָט נישט הויך, געלאַסען און געפיהלפול זיך צוגעזונגען. דער אומעטיגער פער'חלומ'ט-מאָנאָטאָנער ניגון האָט זיך געצויגען ווי איין לאַנגע אונענדליכע נאָטע, דאָ העכער, דאָ נידריגער, עס איז דערין געווען אַזאַ רוהיגע, אָטעם-פערכאַפּענדע צאַרטע תפלה, וועלכע איז אויסגעגאַנגען אין דינע, דינע קוים הערבאַרע טרעלען.

די מתפללים, וועלכע האָבען זיך פריהער געהאַט אַרומגעשטעלט אַרום בעלעמער מיט אַ סקעפּטיש שמייכעלע אויף די ליפּען, האָבען באַלד אויפגעהערט צו שמייכלען און, פערכאַפּט פון דעם זיס-צאַרטען ניגון, האָבען זיי זיך פערוואונדערט אי-

בערגעקוקט, ווי זיי וואָלטען געפרעגט פון וואַנען קומט דאָס?

געענדיגט לייענען, איז איציקאָוויטש אראָב פון בעלעמער, ווי אַנ׳אַרטיסט נאָך אַ געלונגענעם דעביוט, שטאָלץ אַרומקוקענדיג זיך, ווי ער וואָלט געפרעגט: „נו? איצט פערשטעהט איהר שוין, וועמען איהר האָט פאַר זיך?"

די דאַוונער האָבען איהם אַרומגערינגעלט און גענומען לויבען זיין שטימע און התוך-הדבור: אַזאַ מפטיר האָבען זיי נאָך נישט געהערט!

איסר איז זיך געמיטליך צוגעקומען צו איציקאָוויטש׳ן און, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, האָט ער ערנסט, מיט אַ טאָן פון אַ גרויסען אויטאָריטעט, געזאָגט:

—וואויל, זעהר וואוילו!

נאָכ׳ן דאַוונען האט איציקאָוויטש געזאָגט צו לייוויק׳ן:

—כ׳וועל היינט נישט קומען צום עסען, דער רב האָט מיך פערבעטען צו זיך...

—כ׳האָב געהערט, געהערט,—האָט לייוויק פערלאָפּט.

איציקאָוויטש איז צוגעגאַנגען צום רעדעל בעלי-בתים, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דעם רב, און צוזאַמען מיט אַ קלענערער גרופּע, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען איסר און יאָסעל, איז ער אַוועק צום רב. דאָרט האָט איהם די רבי׳צין, אַ קליינינקע, פולע פרוי מיט אַ גוטמוטיג געזיכט, אויפגענומען, שטאַרק לויבענדיג איהם פאַר זיין מפטיר.

—כ׳וואָלט כ׳ווייס נישט וואָס געגעבען, כ׳זאָל יעדען שבת הערען אַזאַ מפטיר!

—ע, ע, רבי׳צין!—האָט איסר מיט אַ כלומרשט בעליידיגטען טאָן אויסגערופען,—הייסט עס, אַז מיין מפטיר געפעלט אייך נישט? גוט צו וויסען! אויס גוטע פריינד!

—געה שוין, געה שוין, צעלאָזענער!—האָט די רבי׳צין געענטפערט, פריינדליך אַ פּאַטש טהוענדיג איהם אין פּלייצע.

ווען די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט מען זיך געזעצט צום טיש: דער רב מיט דער רבי׳צין, זייער טאָכטער מיט׳ן מאַן, צוויי אייניקלעך און צוויי שבת-אורחים. איציקאָ-

וויטש׳ן האָט דער רב בעזעצט נעבען זיך און די רבי׳צין האָט איהם געגעבען גרעסערע פּאָרציעס, ווי אַ בכבוד׳יגען גאַסט.

דער ערפאָלג אין שוהל, די אַכטונג פון דער רבי׳צינס זייט, דאָס ליכטיגע ריינע צימער, די פרום יודישע סביבה, וועלכע האָט איציקאָוויטש׳ן דערמאָהנט אָן זיינע קינדער-יאָהרען, דער געשמאַקער זאַטער מיטאָג—דאָס אַלץ האָט איציקאָוויטש׳ן יום-טוב׳דיג געשטימט.

נאָכ׳ן מיטאָג איז דער רב געווען פרעהליך, האָט גע-שטיפט מיט די קינדער, האָט געזאָגט גמרא-פשט׳לעך, זאָגענדיג נאָר די ערשטע ווערטער און געקוקט אויף איציקאָוויטש׳ן, ער זאָל ס׳איבריגע דערזאָגען, וואָס איציקאָוויטש האָט גערן געטהון. די רבי׳צין האָט איהם דערנאָך אויסגעפרעגט וועגען זיינע על-טערן און געוואָהר-ווערענדיג, אַז ער איז אַ קיילעכדיגער יתום, האָט זי אַזוי וואַרים און האַרציג, אַזוי צערטליך און ליבליך געזאָגט: „נעבעך!" אַז איציקאָוויטש האָט זיך דערמאָהנט אָן די לאַנג פערגעסענע מוטערליכע לאַסקעס און ער האָט דערפיהלט אַנ׳אמת׳ע ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו דער רבי׳צין.

נאָכ׳ן מיטאָג האָט דער רב, אָנשטאָט זיך צו לעגען שלאָ-פען, אַריינגערופען איציקאָוויטש׳ן צו זיך אין חדר—אַ קליין צימערל, וואו עס האָט זיך געפינען: אַ טיש, פול מיט ספרים און כתב-יד׳ן, צוויי שאַפעס מיט ספרים, אַ שטוהל, אַ פאָטעל און נישט קיין גרויס, כמעט קינדעריש בעט. אויף דער וואַנד איז געהאָנגען אַ טלית-זאַק מיט טלית און תפילין.

—זעץ דיך, זוהן מיינער, וועלען מיר אַ ביסעל שמועסן,— האָט דער רב געזאָגט און זיך אַליין אויך געזעצט. איציקאָוויטש האָט זיך געזעצט נעבען איהם. ער האָט געוואוסט וועגען וואָס דער שמועס וועט איצט זיין, אָבער ער האָט זיך אַבסאָלוט נישט געשראָקען דערפאַר. ער האָט געפיהלט ליבע און צוטרוי צום אַלטיטשקען רב און האָט זיך צו איהם געוואָלט טוליען מיט דער גאַנצער נשמה, גרייט אונטערצוּוואַרפען זיך אַלץ, וואָס דער רב וועט בעפעהלען.

אַ לענגערע ווילע איז דער רב געזעסן שווייגענדיג,

פערטיפט אין זיינע מחשבות, מיט אנ׳אויסדרוק פון פערטראַכט-קייט און אומעט. נאָכדעם האָט ער טיף אָבגעזיפצט און אָנגעהויבען ריידען, נישט הויך, לאַנגזאַם און האַרציג:

—הער, זוהן מיינער, וואָס איך וועל דיר זאָגען... מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דו ביזט אַ שטילער, אַ גאָטספאָרכטיגער יונגערמאַן, און, ווי איך זעה, איז עס אמת... און אָט וויל איך מיט דיר איבערשמועסען ערנסט, מיט אַנ׳אָפען האַרץ, ווי אַ פאָטער מיט אַ זוהן, ווי אַ רבי מיט זיין תלמיד, ווי אַ יוד מיט אַ יודען... וואוהין געהסטו, זוהן מיינער?... האָסט פערלאָזט די תורה הקדושה און האָסט זיך גענומען פאַר אַ זאַך, וואָס פיהרט גלייך אין תהום אריין. אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: „פאַרלאָזטו זי אויף איין טאָג, וועט זי דיך אויף צוויי פאַרלאָזען". און שוין פיל, פיל טעג ווי דו ביזט אַוועק פון איר, פון אונזער גרויסער און הייליגער תורה... און וואוהין, אויף וואָס פאַר אַ וועגען האָסטו זיך פערנומען? דו בעטראַכט זיך נאָר אַליין, דערמאָהן זיך. האָסט זיך פערטיפט אין חכמות העולם, האָסט פערפלעקט דיינע מחשבות און דיין האַרץ מיט די טריפה׳נע ביכלעך און אין דיין האַרץ האָט געקאָנט אַריינפאַלען דער זוימען פון צווייפלונג... אָבער דו דאַרפסט דאָך נאָר די אויגען עפענען, צו זעהן דעם אמת. הונדערטער און טויזענדער פון די חכמי הדור האָבען געלערנט און מפורש געווען אונזער הייליגע תורה.

נישט שוין-זשע האָבען זיי ווייניגער געוואוסט און ווייניגער פערשטאַנען, ווי די וועלטליכע חכמים פון אַנדערע אומות, ווי די מענשען וואָס האָבען טעמפע קעפּ און פערשטאָפטע הערצער פאַר גאָטס געבאָט?

נישט שוין-זשע קאָנען אָט די עטליכע יונגע עזות-פנימ׳ער, וואָס האָבען פערלוירען דעם צלם אלקים, און איבערגעטראָטען דעם גדר—נישט שוין זשע קאָנען אָט דידאָזיגע, וואָס האָבען אָהן בושה פערגעסען און לייקענען אָן גאָט און זיין תורה—נישט שוין-זשע קאָנען זיי מיט זייערע אפיקורסישע און זינדי-

גע ביכלעך זיך אַנטקעגענשטעלען אונזערע גרויסע און הייליגע חכמים?

דער רב האָט טיף אָבגעזיפצט, אָבגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

—דו האָסט פערלאָזט די תורה, האָסט זיך אָבגעקעהרט פון איהר, צוליב די וועלטליכע חכמות. דאָס איז געווען דיין ערשטער שריט. נאָך דעם האָסטו געמאַכט דעם צווייטען, נאָך אַ מעהר שרעקליכען און זינדיגען, עברה אררת עברה. האָסט אַראָבגעוואָרפען דיין יודישען אויסזעהן, זיך אָנגעטהון מעשה דייטש, זיך אָבגעשוירען די פאות, געוואָרען אַ „שרייבער" און אָנגעהויבען לערנען די קליינע יודישע קינדערלעך אַזעלכע זאַ-כען, וואָס פערטעמפען דעם שכל, נשמה און פערטעמפען די פערטעמפען און פערטעמפען וואָס וועקען אין האַרצען אַלע בייזע מחשבות!

בעטראַכט זיך נאַר, וואָס פאַר אַן׳עברה דו נעהמסט אויף זיך! די זינד פון ירבעם בן נבט, וואָס האָט געזינדיגט און אַנ-דערע געצוואונגען צו זינדו! דו זייעסט אויסגעלאַסענקייט און פערדאָרבענקייט. די קינדער, וואָס דו לערנסט, וועלען ווערען גוים, וועלען ריידען רוסיש, פערגעסען אָן יודישקייט און אָן גאָט... וועט זיך אָנהויבען אַ מחלקות אַ קריגערייא. זוהן מיינער! דו ווייסט דען נישט די פיל צרות, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט אויסצושטעהן אין גלות: אייביגע גרושים, אייביגע בלבולים... גאָט שטראָפט זיין אויסדערוועהלט פאָלק. אָבער כל זמן מען האָט אויסצושטעהן פון פרעמדע—איז עס נישט שרעקליך פאַר אונז. שרעקליך וועט זיין, אַז פון צווישען יודען אַליין וועלען זיך אויפהויבען אָט די צעשטערער און פערפיהרער, ווי מגיפה, וואָס גרייכט צום סאַמע וואָרצעל...

—הער, זוהן מיינער!—האָט ווייטער גערעדט דער רב שוין מיט אַ שטאַרקער שטים.—איך בעט דיך, איך בעט דיך רחמים, איך בין אויף דיר גוזר, ווי אַ רבי-קעהר זיך אום. מיט איין מאָל וואַרף אַראָב פון זיך די גאַנצע אומריינקייט, ברעך דיין ווילען און קעהר זיך אום צו גאָט, צו זיין תורה און צו יודישקייט! האָב רחמנות אויף זיך אַליין. האָב רחמנות

איבער דיין טאַטע מאַמע, וואָס ליידען נעבעך צוליב דיר אויפ׳ן עולם האמת, וואָס צוליב דיר זענען פאַר זיי געשלאָסען די טויערן פון ליכטיגען גן עדן. האָב רחמנות איבער דיין אומגליקליך, אָרים פאָלק ישראל—און קעהר זיך אום. קעהר זיך אום צו גאָט, בכל לברך, בכל נפשך ובכל מאודך. און גאָט וועט מוחל זיין דיינע זינד. דו ווייסט דאָך, אַז ער איז אַן אל רחום וחנון און אַז איהם איז טייער יעדערער, וואָס קעהרט זיך אום צו איהם מיט׳ן גאַנצען האַרץ...

דער רב האָט אַ כליפע געטהון און אַנטשוויגען מיט אַן אָראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי אָהן כחות.

איציקאָוויטש האָט פאָראויס געוואוסט, וועגען וואָס דער רב וועט מיט איהם ריידען. האָט ער פון אָנהויב געהערט אַ ביסעל צעשטרייט, בעטראַכטענדיג, וואָס האָט ער צו ענטפערן. מען דאַרף זיך בעקלאָגען אויפ׳ן ראש ישיבה, דערצעהלען וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען פון איהם, ערקלערען, אַז ער איז נישט גאָר קיין אויפגעקלערטער-פערקעהרט, אויב ער ערלערנט די חכמות העולם, איז דאָס צוליב דעם, ער זאָל קאָנען זיי בעסער אָפּוועדען, ער זאָל קאָנען זיך איינשטעלען מיט די „אויפגעקלערטע״... אָבער וואָס ווייטער ער האָט זיך צוגעהערט צום רב׳ס דבורים, אַלץ מעהר האָבען זיי איהם געכאַפּט פאַר׳ן האַרץ. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ פּאַסט נישט אַרויסצודרעהען זיך מיט תירוצים. דעם רב׳ס רייד האָבען אָנגעריהרט די פערבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין נשמה, אָנגעריהרט איהרע אָנגעוועהטאָגטסטע סטרונעס. אין זיין געדאַנק האָבען זיך דורכגעטראָגען די ערינערונגען פון זיין גאַנצען לעצטען יאָהר, ווי ער האָט איהם אָבגעלעבט—און ער האָט אַ קוק געטה׳ון אויף זיין לעבען שטרענג און האַרט, ווי עס האָט איהם אונטערגעזאָגט זיין אוממיטעלבאַר געפיהל, זיין פערשטיקט געוויסען—האָט איהם אַרומגענומען אַ פּחד. ער האָט דאָך ווירקליך זיך אָבגעטונקט אין בלאָטע, נישט איבערגעלעגט זיך, נישט געקעמפּט—גלאַט אַזוי, צוליב צעלאָזענקייט. נישט שוין זשע ווייסען זיי טאַקע מעהר, אָט די אַלטע שנעקעס, די גימנאַזיסטלעך,

די פלוידערער פון השכלה, פאַלקאַמע עם הארצים אין דער תורה — נישט שוין זשע פערשטעהען זיי מעהר ווי אַלטע און חשוב'ע לייט, ווי אָט אָ דער אַלטער רב, ווי הונדערטער און טויזענדער גאונים און גדולים פון יודישקייט?

„השכלה! השכלה! אין וואָס בעשטעהט זי דאָס אָט די בעריהמטע השכלה? איז עס דען נישט אַ קינדערשפּיל, אַ נאַרישקייט? גראַמאַטיקע! באַסניעס! הפקרות!... וואו איז דאָ די טיפע חכמה, וועלכע זאָל קאָנען זיך פערגלייכען מיט דער גמרא?...

און דאַן זענען אויפגעשוואומען ערינערונגען וועגען פערבאָרגענע בעליידיגונגען, וואָס איז איהם אויסגעקומען אויסצושטעהן פון פערשידענע משכילים. האָבען זיי זיך דען ווען עס איז בעצויגען צו איהם מיט אַזאַ ווארעמקייט, מיט אַזאַ האַרציגקייט ווי אָט אָ דער אַלטיטשקער רב? צי דען האָבען זיי, די זאַטע און די רייכע געוואָלט וויסען פון איהם אַז ער ליידט פון הונגער און פון קעלט, אַז ער איז אָבגעריסען און אָבגעשליסען? זיי פלעגען איהם צוואַרפען, ווי דעם בעטלער די פּאָר גראָשען, ער זאָל נאָר פון הונגער נישט אומקומען...

און ער איז זיי דאָס נאָכגעגאַנגען, געטהון איין עבירה נאָך דער אַנדערער, פערדאָרבען זיין נשמה און געפלויגען אין תהום אַריין...

און ביסלעכווייז האָט ביי איציקאָוויטש'ן אין האַרצען זיך אויפגעכאַפּט דער חרטה-געפיהל, דער דורשט צוריקצוקעהרען, זיך אָבצווייניגען. עפּעס אַ דריקענדעס, אַ וועהטאָגליכס האָט זיך אַ הויב געטהון ווי אַ כוואַליע און אַ שפּאַר געטהון צום האַלז.

— רבי! זאָגט, לערנט, וואָס צו טהון! איך... איך וועל אַלץ טהון, וואָס איהר וועט הייסען. — האָט ער געזאָגט מיט אַ פערשטיקטען קול.

— דו ווייסט אַליין וואָס דו האָסט צו טהון, זוהן מיינער. האָט זיך אָבגערופען דער רב. — קעהר זיך אום צו גאָט, וואַרף אַוועק דיין לעהרעריי, ווער אַ יוד, ווי פריהער.

איציקאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבען, געוואָלט עפּעס זאָ-

גען, נאָר די טרעהרען האָבען אָנגעשפּאַרט און ער האָט נישט געקאָנט ריידען. האָט ער זיך צעוויינט.

—רבי!—האָט ער אויסגעשריען מיט אַנ׳אָבגעהאַקטער שטים, פול געבעט און חרטה—רבי! איך בין אַ זינדיגער. איך בין פול מיט זינד! איך בין נישט ווערט איהר זאָלט מיך אָנרופען זוהן. איך בין עס נישט ווערט... איך האָב עובר געוועזן אויף אַלע געבאָטען... איך, איך... רבי! איך בין נישט שולדיג. איך שווער אייך! מען האָט מיך אָנגערעדט, מען האָט מיך פערנאַרט... די חברה אויפגעקלערטע. זיי האָבען מיך געצוואונגען. רבי!... אָט האָט איהר מיין וואָרט. איך שווער ביי מיין חלק עולם הבא, אַז איך וועל ווידער ווערען אַ פרומער יוד, אַז איך האָב חרטה. פון מיין טיפסטען האַרצען האָב איך חרטה. איך בין גרייט צו נעהמען אַ תשובה, וועלכע איהר וועט נאָר אַרויפלעגען אויף מיר. רבי! רבי!

און ער האָט זיך הויך צעוויינט.

טיף געריהרט, און אַליין שיער נישט וויינענדיג, האָט דער רב מיט אַ ציטערדיגער שטים, שטיל אַרויסגערעדט.

—גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב זאָל שטאַרקען דיין האַרץ און דיר אָנווייזען דעם ריכטיגען, דעם אמת׳ען וועג...

און ער האָט אַרומגענומען איציקאָוויטש׳ן און האָט איהם געקושט.

איציקאָוויטש איז צוגעפאַלען צו דעם רב׳ס דאַרער, צע-קנייטשטער באַק מיט אַ לאַנגען קוש און האָט אַלץ געריעדט מיט אַ נעבעכדיגען קרעכץ.

—רבי... רבי...

און דער רב האָט אויך דורך טרעהרען שטיל גערעדט.

—אַ לויב צו דיין הייליגען נאָמען! האָסט אומגעקעהרט אַ יודישע נשמה אויפ׳ן רעכטפאַרטיגען וועג...

אין צימער איז אַריין די רבי׳צין.

—קריינע, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט—האָט געזאָגט צו איהר דער רב אַ יום-טוב׳דיגער—זלמן איז שוין מעהר קיין

שרייבער נישט. ער האָט זיך אומגעקעהרט צו יודישקייט.

— מזל-טוב, זוהן מיינער! — האָט די רבי'צין שטיל און מיט געפיהל געזאָגט צו איציקאָוויטש'ן. און זי האָט איהם אַרומגענומען און אַ קוש געטהון אויפ'ן קאָפּ.

אַז זי האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, האָט זי איבערגעוועבען דעם רב, אַז מען וואַרט אויף איהם אין צווייטען חדר און זי איז מיט איהם צוזאַמען אַרויס.

איציקאָוויטש איז פערבליבען אַליין אין האַלב-פינסטערן חדר. ער איז געזעסען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט אַ געבראָכען האַרץ פול חרטה. יאָ, ער אָנערקענט, ער איז אַ גרויסער בעל-עבירה געווען, אַ גרויסער בעל-עבירה. און איצט האָט ער זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט אַלע זיינע געדאַנקען צוריקגעקעהרט צו גאָט. ער האָט זיך שוין צוריקגעקעהרט. אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם גאַנצען שמוץ, דעם גאַנצען בייזען כשוף פון דער השכלה. ער האָט זיך געמיהט צו דערמאָהנען זיינע אַלע זינדיגע מעשים: געגעסען חזיר, גערעדט געגען גאָט, איבערגעטראָטען אַלע הייליגע געבאָטען. די עבירה, וואָס ער איז בעגאַנגען נעכטען, איז דאָך אויך געקומען פון זיין אויפגעקלערטקייט... אָט צו וואָס עס קאָן ברענגען די השכלה.

מיט שרעק האָט ער געטראַכט וועגען אַלע טריפה'נע ביכלעך, וועגען זיינע חברים, וועגען זיינע שילערינס און וועגען אסתר-דוואָשען... זיי אַלע האָבען זיך פאַר איהם צוזאַמענגעגאָסען אין איין גרויסער זינדיגקייט, וועלכע ער האָט איצט פון זיך אָבגעריסען. צו דערשטיקען דאָס שווערע געפיהל, האָט ער גענומען אַ תהילים פון טיש און גענומען זאָגען, נישט הויך, מיט'ן געוועהנליכען אומעטיגען תהלים-ניגון. ער האָט זיך בעמיהט אַריינצודרינגען אין דעם זין פון יעדען וואָרט, ער האָט אַריינגעלעגט אין דעם תהלים-זאָגען זיין גאַנצע דורשט פון חרטה און וועלען ריין ווערען. ער האָט מתפלל געווען — און טרעהרען זענען גערונען פון זיינע אויגען.

# כא

איציקאָוויטש איז פערבליבען ביים רב ביז'ן אָווענד. נאָך הבדלה זענען צום רב געקומען עטליכע מקורבים, בתוכם אויך איסר, מיכאל און יאָסעל. לוסטיג, יום-טוב'דיג געשטימט זענען זיי אַריינגעקומען מיט אַ הויכען מזל-טוב און שטאַרק געדריקט איציקאָוויטש'ן די האַנד, געקלאַפּט איהם אין פּלייצע און בע-שיט מיט שבחים און ווינשונגען.

—רבי'צין!—האָט איסר אויסגעשריען,—וואו איז די רבי'צין? וואָס טראַכט זי זיך? וואו איז די צוגעזאָגטע משקה?

—וואַרט, וואַרט! ס'וועט זיין משקה אויך!—האָט די רבי'צין געענטפערט.—וואָס דען! ווי זאָגט דער פּויער—„מאָהריטש".

עס איז דערלאַנגט געוואָרען בראָנפען און פערבייסען. דער רב האָט אָנגעגאָסען אַ גלעזעל און געווינשען:

—מיר זאָלען זוכה זיין צו טרינקען ווען יודען וועלען דערפרעהט ווערען. לחיים, מיין זוהן, לאָמיר זוכה זיין צו טרינקען, ווען דו וועסט אינגאַנצען האָבען פערגעסען אָן דיין עבר, ווען אַלדאָס ביז וועט אויסגעראָט ווערען מיט'ן וואָרצעל פון צווישען די יודען! לחיים!

—מיר זאָלען זוכה זיין צו טרינקען, ווען זלמן וועט בע-קומען סמיכה אויף רבנות-האָט מיכאל צוגעווינשען.

—מיר זאָלען זוכה זיין צו טרינקען, ווען ווילנאָ וועט פערברענט ווערען ביז'ן גרונד!—האָט איסר אויסגעשריען.

—שאַ!-האָט איהם מיכאל אָבגעשטעלט-דו האָסט פערגע-סען, אַז די ווילנער אפּיקורסים האָבען פערסטראַכירטע הייזער! זיי וועלען נאָך צופרידען זיין!

—ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ פרעהליכע און רוישיגע גע-רעדעריי. אַלע האָבען גערעדט מיטאַמאָל. איסר האָט זיך שוין גאָרנישט זשענירט-אויפגעדעקט די קאָרטען און דערצעהלט, ווי ער און יאָסל האָבען דיפּלאָמאַטיש און כיטרע בעאַרבייט איציקאָוויטש'ן.

—אָבער דער ערשטער האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך דעם „ניצוץ היהודית״!—האָט יאָסעל זיך געריהמט.

—שקר וכזב!—האָט איהם איסר איבערגעשלאָגען.—איך האָב דער ערשטער געזאָגט, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצען קאַליע.

—איסר, דו האָסט אַ קורצען זכרון!—האָט יאָסעל זיך גע-שפּאַרט.—דו האָסט פערגעסען, אַז דו האָסט איהם געזאָלט אָנ-פּאַטשען.

—איך האָב דאָס נאָר געזאָגט בתּנאי, אויב ער וועט זיין אַנ׳עזות-פּנים, בין איך גרייט איהם צו געבען עטליכע פּעטש אויך. נאָר איך האָב דאָך באַלד געזעהן, אַז ער איז משלנו. איך האָב איהם געפרעגט: וואָס? קיין בעסערע בעשעפטיגונג ווי לעהרעריי האָסטו שוין נישט געפינען? האָט ער מיר געענטפערט, טרעפט וואָס?—„פּשוט נבילתא בשוקא ואל תצטרך לבריות״. אַ יודישער ענטפער, נישט אמת, רבי? אַזוי וואָלט אַנ׳אפּיקורס, אַנ׳עזות-פּנים נישט געענטפערט.

—איך האָב אַזוי נישט געענטפערט, נאָר ס׳איז נישט וויכ-טיג,—האָט איציקאָוויטש, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך גע-פיהלט ווי אַ חתן, שמייכלענדיג געענטפערט.

ווען אַלע האָבען זיך אַ ביסעל בערוהיגט, איז מען צו-געטראָטען צו בעהאַנדלען פּראַקטיש דעם ענין.

—קודם כל דאַרפסטו אויסזעהן ווי אַ יוד—האָט זיך מיכאל געווענדט צו איציקאָוויטש׳ן. וועסט אויסטהון דעם קורצען סור-טוק, דאָס ווייסע פאָרהעמדעל, וועסט זיך אָבשערען, פערלאָזען די פאות...

—ניין, קודם כל דאַרף ער געהן אין מקוה—האָט איסר אויסגעשריען—טובל זיין זיך ווי ס׳געהער צו זיין!

—און איך וועל הייסען גדליה בעדער מאָרגען אונטער-הייצען די מקוה,—האָט יאָסעל זיך אַריינגעמישט.

—ס׳ערשטע, מיין קינד,—האָט דער רב געזאָגט—דאַרפסטו אויסרוימען פון דיר די אומריינקייטען—די ביכלעך... דאָס דאַרף זיין די ערשטע זאַך. ברענג זיי מאָרגען דאָ אַהער און וואַרף זיי אין אויווען אַריין. זאָלען זיי אַוועק מיט׳ן רויך...

—וואָס דען, כ'האָב אַליין אויך שוין געטראַכט וועגען דעם—האָט אי יקאָוויטש שוואַך געענטפערט.

—נאָך וו"ס, רבי, זאָל מען ברענגען דאָס אומריינקייט צו אייך אין שטוב אַריין—האָט מיכאל זיך אָ'געררופען.—ס'בעסטע וועט זיין אַוועקצוטראָגען עס אין באָד און דאָרט פערברענען אַלץ צוזאַמען אי די ביכער, אי „ס'ווייסע האַרץ", אי דעם קור-צען ראָק... ער איז סיי ווי סיי גאָרנישט ווערט.—האָט ער לאַ-כענדיג געזאָגט.

—דערנאָך, מיין קינד, וועסטו זיך זעצען לערנען. קיין שום אַרבייט און זאָרגען וועסטו נישט האָבען. וועסט זיך קאָנען אומגעשטערט אָבגעבען דער תורה... איך אַליין וועל עטליכע שעה אין טאָג לערנען מיט דיר „פּוסקים". מיר וועלען לערנען לקוטי תורה... מיר'ן זעהן...

—און וואָס וועט זיין מיט „טעג"?—האָט יאָסעל זיך אָנ-געררופען.—מ'דאַרף וועגען דעם אויך אַ טראַכט טהון.

—פרייטאָג און שבת וועט ער עסען ביי מיר,—האָט דער רב געענטפערט.

—און ביי מיר דינסטאָגען,—האָט איסר אויסגערופען.

—און איך גיב זונטאָגען און מיין ברודער אלי' וועט גע-וויס געבען מאָנטאָגען,—האָט מיכאל זיך אָנגערופען.

—זעהסטו, האָסט שוין פינף טעג,—האָט איסר געזאָגט צו איציקאָוויטש'ן.—נאָך איין טאָג וועט געוויס מיין שוועהר געבען. בקיצור, וואָס שייך דיין פרנסה—ביזטו פערזאָרגט. וועסט נישט שטאַרבען פון הונגער.

די פראַגע וועגען „טעג" האָט איציקאָוויטש'ן דערמאָהנט בכלל וועגען זיין פינאַנסיעלער לאַגע, ריידען אָבער וועגען דעם פאַר אַלעמען אין די אויגען, האָט ער זיך געשעמט. ער האָט דעריבער אָבגערופען איסר'ן אָן אַ זייט און איהם דער-מאָהנט, אַז אויסער עסען האָט דער מענש נאָך הצטרכות'ן. אַ לעבעדיגער מענש דאַרף געהן אין באָד, דאַרף געבען וואַשען אַ העמד, פעררייכטען אַ שיך, רויכערן אַ פּאַפּיראָס א. אַ. וו. אויסערדעם האָט ער געגעסען ביי חנה-לאה צוויי וואָכען און

מ׳דאַרף איהר בעצאָהלען. נאַטירליך, קומט איהם פאַר די לעק־ציעס, אָבער די בעלי-בית׳טעס וועלען דען בעצאָהלען...

—וועגען דעם זאָרג זיך נישט!—האָט איהם איסר איבער־געריסען.—עס וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג! דיינע בעלי-בית׳טעס וועלען נישט ווילענדיג מוזען בעצאָהלען. איך וועל צו זיי שי־קען דעם שמש מיט אַ צעטעל. און פאַר דעם געלד וועל איך שוין רעגולירען לייוויק׳ן. און וואָס שייך דיינע הוצאות—וויפיל דאַרפסטו? עטליכע קאָפּיקעס, אַ גריוועניק אַ וואָך, לוינט זיך דעריבער נישט צו ריידען. וועסט מיך בעטען, וועל איך דיר געבען!

דער לעצטער צוזאָג פון איסר׳ן האָט איציקאָוויטש׳ן דער־מאָהנט זיין אַמאָליגען בעטלען „עטליכע קאָפּיקעס" ביי די משכילים, נאָר ער האָט זיך בעמיהט צו שמייכלען און האָט זיך נאָך שען בעדאַנקט.

ווען די געסט האָבען זיך שוין געקליבען צום אַוועקגעהן, האָט איסר, נישט שטאַרק גלויבענדיג אין דער אויפריכטיגקייט פון איציקאָוויטשעס תשובה, בעשלאָסען נישט צו לאָזען איהם דערוויל אַליין און האָט איהם גערופען צו זיך נעכטיגען.

צומאָרגענס אינדערפריה איז איציקאָוויטש אַוועק אויף זיין קוואַרטיר כדי צו נעהמען די ביכער, וועלכע האָבען געזאָלט פערברענט ווערען און זיי אַוועקטראָגען אין באָד.

—נאָר מאַך עס שנעלער, באַלמוטשע נישט. איך האָב קיין צייט נישט—האָט איהם איסר געזאָגט—פערגעס נישט, אַז איך בין אַ פערנומענער מענש.

איציקאָוויטש איז אַוועק אויף זיין קוואַרטיר מיט אַ שווער געמיט, אָבער ער האָט זיך בעמיהט נישט צו טראַכטען וועגען גאָרנישט און האָט נאָר כסדר איינגערעדט זיך, אַז אַלץ איז שוין געענדיגט, און אַז אַזוי איז בעסער, פיל בעסער.

אויף דער קוואַרטיר האָט ער זיך שוין געקליבען דער־צעהלען דער בעל-בית׳טע וועגען דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, אָבער זי האָט גיך, מיט אַ געמאַכטער שמחה איהם איבערגע־שלאָגען:

—כ'האָב געהערט, געהערט! ס'גאַנצע שטעדטעל קאָכט ווי אַ קעסעל. נו, מזל-טוב! מיר זאָלען זוכה זיין...

—כ'פרעג אייך, זאָגט מיר: האָב איך נישט גוט געטהון?—האָט איציקאָוויטש אָנגעהויבען, ווילענדיג הערען אַ שטיקעל הסכמה אויף זיין שריט—איהר האָט דאָך אַליין געזעהן, אַז דאָס לעהרעריי איז נישט געווען פאַר מיר...

—נאַטירליך! נאַטירליך!—האָט חנה-לאה אויסגעשריען.—איך האָב מיר שטענדיג געטראַכט: נעבעך! אַזאַ מענש—און דאָ גאָר... נאָר געלויבט איז השם יתברך, וואָס איהר זייט כאָטש צום שכל געקומען!

—און וואָס שמועסט מען אין שטעדטעל?

—איהר פרעגט נאָך: וואָס זאָל מען רעדען? אין שטעדטעל איז יום־טוב... כ'האָב אייך טאַקי געוואָלט עפּעס איבערפרעגען. מ'זאָגט, אַז אייער פאָטער האָט געזאָלט אייך קומען צו חלום דריי מאָל נאָכאַנאַנד און אייך געהייסען תשובה טהון... איז עס טאַקי אמת?

—עט, יאָ געקומען, נישט געקומען, נאָר איך האָב פּעסט בעשלאָסען גענוג נאַריש צו מאַכען זיך, משוגע צו זיין... שוין צייט אָנצוהויבען לעבען ווי אַ מענש...

און איבערגעבענדיג דער בעל־בית'טע, אַז וואָס ס'קומט איהר ביי איהם, וועט איהר איסר בעצאָהלען איז ער אַרויף צו זיך נאָך די זאַכען.

איציקאָוויטש האָט געהאַט בעשלאָסען אָוועקצוטראָגען צום פערברענען אַלע ביכלעך, וועלכע ער האָט נאָר געהאַט. נאָר ווען ער האָט זיי איצט אָנגעהויבען צענויפנעמען, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות. אָט זענען נאָך אינגאַנצען נייע ביכער: לעהר־ביכער פון היסטאָריע און געאָגראַפיע, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די „העכערע וויסענשאַפטען". אָט איז די גראַמאַטיקע, אַ צוריסענע, אַ נעבעכדיגע, נאָר אַזאַ ליבינקע... אָט איז אויך די אַריטמעטיקע מיט'ן „זאַדאַטשניק", וואָס פאַר אַ טרוימען און פלענער זענען געווען פערבונדען מיט אָט די ביכער, וויפיל נשמה איז אין זיי געווען אַריינגעלעגט!

אין די דאָזיגע ביכער איז דאָך פאַר איהם געווען קאָנצענטרירט ווי אין אַ ברען־גלאָז די גאַנצע „וועלטליכע חכמות", אַלץ, מיט וואָס ער האָט געלעבט אין משך פון גאַנצען לעצטען יאָהר — און איצט דאַרף ער מיט זיינע אייגענע הענד פערלעשען דאָס ליכט, איבערשניידען דעם צוזאַמענבונד פון עבר מיט דער גע־גענוואַרט...

נאָך ערגער האָט ער זיך געפיהלט, ווען ער האָט גענו־מען אין דער האַנד די העברעאישע ביכער, מיט וועלכע עס זענען פערבונדען אַזוי פיל זכרונות! ס'האַרץ האָט זיך איהם שמערצליך צונויפגעדריקט און מיט אַ פערשטיקטער שטימע, ווי מען געזעגענט זיך ס'לעצטע מאָל שוין מיט אַ ליבען מענשען אַ גוסס, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

—„השכלה... השכלה..."

ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז אונטער'ן דיוואַן ליגט נאָך בעהאַלטען דאָס עוואַנגעליום. וועגען דעם ביכעל האָט ער גאָר געהאַט פערגעסען אין די לעצטע טעג פון גרויס אויפ-רעגונג. דערמאָהנענדיג זיך וועגען עוואַנגעליום, האָט ער זיך באַלד אויך דערמאָהנט וועגען פּריכטאַוו און דעם גלח — און אַ ציטער איז איהם אַדורך איבער'ן לייב. ער האָט גענומען דאָס עוואַנגעליום, אויפגעעפנט עס און אָנגעהויבען לעזען: „די גע-בורט פון ישוע המשיח, דער זוהן פון דוד, דער זוהן פון אברהם"...

פון די ערשטע ווערטער שוין, האָט ער פערשטאַנען וואָס פאַר אַ בוך ער האַלט איצט אין האַנד. יאָ, דאָס איז אַ בוך וועגען קריסטוס, וועגען שמד, אַ בוך, וועלכע טאָר זיך נישט געפינען אין קיין יודישע שטוב... וואָס טהוט מען דערמיט? ער קאָן דאָך עס אפילו נישט אַוועקטראָגען צו פערברענען, ווייל אויב איסר אָדער יאָסעל וועלען זיך דערוויסען וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז, וועלען זיי זיך דאָך אויף טויט דערשרעקען. און בכלל, ווי קאָן ער פערניכטען אַ בוך, וועלכעס געהערט צום פּריסטאַוו? און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט עס צוריק פער-לאַנגען?

נאָך אַ געוויסער צייט וואַקלען זיך, האָט ער בעשלאָסען דאָס עוואַנגעליום דערוויל צו בעהאַלטען ערגעץ אויפ'ן בוידעם.

—און אפשר שוין בעהאַלטען די גראַמאַטיקע אויך?...— האָט ער אַ טראַכט געטהון.

די גראַמאַטיקע איז פאַר איהם געווען דאָס ליבסטע ביכעל, מיט וועלכען עס איז איהם אַמשווערסטען געווען צו שיידען זיך. ער האָט דערום בעשלאָסען זי אויך צו בעהאַלטען. אין דער גראַמאַטיקע איז דאָך באמת קיין שום אפיקורסות נישטאָ.

ער האָט אויסגעזוכט אַ ווינקעלע אויפ'ן בוידעם, וואו עס זענען געלעגען ציגעל, און האָט אונטער זיי פלייסיג בעהאַלטען די גראַמאַטיקע און נאָך עפּיס אַ פערדעכטיג ביכעל.

און, פערוויקלענדיג די איבעריגע ביכער אין אַ פּאַפּיר, האָט ער ענטשלאָסען געזאָגט:

—די דאָזיגע טראָג איך אַוועק! נישטאָ וואָס צו זשאַלעווען! מ'דאַרף ברענגען אַ כפרה!...

ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז איינס פון זיינע ביכלעך, און ס'אפיקורס'ישסטע, האָט ער אַוועקגעגעבען אליין. ער האָט זיך גלייכצייטיג אויך דערמאָהנט אָן אליין זעלבסט—און אַ שווער, שרעקענדיג געפיהל האָט איהם בעהערשט. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט, וואָס זאָל זיין מיט דעם ביכעל און ענדליך האָט ער אַ מאַך געטהון דערויף מיט דער האַנד.

—זאָל עס!... כ'וועל עס ביי איהם נישט צוריקפאָדערן! נישט איך האָב איהם קאַליע געמאַכט און נישט מיך וועט מען שמייסען פאַר איהם...

קומענדיג מיט די ביכער און מיט אַ פּעקעל צו איסר'ן, האָט ער דאָרט געטראָפען יאָסלען און נאָך צוויי מלמדים.

—עך, דו „מאַרודניק"!—האָט איסר אויסגעשריען,—נאָכ'ן מלאך-המות איז דיך גוט צו שיקען... וואָס האָסטו דאָרט אַזוי לאַנג געטהון? אַלזאָ, גיכער!... אָט איז מלבושים פאַר דיר, מעסט־אָן. דאָס איז מיין סורדוט!

איסר האָט איהם דערלאַנגט אַ לאַנגען, שמוציגען, ער-

ס'ז ווייז צעריסענעם סורדוט און אַ פערשמאָלצען באַרכאַטען היטעל. איציקאָוויטש האָט צוגעמאָסטען. דער סורדוט איז אויף איהם געווען ברייט און גרויס. ס'היטעל איז אויך געווען צוגרויס אויף איהם. ער האָט געוואָלט זאָגען, אַז די בגדים זענען אַבסאָלוט נישט אויף זיין מאָס, אָבער איסר און יאָסעל האָבען מיט התפעלות אויסגעשריען:

—אַקוראַט! ווי אויף דיר אָנגעמאָסטען! פיין! ער זעהט שוין גאָר אַנדערש אויס!... אַ מענשליכע צורה!... דער סורדוט איז אַ ביסעלע צו-ברייט, נאָר מיט גאָטס הילף וועסטו זיך אויספּאַשען, וועט ער זיין פונקט גוט!

דערפאַר האָט ער אָבער בעקומען אַ גאַנץ נייע יאַרמולקע. אין מיטנעהמענדיג דאָס פעקעל בגדים און די ביכער, איז איציקאָוויטש צוזאַמען מיט איסר'ן און נאָך אַנדערע אַוועק אין באָד.

# כב

אין שטעדטעל טראָגען זיך שוין עטליכע טעג עפּעס קלאַנגען וועגען לעהרערס „תשובה טהון". די מלמדים האָבען אויף אַלע פראַגען נאָר קורץ געענטפערט:

—דעם מענשענס הארץ איז ביי גאָט אין דער האַנד. מיר'ן דערלעבען—וועלען מיר זעהן... און דערוויל דאַרף מען נישט ריידען!...

נאָר איין איסר האָט שאַרף און בייז געענטפערט:

—איצט וועט עס שוין אַ סוף בעהמען. אַ פייג וועט איהר האָבען, נישט קיין לעהרער!

דעם רב'ס פערבעטען איציקאָוויטש'ן צו זיך צום טיש, האָט ענדליך קלאָר געמאַכט פאַר אַלעמען דעם אמת. ווען עס זאָל נישט זיין אמת מיט איציקאָוויטשעס תשובה, וואָלט דען דער רב איהם פערבעטען צו זיך?

ס'שטעדטעל האָט געקאָכט. דער לעהרער איז ווידעראַמאָל

געוואָרען דער העלד פון טאָג. אומעטום האָט מען נאָר וועגען איהם געשמועסט. טייל האָבען געזאָגט, אַז דער געשטאָרבענער פּאָטער איציקאָוויטשעס איז איהם געקומען צו חלום און האָט איהם געוואָלט דערשטיקען, אויב ער וועט נישט תשובה טהון. אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז איציקאָוויטשעס פּאָטער איז געקומען דעם רב צו חלום און איהם געבעטען ער זאָל ראַטעווען זיין זוהן. נאָך אַנדערע האָבען ווידער אַזאַ נוסח דערצעהלט, אַז בכן איציקאָוויטש האָט זיך שוין געגרייט, ווען ער איז נאָך געווען אין ישיבה, צו ווערען רב, נאָר צוליב אַ גרויסער מחלוקת וואָס איז אַרויסגעקומען צווישען איהם און דעם ראש-ישיבה איז ער אַראָב פון גלייכען וועג. איצט האָט ער בעקומען אַ בריף פון ראש-ישיבה, אין וועלכען ער בעט איהם מחילה און איציקאָוויטש האָט בעשלאָסען אומצוקעהרען זיך אין ישיבה.

אַזוי ווי ביי זיין קומען, אַזוי האָט זיך איצט אויך ס'שטעדטעל צעטיילט אויף צוויי צדדים. די בעלי-בית'טעס, וועמענס קינדער עס האָבען זיך נישט געלערנט ביי איציקאָוויטש'ן האָבען טריאומפירט און דערלעבט אַ נקמה:

—האָבען זיך געאיי-לט! זיי האָבען קיין צייט נישט געהאַט! האָבען זיך געיאָגט וואָס שנעלער צו מאַכען די קינדער פאַר גוים. איצט האָבען זיי בעקומען אַ פּסק, ווי זיי האָבען זיך כשר פערדינט!

—נו, ווער איז גערעכט געווען?—האָט געפּרעדיגט איינע אַ יונגע קרעמערין, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט געקליבען אָנצודינגען איהרס אַ מיידעלע ביי איציקאָוויטש'ן—איך האָב אָבער באַלד געזאָגט, אַז מ'דאַרף נישט איילען זיך...

—ניין, איך פרעה זיך נאָר, וואָס צירעל-מנחם-טריינעס האָט האַלז און נאַקען געבראָכען! דאָס וועט שוין איצט פון איהר אַרויסקלאַפּען די גאוה. ערשט נישט לאַנג האָט זי שוין איינגעשאַצט אין נדן, אַז איהרע מיידלעך זענען שוין גאַנצע מיניסטערשעס, אַז זיי שרייבען שוין אַליין אויף טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער רובלס-גאַנצע פערמעגענס! איצט האָט זי שוין איינמאָל אַ פערמעגען!

—איך גיב אַלצעהן קאָפּ. אויף ר׳ מאיר בעל־הנס!—האָט נאָך איינע אויסגעשריען.—איך האָב געהאַט מנדר געווען ח״י דער לעהרער זאָל אַ מיתה-משונה איינגעהמען. ס׳איז אַלץ איינס—אויב נישט ער, זענען דערפאַר עטליכע שענע בעלי-בית׳טעס די כפרה!

—ווי כ׳בין אַ יודישע טאָכטער, איך וואָלט איהם אויסגע-קושט! איצט וועלען שוין אונזערע חציפה׳ס האָבען צו געדענ-קען! כאַ-כאַ-כאַ! אָט דאָס הייסט אַ לעהרער! אָבער טאַקי אַנ׳-אמת׳ער „לעהרער״—ער האָט זיי אַלע אויסגעלערנט שכל!...—

—מ׳זעהט בעשיינפערליך, אַז מיר האָבען נאָך אַ גרויסען גאָט!—האָט איין אַלטיטשקע אויסגעפיהרט.

דערפאַר האָבען זיך די בעלי־בית׳טעס, וועמענס קינדער עס האָבען זיך געלערנט ביי איציקאָוויטש׳ן, געפיהלט פער-פּאַטשט און פערשעמט און נישט האָבענדיג קיין אַנדערע רעכט-פאַרטיגונג פאַר זיך, האָבען זיי געפּרובט אַרויפוואַרפען די שולד איינע אויף דער צווייטער:

—אַלץ דו, דו!—האָט דבורה כאַזאַנאָוו געשריען אויפ׳ן מאַן.—דו האָסט נויטיג געדאַרפט אַרויסשפּרינגען דער ערשטער. וויפיל איך האָב נישט גערעדט, געבעטען זיך ביי דיר, ווי ביי אַ גזלן, זאָלסט זיך נישט איילען—און דו ביזט זיך געבליבען ביי ס׳דייניגע—איצט נאַ דיר און פּרעה זיך! געמאַכט זיך צום נאַר אין גאַנצען שטעדטעל. מיר וועלען נישט קאָנען די אויגען אויפהויבען פאַר מענשען!

—אַ כפרה זאָל זי זיין, ווי זי האָט מיך צוגערעדט!—האָט גנעסע-יאַכנעס געשאָלטען אויף צירעל מנחם-טריינעס אַדרעס.—„אַז איך האָב אַוועקגעגעבען די קינדער צום לעהרער, מעגסטו אויך אַוועקגעבען״. איהר קענט דאָך זי, דאָס דיקע חזיר? נאָך ווענינ וואָס זי אַליין קריכט אין בלאָטע, שלעפּט זי נאָך אַנדע-רע אויך מיט!

—וואָס טויג מיר דאָרט!—האָט צירעל מיט כעס געשריען.—אין אַלעם איז שולדיג נאָר די משומדת, די חנה-לאה, ליגען זאָל זי אין דער ערד! זי האָט דאָס אויסגעגראָבען דעם אוצר,

בעגראָבען זאָל מען זין; זי האָט איהם דאָס צו מיר געשיקט, שיקען זאָל מען צו איהר דאָקטוירים; זי האָט דאָס איהם וועגען מיר געזאָגט, זאָגען זאָל מען שוין נאָך איהר אַ הספד! איך וועל איהר שוין אָבדאַנקען דערפאַר!

מעהר פאַר אַלעמען האָט זיך פאַר דעם געשעהעניש דערשראָקען אסתר-דוואָשע. זי איז שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען און האָט הויך מיט שוים אויפ'ן מויל געשאָלטען דעם לעהרער.

—אַזאַ הונט! אַזאַ פאַרך! אַ לעהרער איז ער? אַ ישיבה-בחור איז ער, אַ פאַסקודניק איז ער! לאָז ער מיר נאָר קומען פאַר די אויגען—איך וועל איהם אין צורה אַריין שפּייען!...

איציקאָוויטשעס שילער און שילערינס האָבען אויך געהאַט געגנוג אויסצושטעהן פון די חברים און פון די עלטערן. די ערשטע האָבען פון זיי אָבגעלאַכט: לעהרער! לעהרער! און אַרויסגעשטעקט זיי די צונג. די צווייטע האָבען צו זיי אויסגעלאָזט דעם גאַנצען כעס, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען די הויפּט־שולדיגע אין דער קאַטאַסטראָפע.

—אָט האָט איהר, שקצים! האָבען זיך אָנגעטשעפּעט: לערנען זיך, לערנען זיך! פאַפיר גיט זיי, טינט, ביכער און אַלדע קרענק! אָט האָט איהר איצט אַ לעהרע!...

דער רעכטער טומעל האָט זיך ערשט אָנגעהויבען זונטאָג, ווען אַלע האָבען זיך שוין דערוואוסט די פּרטים פון דער „תשובה״ און אַלע האָבען זיך דערוואוסט, אַז אין דער פריה וועט מען פיהרען דעם לעהרער אין מקוה אַריין. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס עס איז געווען אַ יריד-טאָג, זענען אויף די גאַסען געשטאַנען רעדלעך מענשען, אָבוואַרטענדיג די פּראָצעסיע. איסר, וועלכער האָט זיך דערויף געריכט, האָט איציקאָוויטש'ן ספּעציעל געפיהרט דורך זייטיגע געסלעך אַרום און אַרום. אָבער דער עולם האָט זיך שוין בעוויזען צו שטויסען אויך אַרום דער באָד. איציקאָוויטש איז בעגעגענט געוואָרען מיט הויכע געשרייען, איבריגענס זעהר פריינדליכע. איסר האָט מעשה בעל-בית זיך צעשריען אויף די פערזאָמעלטע און האָט בעפוילען דעם בעדער קיינעם נישט אַריינצולאָזען אין באָד.

אין אַ ווינקעל פון דער גרויסער, האַלב פינסטערער, שטאַרק פעררויכטער באָד, אַ מין באַסיין מיט מוטנע גרין וואַסער, פון וועלכען עס האָט געשלאָגען אַ ריח ווי פון אַ שטעהענדיגען פוילען זומפּ. אַ קופּע שטיינער, וועלכע זענען געלעגען אין צווייטען ווינקעל זענען געווען אָנגעגליהט און געמאַכט וואַרעם אין באָד.

—דער רבי האָט געשיקט זאָגען, אַז ער וועט אויך קומען—האָט גדליהו דער בעדער אָנגעזאָגט אַ בשורה.

באַלד איז טאַקי דער רב געקומען אין דער בעגלייטונג פון גרשון שמש און עטליכע מקורבים.

—מ׳דאַרף דאָס וואָס גיכער אָבפּאַרטיגען... גדליהו, נעהם די שער...—האָט דער רב זיך געווענדעט צום בעדער.

גדליהו האָט גענומען אַ גרויסע שער און גענומען אָבשערען איציקאָוויטש׳ן די האָר. די שער איז געווען טעמפּ און גדליהו האָט מיט איהר זיך בענוצט טאַקי נישט געשיקט, דערפאַר אָבער גאַנץ ענטשלאָסען. איציקאָוויטש האָט זיך געקאַרטשעט, געקרעכצט, אויפגעציטערט און אונטערגעשפרונגען. נאָך דער שמערצליכער אָפּעראַציע איז איציקאָוויטשעס קאָפּ געבליבען בעדעקט מיט ווייסע און טונקעלע פלעקען און בייטען. אַ ביסעל איבערגעלאָזטע האָר ביי די אויערן האָבען געזאָלט זיין במקום פאות.

גדליהו האָט צונויפגענומען די האָהר און זיי אַוועקגעלעגט אין אַ זייט.

—רבי, אָט זענען די ביכלעך...—האָט איסר געזאָגט אויפּ־פיקלענדיג אַ פּעקעל.

דערזעהענדיג „השחר", האָט ער אויפגערעגט אויסגעשריען:

—אַ שרעק, אַ שרעק, וואָס פאַר אַ ביכער!

—נאָך וואָס האַלטסטו זיי אין דער האַנד...—האָט דער רב געזאָגט צו איסר׳ן—זאָל זיי גרשון נעהמען און...

ער האָט נישט דערענדיגט זאָגען וואָס ער האָט געוואָלט, נאָר גרשון האָט איהם שוין פערשטאַנען. ער האָט גענומען די ביכלעך, זיך אַראָבגעזעצט צו דער ערד אין אַ זייט און אָנגע־

הויבען צונויפלעגען די ביכ א פיראמידע. ער האט די ארבייט געטהון במנוחה, מיט ..געטערעס, ווי א קינד, וואס שפילט זיך מיט סטראָיען א הייזעל פון קאַרטען. טייל ביכלעך האט ער צוריסען אויף עטליכע שטיקלעך, פון טייל האט ער נאר אראבגעריסען די טאָוולען. צונויפלעגענדיג אזוי די ביכלעך אין דער פאָרם פון א צוויי-שטאָקיג הייזעל, האט ער מיט צופרידענקייט א קוק געטהון אויף זיין ארבייט; דערנאך האט ער צונויפגענומען די אָבגעשווירענע האָהר, האט זיי ארויפגעלעגט פון אויבען און האט אונטערגעצונדען דאס אלעס צוזאמען. גאנץ פאמעליך האָבען זיך די בלעטלעך אָנגעצונדען און די פלאמען האָבען זיך ביסלעכווייז פערשפרייט איבער'ן גאנצען הייזעל פון ביכלעך. עס האט זיך אויפגעהויבען א געדיכטער רויך— און אין עטליכע מינוט ארום איז פון אלע ביכלעך געבליבען א הויפען טליענדיגער אש, איבער וועלכען עס איז נאך דורכגעלאָפען פונקען ווי פייערדיגע שלענגעלעך.

—אזוי זאל אוועק מיט'ן פייער און רויך אלדאס בייז פון פאלק ישראל—האט דער רב מיט א קרעכץ געזאגט.

איצט איז געקומען די צווייטע צערעמאָניע: די טבילה. שעמענדיג זיך, האט איציקאָוויטש גענומען זיך אויסטהון. ער האט זיך געשעמט מיט זיין שמוציגען גוף, מיט זיין צעריסען העמד. בלייבענדיג נאקעט איז ער א נעבעכדיגער, א דארער, אנ'איינגעהויקערטער געלאָפען צו דער מקוה. ציטערענדיג מיט'ן גאנצען גוף איז ער געלאָפען איבער די טרעפלעך צום וואסער. ער האט זיך דריי מאל אונטערגעטוקט און האט צוריק געוואלט ארויסלויפען, נאר דער רב האט איהם צוריקגעהאלטען, איז צוגעגאנגען צו דער מקוה, האט אָנגענומען פולע הענד וואסער און בעגיסענדיג דערמיט איציקאָוויטש'ן האט ער לאנגזאם און מיט כונה געזאגט:

—„און איך וועל אייך בעשפריצען מיט ריין וואסער, און איהר וועט ריין ווערען פון אלע אייערע זינד און פון אייער געצענדינסט. איך וועל אייך קלאר מאכען. און איך וועל אייך געבען א ניי הארץ און א נייעם גייסט וועל איך אין אייך

אַריינבּרענגען. און איך וועל אַרויסנעהמען דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער קערפּער און וועל אייך געבּען אַ האַרץ פון פליישׁ. און מיין גייסט וועל איך אין אייך אַריינבּרענגען און איך וועל אַזוי מאַכען, אַז איהר וועט מיינע געזעצען היטען און מיינע געבּאָטען ערפילען."

דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט דידאָזיגע פּסוקים פון תנ"ך.

אַרויסגעהענדיג פון מקוה האָט איציקאָוויטש קודם כל אָנגעטהון די יאַרמולקע, דערנאָך האָט ער אָנגעטהון די „נייע" בּגדים. אַלע זענען נתפּעל געוואָרען קוקענדיג אויף איהם:

—גאָר אַנ'אַנדער פּנים! גאָר אַנ'אַנדערער מענשׁ! אַ יודישע צורה!—האָט מען פון אַלע זייטען געררופען.

—מזל טוב דיר, מיין זוהן!—האָט דער רב איהם בּעגריסט.

—מזל טוב! מזל טוב!

גדליהו האָט נישט דרייסט געבּעטען איסר'ן, ער זאָל אַוועקשענקען דעם קורצען סורטוק דעם גוי דעם הייצער. איסר האָט נאָך אַ קורץ וואַקלען זיך מסכּים געווען דערויף.

פון בּאָד איז איציקאָוויטש אַוועק עסען מיטאָג צו מיכאל'ן, דערנאָך האָט ער זיך איבּערגעקליבּען אין זיין נייער קוואַרטיר—אין בּית-המדרש.

אין בּית-המדרש איז קיינער נישט געווען. איציקאָוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט בּעקענען מיט זיין נייער וואוינונג; דערנאָך האָט ער בּעקוקט זיין לאַנגען פּערפּעצטען סורטוק און ער האָט טיף אָבּגעזיפצט. ער האָט זיך געפיהלט פערמאַטערט גייסטיג און פיזיש, מיד, צעבּראָכען און ער איז געווען צופרידען, וואָס ער איז ענדליך כּאָטש געבּליבּען אַליין. ער האָט געוואָלט זיך פונאַנדערקליבּען אין זיין לאַגע, אָבּער דער קאָפּ איז איהם שווער געווען און ער האָט נאָר געשעפּטשעט אונטערגעבּענדיג זיך זעלבּסט מוט:

—גוט... זעהר גוט! אַזוי איז בּעסער...

ער האָט זיך אַראָבּגעלאָזט אויף אַ בּאַנק און אַ שטיקעל

צייט איז ער אַזוי גרעזעסען אונבּעוועגליך מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

„איצט וואָלט איך געווען אויפ'ן אוראָק ביי... אסתר־דוואָשע.—האָט ער זיך דערמאָהנט און אַ ציטער טהוענדיג האָט ער זיך דערשראָקען אונטערגעהויבּען פון אָרט.

—וואָס פאַר אַ גליק איז עס—האָט ער געטראַכט,—וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיגט. ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט קומען צו איהר? ווי אַזוי וואָלט איך איהר געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען?... און אפשר... איז זי גאָרנישט אַזוי בּייז? אפשר... האָבּען זיינע מחשבות אָנגענומען אַנ'אַנדער ווענדונג. ער האָט זיך אָבּער דערשראָקען פאַר זיינע זינדיגע מחשבות און כּדי זיי צו פערטרייבּען, האָט ער אויפגעעפענט אַ גמרא און גענומען לערנען. אָבּער די מידקייט האָט גובר געווען און ער איז איינגעשלאָפען.

אויפגעוועקט האָט איהם גרשון, ווען דער עולם האָט שוין אָנגעהויבּען אָנקומען אויף מנחה. די דאַווענער זענען מיט ערנסטע געזיכטער צוגעגאַנגען צו א ציקאָוויטש'ן, דערלאַנגט איהם די האַנד און פייערליך געזאָגט: „מזל טוב" און ער האָט זיי אויך ערנסט אָבּגעענטפערט.

אין אָווענד, נאָכ'ן אָווענד־בּרויט בּיי מיכאל'ן איז ער אַוועק צוריק אין שוהל.

דאָרט האָט ער געטראָפען בּלויז גרשונ'ען.

דער שמש האָט לכתּחילה גאָרנישט גערעדט, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געלאַסען געזאָגט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין:

—ס'איז זיך דאָ וואַרעם, שטיל... מ'קאָן זיך אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט זיצען און לערנען... אין שענקעל איז דאָ געננוג ליכט...

און ער האָט אָבּגעזיפצט. איציקאָוויטש האָט אויך אָבּגעזיפצט.

גרשונ'ען האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקצוגעהן, איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל אין דערנאָך פערפיהרט אַ שמועס:

—אין וו, איז אודאי אַ גרעסערע שוהל ווי ביי אונז? אַ שענערע?

—קיין פערגלייך נישט... אַ פּאַלאַץ!

גרשון האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק און אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ האָט ער געפרעגט:

—אַ פאָטער האָט איהר, אַ מוטער?

—ניין, כ׳בין אַ יתום...—האָט איציקאָוויטש יתומ׳דיג געענטפערט.

דערנאָך האָט ער גענומען ריידען מיט האַרץ:

—מיין פאָטער איז אויך געווען אַ שמש אין אַ שטעדטעלע ל. אַ פּיצעל שטעדטעלע, אַ קלענערס און אַנ׳אָרימערס ווי מילאָסלאַווקע... מיין פאָטער איז ס׳גאַנצע לעבען זיינס געווען אַ שמש... כ׳געדענק איהם גאַנץ גוט: אַנ׳אַלטינקער, אַ קראַנקער, אַנ׳איינגעהויקערטער, כמעט בלינד... האָט תמיד געהוסט, געקרעכצט. די בעלי-בתים פלעגען אויף איהם שרייען און ער פלעגט שווייגען, „מקבל באהבה" זיין... אַלס יונגעל בין איך כסדר געווען אין שוהל און האָב אפילו דאָרט גענעכטיגט... איך האָב ליב די שוהל...

—ס׳איז שטיל... און עפּעס אַזוי אומעטיג,—האָט גרשון געזאָגט.

—יאָ, עפּעס אַזוי...

—ווי נעבען גאָט,—האָט גרשון געפונען דאָס וואָרט.—ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יונגעל, פלעג איך מורא האָבען צו בלייבען אַליין אין שוהל... איצט אפילו האָב איך אויך נישט ליב צו בלייבען דאָ ביז שפּעט ביינאַכט... מ׳זאָגט, אַז ביינאַכט קומען דאָ די מתים מתפלל זיין... זיי נעהמען אַרויס די ספר-תורה און לייענען...

—עט, וואָס מ׳רעדט דאָרט. אין דער גמרא שטעהט אַז מתים זענען פטור פון תפילה...

—מיט אַ יאָהר פינף צוריק—האָט גרשון ווייטער גערעדט—איז מיר דערטרינקען געוואָרען אַ זוהן, אַ יונגעל פון צוועלף יאָהר. און ביז היינט, אַז כ׳בלייב אַליין אין שוהל ביינאַכט,

דוכט זיך מיר אויס, אַז ער זיצט דאָרט, אין פינסטערן וויג-קעל... אין דער היים זעה איך איהם נישט און דאָ זעה איך איהם אָפּט אַזוי בולט, דאָס עס דוכט זיך מיר ווי איך וואָלט איהם געהערט אָטעמען... דעמאָלט נעהם איך שטיל זאָגען קדיש אָדער כ'זאָג: „זוהנעלע, געה דיר אין דיין רוה אַריין”. כ'זאָג עס דריי מאָל און ס'העלפט, ער פערשווינדט...

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און אויפגעהויבען זיך.

—נו, אַ גוטע נאַכט! כ'וועל קומען פאַרטאָג און וועל אייך שוין אויפוועקען.

פלייבענדיג אַליין איז איציקאָוויקש געגאַנגען עטליכע מאָל מאָל הין און צוריק איבער'ן בית-המדרש. ער איז איצט געוועזען רוהיגער ווי בייטאָג. די שטילקייט און דער שמועס מיט גרשונ'ען האָבען איהם היבש בערוהיגט.

„אָט בין איך שוין צוריק אַ ישיבה-בחור—האָט ער גאָר אָהן שום פערביטערונג געטראַכט.—כ'בין ווידער אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, ווידער אין שוהל, כ'עס ווידער „טעג”, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט פאָרגעקומען... ווי מאָדנע דער מענש איז: ער ווייסט אַליין נישט וואָס עס וועט מיט איהם מאָרגען פאָרקו-מען... האָב איך געקאָנט פאָרויסזעהן, אַז ס'וועט אַזאַ מעשה געשעהן? עפּעס אַזוי ווי אַלץ וואָלט אַליין פון זיך געשעהן... נאָר, וואָס איז דאָ אַריינצוקלערען אין דעם! עס איז געשעהן, און מ'דאַרף פון איצט אָן אָנהויבען לעבען מענשליך!... מ'דאַרף געדולדיג איבערקומען די ערגערע צייט און דערנאָך וועט שוין גוט זיין: מ'וועט מיך נישט פערלאָזען... כ'וועל אַ שידוך טהון און וועל קומען צו אַ תּכלית...”

„און כ'דאַרף זיך בעמיהען ווערען אַ יוד ווי אַלע יודען,—האָט ער ווייטער געטראַכט.—אָנגעהוליעט אַ גאַנץ יאָהר, נאַריש געמאַכט זיך—און געגוג. מ'דאַרף ווערען צוריק פרום. איז עס דען אַזאַ שווערע זאַך? ס'איז גאַנץ לייכט... אדרבה: אַז מ'דאַ-ווענט מיט כונה, ווערט טאַקי פיל גרינגער אויפ'ן האַרצען...

דידאָזיגע מחשבות האָבען איציקאָוויטש'ן איינגאַנצען בע-רוהיגט. ער האָט זיך אויסגעבעט אַ געלעגער אויף אַ באַנק נעבען

אויוועז און האָט זיך שוין געוואָלט לעגען, ווי ער האָט פלוצלינג דערזעהן פון דרויסען עטליכע געזיכטער הארט צוגע-דריקט צו דער שויב און בעטראַכטען איהם מיט נייגעריגע אויגען.

—פּאָדלעצעס!—האָט ער מיט כעס אויסגעשריען, וואַרפענ-דיג זיך צום פענסטער. (די געזיכטער זענען מאָמענטאַל פער-שוואונדען). קוקען אונטער. שפּירען נאָך! זיי מוזען וויסען, וואָס איך טהו! עס איז זייער עסק!

אָט דער קליינער עפּיזאָד האָט איהם אינגאַנצען די שטי-מונג געענדערט. ער האָט זיך דערמאָהנט זיין אויבערשט צי-מערל און ער האָט עס איצט שטאַרק בעדויערט.

—נאָך וועניג, וואָס זיי מאַטערן מיך אַ גאַנצען טאָג מיט זייער מקוה און אַנדערע נאַרישקייטען זייערע;—האָט ער צע-רייצט גערעדט—מוזען זיי נאָך אויך וויסען, וואָס איך טהו ביי-נאַכט, צי איך טהו תשובה ווי ס'געהער צו זיין! נידערטרעכטי-גע בריאות!

צומאָרגענס האָט מען איציקאָוויטש'ן אויפגערופען צו דער תורה און ער האָט פייערליך געבענשט גומל. נאָך פרישטיק איז ער אַוועק צום רב, וועלכער האָט געהאַט צוגעזאָגט צו לערנען מיט איהם עטליכע שעה אַ טאָג. איציקאָוויטש איז נישט אינ-גאַנצען רוהיג געווען; ער האָט זיך געפיהלט ווי פאַר אַן עקזאַ-מען און האָט זיך געשראָקען.

אין מילאָסלאַווקע איז נישט געווען קיין ישיבה. די עטלי-כע בחורים לערנערס פלעגען לערנען ביי זיך אין דער היים און מיט שווערע קשיות זיך געווענדעט צום רב.

דער רב האָט איציקאָוויטש'ן אויפגענומען זעהר הערצליך, איהם געבעטען זיצען און מיט צופרידענקייט געזאָגט:

—נו, ענדליך האָב איך דאָך בעקומען אַ גוטען תלמיד, מיט וועלכען ס'וועט זיך געשמאַק לערנען. דו האָסט געלערנט אַמאָל לקוטי-תורה?

—אייגענטליך... האָב איך נישט געלערנט, נאָר כ'וויים.

לקוטי-תורה! אַ קלײניגקײט! טיף! ס׳האָט דאָך קײן גרונד נישט!— האָט איציקאָװיטש אַרױסגעשטאַמעלט.

—נו, מיר װעלען פּרובירען...

דער רב האָט אױפגעעפענט אַ ספר, האָט עס צוגערוקט איציקאָװיטש׳ן און אַלײן האָט ער זיך צוריקגעװאָרפען אויפ׳ן װענטעל פון שטוהל, פערמאַכט די אויגען און שטאַרק אָנשטרענגענדיג זיך, האָט ער זיך געגרײט אויפמערקזאַם אײנצוהערען זיך.

איציקאָװיטש איז אַדורכגעלאָפען מיט די אויגען די ערשטע שורה און גענומען הויך מיט אַ ניגון זאָגען:

—שטילער אַ ביסעל... אָהן ניגון... האָט איהם דער רב אָבגעשטעלט.

איציקאָװיטש האָט אָבגעהאַקט און אָנגעהויבען מיט׳ן ריכטיגען טאָן: נישט הויך, געלאַסען, מיט אַ טרוקען-זאַכליכען טאָן, ער האָט געלערנט, לעגענדיג דעם טראָפּ אויף די מעהר װיכטיגערע װערטער. דער רב האָט שװײגענדיג זיך אײנגעהערט. אָבלערנענדיג אַזױ אַ גאַנצען דף ביז אַ סעיף, האָט דער רב נישט עפענענדיג די אויגען איהם אָבגעשטעלט אויסשטרעקענדיג אַ פינגער און פּאַמעליך געזאָגט:

—נו-ו?...

איציקאָװיטש האָט פערשטאַנען, אַז דער רב װאַרט אויף פּשט, ער זאָל ערקלערען. אָבער ער האָט נישט געקאָנט כאַפּען דעם תּוך פון דעם װאָס ער האָט איצט געלערנט און האָט נאָכאַמאָל גענומען דורכלויפען מיט די אויגען דאָס דורכגעלערנטע.

דער רב האָט געעפענט די אויגען און פערװאונדערט אַ קוק געטהון אויף איציקאָװיטש׳ן:

—האָסט נישט פערשטאַנען!

—נײן... כ׳האָב פערשטאַנען...

—גיב זשע צו פערשטעהן אין צװײ װערטער...

איציקאָװיטש האָט אָנגעהויבען ערקלערען, אָבער ער האָט נישט גערעדט צו דער זאַך און האָט נאָכאַמאָל גענומען אַרײנקוקען און פערטײטשען װערטליך.

—ס׳איז דאָך גאָר לײַכט...—האָט דער רב איהם איבער-געריסען און אין עטליכע ווערטער האָט ער איבערגעגעבען דעם אינהאַלט.

—נו, ווייטער.

איצט האָט דער רב שוין נישט פערמאַכט די אויגען און האָט צוזאַמען מיט איציקאָוויטש׳ן אַרייַנגעקוקט אין ספר.

איציקאָוויטש רויט און צוטומעלט האָט ווייטער געזאָגט מיט אַנ׳אומזיכערן טאָן; און וואָס ווייטער ער האָט געהאַלטען אין דעם שיעור קבלה, אַלץ שווערער איז עס פאַר איהם גע-וואָרען. סוף כל סוף האָט ער אינגאַנצען אויפגעהערט צו פער-שטעהן און האָט מעכאַניש ווייטער געלייענט אָהן אַ זין, ווי אַ פערבלאָנדזשעטער וואַנדערער טאַפּט אין דער פינסטער.

—לאָזו...—האָט דער רב אונגעדולדיג איהם אָבגעשטעלט.— דו לערנסט אָהן געדאַנק... דו ביזט, ווייזט אויס, אָבגעוואוינט פון הארבע ענינים. נאָר, ווי ס׳זאָל נישט זיין—לקוטי-תורה איז נישט פאַר דיר... מיר׳ן פּרובירען אַ פּראָסט שטיקעל גמרא...

ער האָט אויפגעעפענט אַ גמרא און געהייסען איציקאָ-וויטש׳ן לערנען און געבען צו פערשטעהן אַנ׳ענין פון דאָרט. די מסכתא איז איציקאָוויטש׳ן געווען בעקאַנט און ער האָט ניש׳קשה׳דיג אַדורכגעלערנט דאָס בלעטעל גמרא. דער רב אָבער, האָט מיט דער עמפּינדליכקייט פון אַ טיפען געניטען תלמודיסט, באַלד פערשטאַנען, אַז דער ענין איז איציקאָוויטש׳ן שוין פון פריהער בעקאַנט.

—דו ביזט שוין די מסכתא דורכגעגאַנגען האָט ער או-מעטיגליך געפרעגט.

—יאָ... דורכגעגאַנגען...—האָט איציקאָוויטש געענטפערט, נישט האָבענדיג דעם מוט צו לייקענען.

דער רב האָט גענומען אַנ׳אַנדערע מסכתא פון די מסכתות וועלכע מ׳לערנט זעהר זעלטען אין די ישיבות און געהייסען איציקאָוויטש׳ן דורכלייענען און געבען צו פערשטעהן אַנ׳עמוד. איציקאָוויטש רויט פון אויפרעגונג און צוטומעלט האָט גענומען לערנען פלאָנטערענדיג זיך אין די ווערטער, אָבשטעלענדיג

זיך, שטאַמלענדיג, נישט פערשטעהענדיג דעם זין פון פיל ווער-טער, נישט פערשטעהענדיג דעם אינהאַלט און נאָך צעהן מינוט אַזאַ געמאַטערט לערנען איז ער אינגאַנצען שטיל געבליבען, דערשלאָגען, מבויש.

דער רב איז לאַנג דערנאָך געזעסען שטילשווייגענד, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט אַנ׳אויסדרוק פון שווערער ענטטוי-שונג אויפ׳ן געזיכט.

—ניין, מיין קינד...—האָט ער געזאָגט מיט אַ טיפען קרעכץ.—איך האָב אַ טעות געהאַט אין דיר... דו דאַרפסט נאָך פיל לערנען מיט התמדה, מיט קאָפּ... דו לערנסט גמרא, זיי מיר מוחל, ווי אַ חדר-יונגעל אָהן טעם... נאָר אַזוי זיך... דו ביזט, ווייזט אויס, שוין אינגאַנצען אָפּגעוואוינט פון אַריינקלערען, אַרבייטען... נאָר פערפאַלען!—האָט ער מיט אַ קרעכץ אויסגע-לאָזט.—פערליר נישט דעם מוט. מיר וועלען אָנהויבען אַנ׳אַנ-דערע מסכתא... קום צו מיר מאָרגען...

איציקאָוויטש האָט פערשטאַנען, ווי טיף ער האָט זיך ביים רב אין די אויגען קאָמפּראָמיטירט און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אַ פערביטערטער.

דעמזעלבען טאָג אין אָווענד, טרעפענדיג זיך מיט איסר׳ן, האָט דער רב איהם געפרעגט:

—דו האָסט געזאָגט, אַז זלמן איז אַ גרויסער למדן, אַ חריף. פון וואַנען נעהמסטו דאָס?

—יאָסעל האָט עס מיר געזאָגט...

—יאָסעל... זיך סומך זיין אויף יאָסעלס למדנות!... אַלזאָ, זאָלסטו וויסען, אַז ער איז נאָך זעהר ווייט פון אַ חריף. אַ שווערער קאָפּ, אָהן אַ פּוּנק איבערלעגונג...

—וואָס רעדט איהר, רבי—האָט איסר ערשטוינט אויסגע-שריען.

—איך האָב היינט מיט איהם געלערנט. מיר׳ן אָנגעהויבען לקוטי-תורה, אָבער ער האָט גאָרנישט פערשטאַנען. דערנאָך האָב איך איהם געגעבען אַ געוועהנליך בלעטעל גמרא און ס׳איז

אַזש שרעקליך געוועזן צו הערען, ווי ער האָט געלערנט, ווי אַ חדר-יונגעל.

—אָט האָסטו דיר! מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳האָט אַנ׳אוצר געפונען!

—נו, יאָ אוצר, נישט אוצר—אַלץ בעסער ווי ער וואָלט געבליבען אַנ׳אפיקורס.

אויף צומאָרגענס אינדערפריה נאָכ׳ן דאַווענען איז איציקאָ-וויטש צוגעגאַנגען צו איסר׳ן און האָט איהם עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער איסר האָט איהם שאַרף איבערגעשלאָגען:

—כ׳האָב קיין צייט נישט!...

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהון אויף איציקאָוויטש׳ן מיט אַזאַ ביטול און גראָב געזאָגט צו איהם:

—דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט נישט פון די גרויסע למדנים... אין וו. האָסטו געמוזט זיין פון די געוועהנ-ליכסטע בחורים און איצט האָסטו נאָך אויך פערגעסען, וואָס דו האָסט געקענט... פע, אַ חרפה און אַ שאַנדע!...

און גראָב אויסדרעהענדיג זיך איז ער אַוועקגעגאַנגען.

איציקאָוויטש איז געבליבען שטעהן אין מיט שוהל, ווי מען וואָלט איהם אָנגעשפּיגען אין די אויגען. נאָך דערצו, אַז עטליכע בעלי-בתים האָבען דאָס אַלץ געהערט.

אין אָווענד איז איציקאָוויטש אַוועק צום רב און נישט דרייסט געזאָגט:

—זעהט איהר, רבי... דאָס גאַנצע לעצטע יאָהר האָב איך קיין גמרא נישט געהאַלטען אין האַנד און בין, נאַטירליך, אָפּ-געוועהנט. „וועסט זי פערלאָזען אויף איין טאָג—וועט זי דיך פערלאָזען אויף צוויי טעג״... איך וויל אייך שוין מעהר נישט בעאונרוהיגען און וועל בעסער אַ געוויסע צייט אַליין לערנען... און יוען כ׳וועל זיך אַריינאַרבייטען, וועל איך דאַן קומען צו אייך...

—גוט... נאָר פאַל נישט ביי דיך אַראָב... געדענק, אַז דער עיקר איז נישט תורה, נאָר עבודה. זאָל דיר גאָט העל-

פען!...—האָט דער רב ווייך געענטפערט, ווילענדיג איהם צוגע-
בען מוט.

איציקאָוויטש האָט אָבער גוט פערשטאַנען, אַז אין די
ווערטער איז דער לעצטע פּסק פאַר איהם.

## כג

פאַר איציקאָוויטש׳ן האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע לעבען,
אָדער בעסער געזאָגט, עס האָט זיך בעניייט פאַר איהם דאָס
אַלטע לעבען פון אַ געוועהנליכען ישיבה-בחור: ס׳שטענדיגע זי-
צען ביי דער גמרא, ס׳עסען ביי פרעמדע טישען. עס איז צו-
ריק קאַפּויר-געשווימען די אַלטע פּסיכאָלאָגיע מיט איהרע קליינ-
ליכע גראָשענדיגע אינטערעסען און קלאָפּאָטען... דאָך איז אינ׳ם
איצטיגען ישיבה-בחור׳שען לעבען פאָרגעקומען עפּעס נייעס, פון
וועלכען איציקאָוויטש האָט פריהער נישט געוואוסט און וועלכעס
האָט איהם איצט אַלץ מעהר פערסמ׳ט דאָס לעבען. אין וו.
אין ישיבה האָט איציקאָוויטש געהאַט זיין קרייז פריינד און
חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך איינגעלעבט, מיט וועלכע ער
האָט געטיילט לייד און פרייד—דאָ אָבער איז ער געווען אינ-
גאַנצען אינזאַם און פערלאָזען. אין וו. כל-זמן ער איז געווען
ישיבה-בחור, האָט ער זיך געפיהלט אויפ׳ן אָרט, נישט ערגע-
רענדיג זיך נישט פונ׳ם וואָרט „ישיבה-בחור", נישט פון זיינע
פערשמאָלצענע בעטלערישע בגדים. די בעציהונגען צווישען איהם
און זיין סביבה זענען געווען בעשטימטע, קלאָרע. אַלע האָבען
זוך מיט איהם געשאַפט—און ביי איהם איז עס געווען אַ גאַנץ
פערשטענדליכע זאַך, נישט צום ערגערן זיך דערפון. זיין
זעלבסטליבע האָט אויך נישט געליטען דערפון, וואָס ער פלעגט
עסען ביי אַ פרעמדען טיש בעטעל-ברויט. איצט איז שוין אָבער
גאָר עפּעס אַנדערש. אין איהם האָט שוין ערוואַכט, כאָטש זעהר
שוואַך, דאָס בעוואוסטזיין פון מענשען-ווירדע, ער האָט שוין
פערזוכט אייגען פערהאָרעוועט ברויט, ער האָט שוין געפּרובירט

לעבען זעלבסטשטענדיג-און איהם האָט איצט געערגערט אי איסר׳ס זידלערייען, אי די גראָבע, פּראָסטע בעהאַנדלונג פון די בעלי-בית׳טעס, וואו ער האָט „טעג״ געגעסען און אי דאָס בע-וואוסטזיין, אַז ער איז אַ ישיבה-בחור! אויסערדעם איז איהם איצט געווען צו-לאַסט דער רעליגיעזער יאָך פון מצוות, פון וועלכען ער איז שוין אָבגעוועהנט געווען, און דאָס זיצען און לערנען און בכלל די גאַנצע גייסטיגע זייט פון נייעם לעבען. גאָר שטאַרק האָט געקרענקט און געמאַטערט די הלבשה זיינע. אין דער לאַנגער, שמוציגער פרעמדער קאַפּאָטע און גרויסען היטעל און יאַרמולקע האָט ער זיך געפיהלט ווי אין אַרעסטאַנ-טען-מלבושים. ווען ער פלעגט דורכגעהן דעם מאַרק, פלעגט ער שטענדיג הערען הינטער זיך עמיצען לאַכען, נישט קוקענדיג אָבער דערויף האָט ער דעם מאַרק געמוזט עטליכע מאָל אין טאָג פערבייגעהן.

די בעציהונגען צווישען איציקאָוויטש׳ן און אַלע אַרומיגע זענען אויך נישט געווען אין אָרדנונג: מיט אַ לעהרער אַ בעל-תשובה האָט מען זיך געהאַלטען אונצוטרויליך, מיט פערדאַכט. יעדער האָט געהאַט חשק איהם אַריינצוקריכען אין דער נשמה, וויסען וואָס ער פיהלט און טראַכט.

מיט יעדען טאָג האָט ער זיך ערגער געפיהלט. ער איז שטאַרק אָבגעצערט געוואָרען, פערווילדעט און אָבגעלאָזט. די גמרא איז איהם אַלץ מער איבערדריסיג געוואָרען. און בייַ-נאַכט, ווען ער איז אַליין געבליבען און ס׳פייער איז פערלאָ-שען געוואָרען, האָט ער אָפט געוויינט, פערטוליענדיג ס׳פּנים אין קישען.

עס איז פערביי דריי וואָכען.

איינמאָל, ווען איציקאָוויטש איז געווען אַליין אין שוהל, איז אלי׳ אַריינגעקומען און בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר, האָט ער עטליכע מינוט שטרענג און איינגעגעסען געקוקט אויפ׳ן בעל-תשובה׳דיגען לעהרער. דערזעהענדיג זיין געוועזענעם חבר-בדעה, איז איציקאָוויטש צעמישט געוואָרען. פאַר די גאַנצע דריי וואָכען האָט ער זיך נאָך מיט אלי׳ן נישט געזעהן און ער האָט

געמערקט אַז יענער מיידט איהם אויך אויס. איצט האָט אלי' אויף איהם געקוקט מיט פערדרוס... ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, מכלומרשט פערטיפט זיך אין דער גמרא, וועלכע איז געלעגען פאַר איהם אָפען. אלי' איז צוגעגאַנגען און בלייבענ־דיג שטעהן פאַר איציקאָוויטש'ן האָט ער פייערליך און האַרט גערעדט:

—הערט אויס! איך וויל אייך זאָגען אַלעס וואָס ביי מיר אויף דער נשמה! ביז איצט האָב איך אַלץ געמיינט, אַז איהר טהוט דאָס אַלץ מיט אַ געוויסען ציל, כדי אָבצונאַרען דעם רב און די מלמדים. איצט זעה איך איין, אַז איהר האָט זיך ווירק־ליך אָבגעזאָגט פון אַלעם, פון דער השכלה, פון נייעם לעבען און האָט זיך אומגעקעהרט צום אַלטען, צו דער גמרא! וויל איך אייך דעריבער זאָגען, מוז איך אייך זאָגען, אַז איהר... אַז איהר...

פון גרויס אויפרעגונג האָט זיך זיין שטימע אָבגעהאַקט. אָבער ער האָט זיך באַלד בעהערשט און האָט האַרט און אונ־ברחמנות'דיג פערענדיגט, ווי מען וואַרפט איינעם אַ בלוטיגע בעליידיגונג:

—...אַז איהר זייט אַ ירבעם בן נבט, אַנ'אָבטריניגער און כופר אין דער השכלה! און אַזוי ווי ירבעם בן נבט וועט איהר שטענדיג פערשאָלטען זיין!!

און ער איז שנעל אַרויס פון שוהל.

איציקאָוויטש איז געבליבען זיצען אַ צובראָכענער און דערשלאָגענער. ער האָט קיין וואָרט נישט געהאַט אויף צו פערטיידיגען זיך פאַר דעם שטרענגען מוכיח. לאַנג איז ער אַזוי געזעסען אונבעוועגליך אויפ'ן אָרט, אָהן געדאַנקען, אָהן בעוואוסטזיין, ווי דער נאַר וואָס ביטערער פאָרוואורף וואָלט איהם צוגעשמידט צום אָרט.

אויף צומאָרגענס אינדערפריה, נאָכ'ן דאַווענען איז גרשון צוגעקומען און איהם מודיע געווען:

—כ'האָב געטראָפען חנה־לאה, האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַר אייערטוועגען אָנגעקומען אַ בריף...

—פאַר מיר אַ בריף? פון וואַנען?—האָט איציקאָוויטש אַזש אַ צאַפּעל געטהון.

—כ'ווייס נישט. געהט צו איהר אַהין און נעהמט איהם אָב.

איציקאָוויטש איז אַוועק צו זיין אַלטע בעל-הבית'טע. די לעצטע האָט איהם דערלאַנגט אַן'אויסגעקנייטשטען בריף.

—ער ליגט שוין אַ וואָך צייט. איך האָב אַלץ פערגעסען איהם אייך אָבצושיקען...—האָט זי געזאָגט.

מיט ציטערדיגע הענד האָט איציקאָוויטש אָבגעריסען דעם קאָנווערט און זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם געדיכט פערשריבענעם בויגעלע פּאַפּיר.

דער בריף איז געוועזען פון ז. פון אַ חבר. ער האָט איהם געשריבען פאָלגענדעס:

„טייערער חבר!

„דיין בריף האָב איך נאָך מיט דריי וואָכען צוריק ערהאַלטען, נאָר איך האָב אַלץ קיין צייט נישט געהאַט דיר צו ענטפערן. איך בין טאָג און נאַכט געזעסען ביי די לעהרביכער, געגרבייט איבער די כחות—און נעכטען האָב איך ענדליך אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען. זאָג מיר מזל טוב! איך בין שוין אַ שילער פון זעקסטען קלאַס גימנאַזיע און פיהל זיך אויפ'ן זיבעטען הימעל. איך האָב איצט פאַר זיך אַ ברייטען וועג, אַן'אָפענע וועלט—און איך בין דער גליקליכסטער פון אַלע מענשען. מזל-טוב דיר אויך! איך און אַלע חברים האָבען זיך זעהר געפרעהט פון דער בשורה, אַז דו האָסט זיך גוט איינגעאָרדענט און האָפסט פיל אויפצוטהון אויפ'ן געביט פון... דו ווייסט שוין וואָס... דו שרייבסט, אַז עס איז דיר פיל אויסגעקומען און עס קומט דיר נאָך איצט אויס צו קעמפען. נישט געזאָרגט! געדענק, אַז ווער עס זייעט מיט טרעהרען, דער שניידט מיט געזאַנג; און אַ שניט ווסטו האָבען אַ רייכען, ווייזט אויס. מענדעל האָט דיך מקנא געווען לעזענדיג דיין בריף. „איציקאָוויטש—האָט ער געזאָגט—איז גליקליכער פאַר אונז אַלע: ער איז אויפ'ן שלאַכטפעלד און מיר שלייפען ערשט דאָס געוועהר".

גאָר זעה, זיי פאַרזיכטיג, געדענק, אַז דו האָסט צו טהון מיט וועלף, וועלכע וועלען דיך צורייסען אויף שטיקער, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וועגען דיין פערגאַנגענהייט און וועגען דיינע צילען. אַרבייט שטיל און פלייסיג. פערזייע מיט דער פולער האַנד די זוימען פון דער היילינער השכלה אין די יונגע הערצער. אויב דו דאַרפסט ביכער, קאָנען מיר דיר שיקען, נאָר אויף אַ זיכערן אַדרעס, וואָרים אַנדערש וועלען זיי אַדורכפאַלען.

„זאָרג נישט, ברודער, פערליר נישט דעם מוט! געדענק, אַז דו ביזט נישט אַליין, אַז הונדערטער און טויזענדער אַנדערע משכילים טהוען שטילערהייד דיזעלבע היילינע אַרבייט, וואָס דו און גרייטען צו אַ באַדען פאַר דעם נייעם לעבען".

איציקאָוויטש האָט איבערגעלעזען דעם בריף און דערפיהלט אַז עס ווערט איהם נישט-גוט. אַ בלייכער, מיט טרעהרען אין די אויגען איז ער שווער געפאַלען אויף דער שטוהל.

—וואָס איז אייך?—האָט חנה-לאה דערשראָקען אויסגעשריען.—איהר האָט דערהאַלטען אַ שלעכטע בשורה?

—יאָ...—האָט איציקאָוויטש קוים געענטפערט.

—דהיינו? עס איז ווער קראַנק געוואָרען?

—ניין, געשטאָרבען... מיין בעסטער חבר...—האָט איציקאָוויטש געענטפערט, מיינענדיג דערמיט זיך אַליין.

—„ברוך דין אמת!"—האָט חנה-לאה געזאָגט—וואָס פאַר אַן אומגליק! אַ יונגער מענש? פון וואָס איז ער געשטאָרבען?

—ער האָט זיך אַליין דערטרינקען...—האָט איציקאָוויטש מיט אַ טויטער שטים געענטפערט און האָט ווייטער שטאַר געקוקט פאַר זיך.

—אַך, וואָס פאַר אַנ'אומגליקען עס טרעפען זיך אַלץ אויף דער וועלט—האָט חנה-לאה גערעדט.—כ'האָב גאָר פערגעסען, איהר האָט שוין געהערט, וואָס פאַר אַנ'אומגליק עס האָט געטראָפען שמואל-חיה'ס?

—וואָס?—האָט איציקאָוויטש גלייכגילטיג געפרעגט.

—זיינס אַ זוהן, אַ יונגעל פון אַ יאָהר זיבעצעהן איז פער-

שווינדען געוואָרען... נעכטען בייטאָג איז ער אַוועקגעגאַנגען, מען ווייסט נישט וואוהין, אין אָוועגד צו וועטשערע איז ער נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען, נעכטיגען איז ער אויך נישט געקומען און ביז איצט איז ער נישטאָ ווי אַ שטיין אין וואַסער.

—וועמענס זוהן?—האָט איציקאָוויטש איבערגעפרעגט.

—שמואל-חיה׳ס דעם קרעטשמער... איהר האָט איהם געוויס געזעהן אין שוהל. אַ דאַרינקער, אַנ׳איידעל יונגעל...

—אין אַ באַראַשקען היטעל?

—יאָ, יאָ...

—זיין פאָטער וואוינט נישט ווייט פון גנעסיע-זנה׳ס?

—יאָ, יאָ!

איציקאָוויטש האָט פערשטאַנען, אַז דאָס פערשוואונדענע יונגעל איז אלי׳, וועלכער האָט איהם נעכטען געמאַכט אַזאַ ביטערן שווערען פאָרוואורף... ער איז אַוועק. הייסט עס, אַז ער איז אַנטלאָפען לערנען זיך...

איציקאָוויטש האָט דערפיהלט אַ טיפע בענקשאַפט און ברענענדיגען שמערץ אויף דער נשמה. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט צוגעדריקט דעם שטערען צום קאַלטען גלאָז און האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. איהם האָט זיך איצט אויסגעוויזען אַז אַלץ איז טויט, אי די גאַס, אי דער הימעל, אי די הייזלעך—אַלעס האָט זיך איהם אויסגעוויזען טויט און אָהן לעבען. ער האָט דערפיהלט, אַז ביי איהם אין דער נשמה איז אויך אַלעס אָבגעשטאָרבען, אי די פערגאַנגענהייט, אי די געגענוואַרט און אי די צוקונפט.

און פּלוצלינג אין סאַמע די פערצווייפעלטע און האָפנונגסלאָזע געדאַנקען און געפיהלען, האָט אין זיין קאָפּ אויפגעבליצט עפּעס ליכטיגס. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז דאָ, אין דעם הויז אויפ׳ן בוידעם ליגט ערגעץ פערבעהאַלטען די גראַמאַטיק, דאָס ביכעל, מיט וועלכען עס איז אַלע זיינע טרוימען, האָפנונגען און ערוואַרטונגען אויף דער צוקונפט. ער האָט דערפיהלט, אַז עס איז נאָך פערהאַן עפּעס אַ דינינקער פאָדעם, וואָס פער-

בינדט איהם מיט דער פערגאַנגענהייט. איהם האָט זיך שרעקליך געוואָלט שוין גלייך, שוין די מינוט אַרויפלויפען אויפ׳ן בוידעם, אַרויסבעקומען דאָס טייערע, ליבע ביכעל, אַריינקוקען דערין, צודריקען עס צום האַרץ, געפינען דערין אַנ׳ענטפער אויף זיין לעבען, אויף זיינע פערלוירענע האָפנונגען.

—בעל-הבית׳טע! כ׳האָב אויבען אין צימער פערגעסען אַ קעמעלע, כ׳וועל אַרויפגעהן עס אויסזוכען—האָט ער שנעל געזאָגט און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז ער גיך אַרויף אויפ׳ן בוידעם, האָט דאָרט אַפּערגענומען פון אונטער די ציגעל די פערבעהאַלטענע גראַמאַטיק און דעם עוואַנגעליום. ער האָט צוגעדריקט די גראַמאַטיק צו די ליפען און האָט מיט טרעהרען געשעפּטשעט:

—נאָר דו איינע, דו בלויז ביזט מיר געבליבען אויף דער גאַנצער וועלט!...

ער האָט אויפגעעפענט דאָס ביכעל און האָט גענומען לעזען די גראַמאַטישע כללים, וועלכע ער האָט גוט געקעניט פון אויסענווענדיג—און זיי האָבען איהם אויסגעוויזען ווי די שענסטע פּאָעזיע. ער האָט געלעזען וועגען „סושטשעסטוויטעלנעס״, „פּרילאַגאַטעלנעס״*) און דאָס האָט איהם דערצעהלט וועגען לעבען, וועגען דער וועלט, דאָס האָט פאַר איהם צוריק אויפגעלעבט זיינע טרוימען און האָפנונגען... און ביסלעכווייז האָט אין איהם אויפגעוואַכט אַ פרישער געדאַנק:

—אַנטלויפען, אַנטלויפען פון דאַנען!—האָט ער אין פיבערהאַפטער אויפרעגונג צו זיך געשעפּטשעט.—אַנטלויפען וואוהין די אויגען טראָגען!... אַוועקוואַרפען דאָס פערשאָלטענע מילאָסלאַווקע, די שוהל, אַלעס—און אַנטלויפען! אַנטלויפען קיין ווו.. דאָרט וועלען איהם די חברים העלפען צוריק אַרויסצובעקומען זיך, זיך צו ראַטעווען!...

ער האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן עוואַנגעליום—און פּלוצלינג

---

*) הויפּטוואָרט, ביוואָרט.

האָט ער זיך דערמאָהנט וועגען פריסטאַוו. ער האָט זיך דער־מאָהנט אָן דעם שרעקליכען מענש מיט דעם שטרענגען געזיכט, אָבער דאָך אַזאַ הארציגען און גוטמוטיגען... ער האָט דאָך איהם צוגעזאָגט צו שטיצען. פאַרוואָס זיך נישט ווענדען נאָך זיין הילף, נאָך זיין פערטיידיגונג?...

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק, ווי אַ זיך טרינקענדער אָן אַ שטרוי. דער פריסטאַוו איז דער איינ־ציגער מענש, וועלכער קאָן איהם פערשטעהן און קאָן איהם רעטען!... ער דאַרף נאָר געהן צו איהם, דערצעהלען, וואָס עס איז מיט איהם פאָרגעקומען: ווי מ׳האָט איהם מיט געוואַלד געמאַכט פאַר אַ ישיבה-בחור און פערשפאַרט אין שוהל. בעטען אַנ׳עצה, הילף... דער פריסטאַוו וועט נישט אָבזאָגען... און דער עיקר—קריגען ביי איהם עטליכע רובל מיט וואָס אָבצופאָהרען...

ער האָט פעררוקט די ביכלעך אין בוזעם, איז געשווינד אַראָב אונטען און איז פיבערהאַפט שנעל אַוועק, כמעט געלאָפען צום צווייטען עק שטעדטעל, צום פריסטאַוו.

## כד

דעמזעלבען טאָג אין אָוונד איז גרשון שמש געשטאַנען אין מיטען שוהל, פערוואונדערט זיך אַרומקוקענדיג און אפשר שוין צום צעהנטען מאָל זיך אַליין געפרעגט:

—וואו האָט ער געקאָנט אַהינקומען?

אַ גאַנצען טאָג איז איציקאָוויטש נישט געוועזען אין שוהל און ווען גרשון האָט נישט געפרעגט, האָט איהם קיינער נישט געזעהן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז גרשון געבליבען אין שוהל, וואַרטענדיג אויף איציקאָוויטש׳ן—און זיך נישט דערוואַרטענדיג, איז ער זעהר אונרוהיג אַוועק אַהיים. פאַר די עטליכע וואָכען איז ער שטאַרק צוגעבונדען געוואָרען צו איציקאָוויטש׳ן און ער־

האָט איצט מורא געהאַט, צי עס האָט זיך נישט אַמאָל מיט איהם פּאַסירט אַנ׳אומגליק.

גרשונ׳ס שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען, ווען איציקאָ־וויטש האָט זיך צומאָרגענס אויך נישט געוויזען. ער איז אַוועק־געלאָפען צום רב, צו איסר׳ן,—אָבער קיינער האָט פון איהם נישט געוואוסט. מיטאָג־צייט האָט שוין ס׳גאַנצע שטעדטעל גע־וואוסט, אַז איציקאָוויטש איז פערשוואונדען געוואָרען. פערשי־דענע קלאַנגען און פּירושים האָבען זיך גענומען פערשפּרייטען. פריהער האָבען אַלע צונויפגעבונדען איציקאָוויטשעס פערשווינ־דען מיט אליי׳ס פערשווינדען ווערען. אַלע האָבען געזאָגט, אַז זיי זענען צוזאַמען אַנטלאָפען, נאָר וואוהין און נאָך וואָס, האָט קיינער נישט געוואוסט. אין אָווענד אָבער, האָט אליי׳ס פאָטער בעקומען פון זוהן אַ בריף פון מ. דאָס יונגעל שרייבט איהם, אַז ער איז אַוועק קיין מ. אין ישיבה. ער איז אַוועק בסוד דערפאַר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער וועט איהם נישט לאָזען און מעהר בלייבען אין מיל־סלאָבקע, וואו מען לערנט אָהן אַ שום תּכלית, האָט ער נישט געוואָלט. זיין ציל איז צו ווערען רב און אַזוי ווי ער וועט דאָס דערגרייכען, וועט ער אין עטליכע יאָהר אַרום אַהיימקומען מיט סמיכות אויף רבנות. דער דאָזיגער בריף האָט בערוהיגט דעם פאָטער און אויך ס׳שטעדטעל וואָס אָנבעלאַנגט אליי׳ן. דערפאַר אָבער זענען אַלע נאָך מעהר פעראינטערעסירט געוואָרען מיט איצי־קאָוויטשעס פערשווינדען. אויפ׳ן צווייטען טאָג, האָט איסר, אויסכּרעגענדיג געגוי גרשונ׳ען וועגען איציקאָוויטשעס אויפ־פיהרונג, גענומען זיך נישטערן אין זיינע איבערגעבליבענע זאַ־כען. קיין סך זאַכען זענען נישט געווען, נאָר צווישען זיי האָט ער געפונען אַ שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען עס זענען געווען עטליכע שורות פון אַ נישט דערענדיגטען בריף. איסר האָט איבערגעלייענט פאָלגענדעס:

„ווען מיין קאָפּ זאָל זיין פול מיט וואַסער און מיינע אויגען אַ קוואַל פון טרעהרען—וואָלט איך טאָג און נאַכט גע־וויינט איבער מיין ביטער מזל! ווען דו זאָלסט וויסען ווי אומ־

גליקליך איך בין! נישט אומזיסט האָב איך מורא געהאַט צו פאָהרען אין דעם פערשאָלטענעם שטעדטעל אַריין! איך האָב דאָ געפונען נישט קיין מקום־מקלט, נאָר אַ תפיסה, נאָך ערגער—אַ קבר. די היגע וועלף מיט דעם גנבה'שען רב אָן דער שפּיץ האָבען זיך אָנגעזעצט אויף מיר, האָבען מיך מיט געוואַלד... מעהר איז נישט געווען געשריבען.

—מנוול!!—האָט איסר מיט כּעס אויסגערעדט—ער איז צו־ריק אַנטלאָפען צו זיינע משומדים!

ער האָט בעהאַלטען דאָס שטיקעל פּאַפּיר און האָט עס קיינעם נישט געוויזען.

אין שטעדטעל האָבען זיך שוין דערווייל געטראָגען פער־שידענע לעגענדעס און קלאַנגען וועגען איציקאָוויטשעס פער־שווינדען. טייל האָבען זיך משער געווען, אַז די „נישט-גוטע" האָבען איהם ביינאַכט צוגעכאַפּט („מ'האָט שוין אַזעלכעס גע-הערט!"). אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער איז אַוועק „אָבריכטען גלות". נאָך אַנדערע, שוין קליגערע, האָבען זיך שטיל איינער דעם אַנדערן איינגערוימט:

—הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען: די גאַנצע מעשה איז עפּעס נישט פּראָסט... פריהער אַ לעהרער, דערנאָך אַ בעל־תשובה און איצט איז ער פערשוואונדען... מ'ווייסט נישט ווער ער איז געווען, מ'ווייסט נישט פון וואַנען ער איז געקומען, מ'ווייסט נישט וואוהין ער איז פערשוואונדען... דאָס איז דאָך נישט אַזוי פּשוט!...

—איך קלער אויך... היינטיגע צייטען, טאָמער זאָגט ווער „אַ נסתר"—לאַכט מען, גלויבט מען נישט. ס'איז דאָך אָבער פּאָרט מעגליך... וואו איז ער אַהינגעקומען? ער מוז דאָך ערגעץ זיין!

אַנדערע ווידער האָבען זיך איינגערוימט אַנ'אַנדער השערה:

—האָסט בעמערקט, אַז דער רב רעדט קיין וואָרט נישט וועגען איהם?... ער שווייגט אַלץ און קרעכצט. ווייזט אויס, אַז ער ווייסט עפּעס...

—און איסר? עפּעס שווייגט ער אויך נישט פּשוט... מ'האָט מיר געזאָגט, נאָר בסוד־סודות, אַז ער איז איסר'ן געקומען צו

חלום... ער איז צו איהם געקומען אין טלית און תפילין און האָט איהם געזאָגט: „זוכט מיך נישט, די צייט, וועלכע איך האָב בעדאַרפען זיין צווישען אייך, בין איך שוין אָבגעווען; דאָס, וואָס איך האָב בעדאַרפען מתקן זיין, האָב איך שוין מתקן געווען... אַז איהר וועט מיך אפילו זוכען אין אַלע עקען וועלט, וועט איהר מיך אויך נישט געפינען..."

—פערשטעהט איהר שוין?—האָט דער דערצעהלער געענ- דיגט און אויפהויבענדיג אַ פינגער, האָט ער פיל בעדייטענדיג אָבגעזיפצט.

## כה

עס איז פערביי צוויי וואָכען נאָך איציקאָוויטשעס פער- שווינדען. ס׳שטעדטעל האָט זיך שוין אָנגעהויבען בערוהיגען און פערגעסען דעם מאָדנעם מענש, וועלכער איז ווי אַ מעטעאָר אַריבער איבער׳ן שטעדטעל און אַלעמענס רוה געשטערט.

איינמאָל איז דער פריסטאַוו אַריינגעקומען צו זיין פריינד חיים-איסר אין קראָם אַריין און האָט איהם פּלוצלינג שטרענג געפרעגט:

—וואו איז אַהינגעקומען אייער לעהרער? איציקאָוויטש?

חיים-איסר האָט שוויגענדיג געהויבען מיט די אַקסלען.

—מ׳שמועסט, אַז אַייער קהל האָט איהם אין חרם אַריינ- געלעגט און דערנאָך איהם דערטרינקען... האַ?...

—בעהיט גאָט!—האָט חיים-איסר דערשראָקען אויסגעשריען. וואָס רעדט איהר, וואַשע בלאַהאָראָדיע! וואָס הייסט „דערטרינ- קען"? מעג מען דען?!

—וואו זשע איז ער? וואו איז ער אַהינגעקומען?

—קיינער ווייסט נישט! כ׳שווער דיר, אַז קיינער ווייסט נישט! ער איז געזעסען אין „שקאָלע" (שוהל) געלערנט—און פּלוצלינג איז ער פערפאַלען געוואָרען... מיר האָבען איהם אור-

מעטום געזוכט—און נישט געפונען. קיינער ווייסט נישט וואו ער איז אהינגעקומען!

דער פריסטאַוו האָט זיך פּלוצלינג הויך צעלאַכט:

—אָבער איך ווייס, וואו ער איז! עהרען-וואָרט, ווי איך ווייס!

—נו־ו?

—אָט האָסטו דיר גאָר נו!... ווען איך זאָל דיר זאָגען וואו ער איז—וואָלסטו זיך געכאַפּט פאַר די פּאות און געשריגען: „איי-וויי־מיר!״ כאַ־כאַ-כאַ!

—נו, „פּאַנאָטשעק״, זאָגט מיר שוין!—האָט חיים־איסר מיט אַ חניפה-שמייכעלע געבעטען.

—זאָגען דיר?... נו, זאָל זיין, כ׳וועל דיר זאָגען! און דו וואָלסט עס שוין זאָגען דיין קהל. זאָג זיי: ס׳איז ביי אייך אַמאָל געווען אַנ׳איציקאָוויטש—און ער איז שוין נישטאָ! טיו-טיו־טיו! אַוועקגעפלויגען! עס איז געווען אַ זלמן יאַנקעלעוו צי כאַצקע-לעוו און איצט איז ער געוואָרען סטעפּאַן איוואַניטש!... אַזוי!...

—נו־ו?—האָט חיים-איסר בלאַס ווערענדיג איבערגעפרעגט—וואָס טייטש?

—גאַנץ איינפאַך, ברודערל! אויפ׳ן דריטען טאָג האָבען מיר איהם אָבגע׳שמד׳ט. איצט איז ער אין מאָנאַסטיר... כאַ־כאַ־כאַ!

---

אַזוינאָך האָט זיך פערענדיגט דער ערשטער שריט פון מילאָסלאַווקע אויפ׳ן וועג פון אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אָבער דער ערשטער שריט איז געמאַכט געוואָרען.

ש. אַנ־סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

דרייצעהנטער באַנד

## פּיאָנערן

פערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנאָ־ווארשא־ניו־יארק תרפ"ז־1927

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל" ווארשא.

PRINTED in POLAND

**SZ. AŃ—ŚKI**

Tom trzynasty

PIONERZY

Warszawa, 192

Wydawnictwo „AN—SKI" Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

---

**SH. AN—SKY**

Volume thirteenth

PIONERS

Warsaw, 192

Publishing Company „AN-SKY" Vilno—Warsaw—New-York

---

Drukarnia I. Headlera, Długa 26

ש. אַן-סקי.

# פּיאָנערן

## צווייטער טייל

## „די צוימען-בּרעכער"

(אַ כראָניק פון די זיבעציגער יאָהרען)

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פֿון אויטאָרס צואה־פערוואלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

צינקאָקלישען אויסגעפֿיהרט דורך ח. גאָלדבערג.
דעם זאַץ האָט אויסגעפֿיהרט פֿייגע שריפֿטגיסער.

# א

—פון וועג אַראָב, לאַכודראַ! !....

דאָס בחור׳ל, וואָס איז זיך געלאַסען געגאַנגען אין סאַמע מיטען גאַס, איז אָבגעשפרונגען אָן אַ זייט, האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם איזוואָזטשיק, וועלכער האָט איהם שיער נישט אַ העפטיגען שמיץ געטהון מיט דער בייטש און בלייבענדיג שטעהן אויפ׳ן אָרט, האָט ער מיט נאַאיווער נייגעריגקייט נאָכגעקוקט נאָך דער שנעל פאָהרענדער קאַרעטע.

דאָס איז געווען אַ יונגעל פון אַ יאָהר זיבעצעהן, אַ דאַרינקער און אַ שלאַנקער האָט ער זיך אויסגעזעהן העכער ווי פון זיין עלטער: אויף זיין ברוינליך געזיכט מיט די ווייכע כמעט נאָך קינדיש-פרישע געזיכטס-שטריכען, מיט די קוים-קוים שפּראָצענדיגע וואָנסעלעך, איז געווען אַן׳אויסדרוק פון צערטליכקייט און קינדישער תמימות׳דיגקייט. זיינע גרויסע אויגען האָבען געקוקט מיט איבערראַשונג און נאַאיווער התפעלות. זיין לאַנגע קאַפּאָטע, וועלכע האָט איהם געגרייכט ביז די פּיאַטעס איז געווען צעשפּיליעט און די צוויי צעשפּרייטע פאָלעס האָבען

אויסגעזעהן ווי צווי פליגעל, אָנשטאָט אַ זשילעטקע האָט ער געטראָגען אַ ווארעם לייבעל פערשפילעט ביז אונטער דער גאָמבע. דאָס צעקנייטשטע היטעל איז ביי איהם געווען פער-רוקט אַהינטער און עס האָבען זיך אַפּערגעזעהן זיינע נישט פערקעמטע האָר. זיינע פּאות זענען געווען פערשטעקט הינטער די אויערן און אין די הענד האָט ער געהאַלטען אַ קליין קלומיקעל.

דאָס בחור'ל, אין וועלכען עס איז לייכט געווען צו דער-קענען לויט דער הלבשה, לויט די מאַניערען און דעם געזיכטס-אויסדרוק אַ קליינשטעדטעלדיגען איינוואוינער איז געווען אלי' אייזערמאַן, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען אין שטעדטעל, אלי' שמואל-חיה'ס. דער ערשטער אפּיקורס אין מילאָסלאַווקע, וועלכער איז אַנטלאָפען קיין מ. כדי דאָרט „צו דערפרישען זיין דורשטיגען מויל מיט'ן לעבעדיגען קוואַל פון דער הייליגער השכלה".

ערשט עטליכע שעה ווי אייזערמאַן איז נאָך אַלע שווע-ריגקייטען און צרות פון וועג געקומען קיין מ. (אַ מיטעלע גו-בערניע-שטאָדט אין „תחום") און איצט שפּאַצירט ער אַרום אָהן אַ ציל איבער די גרויסע, רוישיגע גאַסען, אָבגעבענדיג זיך אינ-גאַנצען די נייע שטאַרקע איינדרוקען.

זייענדיג אין מילאָסלאַווקע האָט אייזערמאַן געהאַט אַ זעהר מטושטש'ע פאָרשטעלונג וועגען גרויסע שטעדט, „די צענטרען פון השכלה". דאָס איינע האָט ער אויף זיכער געוואוסט, אַז אין יעדער גרויסער שטאָדט זענען דאָ די „אמת'ע ערטער פון אפּיקורסות" און „חברות משכילים" וועלכע „טהון אָב בסוד שרעקליכע זאַכען". נאָך איבער'ן וועג קיין מ. האָט ער די גאַנ-צע צייט בעמיהט זיך פאָרצושטעלען די גרויסע „שטאָדט" וואו-הין ער האָט איצט געאיילט ווי אַ פרומער מוסולמענער קיין מעקאַ. און אין זיין פאַנטאַזיע האָט זיך נישט קלאָר געמאָלט: עפּעס אַ הויכער באַרג, אַ מין סני מיט פּרעכטיגע פּאַלאַצען און הערליכען ליכט, אָדער גאָר אַזעלכע היילען, נאָר גערוימע און

הויכע, ווי אַ שוהל אין וועלכער עס געפינען זיך פיל משכילים אין קורצע סורדוטען און אָהן פאות...

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די שטאָדט איז פיל פּראָזאַאישער ווי אין דער פאַנטאַזיע פון דעם ראָמאַנטיש געשטימטען בחור׳ל; דערפאַר האָט זי אָבער נישט וועניגער איינדרוק געמאַכט אויף אייזערמאַנ׳ען מיט איהר אויסזעהן און פערנעהם, מיט איהר גלאַנץ און טומעל.

ס׳ערשטע איז ער איבערראַשט געוואָרען פון די צוויי און דריי-שטאָקיגע געמויערטע הייזער, וועלכע האָבען ביי איהם אין די אויגען אויסגעזעהן ווי בבל-טורעמס, אָדער ווי עפּעס קעניגליכע פּאַלאַצען—און ער האָט דעריבער גערעכענט אַז אין די דאָזיגע בנינים געפינען זיך געוויס כאָר-שוהלען, וועגען וועלכע ער האָט זיך שוין אָנגעהערט די פערשידענסטע פאַנ-טאַסטישע מעשיות און גוזמאות. נאָך אַ גרעסערן איינדרוק האָ-בען אויף איהם געמאַכט די ריזיגע מאַגאַזינען מיט די געוואַל-דיגע שילדען און אויסשטעלונגען אין די פענסטער.

—אַ כרך, אַ כרך!—האָט ער צו זיך אַליין גערעדט אין ענטציקונג.—דאָס איז דאָך נישט קיין שטאָדט, נאָר אַ גאַנצע מדינה, אַ גאַנצע וועלט!... און פון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַזאַ עשירות! אין די דאָזיגע קראָמען געפינט זיך דאָך „אַלעס וואָס ס׳מויל קאָן נאָר אַרויסרעדען און ס׳אויער דערהערען!״ יעדע איינציגע פון די דאָזיגע קראָמען איז דאָך זיכער ווערט מיליאָ-נען-מיליאָנען!

געהענדיג איבער די גאַסען האָט איהם געוואונדערט דאָס געווימעל פון מענשען. די גאַנצע צייט הערט נישט אויף דער געדראַנג פון דורכגעהער, אין מילאָסלאַווקע האָט ער קיינמאָל אפילו אין יריד-טעג נישט געזעהן אַזאַ מאַסע מענשען. אויסער-דעם איז דאָ דער עולם גאר אַנדערש ווי ביי זיי אין שטעד-טעל: אַלע געהען דאָ געקליידט אין פריצישע מלבושים. אין מילאָסלאַווקע האָט מען זעלטען, זעלטען געקאָנט זעהן צווישען די פויערים מיט די סערמיענגעס אַ צוויי דריי פריצים אין פּאַל-טאָס אָדער אין סורדוטען. נאָך זעלטענער האָט מען דאָרטען

געקאָנט זעהן אַ מענשען אין אַ מונדיר מיט מעשענע קנעפּ און אַ ייב אַזעלכער האָט זיך אַמאָל בעוויזען, האָט ער צוגעצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, און אַרויסגערופען ביי אַלעמען שרעק, מורא און פערשידענע געפיהלען פון הכנעה און דרך־ארץ. דאָ אָבער טרעפט מען אויף יעדען טריט אַ קאָקאַרדע, אַ גלאַנציג קנעפּעל און דער עולם שרעקט זיך גאָרנישט און קיינער שטעלט זיך אַפילו נישט אָב נאָכקוקען די דאָזיגע מאָדנע בריאות.

בעזונדערס משונה'דיג און אומפערשטענדליך איז נאָר אייזערמאַנ'ען געוועזן דאָס, וואָס אין דעם אומענדליכען שטראָם מענשען, וועלכער האָט זיך דאָ פאַרביי איהם געצויגען, בעמערקט מען אַזוי ווייניג יודען. יודען האָט ער דערקענט נאָר לויט די לאַנגע קאַפּאָטעס ביז די פּיאַטעס און די פּאות און ווער עס האָט נישט געהאַט די דאָזיגע סמנים, איז ווי כאַראַקטעריסטיש יודיש זיין פּנים האָט נישט געזאָלט זיין, האָט ער זיך אייזערמאַנ'ען אויסגעוויזען בעשטימט אַ רוס. און אפילו די אונצווייפעלהאַפטע יודען אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און פּאות האָבען איהם אויך אויסגעזעהן עפּעס מאָדנע, גאָרנישט עהנליך אויף די אמת'ע, ס'הייסט מילאָסלאַווקער יודען. ביי די היגע פעלט עפּעס, דאָס כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע פאַר וועלכען אייזערמאַן האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, אָבער וועלכעס ער האָט גוט געפיהלט. אי די הלבשה איז אויף זיי געלעגען עפּעס אַנדערש, אי זיי זענען אַנדערש געגאַנגען און זיי האָבען בכלל אַנדערש געקוקט אויף גאָטס וועלט, ווי די מילאָסלאַווקער יודען.

אייזערמאַן האָט נישט געקאָנט פערשטעהן פון וואַנען עס נעהמט זיך אין מ. אַזויפיל רוסען. זייענדיג אין מילאָסלאַווקע האָט ער געמיינט, אַז דער הויפּט־קערן פון דער מענשהייט זענען די יודען, און די גוים זענען עפּעס אַ צופעליגע פּסולת אַ מין „צוגאָב" צו די בני ישראל. פון וואָס דען וואָלטען זיך די מילאָסלאַווקער קרעמער, קרעטשמאַרעס און אויפקויפערינס מפרנס געוועזן ווען דער פּויער זאָל נישט זיין? און וואָס שייך

די מענשען אין די מונדירען מיט די גלאַנציגע קנעפּ זענען זיי אייזערמאַנ׳ען שטענדיג פאָרגעקומען ווי אַ מין „זכר לחורבן״: אַ פינסטערע קראַפט, וועלכע עקזיסטירט נאָר דערויף כדי תמיד צו דערמאָהנען די יודען, אַז זיי זענען אין גלות. און פּלוצ-לינג דערזעהט ער דאָ מיטאַמאָל אַזויפיל רוסען. פון וואַנען נעהמט זיך עפּעס אַזוי פיל גוים? וואָס פאַר אַ רוח האָט זיי דאָ אַזויפיל אָנגעברענגט? וואָס טהוען זיי דאָ אין צענטער פון השכלה, וואו עס קומט פאָר אַ ריזען-קאַמף צווישען די משכילים און זייערע שרעקליכע געגנער די מורדי-אור?

אייזערמאַן איז אויך נשתומם געוואָרען פון נאָך אַנ׳איי-גענשאַפט פון דער שטאָדט: דאָס איילען זיך און דאָס לויפען העדום-פּעדום פון די שטאָדט-לייט. וואָס האָבען זיי אַזוי קיין צייט נישט, וואָס אַפילו לויפען איז שוין פאַר זיי אויך צו ווייניג און זיי פאָהרען נאָך געשווינד, שיער נישט ברעכענדיג האַלז און נאַקען אויף קאַרעטעס און מיט איזוואָזטשיקעס? אין מילאָסלאַווקע שטעהען די מענשען מעהר אויף איין אָרט, נעבען די קלייטען, אויפ׳ן מאַרק פאַר דער שוועל. און אויב זיי דאַר-פען ערגעץ געהן, דאַן געהען זיי ווי ס׳געהער צו זיין, נישט געאיילט זיך, נישט געלאָפען. זיי לויפען נאָר אין שוהל צו סליחות, אָדער אויף אַ שׂרפה. און דאָס איז קיין שום שׂרפה נישט און אַלע לויפען...

אייזערמאַנ׳ען האָט זיך אויסגעוויזען צו ענג און נישט בעקוועם צו געהן אויפ׳ן טראָטואַר. כאָטש עס איז פערהעלטניס-מעסיג געווען ווייניג דורכגעהער און קיינער האָט זיך נישט געשטופּט, האָט זיך איהם דאָך אויסגעדוכטען, אַז אויפ׳ן טראָ-טואַר וועט נאָך ווער אויף איהם אָנלויפען און איהם אומוואַר-פען. אויסערדעם האָבען איהם געשטיקט די שטיינערנע ווענד פון די מויערן. ער האָט דעריבער גלייכער געוואָלט געהן אין סאַמע מיטען גאַס, וואו עס איז אויסגעברוקירט מיט שטיינער איבער וועלכע עס איז אַזוי גוט און בעקוועם צו געהן. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, בנעימות ברייט צעשפּילעט, וואַרפענדיג מיט די הענד אין וועלכע ער האָט געהאַלטען דאָס קלומיקעל,

באַשטעלענדיג זיך פון צייט צו צייט נאָכקוקען עפּעס אַ בעשע-פעניש מיט מעשענע קנעפּ, אָדער איבערצולייענען אַ שילד.

—דאָ דאַרפט מען גאַר קיין לעהרער נישט!—האָט ער אַ טראַכט געטהון מיט אַ צופרידען שמייכעלע. עס איז גענוג זיך איבערצוגעהן איבער די גאַסען און לייענען די שילדען און מ'קאָן זיך פיין אויסלערנען לעזען רוסיש.

קיין בעקאַנטע האָט אייזערמאַן אין מ. נישט געהאַט. ער האָט אַפילו נישט געקענט מיט'ן נאָמען קיין איין מענש, צו וועלכען ער זאָל זיך קאָנען ווענדען נאָך אַנ'עצה און וועלכע עס איז הילף. אָבער ער האָט זיך וועגען דעם ווייניג געקו-מערט. פאַר איהם איז נאָר וויכטיג געוועזען איין זאַך: די זיכער-הייט אַז דאָ געפינען זיך „חברות משכילים" וועלכע וועלען איהם צונעהמען מיט אָפענע אָרעמס, וועלען איהם איינאָרדנען און „מאַכען פון איהם אַ לייט". פערשטעהט זיך, אַז עס וועט נישט אַזוי לייכט זיין זיי אויסצוגעפינען: זיי לעבען געוויס נישט אַזוי בפרהסיא, אַז יעדער איינציגער זאָל קאָנען אָנווייזען אויף זייער „נעסט". אָבער ער איז דאָך אויך קיין תם נישט! ער האָט אַ גוטען חוש-הריח און וועט שוין ווי עס איז „זיי" אויפ-זוכען.

אייזערמאַן האָט זיך אויך ווייניג געזאָרגט וועגען דעם, ווי איינצואָרדנען זיך און וועגען מיטלען צום לערנען אין דער פרעמדער שטאָדט. דאָס אַלעס איז שוין „זייער" זאַך! אויסער-דעם האָט ער דאָך געהאַט פערבייהט אין קאַפּטאַן אַכט רובל און בעזונדער זעכציג קאָפּ אין טאַש. דאָס דאָזיגע געלד, וועל-כעס ער האָט אָנגעקליבען אין משך פון עטליכע יאָהר גראָ-שענווייז, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַלס אַ ריזיגע סומע, וועלכע וועט איהם פערזיכערן אויף אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.

עס איז שוין געווען מיטאָגצייט. נאָך עטליכע שעה אַרומ-בלאָנקען זיך איבער די גאַסען האָט אייזערמאַן בעשלאָסען „נעה-מען זיך צו דער אַרבייט".

—נו, רב אלי'?—האָט ער פרעהליך זיך געווענדט צו זיך אַליין.—וואָס הויבסטו איצט אָן צו טהון? אדרבא, זאָג, ביזט

דאָך נישט קיין נאַר! רייד-זשע קלאָרע דבורים, שעהם זיך נישט!

מתחילת איז איהם איינגעפאַלען אויפצוזוכען די שוהל און דאָרט פאַרזיכטיג אָנהויבען אויסצושפירען עפּעס. ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אָבער באַלד דערמאָהנט די מילאָסלאַוּוקער גרויסע שוהל מיט איהר גרויקייט און אונהיימליכקייט אויף דעם פוסטען בלאָטיגען נישט אַרומגעצוימטען שוהל-הויף. די דאַוּונער, דער אונערטרעגליכער געפּילדער, דאָס דאַוּונען-זשוזשעריי און די קולות און גמרא-נגונים פון די בחורים. עס האָט אויף איהם אַ בלאָז געטהון מיט עפּעס פערדומפּענעס, שטיקענדעס.

—ניין, בשום אופן נישט!—האָט ער שנעל צו זיך געשעפּטשעט אַ ציטער טהוענדיג.—כ׳וועל נישט געהן אין שוהל! געהט זי אין דער אַדמה!... כ׳וועל „זיי" שוין ווי עס איז אויפזוכען!...

## ב

ער האָט דערזעהן אַ קראָם מיט אַ לשון-קודש׳ע שילד: „בית מסחר ספרים". דורך דעם פערשטויבטען מיט שפּינוועבס בעדעקטען פענסטער האָט ער געזעהן ליגען האַרט ביי דער שויב גרויסע פּעק ביכער פעסט פערבונדען מיט שטריק.

אייזערמאַן איז צו צו דער אָפענער טהיר פון קראָם און האָט אַריינגעקוקט. אויף די פּאָליצעס, אויף דער ערד און אויפ׳ן קראָם-טיש זענען געלעגען אָנגעוואָרפען אין אונאָרדנונג ביכער, גאַנצע פּעק און איינציגע. הינטער׳ן קראָם-טיש איז געשטאַנען אַ יוד מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד מיט אַ בעשעפּטיגטער מינע. פאַר אייזערמאַנע׳ן האָבען געווימעלט שער-בלעטער פון אַלט-בעקאַנטע ספרים: סידור, מחזור, סליחות, תחינות, משניות א. אַז. וו. דער געשווינדער בליק פון דעם יונגעל איז מעכאַניש אַריבער איבער די אַלע ספרים זוכענדיג עפּעס אַנדערש—און מיט אַמאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף עטליכע

קלענערע ספרים, וועלכע זענען געלעגען אויף איינער פון די פּאָליצעס. און נאָך איידער ער האָט בעוויזען איבערצולעזען דעם נאָמען פון די ביכלעך האָט ער גלייך דערקענט לויט'ן פאָרמאַט און לויט די שריפט, אַז דאָס זענען נישט קיין רע-ליגיעזע ספרים, נאָר פון „יענע" ביכלעך. ס'האַרץ האָט ביי איהם גענומען שטאַרקער קלאַפּען. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער טהיר און אַיינגעגעסען זיך מיט'ן בליק אין די ביכלעך. איצט ערשט האָט ער דייטליך געקאָנט איבערלעזען: „מסלול" „תלמוד לשון עברי", „משל ומליצה". און פּלוצלינג האָט אַ בליץ געטהון פאַר זיינע אויגען אַ שער-בלעטעל האַלב פערדעקט דורך אַנ'אַנדער ביכעל: „חטאת-נעו..."

—שוין זשע זעהט ער פאַר זיך „חטאת-נעורים?!"...

אייזערמאַן האָט זיך אַזש אַ וואַקעל געטהון ביי דער ענטדעקונג, אַזוי איבערראַשט איז ער געוואָרען פון דעם אונ-געריכטען כמעט אונערוואַרטעטען צופאַל. וואָס! אויף אַ רוישי-גער גאַס אין אַנ'אָפענער קראָם פאַר אַלעמען אין די אויגען ליגט זיך רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט אַזאַ וויכטיג בוך, וועל-כעס איז דאָך אַזוי געפעהרליך, אַזוי שרעקליך טריף! אַ בוך וועלכעס מ'האַלט געוועהנליך בסוד סודות, וועלכעס ביי דער קלענסטער נישט פאָרזיכטיגקייט קאָן אומגליקליך מאַכען דעם, וואָס האַלט עס און ברענגען אויף איהם די גרעסטע צרות און פרעניות, אַזאַ בוך ליגט זיך דאָ פאַר אַלעמען אין די אויגען גאַנץ רוהיג צוזאַמען מיט אַ „מחזור", מיט אַ „זוהר"—און גאָר-נישט! און אַרום דער קראָם זאַמעלט זיך נישט קיין אויפגע-רייצטער עולם פרומע יודען און דער קרעמער אין דער לאַנ-גער קאַפּאָטע שטעהט זיך גאַנץ רוהיג און זיכער הינטער'ן קראָם-טיש!...

—אַנ'אָפענע וועלט!—האָט אייזערמאַן נשתומם געמורמעלט פאַר זיך און געהויבען מיט די פּלייצעס.

נאָר, אויב דאָ איז יאָ אַזאַ „הפקר-וועלט", אַז די טריף-פסול'סטע ביכער ליגען אָפען פאַר אַלע, טאָ ווי אַזוי קומט עס, וואָס די היגע משכילים ווייסען נאָך ביז איצט נישט, אַז דאָ

געפינט זיך אַזאַ זעלטען בוך און האָבען עס באָך נישט אָבגעקויפט?... און, טראַכטענדיג אַזוי, איז איהם אײַנגעפאַלען, אַז אויב ער וועט נישט שוין איצט, שוין די מינוט אָבקויפען דאָס דאָזיגע ביכעל, קאָן יעדע מינוט אָנקומען פון אַלע זייטען מענשען און אויסכאַפּען אַלע ביכלעך... נאָר ווי אַזוי קויפט מען עס? ער וועט דאָך נישט אַרײַנגעהן אין קראָם און פראָסט פּשוט זאָגען: „גיט מיר „חטאת-נעורים"! ער וועט זיך דאָך נישט געהן אַליין אַזוי נאַריש פער'מסר'ן פאַר'ן קרעמער, וועלכער זעהט גאָרנישט אויס ווי אַ משכיל! און אײַזערמאַן האָט בעשלאָסען צוצוטרעטען צו דער זאַך פאָרזיכטיג און דיפּלאָמאַטיש. ער איז אַרײַן אין קראָם און געבעטען אַ לוח. אַ לוח—איז אַ נייטראַלע זאַך מיט וועלכען אי אַ פרומער יוד אי אַ משכיל קאָן זיך בענוצען. אַ קשיא צו וואָס אַ מענש קאָן אַלץ דאַרפען אַ לוח!

בעקומען דעם לוח און בעצאָהלט פאַר איהם צוויי קאָפּ, האָט אײַזערמאַן גלאַט אַזוי זיך, אַרומקוקענדיג זיך איבער'ן קראָם און אָבשטעלענדיג זיך, מכלומרשט צופעליג אויף „יענע" ביכלעך, האָט ער אָנגעוויזען מיט דער האַנד אין יענער זייט און מכלומרשט גלייכגילטיג געפרעגט:

—און די דאָזיגע „ספרים" זענען אויך צום פערקויפען?

ער האָט אומישנע געזאָגט „ספרים" נישט ביכלעך, כדי צו מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער האָט קיין השגה נישט וואָס פאַר אַ ביכלעך דאָס זענען.

—וואָס דען מיינסטו, אַז כ'גיב זיי בחנם?—האָט דער קרעמער טרוקען געענטפערט.

—ניין... גלאַט אַזוי... כ'האָב זיך געפרעגט—האָט זיך אײַזערמאַן געטומעלט.—וויפיל קאָסט עס דער „מסלול"?

געוואויער ווערענדיג דעם פּרייז פון „מסלול" און פון נאָך דאָרט עפּעס אַנ'אומשולדיג ביכעל, האָט ער ווי נישט ווילענדיג גענומען אין האַנד אַרײַן „חטאת נעורים" און גאַנץ קאַלטבלוטיג געפרעגט:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ ביכעל? וויפיל קאָסט עס?

—דאָס איז זעהר אַ טייער ביכעל, נישט פאַר דײַן טאַש,—

האָט דער קרעמער אונצופרידען געענטפערט און אַרויסנעהמענדיג איהם דאָס ביכעל פון האַנד, האָט ער עס צוריקגעלעגט אויף דער פּאָליצע.

—פון וואַנען נעהמט איהר דאָס? אפשר וועל איך עס יאָ קויפען?—האָט אייזערמאַן זיך אָנגערופען עטוואָס בעליידיגט אָבער גלייכצייטיג מיט געבעט אין דער שטימע.

—צוויי רובל קאָסט עס! נו, וועסט עס קויפען?—האָט דער קרעמער מיט בטול אויסגערופען.

דער פּרייז האָט זיך ווירקליך אייזערמאַנ׳ען אויסגעוויזען אונגעהויער גרויס. צוויי רובל—דאָס איז דאָך אַ פערמעגען, כמעט אַ פערטעל פון זיין גאַנצען קאַפּיטאַל. נאָר צי איז דען גאָר פערהאַן אַ צו גרויסער פּרייז פאַר אַזאַ בוך? קאָן דען דער „חטאת נעורים״ ווערען געשאַצט מיט רובלס? אמת, אַז דאָס בוך אַליין איז איהם נישט נויטיג, ער האָט עס שוין אייניגע מאָל דורכגעלעזען. אָבער דאָך, ווי קאָן מען עס נעהמען און איבער-לאָזען אַזאַ אוצר און נישט צוכאַפּען עס פון קראָם? און ער האָט בעשלאָסען פאַר אַ כפרה צו ברענגען צוויי רובל. נאָר האַלטענדיג זיך ביי זיין ביז איצטיגער טאַקטיק האָט ער אין נאַאיווער פערוואונדערונג אויסגערופען:

—צוויי רובל! וואָס עפּעס אַזוי טייער?

—טייער? אַנו, פּרוב נאָר געהן בעקומען אין אַנ׳אַנדער סקלאַד די ביכלעך!... דו ווייסט נישט, זעה איך, וואָס פאַר אַ ביכעל דאָס איז?

—וואָס הייסט: וואָס פאַר אַ ביכעל... אַ ביכעל...—האָט אייזערמאַן צעטומעלט געשטאַמעלט.—כ׳רעכען, אַז פינף און זיבע-ציג קאָפּ וואָלט גאַנץ גענוג געווען דערפאַר... נו, אַ רובל!—האָט ער געשווינד צוגעגעבען, בעמערקענדיג אַז דער קרעמער ווערט אויפגערעגט.

—געה געזונטערהייד!—האָט דער קרעמער בייז אויסגע-שריען.—אויך מיר אַ קונה! אַ רובל! ווייסטו וויפיל דער רב האָט בעצאָהלט פאַר דעם ביכעל?

—דער רב?!

—וואָס דען האָסטו גֶעמיינט! מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט דער רב געהייסען אויפקויפען ביי אַלע מוכר-ספרים ניקעס דאָס דאָזיגע ביכעל וויפיל עס איז נאָר דאָ. זיי האָבען גע־צאָהלט מזומן־געלד אַ רובל מיט פופציג קאָפּ פּאַר אַ שטיק און אַפילו צו צוויי רובל. זיי האָבען אָבגעקויפט אַ צוואַנציג שטיק און... פערברענט. דאָס ביכעל איז איצט אַ יקר־המציאות. עס איז אין קיין שום סקלאַד נישט צו בעקומען—און דו דינגסט זיך נאָך! איך גיב עס אַוועק פאַר צוויי רובל נאָר דערפאַר, ווייל איך וויל עס נישט האַלטען אין קראָם...

—נו, זאָל שוין זיין ווי איהר ווילט, זאָל שוין זיין צוויי רובל!—האָט אייזערמאַן גלייך אַיינגעשטימט, דערמאָהנענדיג זיך נאָכ'ן קרעמערס דערצעהלונג אין די „היימישע בילדער".

און, אָבקעהרענדיג זיך אָן אַ זייט, האָט ער צעשפּילעט דעם קאַפּטאַן, אויפגעטרענט די פערנייטע ליינווענטענע טאַש און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט די אַכט רובל זיינע.

זעהענדיג ביים בחור'ל עטליכע באַנקנאָטען האָט דער קרע־מער מיטאַמאָל געביטען זיין בעציהונג צו איהם און האָט מיט אַ העפליכען טאָן געזאָגט:

—עס איז ביי מיר פערהאַן נאָך עטליכע אַזעלכע ביכלעך פון לעבענזאָהן, גאָרדאָן, מאפו און נאָך אַנדערע... כ'האָב זיי ביי מיר אין שטוב. כ'קאָן זיי דאָ ברענגען. קומט אַריין אין אָוונד...

—כ'וועל אַריינקומען, בעשטימט!—האָט אייזערמאַן אַיינגע־שטימט.

און נישט ווילענדיג האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַ פראַגע:

—און איהר אַליין האָט געלעזען די אַלע ביכלעך?

—עט! אַלץ לייענען?—האָט דער קרעמער געלאַסען נאָר מיט בטול געענטפערט.—ווען איך זאָל אַלץ לעזען, וואָלט איך נאָך צו קלוג געוואָרען...

און שווייגענדיג אַ ווילע, האָט ער צוגעגעבען:

—כ'ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס שטעהט אין די דאָזיגע ביכ־

לעך, נאָר דאָס איז נישט מיין עסק. איך נויט קיינעם נישט צו קויפען זיי און מיך וועט מען נישט שמייסען פאַר פרעמדע זינד.

אייזערמאַן האָט בעצאָהלט און בעהאַלטען דאָס ביכעל אין קלומיקל, וואו ער האָט געהאַלטען די תפילין און וועש און גענומען אַרויסגעהן. פלוצלינג איז איהם געקומען אויפ'ן רעיון, אַז ביי דעם מוכר־ספרים'ניק קאָן ער אפשר דערגעהן וואו עס געפינט זיך די „נעסט" פון די משכילים.

—איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, צי איהר ווייסט נישט אַמאָל וועגען עפּעס אַ לעהרער, ס'הייסט אַ מענש וועלכער לערנט רוסיש?... פערשטעהט איהר מיך, איך בין נישט קיין היגער, פון זעהר וויט... טראַכט איך מיר... כ'וואָלט געוואָלט... האָב איך בדעה, ווי זאָגט מען עס, לערנען זיך...—האָט אייזערמאַן בעשטאַמעלט אַלץ מעהר פערהאַקענדיג זיך.

—אַ לעהרער?... ניין, כ'וויס נישט,—האָט דער קרעמער טראַכטענדיג אַ ביסעל געענטפערט. צו מיר קומט אַפילו אָפט אַריין קויפען ביכער איינער אַ יונגער מענש, וועלכער איז עהנליך צו אַ לעהרער, נאָר איך וויס נישט ווי מען רופט איהם און וואו ער וואוינט.

—ווי זשע אַזוי קאָן איך זיך דערוויסען וואו עס וואוינט ערגעץ אַ לעהרער?

—מ'דאַרף זיך נאָכפרעגען... ביי אַ גימנאַזיסט קאָן מען זיך דערוויסען. די גימנאַזיסטען גיבען אַליין אויך אוראָקען...

אייזערמאַן האָט נישט קלאָר געוואוסט די בעדייטונג פון וואָרט „גימנאַזיסט" און ער האָט זיך איבערגעפרעגט:

—ס'הייסט: אַ שקאָלניק?

—זאָל זיין „שקאָלניק", אַז ס'געפעלט דיר בעסער שקאָל-ניק—האָט דער קרעמער גלייכגילטיג געענטפערט—אַז דו וועסט זיי פשוט רופען גוים, וועט עס מיך אויך גאָרנישט אַרען.

—וואו זשע קאָן מען געפינען אַ גימנאַזיסט?

—אַ גימנאַזיסט?... אָט געהט דאָרט אַ גימנאַזיסט!

און ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ הויכען דאַרען גימ-

נאַזיסט מיט אַ רענצעל אויפ׳ן פּלייצע, וועלכער איז געגאַנגען אויפ׳ן קעגענאיבערדיגען טראָטואַר.

—וואָס? אָט דער וואָס מיט די ווייסע קנעפּ?—האָט זיך אייזערמאַן געוואונדערט.—דאָס איז דען אַ יוד?

—אַז ער איז אַ יוד בין איך דיר נישט ערוב,—האָט דער קרעמער צעלאַכענדיג זיך געענטפערט.—כ׳וועל דיר אַפילו נישט זאָגען אַז ער איז אַ יודישער זוהן: זיין פאָטער איז שוין אויך קיין יוד נישט. נאָר, אַז ער איז אַ יודיש אייניקעל, דאָס איז זיכער! דו האָסט אַודאי געהערט וועגען ר׳ וועלוועלע קאַפּלונער ז״ל. איז דאָס טאַקי דער גימנאַזיסט זיין אייניקעל... ווען דער אַלטער זאָל איצט אויפשטעהן פון קבר...

—קאָן איך, הייסט עס, איהם פרעגען? ביי איהם געהאויער ווערען?—האָט איהם אייזערמאַן אַיילענדיג איבערגעריסען, זעהענדיג אַז דער גימנאַזיסט איז שוין ווייט אַוועק. און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז ער אַרויסגעלאָפען פון קראָם.

## ג

דעריאָגענדיג דעם גימנאַזיסט איז אייזערמאַן עטליכע מינוט געגאַנגען הינטער איהם נישט האָבענדיג דעם מוטה איהם אָפּצושטעלען און נישט וויסענדיג אויך ווי אַזוי דאָס צו טהון. ענדליך האָט ער אָנגענעהמענדיג זיך מיט מוטה, איהם לייכט אָנגעריהרט ביים שינעל פון הינטען און מיט אַ ציטערדיגער שטים געזאָגט:

—זייט אַזוי גוט!... גימנאַזיסט!...

דער גימנאַזיסט האָט זיך שנעל אומגעווענדט און זעהענדיג פאַר זיך אַ בחור׳ל אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע האָט ער שטרענג געפרעגט:

—וואָס פערלאַנגסטו?

—כ׳בעט אייך איבער... איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגען...

—וואָס?

—אפשר קאָנט איהר מיר אָנווייזען אַ וועלכען עס איז לעהרער... אָדער—כ׳וועל אײַך זאָגען אָפּען! קאָנט איהר מיר נישט אָנווייזען צו אַ „היינט-וועלטיגען מענשען״ אַ משכיל? כ׳בין דאָ אַהער געקומען לערנען זיך!—האָט ער ענטשלאָסען אויסגע-לאָזט.

קאַפּלונער האָט שטרענג און בייז בעטראַכט אייזערמאַנען פון קאָפּ ביז פיס און איהם איראָניש געפרעגט:

—פון ישיבה, וואָס?

—ניין, גלייך פון דער היים...

—פון וואַנען?

—פון מילאָסלאַווקע. איהר האָט געוויס געהערט פון דעם שטעדטעלע?

—אַנטלאָפען?

—פון וואַנען ווייסט איהר?—האָט זיך אייזערמאַן געוואונ-דערט.

—כ׳דערקען אָן דיין נאָז!

בעמערקענדיג פון דער ווייטענס אַ צווייטען גימנאַזיסט, האָט איהם קאַפּלונער גערופען:

—קאַלמאַנשטיין, קום נאָר אַהער!

ווען יענער איז צוגעקומען, האָט קאַפּלונער, אָנווייזענדיג אויף אייזערמאַנען מיט אויפרעגונג און אַ ביסעל פּאָזע, געזאָגט:

—קוק נאָר אָן דעם נפש! אָט האָסטו דיר אַ שפּאָגעל-בייעם! טאָמער זענען זיי נאָך וועניג דאָ פערהאַן! ווי געפעלט דיר די פיגור? דער טיפּ?

—פון וואַנען איז ער?—האָט קאַלמאַנשטיין געפרעגט, אײַנ-קוקענדיג זיך מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען אין אייזערמאַנען.

—פון וואַנען? פון אַ שטעדטעלע, נאַטירליך! ער איז אַנט-לאָפען פון די עלטערן! און איצט שפּאַצירט ער אַרום איבער די גאַסען און זוכט „היינטוועלטיגע מענשען״, משכילים...

—ס׳איז שרעקליך!—האָט קאַלמאַנשטיין, נישט שטאַרק ער-גערענדיג זיך, געזאָגט.—און אויף וואָס קוקענדיג פאָהרען זיי!

—נו, צו וואָס זענט איהר געקומען צופאָהרען? האַ?—האָט זיך קאַפּלונער שטרענג געווענדעט צו אייזערמאַנ'ען.

—וואָס הייסט, צו וואָס?—האָט זיך אייזערמאַן געוואונדערט.—איך בין געקומען זוכען „השכלה", לערנען זיך, ווערען אַ מענש...

—„לערנען זיך"!—האָט קאַפּלונער בייז איבערגעַ'חזר'ט ווענדענדיג זיך צו קאַלמאַנשטיינען, און געהויבען מיט די אַקסלען.—אַלע דאָסזעלבע לידעלו...

—ס'איז שרעקליך!—האָט קאַלמאַנשטיין ווידער גאַנץ רוהיג צוגעשטימט.

—לערנען זיך? אַ דאָקטאָר ווילט איהר ווערען? וואָס?—האָט קאַפּלונער מיט געוואַלדיגער איראָניע גערעדט, אַריינפּאַלענדיג ענדליך אין דער ראָלע פון אַ מוסר-זאָגער.

אייזערמאַן האָט אַבסאָלוט נישט פערשטאַנען די סיבה פון קאַפּלונערס ערגערן זיך און הערענדיג זיינע בייזע אויסרופען האָט ער אָבגעווענדט זיין קלאָרען, נאַאיוו-פרעגענדיגען בליק פון דעם מוסר-זאָגערס צאַרט-נערוועזען געזיכט און אָנגעקוקט קאַלמאַנשטיינען אין גוטמוטיגען געשפּרענקעלטען פּנים. פון קאַפּלונערס לעצטע ווערטער האָט ער געזעהן, אַז די גימנאַזיסטען פערשטעהען איהם נישט און ער האָט שנעל געזאָגט:

—ניין, ניין! איהר האָט מיך נישט פערשטאַנען! איך בין דאָ אַהער געקומען נישט צו לערנען זיך אויף אַ דאָקטאָר... איך זוך „השכלה". פערשטעהט איך מיך, איך בין אַל-ין אַ משכיל! פערשטעהט איהר...

—כ'פערשטעה, כ'פערשטעה!—האָט איהם קאַפּלונער איבערגעריסען.—נאָר פון וואָס וועט איהר דאָ לעבען? איהר פערשטעהט: לעבען? איהר האָט, נאַטירליך, קיין פרוטה נישט!

—איהר האָט נישט געטראָפען!-האָט אייזערמאַן פרעהליך און טריאומפירענדיג אויסגערופען.—איך האָב יאָ געלד! איך האָב גאַנצע זעקס רובל מיט אַכט און פופציג קאָפּ!

—האַ-האַ-האַ! אַ ראָטשילד!—האָט זיך קאַלמאַנשטיין הערצ-

ליך צעלאַכט.—אַלזאָ, וואָס קאָנסטו מיט איהם מאַכען! מ׳דאַרף איהם אַוועקפיהרן צו וועמען עס איז!

אייזערמאַנס טריאומפירען מיט די זעקס רובל מיט קאָפּי- קעס האָט קאַפּלונערן אויך געמאַכט אין גוטען הומאָר און ער האָט אַ שמייכעל געטהון. און אַ שמייכעל טהועדיג האָט ער מיט אַמאָל פערלוירען די ראָלע פון אַ בייזען שטראָפער און ער האָט פּשוט נאָר עטוואָס פערזאָרגט געזאָגט:

—נו, נאַטירליך, קאָן מען איהם נישט איבערלאָזען אויף דער גאַס! כ׳וועל איהם אָבפיהרען צו מירקינ׳ען. ער האָט דאָרט ביי זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון די דאָזיגע אויסגעהונגערטע און דורשטיגע נאָך דער רוסישער „אַזבוקע“. זאָלען זיי איהם אויך איינאָרדנען...

—אפשר איז בעסער איהם אַוועקצופיהרען צו געווערמאַנען?— האָט קאַלמאַנשטיין פאָרגעלעגט.—ער איז אַנ׳ענערגישער יונג...

—געווערמאַן איז זיכער נישטאָ אין דער היים. ער איז דאָך געוואָרען אַ שמיד. ווי דו זעהסט מיך לעבען!

—און ער אַרבייט?

—ער אַרבייט—און נאָך ווי אַזוי! נעכטען אין אָוועבד האָב איך איהם געטראָפען אין אַ בלוזע מיט אַ פערשמירט געזיכט אין סאַזשע. אַזוי געהט ער איבער דער גאַס. ער האָט זיך געגריסט צו מיר און בעוויזען זיינע הענד: מאָזאָלעס—זאָגט ער צו מיר. מיך האָט ער אָנגערופען „פוילענצער“ און איז אַוועק- געגאַנגען.

—אַ וואוילער יונג!—האָט קאַלמאַנשטיין ענטציקט אויסגע- רופען.

בעת די גימנאַזיסטען האָבען גערעדט צווישען זיך האָט אייזערמאַן זיך דערמאָהנט וועגען דעם וואָס ער האָט איינגע- האַנדעלט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זעקעל דאָס ביכעל און אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען האָט ער עס געוויזען די גייע בעקאַנטע.

—זעהט נאָר, וואָס איך האָב!—האָט ער אָנגעהויבען עט- וואָס צווינגענדיג און מיט אַ שמייכעלע ריכטענדיג זיך, אַז די

גימנאַזיסטען וועלען געוויס איבערראַשט ווערען זעהענדיג דאָס ביכעל.—כ'האָב נאָר וואָס געפּאַקט דאָס מציאה'לע! איהר האָט עס געוויס געלייענט?

—Sancta simplicitos!—האָט קאַפּלונער אויסגערופען מיט אַנ'אָנשטעל און האָט מיט אַ געוויסען חוזק צוגעגעבען—נו, בע-האַלט, בעהאַלט אייער מציאה, מ'האָט שוין געזעהן דעם אוצר!

און ווענדענדיג זיך צו קאַלמאַנשטיינען האָט ער געפרעגט:

—וואוהין זשע פיהרט מען איהם?

קאַלמאַנשטיין האָט געהויבען מיט די אַקסלען.

—הייסט עס, צו מירקינ'ען!—האָט קאַפּלונער בעשלאָסען.—נו, געהען מיר!

—געזעגענענדיג זיך מיט קאַפּלונער'ן האָט קאַלמאַנשטיין געזאָגט צו אייזערמאַנ'ען:

—מיר וועלען זיך נאָך געוויס טרעפען... פאַלט נישט ביי זיך אַראָב!

—געוויס פאַל איך נישט ביי זיך אַראָב! פאַרוואָס זאָל איך ביי זיך אַראָבפאַלען?—האָט אייזערמאַן געענטפערט.

—געהען מיר!—האָט קאַפּלונער גערופען.

—וואוהין געהען מיר?—האָט אייזערמאַן צוטרויליך בע-פרעגט.

—צו אַ משכיל!—האָט איהם קאַפּלונער שפּאָטיש געענט-פערט.

—צו אַנ'אמת'ען משכיל?

—ס'וועט קלעקען פאַר אייך!

—ווי רופט מען איהם?

—מ'רופט איהם „רבי משכיל"... נו, קומט, קומט!

—אייזערמאַן האָט איינגעזעהן, אַז זיין נייער בעקאַנטער איז נישט געשטימט צו ריידען, איז ער שוין שווייגענדיג נאָכ-בעגאַנגען. פונדעסטוועגען האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַל-טען און נאָכאַמאָל געפרעגט:

—און איהר אַליין, לערנט אין שקאָלע?

—נישט אין שקאָלע, נאָר אין גימנאַזיום!—האָט איהם קאַ-פלונער פעררילכט.

—וואָס זשע לערנט מען דאָרט?

—דאָרט לערנט מען „צוקען”...

—איהר מאַכט מסתמא חוזק—האָט אייזערמאַן זיך אָנגע-שטויסען.—און תשבורת לערנט מען דאָרט?

—נישט נאָר תשבורת, נאָר אויך אַלגעברע און געאָ-מעטריע!—האָט קאַפּלונער איהם ווי אַ לעהרער פעררילכט.—איהר האָט געהערט פון דעם?

—ס'ערשטע מאָל הער איך דאָס!—האָט אייזערמאַן געענט-פערט.—וואָס זשע, דאָס געהערט אויך צו „מלאכת-החשבון”?

—וואָס קאָן איך אייך דאָרט ערקלערען, אַז איהר וועט סיי ווי סיי נישט פערשטעהן...

—ווען איך האָב אייך דערזעהן—האָט אלי' ווידער אָנגע-הויבען נאָך אַ ווײַלע שווייגען—האָב איך געמיינט, אַז איהר זענט אַ זעלנער, האַ-האַ! עהרען-וואָרט! אַז איהר זענט אַ יוד, איז מיר גאָר אויפ'ן רעיון נישט געקומען.

—דערפאַר האָב איך גלייך דערקענט, אַז איהר זענט אַ יוד!—האָט קאַפּלונער זיך צעלאַכט.

—אַ גרויסע זאַך צו דערקענען דאָס איך בין אַ יוד, אַז איך טראָג אַזאַ לאַנגע קאַפּאָטע!—האָט אייזערמאַן תמימות'דיג אויסגערופען.

און ער האָט גלייך צוגעגעבען:

—אָט כ'וועל זיך נאָר עטוואָס איינאָרדנען, וועל איך גלייך אונטערהאַקען מיין קאַפּאָטע ביז די סאַמע קניה, וועל מיר אָבשערען די פאות—און כ'וועל אויך עהנליך ווערען צו אַ מענש.

# ד

קאַפּלונער און אייזערמאַן זענען אַדורכגעגאַנגען די גאַס, האָבען פּערקירעוועט אין אַ קראָם, שמאָל, שמוציג הינטערגעסעל מיט נעבעכדיגע הייזלעך בעדעקט מיט שוואַרצען שטויב פון אַ ערשט נישט לאַנגער שרפה, האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ טהאָל און אַריבערגעהענדיג איהם האָבען זיי זיך ווידער אויפגעהויבען אויף אַ באַרג און פאַר אייזערמאַנס אויגען האָט זיך ענטפּלעקט דאָ אַ נייע וועלט. אָנשטאָט דאָס ענגע בלאָטיגע געסעל, וואו עס אַוויר'ט פון אָנגעוואָרפענעם מיסט, פוילענדיג אָבפאַלעכץ און שטינקענדיגע קאַלוזשעס, מיט די קרומע אַיינגעבויגענע הייזלעך אָהן אַ צייכען פון גרינס, אָהן לופט און אָהן ליכט, זעהט ער דאָ אויף אַן'אָפענעם פלאַץ בילדענדיג אַ ברייטע גאַס צוויי רייהען איינשטאָקיגע פעסטע שענע הייזלעך, מיט וועראַנדעס פון פאָרענט, מיט פאָרהענגלעך און בלומען אין די פענסטער. עס האָט זיך דאָ געפיהלט אַזאַ רוהיג רחבות. באַלד פון ערשטען אויגענבליק האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסען, אַז דאָס פאָרשטעדטעל איז נישט בעוואוינט פון קיין יודען, אַז אין די רייינקע הייזלעך, וועלכע קוקען אַזוי פריש און פרעהליך אויף דער גאַס אַרויס, וואוינען נישט קיין אָנגעשראָקענע קנעכט, נאָר מענשען זיכערע אין זייער מאָרגען, וועלכע פיהלען זיך אַלס פולע בעלי-בתים פון דער ערד אויף וועלכער זיי לעבען.

די גאַס איז געווען שטיל און כמעט פוסט. עפּעס אַן'אַלטינקע האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט. אין מיטען גאַס האָבען זיך אַ גרופּע קינדער געשפּילט. נעבען מאַנכע טויערן זענען געלעגען הינט. אויף דער פריזבע פון איין הויז איז געלעגען אַ קאַץ און האָט זיך געוואָרעמט אויף דער העלער, נאָר שוואַכער הערבסט-זון.

אויף אַ לאַנגען גראָבען קלאָץ, וועלכער איז געלעגען נעבען איין הייזעל, איז געזעסען אַ יונגערמאַן און שאָקלענדיג

זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער האָט ער אויפ'ן קול בעלייענט מיט אַ ניגון עפּעס אַ ביכעל, וועלכעס ער האָט געהאַלטען מיטביידע הענד. דער יונגערמאַן איז געוועז אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציגער און אַיינגעבויגענער. מיט אַ געשטופּעלט געזיכט, אַ ברייטע נאָז, מיט גראָבע ליפּען ווי ביי אַ נעגער און אויך האָר שוואַרצע געקרייזעלטע, ווי ביי אַ נעגער. ער איז געוועזן אָהן אַ היטעל, אין אַ פערשמאָלצענעם פּאַלטאָ נישט אויף זיין מאָס און אין צעריסענע שטיוועל, פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעשטאַרט די נאַקעטע פינגער.

—אַהאַ! אולער איז דאָ!—האָט קאַפּלונער ווי צו זיך אַליין בעזאָגט.

—צו דעם דאָזיגען טאַקי געהען מיר?—האָט אייזערמאַן געפרעגט.

—ניין, דאָס איז אַ צווייטער... אַ מערקווירדיגער מענש. אַ גרויסער תּלמודיסט. ער האָט דוכט זיך, זיך געגרייט אויף אַ רב, אָדער ער איז שוין געוועזן רב.

—און איצט איז ער אַ משכּיל?

—וואָס פרעגט איהר אַלץ נאַרישע קשיות?—האָט קאַפּלונער אונגעדולדיג געענטפערט, נאָר שוין אָהן דער פריהערדיגער גאוה.—איהר פערשטעהט דען נישט אַליין, אַז אויב ער זיצט דאָ און אָהן אַ היטעל איז ער שוין נישט קיין פרומער יוד?

—איהר האָט רעכט! ס'איז געוועזן אַ נאַרישע פראַגע פון מיין זייט!—האָט אייזערמאַן גלייך מסכּים געוועזן.

אולער איז אַזוי געוועזן פערטיפט אין לעזען, אַז ער האָט גאָרנישט בעמערקט די צוגעקומענע.

—גוט מאָרגען, אולער!

אולער האָט אַ צאַפּעל געטהון, ער האָט שנעל אויפ-געהויבען דעם קאָפּ און פונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט צעברענטע אויגען פון ענטציקונג און עקסטאַז און פּלוצלינג איז ער האַסטיג אויפגע-שפּרונגען פון אָרט, האָט אויפגעהויבען דאָס ביכעל און אויס-געשריען אויף אַזאַ מין רוסיש מיט התפּעלות:

—אוי! פיסרעף! פיסרעף!!... אוי! וולִיקי פסטאַל, וולִיעקי פסטאַל!!

—ערשטענס—נישט „פיסרעף״ נאָר פיסאַרעוו...—האָט איהם קאַפּלונער מעשה לעהרער פעררי͏כט.

—עט! ס׳איז אַלץ איינס!—האָט איהם אולער אונגעדולדיג איבערגעשלאָגען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָבגעיאָגט פון אַני-איינגעגעסענער פליג.

—ניין! ס׳איז ני-ישט אַלץ איינס!—האָט קאַפּלונער מעשה לעהרער האַרט בעטאָנט.—אַ יודישע טבע! איהר דאַרפט זיך אויסלערנען ריידען מענשליך! און צווייטענס, ווער האָט אייך געגעבען צו לעזען פיסאַרעוו׳ן?

—ס׳טייטש, ווער האָט מיר געגעבען? כ׳האָב מיר אַליין גענומען!

—און איך רעכען, אַז איהר דאַרפט נאָך נישט לעזען פּי-סאַרעוו׳ן.—האָט קאַפּלונער אויטאָריטעטיש געזאָגט.

—פאַרוואָס?

—דערפאַר, ווייל איהר קענט נאָך נישט לעזען קיין רוסיש און איהר פערשטעהט גאָרנישט.

—אַזוי מיינט איהר?—האָט אולער שפּאָטיש געענטפערט.—כ׳פערשטעה נישט פיסאַרעוו׳ן? פאַרוואָס זאָל איך איהם נישט פערשטעהן?

—דערפאַר ווייל ער איז צו שווער פאַר אייך.

—וואָס זשע קלערט איהר איז שווערער: פיסאַרעוו צי דער „זוהר״? האַ? דאָס, וואָס פיסאַרעוו זאָגט איז געוויס זעהר טיף און שווער. אָבער איך פערזיכער אייך, אַז דער „זוהר״ אָדער אַ שטיקעלע „לקוטי תורה״ איז הונדערט מאָל שווערער. און דאָס פערשטעה איך, דוכט זיך...

—„זוהר״ איז עפּעס אַנדערש און פיסאַרעוו איז אויך עפּעס אַנדערש. וואָס פאַר אַ שייכות האָט איינס מיט׳ן צוויי-טען?—האָט זיך קאַפּלונער געוואונדערט.

—פאַרוואָס דען נישט? דאָס איז חכמה, און דאָס איז

חכמה... איבעריגענס, אויב איהר גלויבט מיר נישט טאָ פּערהאָרכט מיך!

ער האָט דערלאַנגט קאַפּלונער'ן דאָס ביכעל.

—פערהערען אייך?

—יאָ! אָט פּרובט איך אומישנע—וועט איהר זעהן. איך קען דערוויילע נאָר איין קאַפּיטעל: „פּוסקן און בלינסקי". איהר קאָנט מיך אויספרעגען פון וואַנען איהר ווילט.

—וואָס זשע זאָל איך אייך פרעגען? איהר פערשטעהט דען דעם טייטש פון די ווערטער?

—ניין!—האָט אולער פעראַכטליך אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד געענטפערט.—ווערטער! וואָס פאַר אַ ווערט האָבען ווערטער! אָט נעהמט, זייט מוחל, פון דעם מאמר וועלכעס אָרט איהר ווילט און לעזט מיר פּאָר עטליכע ווערטער, איין פּסוק, וועלכען איהר ווילט נאָר אַליין...

—נו, טאָ וואָס וועט זיין?

—גאָרנישט! איהר וועט שוין זעהן, וואָס ס'וועט זיין! פּרוב נאָר!

קאַפּלונער האָט געהויבען מיט די אַקסלען, פונדעסטוועגען האָט ער אויפגעעפענט דאָס ביכעל, האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם ערשטען בעסטען אָרט אין אָנגעוויזענעם קאַפּיטעל און גענומען לעזען.

נאָך די ערשטע עטליכע ווערטער האָט אולער אונטערגעכאַפּט און גענומען מיט אַ ניגון זאָגען ווייטער דעם טעקסט פון אויסענווענינ קאַלעטשענדיג שרעקליך די ווערטער.

—וואָס זשע? איהר האָט זיך אויסגעלערנט פון אויסענווענינ דאָס אַרטיקעל?—האָט זיך קאַפּלונער געוואונדערט.

—וואָרט צו! נעהמט איצט אַנ'אַנדער אָרט!—האָט אולער קומענדיג אין אַזאַרט אויסגעשריען.

קאַפּלונער האָט איבערגע'חזר'ט די פּראָבע און אולער האָט ווידער פון די ערשטע צוויי ווערטער גענומען זאָגען ווייטער דעם טעקסט פון אויסענווענינ.

—נאָך וואָס זשע האָט איהר זיך דאָס געלערנט פון אויסנווענינ?

—אַזוי איז מיר גרינגער... אַ רגילות. אַז כ'לערען זיך

עפּעס אויס פון אויסענווענינ, בין איך שוין זיכער, אַז דאָס בלייבט ביי מיר אין קאָפּ!

—דאָס איז דאָך אַ שרעקליכע אַרבייט!

—עס הויבט זיך נישט אָן! כ'לעז דריי-פיר מאָל איבער— קען איך שוין פון אויסענווענינ...

—אָבער קענען פון אויסענווענינ—הייסט דאָך נאָך נישט פערשטעהן. איהר פערקריפּעלט אַזוי די ווערטער, אַז איך פער-שטעה גאָרנישט פון אייער לעזען.

—און איך פערשטעה יאָ!

און ער האָט אין קורצען זעהר קלאָר איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון אַרטיקעל.

קאַפּלונער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און האָט נאָר געהויבען מיט די אַקסלען.

—איהר ועט זעהן!—האָט אולער טריאומפירט.—איך וועל נאָך קענען פיסאַרעוו'ן, נישט נאָר פון אויסענווענינ, נאָר אויך „אויפ'ן פינגער"!

—וואָס הייסט עס: „אויפ'ן פינגער"?

—איהר ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט „קענען אויפ'ן פינגער"?—האָט זיך אולער געוואונדערט.—זענט איהר דאָך גאָר אַנ'עם-הארץ! ווער ווייסט דאָס נישט! אָט דער דאָזיגער ווייסט עס זיכער יאָ!—ער האָט אָנגעוויזען אויף אייזערמאַנ'ען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ בעצויבערטער, קוקענדיג מיט פערביטערונג און ענטציקונג אויף אולער'ן.

—געוויס ווייס איך! האָט אייזערמאַן זיך אַ צאַפּעל גע-טהון.—„קענען אויפ'ן פינגער"—דאָס הייסט אַזוי: מען לעגט אַוועק אויפ'ן טיש אַ פערמאַכט ספר, מען ווייזט אָן מיט'ן פינ-גער אויף וועלכען אָרט מען וויל און מען פרעגט: „וואָס פאַר אַ וואָרט געפינט זיך אויף דעם דאָזיגען אָרט אויף דעם און דעם בלעטעל, אויף דער און דער זייט" און איהר דאַרפט זאָגען דאָס וואָרט. אָט וואָס!

—אמת!—האָט אולער בעשטעטיגט.—אָט דאָס הייסט קענען אויפ'ן פינגער. אַזוי קען איך זעקס מסכתות.

—איהר האָט אַנ׳אויסערגעוועהנליכען זכרון!—האָט קאַפּלו-נער אויטאָריטעטיש בעשלאָסען. און אומקוקענדיג זיך אויפ׳ן הייזעל בײַ וועלכען זיי זענען געשטאַנען, האָט ער געפרעגט:

—מירקין איז אינדערהיים?

—מירקין... כ׳ווייס נישט... ניין! ער איז אַוועק און האָט פערשלאָסען דאָס צימער!—האָט אולער שנעל געענטפערט.—איהר דאַרפט איהם?

—יאָ. איך האָב איהם אָט דעם... דעם דאָזיגען געבראַכט צו פיהרען,—האָט ער געזאָגט, ווייזענדיג אויף אייזערמאַנ׳ען.

אולער האָט דורכדרינגליך אָנגעקוקט אייזערמאַנ׳ען און געפרעגט:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה?

—פון אַייערע, פון אַייערע,—האָט קאַפּלונער איראָניש גע-ענטפערט.—ער וויל ווערען „אַנ׳אמת׳ער משכיל״.

—אַנ׳אייגענער מענש!—האָט איהם אייזערמאַן אויך פער-זיכערט.

אולער האָט צו איהם אַ כיטרען וואונק געטהון און גע-פרעגט:

—„אַ שטיקעל גוי״?

—אַ גאַנצער גוי!—האָט איהם אייזערמאַן מיט׳ן זעלבען טאָן געענטפערט.

—אַ מומר להכעיס?—האָט אולער ווידער געפרעגט.

—אַ פורק-בגדרו

—פון וואַנען?

—פון מילאָסלאַווקע. איהר האָט מסתמא געהערט?

—וואו געפינט עס זיך: אויף דער וועלט, צי אויף י ע נ ע ר וועלט?

—אין מיטען: אין כף-הקלע.

—גוט געזאָגט!... געקומען לערנען זיך?

—ניין! געקומען נעהמען סמיכה אויף רבנות.

אָט דער קורצער דיאַלאָג האָט מיטאַמאָל בעפריינדעט צווישען זיך ביידע יונגעלייט. זיי האָבען זיך ביידע פערשטאַנען

און מיטגעפּיהלט איינער דעם אַנדערן ווי אַלטע בעקאַנטע. קאַפּלונער האָט מיט ערשטוינונג געהערט די טרעפליכע לאַקאָנישע ענטפערן פון אייזערמאַנען און ער האָט אַ טראַכט געטהון: „ער איז גאָרנישט אזאַ נאַר, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען".

—וואָס זשע וועט זיין?—האָט ער געפרעגט.—איך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטען אויף מירקינ'ען. אפשר וועט איהר, אולער שוין ריידען מיט מירקינען, איהר וועט איהם זאָגען, ער זאָל זעהן עפּעס טהון פאַר זיינעטוועגען...

—וואָס איז דאָ פערהאַן צו ריידען!—האָט אולער אויסגעשריען.—זייט רוהיג! ער וועט דאָ נישט פערפאַלען ווערען! מיר וועלען פון איהם, מיט גאָטס הילף, מאַכען אַ פרומען יוד! מיר וועלען איהם מדריך זיין בדרך-הישר!

קאַפּלונער האָט דערלאַנגט די האַנד אולער'ן און אייזערמאַנען.

—אַ גרויסען, שענעם, יישר-כח אייך!—האָט אייזערמאַן הייס און האַרציג אויסגערופען, דריקענדיג אומגעשיקט נאָר פעסט קאַפּלונערס האַנד.—מיין גאַנץ לעבען וועל איך נישט פערגעסען די טובה, וועלכע איהר האָט מיר געטהון! איהר האָט מיך געבראַכט צום אמת'ען קוואַל! מיט איהם צוזאַמען,—האָט ער אָנגעוויזען אויף אולער'ן—וועל איך שוין נישט פערפאַלען ווערען.

קאַפּלונער איז געווען געריהרט פון דער הייסער, אויפריכטיגער דאַנקבאַרקייט, אָבער גלייכצייטיג האָט איהם אויך געאַרט די פרעמדקייט, וועלכע האָט זיך געפיהלט אין דער דאַנקבאַרקייט. אייזערמאַן איז געקומען אין מ. זוכען לעהרע—און אהנט אַפילו נישט, אַז אין איהם, אין קאַפּלונער'ן דעם גימנאַזיסט פון זעקסטען קלאַס האָט ער פאַר זיך אַ פאַרשטעהער פון דער דאָזיגער לעהרע! בעת צו דעם אונוויסענדען אולער איז ער באַלד צוגעפאַלען ווי צו דער קוועלע פון ליכט און וויסענשאַפט!

אָבגעהענדיג עטליכע טריט, איז ער געבליבען שטעהן און

אומוועדענדיג זיך צו זיי האָט ער מיט עטוואָס אַ צערייצטער שטים אויסגערופען צו אייזערמאַנ׳ען:

—אויב איהר וועט דאַרפען אַ לעקציע רוסישע שפּראַך— וועל איך אייך געבען! אולער ווייסט וואו איך וואוין!

און ער איז געשווינד אַוועק.

## ה

—אַהאַ, כ׳זעה שוין וואָס פאַר אַ פויגעל דו ביזט!—האָט אולער געזאָגט.—זעץ זיך און דערצעהל ווי ס׳געהער צו זיין...

—וואָס איז דאָ צו דערצעהלען! איהר זעהט דאָך אַליין...

—אַנטלאָפען פון ישיבה?

—ניין, פון דערהיים.

—איינגאַנצען נישט געוועזן אין ישיבה?

—ניין...

—ע-ע! אַ שאָד!—האָט אולער ענטטוישט געזעדט. אַ ישיבה-בחור איז גאָר עפּעס אַנדערש! די ישיבה גיט דעם מענשען גאָר אַנ׳אַנדערע נשמה, אַנ׳אַנדערן שׂכל, די ישיבה שלייפט, פּאָלירט דעם מענשען... ווער עס איז נישט געוועזן אין ישיבה, דער איז נאָך נישט קיין גאַנצער מענש!...

—איהר זייט געוועזן אין ישיבה?

—האַ-האַ-האַ! צי איך בין געוועזן? איך בין אין פינף ישיבות אויסגעוועזן!

—ווי כ׳זעה, זענט איהר אַ למד-וואָו׳ניק—האָט אייזערמאַן זיך געוויצעלט.

—איך איינער, בין מעהר ווי אַלע ל״ו-צדיקים צוזאַמען גענומען!—האָט אולער אויסגעשריען בעריהמעריש.—איך בין זי־כער, אַז מען בויט פאַר מיר אַ ניי גיהנום!

—פאַר וועלכע מעשים-טובים?

—פרעג זיך נישט! נישקשה! אַז כ׳וועל דיר אַמאָל דער־צעהלען, וועלען זיך דיר די האָר אויפ׳ן קאָפּ קאַפּויער שטע־

לען!... צי ווייסטו, אַז איך אַליין, מיט מיינע אייגענע הענד האָב חרוב געמאַכט צוויי ישיבות!—האָט ער שטאָלץ אויסגע-רופען.

—וואָס הייסט, חרוב געמאַכט?

—גאָר פּשוט: געמאַכט אַלע בחורים פאַר משכּילים און די ישיבות האָבען זיך געמוזט פערמאַכען! ווי קלערסטו, כ'האָב מיר פערדינט דערמיט עטליכע קעסלען סמאָלע מיט שוועבעל?

—כשר פער-דינט! נו, און דער מירקין, וואָס איז פאַר אַ מענש? אויך אַ גרויסער צדיק?—האָט אייזערמאַן געפרעגט.

—פּשו! ער „פערברענט מיט'ן בליק"!...

און אָנבויגענדיג זיך צו אייזערמאַנ'ען האָט ער מיט אַ שמייכעל צו איהם שטיל געזאָגט:

—כ'וועל דיר מגלה זיין אַ סוד: כ'האָב אָבגענאַרט קאַפּ-לונער'ן. מירקין איז אין שטוב.

—אין שטוב?—האָט אייזערמאַן אויך שטיל איבערגעפרעגט.

—יאָ! ער האָט איצט „יחידות" מיט איינעם אַ הייסען חסיד, אַ גרויסען צדיק... זיי זיצען שוין דריי שעה און שליי-פען א קינזשאַל... אַ שאַרפע שפּיז, וועלכע דאַרף טרעפען גלייך אין האַרץ איניגע וועלף און טיגערן!... פערשטאַנען?...

אייזערמאַן האָט נישט פערשטאַנען די דאָזיגע רמזים, נאָר פון אולערס טאָן האָט ער זיך אָנגעשטויסען, אַז אין די ווענד פון דעם דאָזיגען הייזעל טהוט זיך איצט אָב איינס פון „די שרעקליכע מעשים", וועלכע די „חברה משכּילים" טהוען אויף. און ער האָט גאַנץ אויפריכטיג געענטפערט:

—כ'פערשטעה! אַודאי פערשטעה איך? וואָס בין איך דען אַ פּרא אדם, כ'זאָל נישט פערשטעהן?

—אַלזאָ, פערשטעהסטו מיך,—האָט אולער ווייטער גערעדט מיט'ן פריהערדיגען טאָן,—דער גרויסער צדיק, וועלכער זיצט איצט מיט מירקינ'ען איז אַ טיפער „נסתר" און מוז בלייבען פערבאָרגען... דעריבער האָב איך געזאָגט קאַפּלונער'ן, אַז מירקין איז נישטאָ אין דער היים.

—קאַפּלונער איז דאָך אָבער אויך אַ משכּיל?—האָט אייזער-מאַן נישט פערשטאַנען.

—איהם קאָן מען נישט אָנרופען משכּיל...—האָט אולער געענטפערט. ער איז, פערשטעהט זיך, פון די „הייגטוועלטיגע״, אַ געבילדעטער, אין רוסישען איז ער זעהר געלערנט, האָט פיל געלעזען... ער איז אָבער נישט „משלנו״! קודם כל איז ער אַנ׳עם-הארץ. ער קען אַפילו זעהר שוואַך לשון-קודש! וואָס וועסטו מאַכען מיט אַזעלכען! וואָס קאָן מען מיט אַזעלכען ריי-דען? ער קאָן רויכערן אום שבת, עסען חזיר ווי יעדער פּראָס-טער ערל, מעהר נישט! וואָס פאַר אַ גבורה שטעקט דאָ דערין? וואָס פאַר אַ חכמה? וואו איז דאָ די השכלה?

—געוויס!—האָט אייזערמאַן פאַלקאָם מסכּים געווען. און דערמאָהנענדיג זיך ווי פעראַכטליך און גלייכגילטיג קאַפּלונער האָט זיך בעצויגען צו דעם וויכטיגען בוך: „חטאת נעורים״—האָט ער אויסגעשריען:

—וואַרט נאָר! כ׳וועל אייך גלייך עפּעס ווייזען! כ׳וועל אייך ווייזען אַ מציאה׳לע, וועט איהר נבהל-ונשתומם ווערען!

און ער האָט געשווינד אַרויסגענומען פון זעקעל און דערלאַנגט אולער׳ן ליליענבלומס בוך.

—אַזוי גאָר! משומד! אַזעלכע ביכלעך געפינען זיך גאָר ביי דיר!—האָט אולער פּונקט ווי אַ פרומער יוד אויסגערופען. אָבער באַלד האָט ער ערנסט צוגעגעבען:

—האָסט עס אינגאַנצען דורכגעלעזען?

—עטליכע מאָל אפילו!

—ווי געפעלט דיר צלפחד?... געדענקסט ווי ער פרעגט זיך: „אויב גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, טאָ ווער האָט גאָט בעשאַפען?״ אַ קשיא, האַ?

—כ׳וועל אייך באַלד ווייזען דאָס אָרט!—האָט אייזערמאַן אויסגעשריען, ווילענדיג בעווייזען אַז דאָס בוך איז איהם גוט בעקאַנט.

—דו האָסט נאָך עפּעס ביכער?—האָט אולער געפרעגט נעהמענדיג זיין זעקעל אין האַנד.

—אַהאַ! דו האָסט דאָ תפילין!—האָט ער פרעהליך אויס־געשריען, אָנטאַפענדיג די האַרטע שאַרפע קאַנטען פון די תפילין.

—און נאָך אפילו צוויי פּאָר! ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרו־מען יודען!—האָט אייזערמאַן פרעהליך אויסגערופען און ער האָט באַלד צוגעגעבען:—כ'האָב זיי אויף קאַטאָווער מיטגענומען, כדי אָבצונאַרען מיין פאָטער. כ'האָב איהם געשריבען, אַז כ'פאָהר אין אַ ישיבה אַריין.

—פרא אדם!—האָט אולער אויפגערעגט אויסגעשריען.—ווייסטו דען וואָס דו רעדסט? תפילין-דאָס איז דאָך אַן'עשירות, אַ פערמעגען! ווייז זיי נאָר אַהער!

און נישט וואַרטענדיג האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון קלו־מיקעל צוויי ליינוועטענע זעקעלעך, האָט אַרויסגענומען די תפילין און בעקוקענדיג זיי פלינק ווי אַ געניטער מבין האָט ער ענטציקט אויסגעשריען:

—דאָס זענען דאָך טייערע תפילין! פון אַ גאַנצע פעל! אויסגעדרוקטע אותיות! פאַר אַזעלכע צוויי פּאָר קאָן מען זיכער כאַפּען גאַנצע אַכט רובל, וואָס רייד איך! גאַנצע צעהן רובל!

—נו!

—קאָנסט מיר גלויבען! איך בין שוין בעקאַנט מיט דער סחורה. איך האָב שוין אַ פופצעהן פּאָר פערקויפט. אוי-אוי־אוי! ביזטו אַן'עושר!

—כ'האָב נאָך אַ חוץ דעם מזומן-געלד זעקס רובל מיט אַכט און פופציג קאָפּ!

—אויב אַזוי, ביזטו פערזאָרגט! וועסט זיך איינאָרדנען ווי גאָט אין פראַנקרייך! דאָס געלד וועט דיר קלעקען אויף לאַנגע, לאַנגע צייטען.

—כ'וועל שוין פון הונגער נישט שטאַרבען!

—פערשטעהט זיך, אַז נישט! קוים ביזטו אַריינגעפאַלען אין אונזער חברה—וועסטו שוין נישט פערפאַלען ווערען! וועסט נאָר אַ ביסעל זיין מיט אונז צוזאַמען—וועסטו שוין זעהן! מיר לעבען זיך ווי ס'געהער צו זיין, ברייטליך. מיר לעבען שוין איינמאָל אַ טאָג!

אייזערמאַן האָט אַ קוק געטהון אויף אולער׳ן. ער האָט נישט געזעהן, נישט זיין בלייך און אָבגעצערט געזיכט, נישט זיין צעריסענע בעטלערישע הלבשה, נישט זיינע צעריסענע שטי-וועל מיט די אַרויסשטאַרענדע גאָלע פינגער,—ער האָט נאָר גע-זעהן זיינע ברענענדע פינקלענדע אויגען. און איהם האָט זיך ווירקליך אויסגעדוכט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ שליח פון גן-עדן, אַ מענש פון אַנ׳אַנדערער וועלט, אַ ליכטיגערע, אַ שענערע און רוהיגערע. און לאָזענדיג זיך מיטרייסען פון אולער׳ס שטי-מונג, האָט ער אויך לוסטיג אויסגעשריען:

—וואָס דען! פערשטעהט זיך! מיר׳ן צולעבען! מיר׳ן צו-לעבען אַ טאָג!

ו

פון הויז דערנעבען איז אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג. נישט קיין הויכער, אַ דאַרינקער, מיט אַ לענגליך געזיכט, מיט נערוועזע, דינינקע, זעהר אויסדריקליכע געזיכטס-שטריכען. זיינע שוואַרצע אויגען מיט די גרויסע אַפּלען האָבען גוטמוטיג געלויכטען און גלייכצייטיג האָבען זיי געהאַט אַ שטרענגען, ערנסט-קאָנצענטרירטען, כמעט אַסקעטישען אויס-דרוק. דער דאָזיגער אויסדרוק פון די אויגען און דאָס קליינע בערדעל זיינס האָבען צוגעגעבען זיין נישט גרויסער אונבעדיי-טענדער פיגור אַ שטיקעל סאָלידען אויסזעהן.

—אָט איז מירקין!—האָט אולער געזאָגט.—וואָס, שוין גע-ענדיגט?

—נאָך נישט,—האָט מירקין מיט אַ ברוסט-שטימע געענט-פערט און בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר האָט ער האַרט און דורכדרינגליך אָנגעקוקט אייזערמאַנ׳ען.

—קאַפּלונער איז דאָ געווען...

—כ׳וויס. כ׳האָב געהערט זיין שטים. וועגען וואָס איז ער געקומען?

—ער האָט געבראַכט אַ דעם „תכשיט״...—האָט אולער געענטפערט, ווייזענדיג מיט׳ן קאָפּ אויף אייזערמאַנ׳ען. ער איז געקומען לערנען זיך, אַנטלאָפען פון די עלטערן. כ׳האָב דאָ מיט איהם זיך דורכגעשמועסט, געטאַפּט ביי איהם דעם דופק... און נישקשה, אַ יונג מיט ביינער!

אייזערמאַן האָט מיט אַ ברייט שמייכעלע, קוים בעהערשענדיג זיין אינערליכע התפעלות געקוקט מירקינ׳ען גלייך אין די אויגען. מיטאַמאָל האָט ער, ווי געשטויסען דורך אַנ׳אינערליכער קראַפט, געמאַכט עטליכע טריט צו מירקינ׳ען און אויסשטרעקענדיג צו איהם די האַנד האָט ער מיט דער דרייסטקייט און אומגעצוואונגענקייט, וועלכע בעהאַלט אָפט הינטער זיך אַנ׳אינערליכע פּחדנות געזאָגט:

—נעהמט אַ „שלום-עליכם״ פון אַ פרומען יודען!

מירקין האָט אַ שמייכעל געטהון, איהם פעסט געדריקט די האַנד און אָבגעענטפערט מיט׳ן זעלבען טאָן:

—עליכם-שלום!... פון וואַנען איז אַ יוד?

—פון הינטער די הרי-חושך,—האָט אייזערמאַן געגעבען אַ פון פאַראויס צוגעטראַכטען ענטפער.

מירקין איז צופרידען געבליבען פון דעם ענטפער און שווייגענדיג אַ ווײַלע האָט ער ערנסט געפרעגט:

—איהר האָט זיך עפּעס געלערנט אין דער היים? קענט איהר עפּעס?

—אַ חוץ דער „הייליגער תורה״—גאָרנישט!—האָט אייזערמאַן פרעהליך, כמעט טריאומפירענדיג געענטפערט.

—און געלעזען?

—געלעזען האָב איך פיל! כ׳האָב געלעזען „חטאת נעורים״ „התועה בדרכי החיים״ „אהבת ציון״!...

—און יצחק-בער לעווינזאָנ׳ס ווערק האָט איהר עפּעס געלעזען?

—כ׳האָב נאָך אַפילו דעם דאָזיגען נאָמען נישט געהערט!

—איהר דאַרפט דורכאויס לעזען זיינע ווערק „זרובבל״ און „תעודה בישראל״. דאָס וועט אייך געבען אַ באָדען, אַ פונדאַ-

מענט און וועט אייך ליכטיג מאכען אין קאפּ... נו, נאטירליך, דארפט איהר אייך לעזען „השחר״... דאס וועט אייך געבען א ריכטונג. קורץ איך וועל אייך שוין אנווייזען וואס צו לעזען... נאר וואס אנבעלאנגט א רוסישען אוראק, דארפט מען ערנסט א טראכט געבען—האט ער פערזארגט צוגעגעבען. אלע האבען שוין אזוי פיל אומזיסטע אוראקען! איך בין נעכטען א האלבען טאג ארומגעלאפען...

—קאפלונער האט איהם צוגעזאגט געבען אנ׳אוראק,—האט אולער געזאגט.

—וואס רעדסטו? קאפלונער?—האט זיך מירקין דערפרעהט— ס׳איז דאך אויסגעצייכענט! קאפלונער איז א זעלטענער לעהרער!.. אלזא, הייסט עס, זענט איהר שוין איינגעאָרדענט!—האט ער לעבהאפט אויסגערופען וועדענדיג זיך צו אייזערמאנ׳ען. איצט דארפט איהר נאר נעהמען זיך פלייסיג צו דער ארבייט, לעזען, לערנען זיך. און וועגען דעם...—האט ער זיך דערמאהנט,—און וועגען מיטלען ווי איז ביי אייך?

—ער האט מיטגעבראכט מיט זיך צוויי פאר טייערע תפילין!—האט אולער פאר איהם געענטפערט—פון גאנצע פעל מיט אויסגעדרוקטע אותיות!

—ס׳איז נישט קיין קלייניגקייט,—האט מירקין ערנסט געענטפערט.—צוויי פאר גוטע תפילין, דאס איז אנ׳עשירות, א האלב יאהר צייט קאן מען לעבען.

—כ׳האב נאך אויך מזומן-געלד זעקס רובל אכט און פופציג קאפּ!

—נו, הייסט עס, אז מיט מיטלען זענט איהר אויך בעזארגט, איז שוין גאר גוט. איהר וועט זיך איינארדנען, איהר וועט נישט פערפאלען ווערען! און ווענדענדיג זיך צו אולער׳ן, האט ער שוין מיט אנ׳אנדער טאן געזאגט:

—מיר האבען צום סוף צוגעגעבען נאך עפּעס. ווילסט הערען?

—פערשטעהט זיך! נאר וואס וועט זיין מיט איהם?...

ער האט א וואונק געטהון מיט די אויגען אויף אייזערמאנען.

מירקין האָט געוואָרפען אַ דורכדרינגליכען בליק אויף אייזערמאַנען און נאָך אַ ווײַלע וואַקלען זיך, האָט ער ענטשלאָסען געזאָגט:

—עט! ס׳מאַכט נישט!... וועמען וועט ער דען דערצעהלען?... קומט אַריין אין שטוב.—האָט ער זיך געווענדט צו אייזערמאַנען. נאָר אָט וואָס כ׳וועל אײַך זאָגען: איהר וועט דאָרט זעהן איינעם אַ מענש, זאָלט איהר קיינעם, קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגען וועגען דעם! ווי איהר וואָלט קיינעם נישט געזעהן! פערשטאַנען?

—וואָס דען! פערשטעהט זיך! וואָס בין איך דען אַ קליין קינד?—האָט אייזערמאַן אויסגערופען ווי בעליידיגט און אין דערזעלבער צייט מיט געבעט אין דער שטים.

—קום! וועסט הערען אַ שטיקעלע „מליצה״—וועסטו זיך מחיה זיין!—האָט אולער געזאָגט.

## ז

דאָס צימער בײַ מירקינען איז געווען אַ לאַנגס און אַ שמאָלס מיט איין פענסטער צום הויף און מיט אַ גרויסער ברייטער לעזשאַנקע. דאָס גאַנצע מעבעל איז בעשטאַנען פון אַנ׳אַלט אייזערן בעט, אויף וועלכען עס איז, אָנשטאָט אַ מאַטראַץ געלעגען צונויפגעלעגט מלבושים און צוקאָפּענס אַ קישעלע פון שטרוי. בײַם פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש און אַ בענקעל. אויף דער לעזשאַנקע איז אין גרויסען אומאָרדנונג געלעגען אָנגעוואָרפען עטליכע צעהנדליג ביכער, צווישען וועלכע ס׳האָט זיך געוואַלגערט שטיקלעך שוואַרץ ברויט און עטליכע שטיקלעך צוקער.

אין צימער איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ פול גלאַט געזיכט, געקרייזעלטע פאות און אַ קליין בערדעל. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגע טוך-קאַפּאָטע ביז צו די קני און אַנ׳אַטלאַסען היטעל. אויף די פיס שטיוועל און קאַלאָשען און אויפ׳ן האַלז

אַ שוואַרץ זיידען טיכעל. דער גאַנצער אויסזעהן און געשטאַלט פונ׳ם יונגען מענש האָט געוויזען, אַז ער איז פון אַ רייך הויז און ווייסט זיין ווירדע. דער אויסדרוק אויף זיין געזיכט איז געווען אַ זיכערער און שטאָלצער. מיט פערלעגטע הענד אַהינ-טער האָט ער געלאָסען געשפרייזט איבער׳ן צימער, שטאַרק פערטראַכט, ווי בעקלערענדיג עפּעס זעהר וויכטיגס און ערנס-טעס. ווען די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט, האָט ער פּאַמעליך אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט די אַריינקומענדע. דער-זעהן דעם אומבעקאַנטען אייזערמאַנען, האָט ער פון אומגעריכט-קייט זיך אַ כאַפּ געטהון עטוואָס אויף צוריק דערשראָקען און איבערראַשט.

—ווער איז דער?—האָט ער אויסגעשריען ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף אייזערמאַנען.

—זייט רוהיג, שיינבורג! דאָס איז אַנ׳אייגענער מענש!—האָט איהם מירקין בערוהיגט.

—איך בין ערוב פאַר איהם!—האָט אולער צוגעגעבען צו-לעגענדיג די האַנד צום האַרץ.

—אָבער ווער איז ער?

—כ׳וועל אייך שוין דערנאָך דערצעהלען... איהר מעגט מיר גלויבען, אויב איך גאַראַנטיר אייך פאַר איהם—האָט מירקין געזאָגט. בעדויערענדיג שוין וואָס ער האָט אייזערמאַנען אַריינ-געבראַכט.

אייזערמאַן האָט גלייך ביים אַריינקומען געוואָלט דערלאַנ-גען די האַנד דעם געהיימען פערשווערער, נאָר דערזעהענדיג זיין דערשראָקענע און אומצופרידענע מינע, הערענדיג זיינע איינגעגעסענע פראַגען, האָט ער זיך שטאַרק פערלוירען און געבליבען שטעהן ביי דער טהיר מיט אַנ׳אומגעלומפּערט און נעבעכדיג שמייכעלע אויפ׳ן געזיכט.

שיינבורג האָט אומצופרידען געהויבען מיט די אַקסלען, אָבער ער האָט שוין מעהר גאָרנישט געזאָגט. זעצענדיג זיך צום טיש אויף וועלכען עס איז געלעגען אַ קליין פּעקעלע מיט בוי-

געלען פּאַפּיר בעשריבען מיט דראָבנע און געדיכטע שורות" האָט ער טרוקען געזאָגט:

—נו, כ'לעז!

און ער האָט טרוקען און געלאַסען אָנגעהויבען:

—„אַחרון, אַחרון—חביב". דעריבער האָב איך געלאָזט אויף צום סוף דעם חשוב'סטען מענש פון אונזער שטאָדט, אַ מענש אַ חרד וירא ד', אַ מזג טוב, אַ בעל צדקה און אַ חכם, וואָס זיין הייליגער און עהרליכער נאָמען איז רבי דוד אַווער־שטאָק.

„ס'איז אונמעגליך אויסצורעכענען אַלע מעשים-טובים פון ר' דוד (וועלכען מ'רופט צוליב זיין צדקה און גוטסקייט רבי דוד'קע) ווייל זיי זענען אַזוי פיל ווי די שטערען אין הימעל און ווי דאָס זאַמד אויפ'ן ברעג פון ים, וועלכע מ'קאָן צוליב זייער גרויסער צאָהל נישט איבערצעהלען און ווען ס'וואָלט ווער געוואָלט איבערצעהלען אַלע מעשים-טובים פון ר' דוד'קע, וואָלט פאַר איהם נישט געקלעקט קיין טינט, קיין פעדערס און קיין פאַפּיר"...

אולער האָט זיך שווייגענדיג איבערגעקוקט מיט מירקינען און ביידע האָבען מסכים זייענדיג צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

—„ר' דוד'קע — האָט שיינבורג ווייטער געלייענט — איז מקריב אַלע זיינע כוחות לטובת הכלל. קודם כל פערשפּרייט ער זיין רחמנות איבער אַלע אָרימע, אלמנות און יתומים. די טהי-רען פון זיין שען געמויערט הויז זענען טאָג און נאַכט אָפען פריי פאַר אַלע נויטבעדערפטיגע, און יעדער ווער עס האָט נאָר עפּעס אַ הייזעל אָדער אַ קרעמעל קאָן קומען און דערהאַלטען פון ר' דוד'קעס ברייטער אָפענער האַנד גאַנצע הויפענס געלד. און דאָס איינציגע, וואָס ר' דוד'קע פערלאַנגט פון די מקבלים, איז נאָר אַ קליין, גאַנץ קליין פּאַפּירעל, וועלכעס מ'רופט וועק-סעל. מעהר גאָרנישט. ס'איז ריהרענד צו זעהן ווי די אָרימע-לייט אָבצאָהלענדיג רעגולער די גענומענע סומע, ברענגען נאָך יעדע וואָך צו ר' דוד'קען, נאַטירליך, אויס דאַנקבאַרקייט, אַ קליינע סומע. און ר' דוד'קע, כדי נישט צו בעליידיגען די

מכירי-טובה, נעהמט צו מיט אַ גוטהערציג שמייכעלע די פריי-וויליגע מתנות. נאַר—יודען זענען זינדיג! און עס טרעפט זיך, אַז אויך צווישען די אָרימע לייט וועלכע ער האָט אַ טובה געטהון זענען דאָ אַזעלכע, וואָס רייך ווערענדיג פון בעקומענעם געלד ווערען כפויי־טובה. און רבי דוד'קע, מורא האָבענדיג זיי זאָלען חס ושלום נישט פערקריכען אינגאַנצען אין דער בלאָטע, איז ער געגויט מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט וועהטאָג אין האַרצען צוצונעהמען ביי זיי די הייזלעך און די קרעמלעך, כדי דערמיט זיי מחזיר-למוטב צו זיין. ר' דוד'קע זאָרגט זיך מעהר ווי אַלץ פאַר די נשמות פון די יודישע „צאן-קדשים". וויסענדיג צו וואָס די תאוה צו דער אכילה קאָן דערפיהרען אַ מענשען און כדי צו פערהיטען פון דער דאָזיגער עבירה אחינו בני ישראל האָט ער אַריינגענומען אין זיינע רייגע, עהרליכע הענד די קאָראָבקע און וואָס מיינט איהר? ס'איז נישט פערביי קיין יאָהר, זענען אונזערע אָרימע לייט געקומען צום געדאַנק, אַז פלייש עסען אין וואָכענטעג, איז טאַקי אַנ'איבעריגע הול-טייסקע זאַך. און אונטער ר' דוד'קעס השפעה וועלען זיי נאָך געוויס קומען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז זיי וועלען אינגאַנ-צען אויפהערען צו עסען „אבר מין החי".

„זאָרגענדיג זיך וועגען אַלע עניים ואביונים, האָט ר' דוד'קע גלייכצייטיג אויך נישט געלאָזט אָהן זיין פאָטערליכער השגחה די יוגענד, וועלכע ער פערהיט מיט אַלע כוחות פון סם-המות פון דער השכלה. ער שטעלט זיך אויך נישט אָב, אַז ס'קומט איהם אויס אַיינצושמוצען זיינע ריינע הענד אָן די אומריינע באַקען פון די ישיבה-בחורים, וועלכע ער איז חושד אין אַפיקורסות. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז איהם געלונגען אַוועקצוגעבען אין סאָלדאַטען אַ בן-יחיד פון אַנ'אָרימער אלמנה, דערפאַר וואָס ער האָט געפלאַנצט שלעכטס צווישען יודען, לער-נענדיג זייערע קינדער לעזען און שרייבען די אומריינע רוסי-שע שפראַך. אַלס מקנא את קנאת ד' צבאות, האָט ער פאַראָ-יאָהרען, אום ווינטער אַרויסגעיאָגט פון זיין הויז אין איין קלייד זיינע אַנ'אָרימע פלימעניצע, דערפאַר וואָס זי איז נישט געווען

באַטספאָרלאַטיג... אָ, פערשאָלטען זאָלען זיין די בייזע צינגער פון די אפיקורסים! זיי ערלויבען זיך אויסצוטראַכטען אַ בלבול, אַז בכן ער האָט די פלימעניצע אַרויסגעטריבען דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געגענגעשטעלט און נישט געוואָלט נאָכגעבען רבי דוד'קעס תאווה'דיגע פערלאַנגען... זיי האָבען אויך די חוצפה אויסצוטראַכטען, אַז פון ר' דוד'קעס עהרליך הויז געהען די דינסטען אָפט אַוועק שוואַנגער... נאָר איז דען מעגליך צו גלויבען אין די רייד פון די שקצים? די גאַנצע שטאָדט ווייסט דאָך, אַז ר' דוד'קע איז ריין ווי אַ מלאך, פרום און עהרליך, אַז זיינע מעשים-טובים איז נישט מעגליך אויסצורעכענען. און דערפאַר האָט איהם גאָט געבענשט מיט עושר און כבוד.

„אָ, דו צדיק בישראל, וואָס איז זיך און זיין גוטס מקריב אויפ'ן מזבח פון טובת-הכלל! זאָל געבענשט זיין דיין נאָמען לעולם-ועוד! אָמן!"

—הערליך! שאַרף, ווי אַ חלף!—האָט אולער בעגייסטערט אויסגעשריען.—זיי וועלען משוגע ווערען, זעהענדיג דאָס אָבגעדרוקט! האַ-האַ-האַ! נו, שיינבורג, האָט איהר אַ פעדער! פייער!

שיינבורג, פערגעסענדיג גאָר, אַז די קאָרעספאָנדענץ איז אָנגעשריבען געוואָרען נישט דורך איהם אַליין, נאָר צוזאַמען מיט מירקינען, האָט צוגענומען דעם קאָמפלימענט ווי אַ כשר פערדינטען און מיט דעמזעלבען טרוקענעם אויסדרוק האָט ער גענומען גלייך לעגען די בויגעלעך פאַפיר.

—נאָר איך וואָלט אַנדערש אַ ביסעל פערענדיגט,—האָט אולער ווייטער געזאָגט.—איך וואָלט פערענדיגט מיט די ווערטער! „וועה אייך פרות-הבשן!..."—האָט ער אָנגעהויבען מיט צאָרנדיגען פאַטאָס, אָבער ער האָט זיך גלייך אַליין איבערגעריסען: אָדער נישט אַזוי! איך וואָלט אפשר גאָר אַזוי אויסגעלאָזט: „וועה אייך, צבוע'קעס, העושים מעשה זמרי, ומבקשים שכר כפנחס"! אַזוי וואָלט געווען שטאַרקער!

שיינבורג האָט געקנייטשט מיט די ברעמען און טרוקען געענטפערט:

—מ'וועט זיך בעגעהן אָהן אַזאַ אויסלאָז.

—און ווי אזוי האָט איהר זיך אונטערגעשריבען?—האָט אולער ווייטער געפרעגט.—אזוי ווי פריהער: כלב בן-יפונה?

—יאָ.

—און איך וואָלט זיך בעסער אונטערגעשריבען: אלישה בן אבויה! עהרען וואָרט! כלב, וואָס פאַר א בעדייטונג האָט כלב! א פּראָסטער מרגל! אָבער אלישה בן-אבויה, אחר—דאָס איז וויכטיג! געפעהרליך!

—אייך געפעלט אלישה און מיר געפעלט כלב!—האָט שיינבורג עטוואָס געררייצט געענטפערט.—אָט נעהמט און שרייבט אָן א „שטיקעלע מליצה", שיקט עס אוועק אין „המליץ" און שרייבט אייך אונטער אלישה בן אבויה—האָט ער מיט א גיפטיגער איראָניע צוגעגעבען.

—וואָס מיינט איהר! מ'דאַרף טאַקי פּרובירען!—האָט אולער געענטפערט נישט פערשטעהענדיג שיינבורגס איראָניע.—איך האָב אמאָל געהאַט טאַלענט צו בעשרייבען! כ'האָב שטענדיג פערפאַסט „דרשות" און „פשט'לעך" פאַר בר-מצוה'ס און חתנים, איז געווען דערפון צו לעקען די פינגער!

—דרשות פאַר יונגלעך איז עפּעס אַנדערש און „שריפט-שטעלערישע שאַפונג" איז אויך עפּעס אַנדערש! מ'דאַרף האָבען שכל דאָס צו פערשטעהן!—האָט שיינבורג שוין העכער מיט בטול און פעראַכטונג געענטפערט.

בעהאַלטענדיג דעם מאַנוסקריפּט אין טאַש איז ער אוועקגעגאַנגען פון דער לעזשאַנקע און ווי אגב אורחא נישט האָבענדיג וואָס צו טהוען האָט ער אָהן חשק גענומען בלעטערן די ביכער. איבערלעזענדיג אויף איין הילע: „ווערק פון א. ס. פּושקין", האָט ער זיך געווענדט צו מירקינען און געפרעגט:

—פּושקין?

—איהר זעהט דאָך.

—כ'האָב איהם געלעזען!—האָט שיינבורג צו וויסען געטהון, מיט אזא טאָן, פונקט ווי ער וואָלט פּושקינ'ען א גרויס-מוטיגקייט אַרויסגעוויזען. און טראַכטענדיג א ווילע, האָט ער געפרעגט?

—ווי מיינט איהר: פושקין איזווירקליך אַזאַ גרויסער פּאָעט?

—ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז ער איז אַ גרויסער פּאָעט, נאָר וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט ער? אַ מענש גיט אָב זיין לעבען אויף קינדישע שפּילערייען, אויף אויסצוגעפינען קלינגענדע גראַמען! וואָס פאַר אַ נוצען האָט ווער דערפון?—האָט מירקין מיט איבערצייגונג אין טאָן געענטפערט.

—און איך האַלט איהם נישט פאַר קיין גרויסען פּאָעט!—האָט שיינבורג אויטאָריטעטיש געמאָלדען.—איך געפין איין, אַז אין איין שיר פון אד"ם הכהן, אָדער אין איין בלעטעל מאפו איז דאָ פיל מעהר פּאָעזיע, ווי אין אַלע פושקינס ווערק. און בכלל רעכען איך, אַז אמת'ע, ריינע, הויכע פּאָעזיע איז מעגליך אויסצודריקען נאָר אין דער העברעאישער שפּראַך! אין דער רוסישער שפּראַך קומט אַלץ אַרויס האַמעטנע, שווער, אָהן געשמאַק! נישט אמת?

מעגליך, מעגליך!—האָט מירקין, וועלכער איז כמעט איינשטימיג געווען מיט שיינבורגס בעמערקונג, געענטפערט. נאָר ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס פּראָבלעם פון פּאָעזיע איז צו נישטיג און אומאינטערעסאַנט, אום צו פערטראַכטען זיך דעריבער.

—און פיסאַרעוו'ן האָט איהר געלעזען?—האָט שיינבורג ווידער געפרעגט.—וואָס, ער איז ווירקליך אַזאַ גרויסער שרייבער ווי מען שמועסט?

—געוויס!—האָט מירקין ענטשלאָסען געענטפערט.

—אַזוי? אין וואָס זשע בעשטעהט דאָס זיין גרויסקייט? ער איז טיף, אָדער שווער?

—הויפּטזעכליך איז ער טיף, זעהר טיף.

—הייסט עס, מיט וועמען קאָן מען איהם פערגלייכען?... מיט'ן „מורה נבוכי הזמן"? צי נישט?

—ניין, נישט דאָס...—האָט מירקין אין פערלעגענהייט געענטפערט.—איך וואָלט איהם גיכער פערגליכען מיט לעווענזאָהנס „תעודה־בישראל".

—אַזוי גאָר?... נו, אויב אַזוי, וועל איך איהם לעזען!—

האָט שיינבורג אויסגערופען מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט בע-שלאָסען פּיסאַרעוו׳ן אַ גרויסען כבוד אָנצוטהון.

און ווענדענדיג זיך צו אולער׳ן, האָט ער צו איהם כמעט בעפעהלעריש געזאָגט:

—גיט נאָר אַ קוק, וואָס עס הערט זיך אויף דער גאַס!

אולער איז אַרויס און האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער גאַס. ס׳איז קיין איין יוד נישט געווען צו זעהן. ווען ער האָט דאָס שיינבורג׳ן געמאָלדען, האָט דער לעצטער זיך געזעגענט מיט מירקינען און אולערן און אויף אייזערמאַנען האָט ער נאָר אַ גלייכגילטיגען בליק געוואָרפען, ווי אויף עפּעס אַ נישט לע-בעדיגע זאַך. שוין אין דער טהיר האָט ער דערמאָהנט מירקינען:

—נאָר פערגעסט נישט אָנצוזאָגען דעם דאָזיגען יונגעל ער זאָל נישט אויספּלוידערן!...

אַרויסקומענדיג אין דרויסען, איז שיינבורג אונטערהויבענ-דיג די פּאָלעס דורכגעלאָפען די גאַס, איז אַריבער דעם טהאָל און אַריינקומענדיג אין יודישען קוואַרטאַל האָט ער גענומען געהן שטאָלץ און געלאַסען. די בעקאַנטע דורכגעהער האָבען זיך צו איהם מיט דרך-ארץ געגרוסט. קיינעם פון זיי האָט גאָרנישט געקאָנט איינפאַלען, אַז אָט דער אויסערליך פרומער, בכבוד׳יגער יונגערמאַן—איז אַ בעהאַלטענער אפּיקורס.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שיינבורג שוין געזעסען אין גרויסען בית-המדרש ביי אַנ׳אָפענער גמרא.

## ח

אייזערמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שטום און אומ-בעוועגליך, ווי פערכשופ׳ט. די קאָרעספּאָנדענץ האָט אויף איהם געמאַכט אַנ׳אונגעהויער שטאַרקען איינדרוק. באַלד פון די ערש-טע פּאָר שורות האָט ער שוין פערשטאַנען וועגען וואָס ס׳רעדט זיך דאָ און ער האָט ריכטיג בעגריפען די גאַנצע קראַפט פון אָט דער שאַרפער, גיפטיג בייסענדער איראָניע, וועלכע שטעקט אין

דעם דאָזיגען ווערק. מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם, מיט אַ האַלב אָפענעם מויל און ברייט געעפענטע אויגען האָט ער זיך צוגעהערט צום לעזען—און איהם האָט זיך אויסגעדוכטען, דאָס ער הערט שרעקליכע שטראָף-רייד פון אַנ׳אוראַלטען נביא. אַלעס וואָס ער האָט פריהער געלעזען, אפולו „חטאת נעורים” האָט איהם אין דער מינוט אויסגעוויזען בלייך און נישטיג אין פערגלייך מיט אָט די פייערדיגע גיפטיגע רייד. קאָן מען דען פערגלייכען עפּעס אַ מעשה, וועלכע איז נאָך אפשר האַלב אויסגעטראַכט פון קאָפּ, וועגען מענשען, וואָס כאָטש זיי עקזיסטירען (אין דעם האָט אייזערמאַן גאָרנישט געצווייפעלט) אָבער זענען דאָך פערמאַסקירט מיט אויסגעטראַכטע נעמען, מיט אָט דעם דרייסטען אָפענעם אמת, וועלכער ווערט געוואָרפען גלייך אין פנים אַריין איינעם אַ פאָרשטעהער פון דער פינסטערקייט און אָבגעשטאַנענקייט! אָט דאָ אין דעם קליינינקען צימערל, אויף גאַנץ געוועהנליכע בויגעלעך פאַפּיר ווערט דאָס געשמידט [illegible] שאַרפע שפּיז, וועלכע דאַרף טרעפען דעם מעכטיגען שונא גלייך אין האַרצען. און דערביי בלייבט דער אָנפאַלער דער קנאַ[illegible] פערבאָרגען, זיכער און וועט האָבען ווייטער די מעגליכקייט [illegible] דערלאַנגען זיינע טויט-קלעפּ!... אייזערמאַן האָט איצט [illegible] קאָנקרעט געזעהן איינע פון די „שרעקליכע מעשים”, וועלכ[illegible] די „חברה משכילים” טהוען אָב—און ער איז געוועז ערשטוינט פון דער קראַפט און גרויסקייט פון דער „אַרבייט”.

אייזערמאַן האָט מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען געקוקט אויף דעם פאָרלעזער און ער האָט זיינע אייגענע אויגען נישט געגלויבט, אַז ער האָט פאַר זיך איצט אַ מחבר, אַנ׳אמת׳ען מחבר, אַ העכערן סאָרט מענש. און פון ערשטען מאָמענט אָן איז ער אַדורכגענומען געוואָרען מיט אַ טיפען יראת-הכבוד צו אָט דעם גרויסען מענשען. אָט ער איז אַנ׳אמת׳ער משכיל— פערמאַכקירט פון קאָפּ ביז פיס אַלס פרומער יוד, קאַלט אַ[illegible] אומברחמנות׳דיג, שטאָלץ און געהיימניספול אין זיינע מאַניערען און בעוועגונגען. אַזאַ מענש, נאַטירליך, קאָן נישט און דאַרף נישט צראָבלאָזען זיך צו איהם, דעם קליינינקען, קליינינקען

אייזערמאַנען. דערמיט וואָלט ער נאָר דערנידערט זיין כבוד און גרויסקייט.

—נו, וואָס זאָגסטו דערצו? האַ?—האָט אולער מיט אַ פרעהליכען געלעכטער אויסגערופען.

—ווער איז „ער“? ווער איז „ער“?—האָט אייזערמאַן שטיל אַרויסגעשעפטשעט ווי ער וואָלט גערעדט וועגען עפּעס אַ וויזיע...

—ווילסט וויסען ווער ער איז? כ'וועל דיר זאָגען! ער איז אַ פלימעניק פון דעמזעלבען ר' דוד'קע אַווערשטאַך, וועלכען ער האָט אַזוי שען בעשריבען...

—וואָס רעדט איהר?!

—דאָס איז נאָך גאָרנישט,—האָט זיך מירקין אַריינגעמישט. דאָס פאָריגע מאָל האָט ער זיין אייגענעם פאָטער אַזוי דערלאַנגט! זיין פאָטער—איז דער ערשטער עושר און דער ערשטער וואוכערניק אין שטאָדט. און ער האָט אויפגעדעקט אַלע זיינע שווינדלערייען!...

—רבונו של עולם!—האָט אייזערמאַן מיט אַ שמערצליכער שטים אויסגעשריען.—ווען עס זאָל זיך געפינען אַ מענש, וואָס זאָל בעשרייבען אונזער מילאָסלאַווקע! אוי, ווען איהר זאָלט וויסען, ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר אַ פינסטערקייט דאָרט איז! דאָרט הערשען אויך אַזעלכע פונקט אַזעלכע בלוט-זויגער און צבוע'קעס, ווי דער ר' דוד'קע! און זיי טהוען אַלץ וואָס זיי געפעלט, און האָבען פאַר קיינעם קיין מורא נישט! און קיינער ווייסט נישט פון זייערע מעשים-תעתועים! אוי, ווען מ'זאָל זיי אַזוי בעשרייבען! מילאָסלאַווקע וואָלט געהאָלפען געוואָרען!...

—און וואָס מיינסטו!—האָט זיך אולער אָנגערופען—דאָס איז זעהר מעגליך: דערצעהל נאָר שיינבורג'ן, וואָס ביי אייך טהוט זיך—און רעכען אויס מיט די נעמען די אַלע מערדער! וועט ער עס שוין מאַכען אין אָרדנונג. און איך מיט מירקינ'ען וואָלטען עס שוין אויסגעבעסערט, אַרומגעשלייפט...

—אוי! ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר אַ מערדער ביי אונז זענען...—האָט אייזערמאַן ווידער אָנגעפאַנגען.

—וואו זענען זיי דען ניִשט פערהאַן, די מערדער און צבועק'עס,—האָט איהם מירקין איבערגעריסען. אומעטום זענען זיי פערהאַן!... נאָר נישט לאַנג שוין וועלען זיי הערשען! גיך, גאָר גיך קומט זייער סוף! די זון געהט אויף!—האָט ער מיט טיפען גלויבען אויסגעלאָזט.

עטליכע מינוט האָבען אַלע געשוויגען. מירקין האָט קלע-רענדיג עפּעס פערטראַכט געקוקט אויף אולער'ן. אַ קוק טהוענ-דיג צופעליג אויף זיינע צעריסענע שטיוועל, האָט ער, ווי פערבייגעהענדיג, עטוואָס פערוואונדערט בעמערקט:

—וואָס פאַר אַ צעריסענע שטיוועל דו טראָגסט: די פינגער זעהען זיך אַרויס...

—נו, איז וואָס?—האָט אולער גלייכגילטיג געענטפערט, אויך אַ קוק טהוענדיג צו די שטיוועל.—אויב דו געפינסט, אַז זיי זענען נישט שען—טאָ שעם דו זיך...

—איך רייד נישט וועגען שענקייט... קאָנסט זיך פער-קיהלען...

אולער האָט זיך צעלאַכט:

—דריי און צוואַנציג יאָהר געה איך שוין אַרום מיט אַ נאַקעטער נאָז און האָב זי נאָך נישט פערקיהלט, וועל איך מיר די פינגער פון די פיס פערקיהלען!... דו רעדסט דאָך ווי אַ קינד, ס'איז אַזש נודנע צו הערען!...

מירקין האָט, ווייזט אויס, איינגעפונען אולערס אַרגומענט פאַר גערעכט און ער האָט מעהר גאָרנישט געענטפערט.

—איך בין עפּעס הונגעריג ווי אַ הונד—האָט ער געזאָגט בעמערקענדיג אַ שטיק ברויט אויף דער לעזשאַנקע.

אָבברעכענדיג אַ שטיקעל האָט ער דאָס איבעריגע דער-לאַנגט אייזערמאַנען:

—איהר ווילט עסען?

—ניין,—האָט אייזערמאַן געענטפערט, ווירקליך נישט האָ-בענדיג קיין אַפּעטיט צו עסען, כאָטש ער האָט נאָך פון דער פריה אָן נישט געהאַט אין מויל.

אולער האָט אַזוי זיך, צוליב קאָמפּאַניע, אָבגעריסען אַ שטיקעל ברויט.

—ס'וואָלט גוט געווען דערצו טהיי...—האָט מירקין מיט אַ פול אָנגעשטאָפּט מויל געזאָגט.—ס'איז דאָ אי צוקער אי טהיי... מיר'ן אויפשטעלען דעם סאַמאָוואַר.

פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַנ'אויסגעצויגען כריפּען פון זייגער און דערנאָך ווי ער האָט אָבגעהוסט האָט ער שווער געשלאָגען פיער.

—ס'איז שוין פיער?—האָט מירקין דערשראָקען אויסגע-שריען.—ס'איז שוין צייט צו געהן אויפ'ן אוראָק און איך האָב נאָך אַזויפיל אַרבייט... מ'דאַרף אַריינגעהן צו קאַפּלונער'ן פער-שטענדיגען זיך וועגען אוראָק פאַר אייך,—האָט ער זיך געווענדט צו אייזערמאַנען.

—מיר וועלען אויך געהן,—האָט זיך אולער אָנגערופען.— איך וועל איהם אַוועקפיהרען אין „עיר-מקלט". מ'דאַרף איהם בעקענען מיט מענשען... קום דו אויך אַהין נאָכ'ן אוראָק.

—גוט, כ'וועל קומען... נאָר ווען דו וועסט געהן אין „עיר-מקלט" זאָלסטו זיך איבער'ן וועג אַריינכאַפּען אין בית-המדרש זעהן זיך מיט הלל'ן. מ'דאַרף געוואָעויר-ווערען וועגען דער בעריאַשעוואַ!... זאָלסט אונבעדינגט אָבטרעטען!—האָט מיר-קין ענטשלאָסען בעפוילען און איז אַרויס.

## ט

—וואָס איז דאָס פאַר אַנ'„עיר-מקלט", וואוהין איהר ווילט מיך פיהרען?—האָט אייזערמאַן מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

—וועסט זיין דאָרט, וועסטו זעהן!—האָט אולער איהם אינ-טריגירט.—דאָס איז, פערשטעהסטו מיך אַ וואוינונג, וואו יעדער פון אונז קאָן זיך בעזעצען דאָרט,—האָט ער אָבער גלייך גענו-מען איהם ערקלערען.—מיר רופען זי דעריבער „עיר-מקלט". איצט וואוינען דאָרט דריי. וועסט זעהן וואָס פאַר אַ חברה,

וואָס פאַר אַ וואוילע יונגען! אָט האָסטו ערשט גערעדט וועגן מערדער און גנבים—האָט ער זיך אין מיטען דערמאָהנט.—ווען דו זעהסט סאָניע בעריאַשעוואַ׳ס פאָטער, וועגען וועלכער מירקין האָט ערשט גערעדט, וואָלסטו ערשט געוואוסט וואָס דאָס הייסט אַ גנב און אַ באַנדיט!

—וואָס איז? ווער איז ער אַזעלכער?

—פערשטעהסטו מיך,—האָט אולער מיט היץ גענומען ריי־דען,—די סאָניע בעריאַשעוואַ—איז גאָר נאָך אַזאַ מיידעל אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ!... מעגסט מיר גלויבען, וואָס כ׳זאָג דיר! נישט קיין מיידעל, נאָר פּשוט אַ מענש! מיט איהר קאָנסטו ריידען וועגען וואָס דו ווילסט נאָר. זי האָט ממש אַלץ גע־לייענט! מירקין האָט אַ גאַנצען זמן געגעבען אוראָקען איהר יונגערן ברודער. ער האָט זיך דאָרט מיט איהר בעקענט, האָט איהר בסוד געגעבען ביכלעך צום לעזען און געמאַכט פון איהר אַ משכלת. זי שטעהט איצט נישט נידריגער פון אונז.

אולער האָט זיך ערשט געקליבען ווייטער צו ריידען, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך אויסגע־גלייכט און אַ קוק טהוענדיג אויף אייזערמאַנען מיט אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען, האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגערופען:

—ווייסטו וואָס עס הייסט אידעאַלע ליבע? אָבער די אמת׳ע די ריכטיגע אידעאַלע ליבע! אַלזאָ, זאָלסטו וויסען זיין! אין דער סאָניע בין איך פערליבט מיט דער אמת׳ער אידעאַלער ליבע! איצט פערשטעהסטו שוין, וואָס פאַר אַ מיידעל דאָס איז?

אויסשיסענדיג מיט אָט דער וידוי האָט אולער ווייטער געקוקט אויף אייזערמאַנען מיט אַ ברענענדיגען בליק, וואַרטענ־דיג זיינע ווערטער זאָלען מאַכען אויף אייזערמאַנען דעם גע־העריגען איינדרוק. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט: אייזערמאַן האָט איהם נישט פערשטאַנען. ער האָט קיין שום אַהנונג נישט געהאַט וועגען אידעאַלער ליבע און פון אולערס רייד האָט ער נאָר פערשטאַנען, אַז אולער איז פערליבט אין דעם מיידעל. אַזעלכע אָפענע רייד האָבען איהם אָבער אויסגעוויזען אַזוי מאָדנע, אַזוי נישט אָנשטענדיג און אפילו ציניש, אַז ער איז

אַזש שטאַרק רויט געוואָרען פון בושה און האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. אולער האָט מיטאַמאָל דערפיהלט, אַז דאָס יונגעל האָט איהם נישט פערשטאַנען און ווי ער וואָלט זיך פאַר איהם ענטשולדיגט, האָט ער גענומען איהם מיט היץ ערקלערען:

—דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס אידעאַלע ליבע! אידעאַלע ליבע האָט נישט קיין שום שייכות צו געוועהנליכער ליבע! דאָס איז אַ געטליכע ליבע, אַנ׳אידעאַלע! פערשטעהסט? סאָניען האָב איך נאָר צוויי מאָל געזעהן און כ׳בין אפילו נישט בעקאַנט מיט איהר. אָבער פאַר דער אידעאַלער ליבע איז נישט נויטיג קיין בעקאַנטשאַפט. עס איז אפילו נאָך בעסער, אַז מען איז נישט בעקאַנט, פערשטעהסט?

—כ׳פערשטעה, כ׳פערשטעה!...—האָט אייזערמאַן נאָך אַלץ נישט אויפהויבענדיג די אויגען שנעל געענטפערט.—דאָס איז „אהבה שלא תלויה בדבר" ווי אין „שיר השירים"... הכלל איז וואָס געווען מיט איהר, מיט דער... פריילן? איהר האָט דאָך אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען איהר פאָטער?... האָט ער גע-שווינד אַרויסגעזאָגט כדי אַזוינאָך איבערצורייסען דעם אונבע-קוועמען שמועס.

—עך! דו פערשטעהסט גאָרנישט!—האָט אולער מיט פער-ביטערונג געזאָגט.—וואָס איז איהר פאָטער? אַ גנב, אַ באַנדיט, אַנ׳אַלטער תרח, אַ פאַנאַטיק, אַ חיה און מורא׳דיגער טפש. גע-וואויער ווערענדיג אַז סאָניע לעזט ביכער און חבר׳ט זיך מיט מירקינען, איז ער געוואָרען אויסער זיך. מירקינען האָט ער אָבגעזאָגט דעם אוראָק, סאָניען האָט ער צוגענומען די ביכלעך און האָט איהר גענומען נאָכשפירען אויף יעדען טריט. מיט אַ וואָך צוריק האָט ער זי געפאַקט שפאַצירען אונטער דער שטאָדט מיט אַ גימנאַזיסט פון אונזער קאָמפאַניע. נישט ריכטענדיג זיך אויף גאָרנישט האָבען זיי הויך געשמועסט, דיסקוטירט וועגען עפּעס אַ בוך. פלוצלינג איז דער אַלטער אַרויסגעשפרונגען פון אַ ווינקעל און זיך געוואָרפען אויף זיי ווי אַ צעררייצטע חיה! דעם גימנאַזיסט האָט ער אַ שטויס געטהון אין ברוסט און כאַ-פענדיג סאָניען פאַר דער האַנד האָט ער זי אַהיימגעשלעפּט.

ער האָט זי אָנגעשלאָגען, פערברענט אַלע ביכער און איצט האַלט ער זי פערשפּאַרט און לאָזט זי נישט אַרויס פון שטוב.

—שרעקליך! די האָר אויפ'ן קאָפּ שטעלען זיך קאַפּויער!—האָט אייזערמאַן אויסגעשריען.

—מיר וואָלטען דערפון גאָרנישט געוואוסט—האָט אולער ווייטער גערעדט,—נאָר צום גליק עסט ביי בעריאַשעוו'ן אַ טאָג אין דער וואָך אַ ישיבה-בחור הלל, אַ בעהאַלטענער משכיל, מיר־קינס אַ תלמיד, האָט ער אונז טאַקי דאָס דערצעהלט וואָס ס'איז פאָרגעקומען. איצט זעהסטו שוין וואָס דאָ טהוט זיך אָבּ?

—שרעקליכע זאַכען!—האָט אייזערמאַן מיט אַ דערשלאָגענער שטים געזאָגט.

נאָך אַ ווײַלע שוייגען האָט ער זיך אָנגערופען:

—כ'וואָלט געוואָלט דינגען פאַר זיך אַ צימערל, זאָל זיין אַ קליינינקעס, ס'איז בעסער צו לערנען זיך, אַז מ'האָט אַנ'אייגען ווינקעלע,—האָט ער זיך ווי פערענטפערט. איך וועל בעסער איינקאַרגען אויפ'ן עסען?.. דאָס איז פאַר מיר נישט וויכטיג...

—איך האָב טאַקי אויפ'ן אויג אַזאַ שטיבעל, נישט ווייט פון דאַנען—האָט אולער לעבהאַפט אויסגעשריען.—אויסגעצייכענט, אַז מ'וועט זיך דינגען, קאָן מען עס דינגען פאַר פינף און זיבעציג קאָפּ אַ חודש. וועסט דיר דאָרט לעבען ווי אַ גראַף, איינער אַליין... איך וועל צו דיר קומען נעכטיגען.

—אויסגעצייכענט... איצט וואָלט איך נאָך געוואָלט...—האָט אייזערמאַן ווידער געזאָגט—ווי זאָגט מען דאָס, נו, בעקומען אַ מענשליכען אויסזעהן... ס'איז דאָך אַ חרפה זיך צו בעווייזען אויף דער גאַס אין אַזעלכע בגדים. ווען כ'וואָלט דאָ געהאַט אַ שער, וואָלט איך מיר באַלד אונטערגעהאַקט די קאַפּאָטע, וואָלט מיר אונטערגעשוירען די פאות און וואָלט בעקומען אַ מענשליכע צורה...

—האָסט נאָך צייט דאָס צו טהון,—האָט אולער געזאָגט. זעהסטו, איך אויף דיין אָרט וואָלט זיך נישט געאיילט צו ענדערן דעם אויסזעהן... איך האָב גאַנצע צוויי יאָהר געטראָגען

די מאַסקע. בין געגאַנגען אָנגעטהון, אַז כ׳בין עהנליך געווען צו אַ חיה רעה. און דעמאָלט טאַקי האָב איך אויפגעטהון וויכ־טיגע זאַכען: כ׳האָב די גאַנצע ישיבה קאַליע געמאַכט... דו האָסט דאָך געזעהן דעם „געלען" ווי ער איז געקליידט, ווי ער מאַסקירט זיך!... אויסערדעם, אַז דו וועסט זיין פערמאַסקירט, קאָנסטו דאָך אָבנאַרען די עלטערן, איינריידען זיי אַז דו זיצסט ביי דער גמרא און זיי וועלען דיר שיקען געלד...

—איך שפיי אויף מיין פאָטערס געלד! און אויב איהר חילט-אויף מיין פאָטער אַליין אויך!—האָט אייזערמאַן מיט היץ אויסגעשריען.—כ׳וויל שוין מעהר נישט טראָגען קיין מאַסקע! כ׳קאָן נישט! כ׳האָב זיך שוין גענוג געמוטשעט אין מילאָסלאַוו־קע! אָט אויף להכעיס וועל איך שבת אַרומגעהן אין גאַס מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, כאָטש איך רויכער נישט! איהר וועט זעהן!

אולער האָט זיך צעלאַכט.

—אַז דו וועסט אַרומגעהן שבת אין גאַס מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל,—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ גמרא-ניגון-גלויב איך דיר. נאָר, אַז דו וועסט נאָך צוריק אַהיימקומען אַ לעבעדיגער, מיט אַ גאַנצען קאָפּ און מיט גאַנצע ביינער—אין דעם צווייפעל איך שטאַרק!... פּרוב נאָר זיך דורכצוגעהן שבת איבער׳ן שטאָדט מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל! וואָלסט געכאַפּט אַזעלכע הייסע קלעפּ, אַז דיין עלטער-עלטער-זיידע האָט פון אַזעלכע קלעפּ נישט געוואוסט—האַ־האַ!

—קלעפּ, איז קלעפּ! אָבער קיין מאַסקע וועל איך נישט טראָגען!—האָט אייזערמאַן מיט פאַנאַטישער עקשנות געענטפערט.

—וואָס שייך קלעפּ לכבוד די תורה, וועגען דעם זאָלסטו מיך פרעגען! האָט אולער לוסטיג געזאָגט.—אין דעם בין איך אַ געניטער מענש. כ׳האָב שוין גענוג קלעפּ געכאַפּט! און נאָך וואָס פאַר אַ קלעפּ! קלעפּ, זאָג איך דיר, פון קלעפּ-לאַנד! האַ-האַ-האַ!

—איהר געדענקט זיי נאָך ביז איצט?

—כ׳זאָל נאָך נישט געדענקען!—האָט אולער לוסטיג אויס־

בעשריען. אַז מ׳האָט מיך אַרויסגעטריבען פון אַ ישיבה האָט מען מיך געשלאָגען אויף גאָר אַ גרויסען שטייגער, מ׳פלעגט מיך צעקאַליעטשען! און פעטש! פעטש פלעגען זיי מיר געבען ווי-פיל עס איז אין מיר אַריין! די פעטש זענען געפלויגען פון אַלע זייטען! און וואָס פאַר אַ פייערדיגע פעטש, ווען דו זאָלסט וויסען! האַ-האַ-האַ!

—נאָר דערפאַר,—האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבען מיט גאָר אַנ׳אַנדערן טאָן, ערנסט, און מיט עטוואָס בענקשאַפט אין דער שטים,—איז דאַן געווען אַ לעבען! אַז כ׳דערמאָהן זיך, כאַפּט מיך נאָך איצט אָן אַ בענקשאַפט נאָך יענעם לעבען!

—נאָכ׳ן לעבען אין דער ישיבה?—האָט אייזערמאַן מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

—וואָס קאָנסטו וויסען פון דעם לעבען, אַז דו ביזט נישט געווען אין קיין ישיבה!—האָט אולער אויסגעשריען.—דו שטעל זיך נאָר פאָר: אַ ריזיגער קלויז, לאַנגע טישען. ביינאַכט. דרייסיג-פערציג ישיבה-בחורים זיצען אַרום ביי די טישען, שאָק-לען זיך און לערנען הויך אויפ׳ן קול מיט אַ ניגון. אין קלויז איז אַ טומעל אַ גערויש. ס׳דוכט זיך אַז די אַלע קולות פליהען גלייך אין הימעל און דו מיט זיי... גאָר אַנ׳אַנדערע וועלט, אַנ׳אַנדער לעבען, אַנדערע געפיהלען... צו עסען איז נישט גע-ווען, נאָר מ׳האָט געלעבט! כ׳געדענק נאָך אַ גאַנצען טאָג פאַס-טען, בעקומסטו עטליכע גראָשען. קויפסט דיר אַ שטיק ברויט, פערשטעהסטו מיך אויסגעבאַקען, דאַר, דו עסט און עס קנאַקט דיר אונטער די ציין—טעם גן-עדן! בעסער ווי חזיר דאָרט!...! טיילמאָל גלוסט זיך אַלעס אַוועקצוגעבען, אום צו קאָנען כאָטש נאָר איין טאָג נאָך לעבען ווי פריהער... עט, דו קאָנסט עס נישט פערשטעהן!...

ער האָט פלוצלינג אָבגעהאַקט, זיך אויפגעהויבען, אַרום-געקוקט זיך און שנעל אַרויסגעזאָגט:

—נו, גענוג צו פלוידערן נאַרישקייטען. געהען מיר. מיר וועלען זיך אַריינכאַפּען אויף אַ ווײַלינקע אין קלויז און דערנאָך גלייך אין „עיר-מקלט“.

ד

די שוהל האָט זיך אייזערמאַנען אויסגעוויזען פיל ליכטי־גער, גערוימער און ריינער ווי די מילאָסלאַווקער שוהל. ווען ער מיט אולער׳ן זענען אַריינגעקומען האָט מען געדאַווענט מעריב. אולער איז ערגעץ פערשוואונדען צווישען עולם. אייזער־מאַן האָט זיך גענומען צוקוקען צום עולם און בעמערקט צווי־שען זיי עטליכע אין קורצע סורדוטען, מיט מאַנישקעס און אָבגעשוירענע פאות. קיינער האָט זיך אַפילו אויף זיי נישט אומגעקוקט...

אַרומקוקענדיג זיך, האָט אייזערמאַן זיך צונויפגעטראָפען מיט שיינבורגס אויגען... דער איז געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנד נעבען אַנ׳עלטערן יודען אין אַ יאַרמולקע און אין אַנ׳־אַטלאַסענער קאַפּאָטע און האָט קאַלט און שטאָלץ געקוקט אויף אייזערמאַנען.

אייזערמאַן איז צעטומעלט געוואָרען און האָט אַראָבגע־לאָזט די אויגען, מורא האָבענדיג נישט אויסצוגעבען דעם שרעקליכען סוד. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטען נישט אַ קוק צו טהון נאָכאַמאָל אין שיינבורגס זייט. שיינבורג האָט איצט גערעדט מיט׳ן יודען דערנעבען. ער האָט גערעדט הויך, עטוואָס בייז און מיט העפטיגע בעוועגונגען. פון די איינ־ציגע ווערטער וועלכע אייזערמאַן האָט געהערט האָט ער פער־שטאַנען, אַז ער קלאָגט זיך עפּעס אויפ׳ן גבאי...

„—ווען זיי זאָלען וויסען"... האָט ער אַ טראַכט געטהון און ס׳האַרץ האָט איהם אַ ווילדע אויפגעהערט צו קלאַפּען.

און פּלוצלינג, אָהן זיין ווילען, אָהן זיין בעוואוסטזיין, האָט אין איהם, ווי עפּעס היצענדעס, שרעקליכעס אויפגעבליצט אַ געדאַנק:

„און וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל איצט זיך געבען אַ שטעל אַוועק אין מיטען שוהל און הויך אויסרופען: „הערט

יודען! אָט דער יונגערמאַן איז נישט קיין פרומער יוד, ווי ער מאַכט זיך, נאָר אַ שרעקליכֿער אפיקורס, וועלכֿער לייקענט אין גאָט און אין דער תורה. ער בעשרייבט אַייך אַלע אין די אַפּיקורסישע גאַזעטען!" וואָס וואָלט געווען?!

אייזערמאַן האָט אַזש אַ צאַפּעל געטהון ביי דעם דאָזיגען געדאַנק און האָט אינסטינקטיוו צוגעלעגט די האַנד צום מויל.

עס האָט איהם ווער אַ צופּ געטהון ביים אַרבעל. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אולער'ן אַרויסגעהן פון שוהל און ער איז איהם נאָכֿגעגאַנגען.

—נו, מיט הלל'ן האָב איך זיך שוין דורכֿגעשמועסט.—האָט איהם אולער דערצעהלט,—ער וועט אויך קומען אין „עיר-מקלט" אַריין.

ווען די חברים זענען דורכֿגעגאַנגען דעם מאַרק, איז פון איין קרעמעל אַרויסגעלאָפען אַ יונגערמאַן און טייטלענדיג אויף אולער'ן האָט ער גענומען מאַכֿען קולות:

—אָט איז ער דער משומד, דער באַנדיט, אין דער ערד זאָל ער ליגען!

—שאַ! וואָס ווילט איהר פון מיר?—האָט אולער אויסגעשריען אָבשפּרינגענדיג דערשראָקען צוריק.

—איך וויל זאָלסט ברעכֿען האַלז און נאַקען, הונד איינער!

און ווענדענדיג זיך צו די אַרומיגע קרעמער, וועלכֿע זענען אַרויסגעקומען אויף זיינע געשרייען האָט ער ווייטער אין צאָרן געשריען:

—איהר זעהט אָט דעם לויזיגען שלעפּער? נאָך וועניג וואָס ער פרעסט חזיר, רויכֿערט אום שבת און הוליעט אַרום מיט אַלע שיקסעס אויף דער סלאָבאָדקע—איז ער נאָך אַ מסור אויך! מ'דאַרף איהם דערהרג'ענען ווי אַ משוגע'נעם הונד!

באַלד ביי די ערשטע קולות פון קרעמער האָט אולער האַסטיג זיך אַראָבגעבויגען און געכֿאַפּט אַ שטיין, ער איז זיכֿער געווען, אַז דער אָנפאַלער איז אַ רעליגיעזער פאַנאַטיק און ער האָט איהם געוואָלט אָנשרעקען מיט'ן שטיין. נאָר הערענדיג

וועגען אַ מסירה איז ער צעמישט געוואָרען, האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנד און געקוקט איבערראַשט.

—אַ מסירה!... וואָס פאַר אַ מסירה?... האָט ער ערשטוינט געשטאַמעלט.—ביזט משוגע געוואָרען...

—דו וועסט אינגיכען משוגע ווערען, פּושע-ישראל!—האָט דער קרעמער געשריען.

—איך וועל דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטען!—האָט אולער פּלוצלינג בייז ווערענדיג אויסגעשריען און געוואָרפען זיך צום קרעמער. זאָג, ווען האָב איך גע'מסר'ט?!

דער דערשראָקענער קרעמער איז אַריינגעלאָפען אין קלייט אַריין, אָבער ער איז באַלד צוריק אַרויס.

—דו שרעק מיך נישט מיט קיין שטיין! איך האָב פאַר דיין שטיין קיין מורא נישט, שלעפּער דו!

—זאָג, ווען האָב איך געמסר'ט, איז אולער צו איהם צוגעשטאַנען.

—כ'וועל נישט בלויז זאָגען, נאָר כ'וועל שרייען! כ'וועל שרייען די גאַנצע שטאָדט זאָל הערען, מסור! דו האָסט מיין מוהמע פייגע מיכאל'ס זוהן גע'מסר'ט!...

—וואו?... ווען?...—איז אולער ווידער צעטומעלט געוואָרען.

—נעכטען, משומד! נעכטען ביינאַכט, הולטיי! דריי מאָל נאָכאַנאַנד ביזטו אַריינגעקומען צו דער מוהמען קויפען דאָ ברויט, דאָ שוועבעלעך, דאָ אַ הערינג! דו האָסט געוואוסט, משומד, אַז די מוהמעס זוהן בעהאַלט זיך אויס פון סאָלדאַטען און דו האָסט איהם נאָכשפּיאָנירט. שדים זאָלען דיין טריפה'נע נשמה צוכאַפּען.

—אָ וואַ! אָ וואַ!-ער איז ווערט מ'זאָל איהם אויף שטי-קער צעררייסען!—האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט צאָרנדיגע שטימען.

—איהר פערשטעהט אַ מעשה?—האָט זיך דער קרעמער גע-ווענדט צום עולם.—אין מיטען דער נאַכט האָט אָט דער פּושע-ישראל אָנגעקלאַפּט מכלומרשט נאָך שוועבעלעך, און אַזוי ווי ער איז אַרויס, איז פּאָליציי אַריינגעקומען און צוגענומען דעם

בחור!... דער גנב האָט דער׳הרג׳עט, געשאָכטען די אומגליק-ליכע אלמנה!...

—טפוי!!

אול... האָט דעם קרעמער אַ שפּײַ געטהון אין פּנים אַריין. דאָס האָט אַזוי אַלעמען איבערגעשראָקען, אַז די מאַסע איז אָבגעטראָטען און געמאַכט איהם אַ וועג. נאָר ווען ער איז שוין געהאַט אָבגעגאַנגען אַ שטיקעל וועג, האָבען זיי איהם גענומען נאָכשיקען קללות.

אולער איז פון אויפרעגונג געגאַנגען זעהר האַסטיג און אייזערמאַן האָט איהם קוים געקאָנט נאָכיאָגען.

ערשט ווען זיי האָבען פערקירעוועט אין אַ צווייטער גאַס האָט אולער אויפגערעגט געזאָגט:

—ווי געפעלט דיר די געשיכטע? פערשטעהסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? די קרעמערין פייגע מיכאל׳ס וואוינט נישט וויית פון מירקינען. די פייגע האָט אַ טאָכטער, אַ יונג מיידעל, וועלכע לערנט זיך, לעזט, נאַטירליך אָהן דער מוטערס וויסען. צוליב דעם טאַקי קומען מיר אָפט צו איהר אין קלייט אַריין, מכלומרשט עפּעס קויפען און אַזוינאָך זעהען מיר זיך מיט דעם מיידעל. נעכטען האָב איך פאַר איהר געטוישט אַ בוך אין ביבליאָטעק, און אַזוי ווי בייטאָג האָב איך קיין צייט נישט גע-האַט איהר עס אַריינצוגעבען, האָב איך ביינאַכט אָנגעקלאַפּט, מכלומרשט נאָך שוועבעלעך... און דערפון דרינגט דער דאָזיגער שוטה, אַז איך האָב געמסר׳ט! אַזאַ נבלה!

—איהר וועט שוין אָבער איצט נישט קאָנען פערבייגעהן דעם מאַרק—האָט אייזערמאַן געזאָגט.

—פאַרוואָס? אָט האָסטו דיר גאָר! איך וועל בכיון היינט נאָך פאַרבייגעהן פאַרביי דעם דאָזיגען קרעמער. זאָל ער פרו-בען נאָכאַמאָל מיך אָנרופען מסור! כ׳וועל איהם די ביינער צע-ברעכען!

נאָך אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבען:

—ווי אַזוי זשע דען קאָן איך אויפווייזען, אַז איך בין נישט קיין מסור?

## יא

די קוואַרטיר, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „עיר-מקלט" האָט זיך געפונען אין סאַמע עק שטאָדט אין אַנ'אַלט האַלב חרוב הויז, וועלכעס איז לאַנגע צייטען געשטאַנען פוסט. קיינער אין דער אומגעגענד האָט נישט געוואוסט, ווען דאָס הויז געהערט און נאָך וועניגער האָט ווער געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ רעכט עלקע די ראָסייערין האָט זיך שוין פון אַ גע-וויסע צייט אָן דאָרט בעזעצט. זי האָט געהאַט אַ שרעקליכען שם אין יענער געגענד. לויט דער בעשעפטיגונג איז עלקע מיט איהר מאַן, וועלכען די שכנים האָבען זעלטען געזעהן, געוועזן שמאַטע-הענדלער. נאָר אַלע האָבען געשמועסט, אַז עלקעס מאַן פערנעהמט זיך מיט „פינסטערע זאַכען", מיט גנבה צי אפשר גאָר מיט אָנפאַלען...

דאָס הויז איז בעשטאַנען פון פיער צימערן, צוויי האָט פערנומען די „ווירטין" איינס איז געוועזן פוסט, ווייל דער סו-פיט איז געוועזן חרוב און איין באַלקען האָט זיך אַראָבגעלאָזט ביז דער פאָדלאָגע. דעם פערטען צימער, דעם גרעסטען האָט ביי עלקען אָבגעדינגען פאַר אַ רובל אַ חודש איינער אַ געוועזענער ישיבה-בחור, ציפּאָרין, וועלכער האָט באַלד פון ערשטען טאָג אָן געלאָזט פריי זיין קוואַרטיר פאַר יעדען משכיל, וועל-כער האָט נישט געהאַט קיין דאַך איבער'ן קאָפּ. דאָס צימער איז באַלד געוואָרען אַ מין קהל'שע קוואַרטיר פאַר אַנ'אומבעגרענצטע צאָהל שטענדיג זיך בייטענדע איינוואוינער און צוליב דעם האָט עס בעקומען דעם נאָמען „עיר-מקלט".

צוליב דער געגענד און צוליב נאָך אַנדערע אייגענשאַפ-טען איהרע איז די דירה געוועזן זעהר בעקוועם פאַר די משכילים. צוליב דער וויטקייט פון יודישען קוואַרטאַל, ווי אויך צוליב דעם שלעכטען שם אי פון הויז, וועלכעס האָט שטענדיג גע'שמ'ט אַלס „פוסטקע", אי פון די פערדעכטיגע

בעלי-בתּים האָט קיין נישט געוואונשען אויב זיי נישט בעמערקט דאָרט און די שכנים האָבען זיך געהאַלטען פון דער וויטענס פון דעם הויז. ווי אָנגעמאָסטען פאַר די משכּילים זענען אויך געווען די „בעלי-בתּים“, וועלכע האָבען זיי בוכשטעבליך אין גאָרנישט געשטערט. האָבען זיך נישט אינטערעסירט, וויפיל און ווער עס פערנעהמט דעם צימער און האָבען אויך נישט שטאַרק געמאָהנט דאָס דירה-געלד. דעם בעל-הבית, אַ בייזען און שווייגענדיגען, האָבען די בחורים זעלטען געזעהן. וועגען זיין אָנוועזענהייט האָבען זיי זיך נאָר משער געווען פון דעם שטילען שמועס וועלכען זיי פלעגען טיילמאָל אין מיטען דער נאַכט דערהערען פון צווייטען צימער. עלקע אַ פּאָלקאָם רוסיפיצירטע יודענע, אַ געזונדטע, אַ פרעהליכע און אַ ברוטאַלע ביז ציניזם, האָט אָפען אַרויסגעוויזען איהר פעראַכטונג צו די „כאַלאַמידרעניקעס“, ווי זי האָט אָנגערופען די פרומע יודען. האָט אַליין נישט אָבגעהיטען קיין שום רעליגיעזע מצוות און האָט זיך ליבליך בעצויגען צו איהרע נישט פרומע קוואַרטיראַנטען, רופענדיג זיי: „מיינע משומדימ׳לעך“.

אין ציפּאָרינס צימער איז געווען איין פענסטער, וועלכעס איז אַרויס אויף אַ לעדיגען פּלאַץ מיט מיסט און אָנגעוואָרפענע ציגעל. צוויי שויבען אין פענסטער זענען געווען אויסגעהאַקט און פערקלעבט מיט פּאַפּיר. די ווענד זענען געווען אויסערגעוועהנליך שמוציג און אָבגעריסען, אַ האַלב חרוב׳ער קאַכעל-אויווען. אַרום ביי די ווענד זענען אויף געשטעלען געלעגען ברעטער אַלס געלעגערס צום שלאָפען. אַ פירעקיג ברעט אויף עטוואָס העכערע געשטעלען האָט געדינט אַלס טיש. צום זיצען איז אויסער איין טאַבורעטקע געווען נאָך צוויי קליינע פעסלעך. אויף דער וואַנד איז מיט שטריקלעך געווען צוגעבונדען אַ פּאָליצע מיט אַ צעהנדליג צעריסענע ביכלעך.

ווען אולער און אייזערמאַן זענען אַריינגעקומען האָבען זיך אין צימער געפונען פינף פערזאָן. אָן אַ זייט ביים טיש איז געזעסען ציפּאָרין, אַ בחור מיט אַ נידריגען שטערען, שוואַרצע האַרטע האָר און זעהר גראָבע רוהיגע, געזיכטס-שטריכען.

ער האָט געהאַלטען אין איינבונדען אַ ביכעל, האָבענדיג אַני־אימפּראָוויזירטען איינבינדונגס־ווערקשטאַט אויפ'ן טיש. נעבען איהם איז געלעגען געעפענט פּאָולסאָנס „לעזע־בוך". ווייטער צו, ביים פענסטער, הארט נעבען איינאַנדער זענען געזעסען צוויי בחורים'לעך פון אַ יאָהר פופצעהן און זיבעצעהן—ביידע דאַרינקע, בלאַסע און אָנגעשראָקענע. לוים די פאות און די שטאַרק אָבגעטראָגענע קאַפּאָטעס האָט מען לייכט געקאָנט דער־קענען אין זיי ישיבה־בחורים, וועלכע לערנען נאָך אין ישיבה. זיי זענען געזעסען שטאַרק אָנגעבויגען איבער'ן טיש און אויף אַ ליניירטען בויגען פּאַפּיר געשריבען וואָס ציפּאָרין האָט זיי דיקטירט. ציפּאָרין האָט פון צייט צו צייט אַריינגעקוקט אין פּאָולסאָנס ביכעל האָט דייטליך און לאַנגזאַם אַרויסגעלעזען אַ פראַזע און צוריק זיך גענומען צו דער אַרבייט, איבערחזר'ענדיג כסדר דיזעלבע פראַזע פון אויסענווענינ, ביז די תלמידים האָבען לאַקאָניש אַ זאָג געטהון: „גוי" דאַן האָט ער ווידער אַ קוק גע־טהון אין ביכעל און אַרויסגעלעזען די צווייטע פראַזע.

אויף איין געלעגער נעבען פענסטער איז אין אַנ'אומגע־שטערטע פּאָזע געלעגען אויפ'ן רוקען אַ יונגערמאַן מיט אַ קוים שפּראָצענדיג העל בערדעל און דינע נערוועזע געזיכטס־שטריכען. ער האָט געלעזען, האַלטענדיג פאַר זיך אַ דיק בוך.

אַ הויכער, דאַרער, איינגעהויקערטער בחור, מיט אַ שרעק־ליך אויסגעמוטשעטע געזיכט, מיט אַ ליידענדען אויסדרוק אין די אויגען, צוהאַלטענדיג זיך מיט דער רעכטער האַנד אַ באַק איז האַסטיג און נערוועז געלאָפען איבער'ן צימער און האָט גע־שווינד, קוים כאַפּענדיג דער אָטעם, מיט אַ מין קרענקליכער פלייסיגקייט געזוברעוועט פון אויסענווענינ לאַטיינישע קאָניו־גאַציעס. אין פלוג האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער לויפט אַזוי איבער'ן צימער און קרעכצט און שעלט צוליב'ן ציין־וועהטאָג.

גלייך זיי זענען אַריינגעקומען האָט אולער אויסגע־שריען:

—גיט מיר אַב מזל־טוב! איך בין געוואָרען אַ מסור אין

אַ מזל'דיגער שעה! ווי געפעלט עס אײַך?

און ער האָט זיי דערצעהלט וועגן אָנפאַל, וועלכען ער האָט איצט געהאַט אין מאַרק.

זיין ערצעהלונג האָט נישט געמאַכט קיין גרויסען אײַנדרוק אויף דער קאָמפּאַניע. דערפאַר האָבען זיך אַלע פעראינטערעסירט מיט אייזערמאַנען.

—אַנטלאָפען פון די עלטערן, פון אַ שטעדטעל עפּעס אַ כף-הקלע... אונזערס אַ מענשעל... אַ משומד ווי גאָט האָט געבאָטען,—האָט איהם אולער קורץ רעקאָמענדירט.

אייזערמאַן האָט בעשטעטיגענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אַלעמען דערלאַנגט די האַנד.

—פּייעוויטש!—האָט זיך דער וועלכער איז געלעגען אויף דער נאַרע פאָרגעשטעלט.

—קאָרענבלאַט! — האָט דער וואָס האָט געזוברעוועט די לאַטיינישע גראַמאַטיק אַרויסגעקרעכצט.—אוי! כ'וועל דוכט זיך פון זינען אַראָב פון וועהטאָג!—האָט ער פערצווייפעלט צוגעגעבען.

און כאַפּענדיג פון טיש אַ טעפּעל האָט ער אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און עס געהאַלטען אויפ'ן אָנגעוועהטאָגטען צאָהן, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ אויף אַ זייט. דער וועהטאָג האָט אָבער נישט אויפגעהערט און ער האָט האַסטיג אַ שפּיי אויסגעטהון דאָס וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע.

—וואָלסט אפשר פעררויכערט?—האָט איהם אולער פאָרגעשלאָגען.

—האָסט טאַבאַק? דערבאַרים זיך, גיב!

אולער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ביסעלע טאַבאַק וועלכעס איז געווען פּערוויקעלט אין אַ שטיקעל ביבולקע און איהם געגעבען.

קאָרנבלאט האָט פערדרעהט אַ פּאַפּיראָס, האָט פעררויכערט און געצויגען דעם רויך אויפ'ן קראַנקען צאָהן. אײַנהערענדיג זיך ווי דער וועהטאָג ווערט געשטילט.

—אַ מחיה!...—האָט ער מיד אָבגעזיפצט אין ערלייכטערונג.

—און דער צאָהן-וועהטאָג שטערט דיר נישט צו לערנען זיך?—האָט אולער געפרעגט.

—צי עס שטערט יאָ, צי עס שטערט נישט, כ'האָב קיין ברירה נישט: אין אַ חודש אַרום איז דער עקזאַמען.

—ריכסט זיך אויסצוהאַלטען?

—איך מוז אויסהאַלטען!—האָט קאָרנבלאַט ענטשלאָסען געענטפערט.—בערעכען!—האָט ער לעבהאַפט גערעדט אָננעהמענדיג אולער'ן פאַר אַ לאַץ: דאָ איז דאָך אַ פשוט'ער רעכנונג. כ'האָב גענוי אויסגערעכענט וויפיל צייט איך מוז האָבען אויף צוצוגרייטען זיך צום עקזאַמען. איך האָב אַרבייט אויף 368 שעה. ביז צום עקזאַמען האָבען מיר נאָך צוויי און דרייסיג טעג, נישט רעכענענדיג דעם היינטיגען אָווענד. די לעצטע זיבען טעג לאָז איך מיר איבער איבערצו'חזר'ן. בלייבט פינף און צוואַנציג טעג און דער היינטיגער אָווענד. קומט אויס צו פערצעהן און אַ האַלבע שעה אַ מעת-לעת. און איך אַרבייט צו זיבעצעהן שעה...

—דוכט זיך, אַז נישט זיבעצעהן, נאָר זיבען און צוואַנציג שעה אין מעת-לעת לויפסטו אַרום איבער'ן צימער ווי אַ פערסמ'טע מויז.—האָט פייעוויטש געלאַסען געזאָגט.

-דערפאַר וועט ער אָנטהון אַ מונדיר מיט ווייסע קנעפ!—האָט ציפאָרין איראָניש בעמערקט, איינפעדעמדיג אַ נאָדעל.

—איך האָב דאָך דיר שוין צוואַנציג מאָל געזאָגט, אַז נישט צוליב אַ מונדיר לערן איך זיך!—האָט קאָרנבלאַט צו איהם האַסטיג אַ זאָג געטהון און האָט זיך פערטיפט אין לעהרבוך.

—אויב ווייטער נישט צוליב אַ מונדיר, טאָ צו וואָס זובּרעוועסטו אָט דעם נאַרישען שימעל? צו וואָס פאַקסטו דיר דערמיט אָן דעם קאָפּ?

—פאַר דער צוקונפט, פאַר יענער וועלט!—האָט זיך ציפאָרין צעלאַכט.

—עס וואָלט טויזענד מאָל נוצליכער געווען פאַר דיר אַדורכצולעזען אָט דאָס בוך—האָט פייעוויטש ווייטער געזאָגט, ווייזענדיג אויף זיין בוך.

—וואָס לייע-סטו?—האָט אולער געפרעגט.

—באָקל! אָט וואָס!—האָט פייעוויטש שטאָלץ געענטפערט.

—אַ-אַ-אַ!...—האָט אולער מיט דרך-ארץ אויסגערופען און איז אפילו צוריקגעטרעטען עטוואָס.—און דו פערשטעהסט?

—מעהר ווי ער אין זיין לאַטיין, פערזיכער איך דיך!

—וואַרט צו, כ'וועל נאָר איבערקומען דעם עקזאַמען, וועסטו שוין זעהן, ווי כ'וועל זיך נעהמען צום לערנען!

—ס'וועט שוין זיין צו שפעט!—האָט פייעוויטש קאַטעגאָריש בעשלאָסען. ס'איז דאָך אַ בעוואוסטע זאַך, אַז פון זובריווען ווערט דער מענש פערטעמפט און אידיאָטיש און פערלירט אינגאַנצען די פעהיגקייט צו דענקען.

—און דו וועסט זיך קיינמאָל שוין נישט גרייטען צום עקזאַמען?—האָט אולער איהם געפרעגט.

—סיידען, אַז כ'וועל משוגע ווערען! פערשטעה נאַר! ווען איך וואָלט געהאַט דעם חשק אָנצושטאָפען דעם קאָפ זיך מיט שימעל, האָב איך דאָך נישט בעדאַרפען אַנטלויפען פון די עלטערן. האָב איך דאָך דאָס געקאָנט טהון אין דערהיים אויך. אַזוי קומט אויס: אַוועקגעוואָרפען דעם גמרא-שימעל און גענומען זיך צום לאַטיינישען שימעל...

—אַ קליינער אונטערשיד...—האָט קאָרנבלאַט זיך אַריינגעמישט, ווייטער זובּרעווענדיג פאַר זיך.

—קיין שום חילוק!—האָט פייעוויטש קאַטעגאָריש בעשלאָסען.

—קיין שום חילוק!—האָט אויך ציפּאָרין אויסגערופען.

—פיסאַרעוו זאָגט אויך דאָסזעלבע—האָט אולער אונטערגעהאַלטען.

## יב

פייעוויטש איז אַראָב פון דער נאַרע, האָט זיך אויסגעגלייכט די ביינער, האָט צעפּודעלט די האָר און ווענדענדיג זיך צו אייזערמאַנען, האָט ער מיט אַ גוטמוטיגער איראָניע געפרעגט:

—נו, און איהר גרייט זיך נאָך נישט צום גימנאַזיום?

—ניין, ניין!—האָט אייזערמאַן גיך, ווי דערשראָקען גע־ענטפערט. איך האָב זיך נאָך אפילו קיין גראַמאַטיק נישט גע־לערנט!

—אַזוי נויטיג דאַרפט איהר די גראַמאַטיק? איהר קאָנט זיך אָהן דעם נישט בעגעהן?—האָט איהם פייעוויטש איבערגע־ריסען.

—ווי דען?—האָט אייזערמאַן געפרעגט, אָנשטעלענדיג אויף איהם אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען.

—גאָר פשוט. וואָרים וואָס איז פאַר אַייך נויטיג: צו ווערען אַ דענקענדער מענש, אַנ'אמת'ער רעאַליסט? אָדער צו ויסען וואו עס שרייבט זיך אַ „יאַט"? אויב איהר ווילט ווערען אַ דענקענדער רעאַליסט, דאַרפט איהר קיין שום גראַמאַטיק נישט האָבען!.. ווען איך בין דאָ אַהער געקומען צו פאָהרען האָב איך קיין וואָרט רוסיש נישט געקענט. פערשטעהט זיך, אַז איך האָב גלייך בעקומען אַ לעהרער און זיך אָנגעהויבען לערנען: „קרילאָווס באַסניעס" פון אויסענווענינ, „אימיאַ סושטשעסטווי־טעלנאָיע", „אימיאַ פּרילאַגאַטעלנאָיע" און נאָך אַזעלכע טיפּע חכמות. האָב איך זיך אַזוי אָבגעלערנט אַ חודש צייט און זעה אַז עס איז נישט דאָס וואָס איך ווילו! האָב איך געוואָרפען דעם לעהרער, די באַסניעס און האָב זיך אַליין געזאָגט: איך מוז זיך אויסלערנען פערשטעהן די סאַמע שווערסטע, די סאַמע טיפסטע ביכער! און כ'האָב מיינס דערגרייכט!

—ווי אַזוי?—איז אייזערמאַן פעראינטערעסירט געוואָרען.

—אָט ווי אַזוי: איך האָב געבעטען אַ בעקאַנטען גימנאַ־זיסט, ער זאָל מיר שאַפען דאָס שווערסטע בוך, וואָס איז נאָר פערהאַן אין דער רוסישער שפּראַך. האָט ער מיר געבראַכט ביעלענסקיס ווערק אַ באַנד. איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט אַדורכצולעזען דאָס בוך ביז'ן לעצטען בלעטעל און לעזען אַזוי, אַז קיין איין וואָרט זאָל פאַר מיר נישט בלייבען אונפערשטענ־דליך. איך האָב זיך פערשאַפט אַ העברעאישען ווערטערבוך און גענומען לעזען. צוויי טעג בין איך געזעסען איבער דעם ערש־טען זייטעל. יעדעס וואָרט האָב איך בעדאַרפען זוכען אין ווער־

טערבוך. אָבער איך האָב זיך אַליין געזאָגט: שטאַרבען זאָל איך איבער דעם בוך און מיינס דערשלאָגען מוז איך זיך! כ'בין איבערגעקומען איין זייטעל און זיך גענומען צום צווייטען. און וואָס ווייטער אַלץ גרינגער איז מיר דאָס לעזען געגאַנגען. פינף חדשים האָב איך געלעזען דאָס בוך און האָב איהם אי-בערגעלייענט ביז צום סוף! דערנאָך האָב איך זיך גענומען פאַר'ן צווייטען באַנד. דערנאָך האָב איך געלעזען דרעפער'ן, דערנאָך פיסאַרעוו'ן און איצט לעז איך באָקל'ען! דאָס איז דאָס שווערסטע, דאָס טיפסטע בוך וואָס איז נאָר פערהאַן—און איך פערשטעה עס! אָט ווי אַזוי מען דאַרף זיך לערנען!—האָט ער פריילעך אויסגעלאָזט.

—און איך לעז אַנדערש!—האָט זיך אולער אָנגערופען.— איך לייד נישט קיין ווערטערביכער! איך לעז און איך שטעל זיך נישט אָב אפילו ווען איך פערשטעה נישט פיל ווערטער.... איך האָב אפילו ליב אַזאַ לעזען וואו עס איז דאָ פיל אונפער-שטענדליכע ווערטער. דעמאָלט אַרבייט דער קאָפּ מעהר: מאַכסט השערות, סברות, בויסט קאָמבינאַציעס. אַזאַ לעזען דערמאָהנט אָן אַ שווער שטיקעל גמרא. הערסטו! פיסאַרעוו געפעלט מיר אַמבעסטען, דערפאַר וואָס ער איז זעהר שווער און פיל ער-טער אין זיינע אַרטיקלען דאַרפען האָבען פירושים און שאַרפע פילפולים. אין אַרטיקעל „רעאַליסטען" איז דאָ פיל רמזים וועל-כע נישט אַלע קאָנען פערשטעהען... מיר איז אפילו איינגעפאַ-לען אַ געדאַנק, אָנצושרייבען אַ פירוש איבער דעם אַרטיקעל...

—אויסער דעם האָב איך נאָך אַזוי געטהון—האָט איהם פייעוויטש איבערגעשלאָגען, נישט הערענדיג וואָס ער רעדט.— איך האָב געטהון אַ נדר נישט צו נעהמען אַ גאַנץ יאָהר קיין העברעאיש ביכעל אין האַנד! אַנדערש איז אונמעגליך אויסצו-לערנען זיך רוסיש!

—דאָס וואָלט איך שוין נישט געקאָנט!—האָט אולער אויס-געשריען.—אַז איך לעז אַ לאַנגע צייט רוסיש, מוז איך זיך דערנאָך אָפּפרישען מיט עפּעס העברעאישעס. מיט דריי טעג צוריק בין איך אַכט שעה נאָכאַנאַנד געזעסען און געלייענט

מיכאילאָוון און אין אָווענד בין איך אַוועקגעלאָפען אין קלויז אַריין און געכאַפּט אַ „לקוטי-תורה”. עהרען-וואָרט!... אַך! האָב איך דאָרט געפונען אַ „שטיקעל”! פערשטעהסטו מיך, אַזאַ אָרט פון וועלכען מ׳קאָן אַרויסדרינגען אַז אפילו אום תשעה-באב און יום-כפור איז אויך נישט קיין חוב צו פאַסטען! דאָס וועט מיר זעהר צונוץ קומען!...

קאָרנבלאַט וועלכער האָט די גאַנצע צייט אַרומגעשפּרייזט איבער׳ן צימער איז פלוצלינג צוגעקומען צו פּייעוויטש׳ן:

—נו, זאָל זיין! זאָל זיין אַז דו ביזט גערעכט. איך שפּאַר זיך דאָך נישט, אַז לעזען איז נוצליכער ווי לאַטיין. אָבער כ׳מוז דאָך האָבען אַ מאַטעריעלע עקזיסטענץ. כ׳מוז דאָך זעהן צושלאָגען זיך צו אַ ציל. כ׳וועל אַריינטרעטען אין גימנאַזיע און וועל בעקומען אוראָקען...

—אוראָקען! אַריסטאָקראַט!—האָט ציפּאָרין אויפגערעגט אויסגעשריען.—נאָך וואָס אוראָקען, אַז דו קאָנסט זיך אויסלערנען אַ מלאכה און דערפון לעבען! אָט בין איך געוואָרען אַנ׳איינבינדער!—האָט ער מיט שטאָלץ געענדיגט.

—אמת!—האָט איהם פּייעוויטש אויטאָריטעטיש אונטערגעהאַלטען.—פיזישע אַרבייט ענטוויקעלט די מוסקולען און פערטעמפּט נישט די גייסטיגע פעהיגקייטען. אַזוי ווי כ׳וועל נאָר ענדיגען דאָס בוך, וועלכעס כ׳מוז דורכלעזען—ווער איך אַ שלאָסער. בעשטימט! קענסט נעקראַסאָווס געדיכט?

און ער האָט הויך און דייטליך בעטאָנענדיג די ווערטער, גענומען דעקלאַמירען:

וועלכער נאַר ס׳וויל לעבען פריי—
פאַר דעם אַ פּלאַן אַ וואוילער:
אויף שווערע אַרבייט טהו אַ שפּיי
און אייביג בלייב אַ פוילער.

—אולער!—האָט ער פלוצלינג איבערגעריסען זיין דעקלאַמאַציע—האָסטו נישט אַמאָל פופצעהן קאָפּיקעס?

—פון וואַנען? אַ פריץ האָט פערלוירען?—האָט אולער זיך בעוואונדערט.

—אַ שאָד! ס׳ווילט זיך שרעקליך עסען און פאַר פופצעה קאָפּ. וואָלטען מיר געקאָנט מאַכען אַ באַל פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע. מ׳וואָלט געקאָנט קויפען: דריי פונט ברויט, פאַר דריי קאָפּ. צוקער, פאַר צוויי קאָפּ. טעה, פאַר צוויי קאָפּ. פּאַפּי-ראָסען און פאַר צוויי קאָפּ. אַ הערינג! ס׳וואָלט געווען אַ מחיה!—האָט ער בעלעקענדיג זיך געענדיגט.

—איך האָב געלד!—האָט אייזערמאַן שנעל אַרויסגעזאָגט.

אַלע האָבען געשוויגען און זיך אונבעקוועם איבערגעקוקט. אויך אייזערמאַן האָט זיך אונבעקוועם געפיהלט און קוקענדיג אונבעהאָלפען אויף אולער׳ן האָט ער אונגעמשלאָסען אַרויסגע-שטאַמעלט:

—אייגענע מענשען... כ׳בעט אייך...

—הערט!—האָט ציפּאָרין טרוקען געזאָגט אויפשטעלענדיג זיך פון אָרט.—מאָרגען פּערענדיג איך די אַרבייט, פיער ביכער. כ׳וועל זיי אָבטראָגען און בעקומען אַכציג קאָפּ. אַלוֹאָ באָרגט זשע מיר ביז מאָרגען עפּעס געלד. אולער וועט אייך ערוב זיין פאַר מיר...

—עט, צו וואָס ערבות...—האָט אייזערמאַן זיך געבעטען.

—ניין! איך וויל אַז אולער זאָל ערוב זיין, אַנדערש וועל איך נישט נעהמען,—האָט זיך ציפּאָרין איינגעשטאַרט.

—כ׳בין ערוב,—האָט אולער ערנסט זיך אָבגערופען.

—גיט זשע מיר נישט פופצעהן, נאָר דרייסיג קאָפּ אויב איהר האָט-האָט ציפּאָרין טרוקען געזאָגט נישט קוקענדיג אויף אייזערמאַנ׳ען.

—נעהמט מעהר, כ׳בעט אייך!—איך האָב גאַנצע זעקס רובל מיט אַכט און פופציג קאָפּ.

—קיין גראָשען נישט מעהר!

בעקומענדיג די דרייסיג קאָפּ האָט ציפּאָרין אויסגעשריען:

—מיר זענען דאָ זיבען פערזאָן. גוט! איהר וועט זעהן וואָס איך וועל ברענגען! אַז הוליען, זאָל עס זיין געהוליעט! פּייעוויטש! שטעל דעם סאַמאָוואַר!

און ער איז געשווינד אַרויס.

—ער וועט חזיר-פלייש ברענגען!—האָט פּייעוויטש רייבענ-דיג זיך די הענד פון צופרידענהייט אויסגערופען און ער איז אַריין צו דער בעל-הבית'טע נאָכ'ן סאַמאָוואַר.

## יג

אַרויסגעהענדיג פון צימער האָט פּייעוויטש זיך אָנגעשלאָגען אָן נישט קיין הויכען, דאַרינקען בחור אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. דער בחור איז געגאַנגען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, שטיל און בעשיידען.

—אַ-אַ, הלל!—האָט איהם פּייעוויטש בעגריסט.

—מירקין איז דאָ?—האָט הלל שטיל געפרעגט נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און נישט אומקוקענדיג זיך אפילו פאַרבייגעהענדיג אויף פּייעוויטש'ן.

—ניין. ער וועט אודאי באַלד אָנקומען...

הלל איז אַריין אין צימער מיט דערזעלבער שטילקייט. נישט בעגריסענדיג זיך מיט קיינעם און נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ איז ער צו צום טיש און גענומען דורכקוקען די ביכער, וועלכע ציפּאָרין האָט געהאַלטען אין אייננבינדען.

—נו, וואָס הערט זיך, הלל?—האָט אולער זיך צו איהם געווענדט.

—גאָרנישט...—האָט הלל שטיל געענטפערט.—איהר האָט געשריבען דיקטאַנד?—האָט ער געפרעגט די ישיבה-בחורים, וועלכע האָבען זיך שוין געקליבען צונויפצונעהמען זייערע שרייב-מאַטעריאַלען.—איהר האָט עפּעס פיל גרייזען?

—דער לעהרער האָט נאָך נישט דורכגעזעהן.

—וואָס הערט זיך ביי דער בעריאַשעוואַ?—האָט אולער נאָכאַמאָל געפרעגט.

—גאָרנישט...—האָט הלל נישט גערן געענטפערט און שטרענג אַ קוק טהוענדיג אויף אולער'ן, האָט ער איהם געגעבען

צו פערשטעהן, אַז ער וויל נישט ריידען אין דער אָנוועזענהייט פון די ישיבה-בחורים.

ציפּאָרין איז דערווייל אַריינגעקומען מיט דעם אַיינגע-קויפטען שפּייז.

—ס'וועט שוין זיין איינמאָל אַ באַל!—האָט ער אויפגע-רעגט אויסגעשריען.—זעהט, וואָס איך האָב געבראַכט! אַ גאַנצען לאַבען ברויט פון פינף פונט, קאָלבאַס און עטליכע זיסע קיכ-לעך! אַז צולעבען—זאָל עס הייסען צוגעלעבט!

—יודען! פרעסען חזיר!—האָט אולער אויסגעשריען מיט געמאַכטער אויפרעגונג.—זעהסט ווי אַזוי מ'לעבט צו?—האָט ער זיך פייערליך געווענדט צו אייזערמאַנען.—דו האָסט שוין גע-פּרובט עסען קאָלבאַס?

—נאָך נישט! איך וועל איצט ס'ערשטע מאָל פּרובען—האָט אייזערמאַן נישט גאַנץ רוהיג געענטפערט!

ווען דער סאַמאָוואַר איז געווען פאַרטיג און אַלע האָבען זיך געזעצט צום טיש, האָט אולער צעשניטען דעם קאָלבאַס אויף דינע שטיקעלעך און האָט פייערליך דערלאַנגט אייזערמאַ-נען אַ שטיקעל.

אייזערמאַן האָט צוגענומען דאָס שטיקעל קאָלבאַס צום מויל און נישט קוקענדיג אויף זיין געמאַכטער דרייסטקייט, האָט עס איהם געקאָסט אַ געוואַלדיגע אָנשטרענגונג איבער זיך. ער איז געווען זיכער, אַז קאָלבאַס האָט אַ געוואַלדיג מיאוס'ען טעם, אַז עס וועט איהם נעהמען איבלען און ער וועט נישט קאָנען אַראָבשלינגען דעם ביסען. אָבער אויפעסענדיג עס, האָט ער איבערראַשט אויסגעשריען:

—ס'האָט דאָך אַ טעם פון גאַנץ געוועהנליך פליישׁ! פונקט ווי קאַלט קעלבערינס...

—וואָס דען האָסטו געמיינט?—האָט זיך אולער צעלאַכט.—דער טעם איז דערזעלבער, נאָר מיט דעם קליינעם אונטערשיד, וואָס פאַר קאָלבאַס וועט מען שמייסען אויף יענער וועלט! נו, און דו, הלל?

—איך האָב נאָר וואָס געגעסען וועטשערע,—האָט הלל קו-קענדיג אין אַ ביכעל אַריין געענטפערט.

די ישיבה-בחורים, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט געפיהלט נישט היימיש, זענען איצט געזעסען אָן אַ זייט, נאָך אַלץ צונויפגערוקט איינער צום אַנדערן און האָבען בעשיידען און ווי אָנגעשראָקען געגעסען ברויט מיט טהיי.

ציפּאָרין האָט זיי דערלאַנגט צוויי שטיקלעך קאָלבאַס אָבער זיי האָבען אפילו נישט געפּרובט נעהמען עס.

—איהר האָט מורא?—האָט ציפּאָרין געפרעגט.

—וואָס איז דאָ פעראַהן מורא צו האָבען! דאָס איז דאָך נישט קיין בער, ס'וועט נישט בייסען.—האָט דער עלטערער שטיל און צוריקגעהאַלטען געענטפערט, אַ קוק טהוענדיג אויף זיין חבר. דער לעצטער האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט קייען און האָט עפּעס ווי אָבגעהוסט.

—אַז איהר האָט נישט קיין מורא, פאַרוואָס זשע נעהמט איהר נישט קיין קאָלבאַס?—איז ציפּאָרין צוגעשטאַנען.

—וואָס וועלען מיר דען היזק האָבען, אַז מיר וועלען עס נישט עסען?

—שוין זשע האָסטו טאַקי מורא אַז מען זאָל דיך אויף יענער וועלט נישט שמייסען דערפאַר?—האָט זיך אולער אַריינ-געמישט.—זאָג דעם אמת!

דער עלטערער ישיבה-בחור האָט אַ קוק געטהון אויף או-לער'ן און קוים אַ שמייכעל טהוענדיג, האָט ער געלאַסען גע-זאָגט:

—אָבער אויב כ'וועל נישט עסען, וועט מען דאָך מיך געוויס נישט שמייסען...

—דאָס הייסט אַ כיטרע בריאה!—האָט זיך אולער צעלאַכט.—ווילסט, וועל איך דיר באַלד אויפווייזען פון סאַמע „יורה-דעה", אַז אַ חזיר'ל יונגער פון דריי יאָהר מעג מען עסען אפילו אום יום-כפור. ווילסט? בנאמנות, כ'וועל עס דיר בעווייזען!

—אַזעלכעס אויפווייזען איז קיין קונץ נישט,—האָט דער עלטערער ישיבה-בחור געענטפערט.—איך וועל אייך פיל לייכטער

און פשוט׳ער אויפוויזען, אַז אַ חזיר׳ל טאָר מען אפילו אין אַ געוועהנליכען טאָג אויך נישט עסען, נישט נאָר, נישט אום יום-כפור... נישט אויפווייזען איז דער עיקר... איך פערשטעה אפשר אַליין אויך, אַז מ׳וועט מיך נישט שמייסען דערפאַר, נאָר... איך קאָן עס מיר נאָך נישט ערלויבען... איהר פערשטעהט: דער קאָפּ ערלויבט, נאָר ס׳האַרץ ערלויבט נישט...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און נאָך איהם אויך דער צווייטער. ציפאָרין האָט איבערגעקוקט זייער דיקטאַנד, האָט זיי פערגעבען לעקציעס און זיי זענען שנעל אַרויס.

## יד

אין צימער איז אַריינגעקומען מירקין, טראָגענדיג אַ קליין פעקעל ביכער.

—אַרבייט פאַר דיינעטוועגען פון זעליגאָוויטש׳ן,—האָט ער געזאָגט, איבערגעבענדיג ציפאָרינען די ביכער.—נאָר זיי האָבען געבעטען בעסער אַיינבינדען. אין די פאָריגע ביכער, זאָגען זיי, פאַלען די בלעטלעך אַרויס און טייל זענען פערוועגדט, און דער רוקען...

—כאַפּט זיי דער טייוועל, די אַריסטאָקראַטען! וועסט זיי נישט צופרידען שטעלען!—האָט איהם ציפאָרין מיט כעס איבער-געריסען.

אַ קוק געבענדיג אויפ׳ן געדעקטען טיש מיט עסענוואַרג, האָט מירקין אויסגעשריען:

—איהר מאַכט דאָך, זעה איך, אַנ׳אמת׳ע סעודה!... אפילו קאָלבאַס אויך! עך, משומדים, משומדים!—האָט ער מיט געמאַכ-טער אויפרעגונג אויסגעשריען.—וואָס מיינט איהר מיט זיך! איהר פרעסט קאָלבאַס און צוליב אייך קומען אַלע פּרעניות און צרות אויף יודען!...

און ווערענדיג אָבער באַלד ערנסט, האָט ער זיך גע-ווענדט צו אייזערמאַנען:

—קאַפּלונער וועט אייך געבען אַנ׳אוראָק רוסיש און מאַ-טעמאַטיק. דריי מאָל אין דער וואָך, פון זיבען ביז אַכט אין אָוונד.

—וואָס רעדט איהר!—האָט אײזערמאַן דערפרעהט אויסגע-שריען.—ווען וועלען מיר אָנהויבען?

—אפילו היינט... איבעריגענס, איהר וועט זיך גלייכער היינט אויסרוהען און מאָרגען וועל איך אייך צו איהם אַהינ-פיהרען.

—אַ נויטיגע זאַך, אוראָקען!...—האָט ציפּאָרין פּראָטעסטי-רענד געמורמעלט און אַ קוק געטהון אויף פּייעוויטש׳ן, ווי ער האָלט איהם גערופען צו הילף. אָבער פּייעוויטש איז נישט גע-ווען אויפגעלעגט אומצוקעהרען זיך צו דער פריהערדיגער דיס-קוסיע און ער האָט געשוויגען.

הלל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אָן אַ זייט, פּערטיפט אין אַ בוך, האָט זיך איצט נישט געאיילט אויפגעהוי-בען און מיט אַנ׳אָראָבגעלאָזטען קאָפּ, שטיל און אומבעמערקבאַר איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר. פאַרבייגעהענדיג פאַרביי מירקינען, האָט ער איהם איינגערוימט:

—איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען...

ער איז אַרויס און נאָך איהם מירקין.

—וואָס הערט זיך?—האָט מירקין שנעל געפּרעגט, ווען זיי האָבען זיך אַליין געפונען אינ׳ם צימער מיט׳ן איינגעלעגטען באַלקען.

הלל האָט אָהן ווערטער דערלאַנגט מירקינען אַ צונויפגע-לעגט פּאַפּירעל.

דאָס בריוועל האָט ענטהאַלטען עטליכע שורות געשריבען מיט אַ נערוועזער ציטריגער און שנעלער פרויען-האַנדשריפט:

„אויף אייך איז מיין איינציגע האָפנונג! דערבאַרימט זיך און העלפט מיר!... צו מיינעליידען איז קיין גרעניץ נישט דאָ. כ׳האָב שוין קיין כח נישט ווייטער צו קעמפען. איך ווייס שוין גאָרנישט וואָס מיט מיר טהוט זיך... בעראַט אייך מיט די חברים און בעקלערט ווי מיך צו ראַטעווען. איך בין

אויף אַלעם, אויף אַלעם גרייט! כ'בעט אייך, לאָזט מיך נישט אַזוי איבער, העלפט!... מעהר שרייבען קאָן איך נישט... הלל וועט אייך שוין אַלעס דערצעהלען...

אייער פריינד, די אומגליקליכע סאָניע".

מירקין האָט איבערגעלייענט דאָס בריוועל און אויפגע-רעגט געפרעגט:

—וואָס? דער פאָטער האָט זי ווידער געשלאָגען?...

—ניין, ער האָט זי נישט געשלאָגען, נאָר ער נויט זי חתונה צו האָבען,—האָט הלל פלעגמאַטיש רוהיג געענטפערט.

—וואָס רעדט איהר!!

—די תנאים זענען בעשטימט אויף איבערמאָרגען...

—ניין!!—האָט מירקין האַרט און ענטשלאָסען אויסגערופען און אין זיינע אויגען האָבען אויפגעבליצט בייזע פייערלעך און אַ פאַנאַטישע ענטשלאָסענקייט.—דאָס וועט נישט זיין!! די וועלט זאָל אונטערגעהן—און דאָס וועט נישט זיין!! פאַר יעדען פרייז מוז זי געראַטעוועט ווערען!... וואָס שטעהען מיר דאָ!—האָט ער זיך פלוצלינג געכאַפּט.—לאָמיר אַריינגעהן אין צימער! מיר וועלען זיך געמיינזאַם בעראַטען וואָס צו טהון...

—וואַרט,—האָט איהם הלל אָבגעשטעלט.—דאָרט איז אַ פרעמדער מענש...

—ווער?—האָט זיך מירקין געוואונדערט.—אַ-אַ, אָט דער בייער?... ניין, ס'מאַכט נישט. ער איז אַן'אייגענער!—האָט ער בערוהיגענד צוגעגעבען.

—און מיר... געפעלט ער נישט,—האָט הלל אונצופרידען און ברוגז'לעך געענטפערט.

—פאַרוואָס?

הלל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און ערנסט אַ קוק געטהון מירקינ'ען גלייך אין פנים מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען. מיט'ן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט'ן אָפענעם קלוגען עטוואָס כיטרען בליק האָט הלל אויסגעזעהן גאָר אַנ'אַנדערער. פאַר מירקינ'ען איז איצט געשטאַנען נישט דער שטילער, בעשיידענער און דערשראָקענער ישיבה-בחור, נאָר אַ זעלבסטשטענ-

דיגער, דורכגעטריבענער און פערגינפטיגער מענש

—דערפאר וואס ער איז קיין מענש נישט!—האט הלל מיט גאר אנ׳אנדערער שטים הארט און ענטשלאסען געענט־פערט.—ער איז א צו האסטיגער... אנ׳אונבערעכענטער—האט ער צוגעגעבען, זוכענדיג דעם פאסענדען אויסדרוק.—ער האט נאך נישט בעוויזען ארומצוקוקען זיך, ער איז קוים געקומען צו־פאהרען—האט ער זיך שוין צוגעכאפט צו קאלבאס! ער האט א העלדישקייט בעוויזען!...

—נו, איז וואס?—האט מירקין אונענטשלאסען אנגעהויבען, פערלירענדיג זיך עטוואס פון הלל׳ס קאטעגארישען טאן.

—עס זענען דא געזעסען די ישיבה-בחורים.—האט הלל נישט הערענדיג איהם ווייטער גערעדט,—דער עלטערער האט שוין זיכער א מאל צוואנציג געגעסען חזיר. פונדעסטוועגען האט ער פאר פרעמדע אין די אויגען נישט געוואלט עסען קיין קאלבאס בשום אופן נישט. נאך וואס געבען יענעם א בייטש אויף זיך?...

—אבער ער איז דאך נישט קיין ישיבה-בחור, וואס האט ער...

—אלץ איינס, א ישיבה-בחור, צי נישט א ישיבה-בחור, א מענש דארף מען זיין!—האט הלל קאטעגאריש אויסגערופען—איך וואלט איהם בשום אופן נישט אנפערטרויט קיין סוד!

און ארואבלאזענדיג צוריק די אויגען האט ער צוגעגעבען שוין מיט זיין געוועהנליכען טאן גאנץ שטיל און בעשיידען:

—מילא, טהוט ווי איהר פערשטעהט...

—פון מיינעטוועגען קאן מען איהם ווי עס בעזייטיגען. איך וועל עס באלד מאכען... נו, מ׳דארף אנהויבען עפעס טהון!... מ׳טאר נישט לאזען א מענשען אומקומען!...

אומקעהרענדיג זיך צוריק אין שטוב אריין האבען זיי געטראפען די חברים איבערקוקענדיג די ביכער וועלכע מירקין האט געבראכט. צווישען זיי האבען זיך געפונען עטליכע העפ־טען השחר, וועלכע אולער האט שוין גענומען צום לעזען.

—זאל איך א מיתה משונה איינגעהמען אויפ׳ן ארט, אויב

דו ווערסט די ביכער געהמען צום איינבונדען איידער איך וועל זיי דורכלעזען!—האָט ער ענטשלאָסען געמאָלדען ציפאָרינ׳ען.

—יחדו!—האָט אייזערמאַן הויך אויסגעשריען, האַלטענדיג מיט איין האַנד ביי אַ ברעג פון ביכעל פונקט ווי ער מיט אַנדער׳ן וואָלטען צוזאַמען געפונען אַ מציאה.

—אויב איהר ווילט נישט היזק האָבען קיין טאָג, קאָנט איהר גלייך געהן צו קאַפּלונער׳ן,—האָט זיך מירקין געווענדט צו אייזערמאַנען.

—אדרבה!—האָט אייזערמאַן איינגעשטימט.—איהר וועט מיט מיר געהן? קומט!

—אפשר וועט ווער פון אייך מיט איהם געהן?—האָט מירקין געפרעגט קוקענדיג אויף די חברים.

—איך וועל איהם אַהינפיהרען—האָט ציפאָרין פאָרגעשלאָגען נישט אָבהייסענדיג זיך פון דער אַרבייט-כ׳דאַרף סיי ווי סיי געהן נאָך פאָדעם.

—זייט אַזוי גוט!—האָט זיך אייזערמאַן געווענדט מיט אַ הייסער בקשה צו ציפאָרינ׳ען. איהר האָט דאָך אַ שער. טהוט זשע אַ מצוה און שערט מיר אָב די פאות.

—עט, וואָס יאָגט איהר זיך אַזוי? איהר האָט נאָך צייט!—האָט זיך מירקין אָנגערופען אומצופרידען, דערמאָהנענדיג הלל׳ס רייד.

—ס׳איז דאָך אַ חרפה זיך צו בעווייזען פאַר אַ מענשען!

—לאָזט, לאָזט! מיר׳ן איהם אָבשניידען די פאות!—האָט זיך אולער אָבגערופען.—ער האָט מיך נאָך פריהער געבעטען וועגען דעם! נו, זעץ זיך! מיר וועלען דיך מכניס זיין תחת כנפי ההשכלה!

—אַנ׳אמת׳ער משכיל איז מחויב זיך צו לאָזען אויסרייסען די פאות ביזן וואָרצעל—האָט הלל געלאַסען און זעהר ערנסט זיך אָנגערופען.—דערפאַר איז מען זוכה צו קומען אין גן-עדן פון די משכילים...

אַלע האָבען זיך צעלאַכט און אייזערמאַן האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף הלל׳ן. אין דער ערשטער מינוט האָט

זיך איהם אפילו געדולטען, אז יענער מיינט עס ערנסט.

אולער האָט נעהמענדיג די שער אין האַנד, געפרעגט:

—ווי אזוי זאָל איך אָבשערען? ביז צו דער הויט? ס׳זאָל קיין שפור נישט בלייבען?

—ביז צו דער סאַ-אַמער הויט! עס זאָל קיין זכר נישט בלייבען!

—און וואָס פאַר אַ ברכה מאַכען? ס׳האָט דאָך נישט קיין טעם אָהן אַ ברכה—האָט אולער ווידער געפרעגט.

—מאַך עס שנעלער... פערהאַלט איהם דאָ נישט!—האָט איהם מירקין אײַנגערוימט.

—נו, לאָז שוין זיין אָהן אַ ברכה!—האָט אולער אײַנגעשטימט און אָבגעשוירען אייזערמאַנען ביידע פאות ביז צו דער הויט.

אויפשפרינגענדיג פון בענקעל האָט אייזערמאַן אויסגעשריען:

—נו, ווי זעה איך עפּעס אויס? אַ שאָד וואָס עס איז קיין שפּיגעל נישטאָ!

—אויסגעצייכענט! ער איז גאָר אַן אַנדערער מענש געוואָרען!—האָבען אַלע האַלב אין שפּאַס האַלב אין ערנסט געענטפערט.

—כ׳וואָלט בעדאַרפען די קאַפּאָטע אויך אונטערשניידען, כדי אינגאַנצען שוין בעקומען אַן׳אויסזעהן פון אַ מענשען... גאָר, כ׳וועל עס נאָך בעוויזען צו טהון. מ׳דאַרף נישט אַלץ מיטאַמאָל!—האָט אייזערמאַן גערעדט, פיהלענדיג עפּעס נישט קלאָר, אַז ער שטערט דאָ וועמען.

אולער האָט צונויפגענומען די אָבגעשניטענע פאות.

—מיר׳ן עס מיט פאַראַד פערברענען לעזענדיג דערביי דעם „השחר"—האָט ער לאַכענדיג געזאָגט.—און דיך וועלען מיר פיהרען אין מקוה אַריין כדי דו זאָלסט ריין ווערען פון דער גאַנצער רעליגיעזער טומאה...

—אוי, הערט גאָר!—האָט אייזערמאַן לעבעדיג אויסגעשריען.—ס׳קומט אויס פונקט דאָסזעלבע וואָס מיט׳ן לעהרער פון

מילאָסלאַווקע, חעלכען דער רב האָט מחזיר למוטב געווען! כ׳וועל עס אייך דערצעהלען! כ׳זאָג אייך,—אַנ׳אומערהערטע מעשה!

—איהר וועט עס שוין אַנ׳אַנדערש מאָל דערצעהלען!—האָט איהם מירקין טרוקען איבערגעריסען.—איהר דאַרפט דאָך ערגעץ געהן...

—יאָ, איהר האָט רעכט!—האָט זיך אייזערמאַן דערמאָהנט—כ׳האָב ביין מאָס רייד, ווי אַ יודענע.

אַרויסגעהענדיג פון צימער, האָט ער זיך אָבער נאָכאַמאָל אומגעדרעהט און שטיל געפרעגט מירקינ׳ען:

—ביי קאַפּלונער׳ן מוז מען אודאי זיצען אָהן אַ היטעל?

—געוויס, געוויס!—האָט מירקין שנעל געענטפערט.

## טו

אַזוי ווי אייזערמאַן איז נאָר אַרויס, האָט מירקין הייס און אויפגערעגט אויסגערופען:

—מיר מוזען גלייך צוטרעטען בעטראַכטען אַ זעהר וויכטיגען ענין! מיר דאַרפען ראַטעווען אַ מענשען!

—סאָניע בעריאַשעוואַ׳ן!...—האָט אולער גלייך ערקלערט

—הערט וואָס זי שרייבט!

און מירקין האָט הויך פאָרגעלייענט איהר בריוועל.

—ווייסט איהר צוליב וואָס זי שרייבט דאָס דאָזיגע בריוועל? דער פאָטער וויל זי מיט געוואַלד חתונה מאַכען!—האָט ער אויפגערעגט צוגעגעבען.

זיין אויפרעגונג האָט אַלע אַרומגעכאַפּט. פּייעוויטש איז אַראָבגעשפּרונגען פון דער נאַרע. ער איז געווען בלייך, זיין געזיכט האָט נערוועז פיבערהאַפט געציטערט. אולער, שטעהענדיג אין מיטען צימער, האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען מיט ברייט געעפענטע ווילדע אויגען. אפילו קראָנבלאַט, וועלכער האָט זיך כסדר געשאָקעלט איבער׳ן לעהרבוך, האָט אויך

אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטהון אויף מירקינ׳ען מיט אַ ליידענדע אויסדרוק, פונקט ווי ער וואָלט ווידער בעקומען צאָהן-וועהטאָג.

—ווער איז דער חתן?... פאַר וועמען מאַכט מען זי חתונה?...—האָט אולער מיט אַ דערשלאָגענער שטים געפרעגט און די ליפּען זענען איהם אַזש בלוי געוואָרען פון אויפרעגונג.

—וואָס איז די נפקא-מינה מיט וועמען!—האָט מירקין גע-ענטפערט און ווייטער גערעדט מיט אויפרעגונג:—די האָר אויפ׳ן קאָפּ שטעלען זיך דאָך קאַפּויער ביים געדאַנק, אַז היינטיגע צייטען זאָל אַ פאָטער מיט געוואַלד חתונה מאַכען זיין טאָכטער! וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער דערצו?!... דאָס איז דאָך אַ שרעק-ליכע רציחה, וואָס מ׳קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען! דער מענש איז פריי און קיינער האָט קיין רעכט נישט צו בעל-הבת׳עווען מיט זיין גורל!—האָט ער ענערגיש אויסגעלאָזט.

—און נאָך וואָס פאַר אַ מענש—האָט איהם אולער אונטער-געהאַלטען.—מ׳זאָגט כאָטש אַ פּראָסט מיידעל, עפּעס דאָרט „אַ ויידענע באַרישניע”, ווי פּיסאַרעוו זאָגט. אָבער אַזאַ מענש ווי סאָניע בעריאָשעוואַ!...

פּייעוויטש איז מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ געלאָפען הין און צוריק איבער׳ן צימער, נערוועז געצופּט דאָס בערדעל, טראַכטענדיג עפּעס.

—הערט! מ׳דאַרף מיט קאָפּ בעטראַכטען דעם ענין!—האָט ער האַסטיג אַרויסגעזאָגט בלייבענדיג שטעהן ביים טיש.—וואָס הייסט עס—מיט געוואַלד זי חתונה מאַכען? ווי אַזוי קאָן ער זי מיט געוואַלד חתונה מאַכען? אויב זי וועט איהם ענטשלאָסען זאָגען, אַז זי וויל נישט קיין מאַן, וועט ער זי דען מיט גע-וואַלד שלעפּען אונטער דער חופּה? כ׳פערשטעה נישט!... אַ מענש דאַרף דאָך האָבען אַ שטאַרקען ווילען...

—געה צו אַלדע שוואַרצע יאָהר מיט דיין שטאַרקען ווי-לען צוזאַמען!—האָט איהם אולער מיט כעס איבערגעשלאָגען.—האָסט דען נישט געהערט, וואָס זי שרייבט, אַז זי האָט שוין מעהר קיין קרעפטען נישט? ווייזט נאָר אַהער איהר בריוועל,

ווי שרייבט זי דאָרט? „כ'האָב שוין מעהר קיין כח נישט צו ראַנגלען זיך“,—האָט ער פאָרגעלעזען.—און דו דערצעהלסט „אַ שטאַרקען ווילען“!

—ווען איהר וואָלט צוגעזעהן וואָס דאָרט טהוט זיך,—האָט זיך הלל אָנגערופען,—וואָלט איהר ערשט פערשטאַנען, ווי שווער עס איז איהר זיך קעגענצושטעלען...

—דערצעהל! דערצעהל בפרטות, וואָס דאָרט קומט פאָר,—האָבען אַלע געבעטען.

—וואָס איז דאָ צו דערצעהלען? נישטאָ וואָס צו דערצעהלען,—האָט הלל קאַלט געזאָגט, זעצענדיג זיך אויף דער נאַרע און טאַקי קלויבענדיג זיך צו דערצעהלען באריכות אַ גאַנצע געשיכטע.

—ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען, ווייסט איהר דאָך. ווען דער פאָטער האָט זי געפּאַקט שפּאַצירען מיט'ן גימנאַזיסט, האָט ער זי ביי דער האַנד אַהיימגעפיהרט, האָט זי אָנגעשלאָגען און דערנאָך צעריסען אַלע איהרע ביכער און אַריינגעוואָרפען זיי אין פייער. דאָס איז געווען, ווען?—מיטוואָך. דאָנערשטאָג עס איך ביי זיי. כ'בין געקומען אויף מיטאָג—בעמערק איך, אַז עס איז עפּעס נישט גלאַט. איך, נאַטירליך, שווייג. כ'בין אָבער אַריין אין קיך און די קעכין האָט מיר אַלץ דערצעהלט. ביי מיטאָג איז דער אַלטער געזעסען אָנגעברוגז'ט און אין כעס. ער האָט געשוויגען, געסאָפּעט, אַלע מינוט געגעבען אַ וואָרף דאָ דאָס מעסער, דאָ דעם גאָפּעל און קוקט אין אַלע זייטען ווי אַ צערייצטע חיה, זוכט נאָר צו וואָס זיך צוצוטשעפּען. אַלע זיצען ביים טיש שווייגענדיג מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם. סאָניע איז ביי טיש נישט געוועזן. ער האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק געטהון אויף איהר אָרט און האָט בייז אַ געשריי געטהון צום ווייב: וואו איז שרה? זי זאָל מיר שוין צוקומען צום טיש! און ער האָט אַ זעץ געטהון מיט דער פויסט אָן טיש. די אַלטע איז אַריינגעלאָפען אין שלאָף-חדר און איז צוריק אַריינגעקומען מיט סאָניען. זי האָט זיך אַ בלאַסע, אַ רוהיגע, שווייגענדיג געזעצט צום טיש. דער פאָטער האָט דורכ-

דרינגליך אַ קוק געטהון אויף איהר און גאַרנישט געזאָגט. דער־נאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און בעמערקענדיג, אַז זי עסט נישט, האָט ער איהר שאַרף בעפוילען: „עס!" זי האָט געפאָלגט. עס איז ווידער שטיל געוואָרען. דער אַלטער האָט געענדיגט עסען די זופּ, האָט זיך צוריקגעוואָרפען אויפ'ן ווענד־טעל פון שטוהל און געקוקט אויפ'ן סופיט, טיף אָבקרעכצענדיג. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען צום ווייב: „הערסט, רחל, בע־שלאָסען! איך גיב מיין הסכמה אויפ'ן שידוך מיט איטשעלע ראַטשעווער, יאָ, מיט איטשעלע ראַטשעווער. דער „יחוס" פּאַסט אונז נישט, עס איז אָבער פערפאַלען! מיר קאָנען נישט איצט איבערקלייבען. אונזער סחורה איז שטאַרק געפאַלען אין פרייז... כ'וועל נאָך היינט הייסען דעם שדכן אָנשרייבען צו איטשעלען אַז איך בין מסכים, און אויף די צווייטע וואָך וועלען מיר זיך צונויפפאָהרען אויף תנאים! הערסט, רחל?"—„כ'הער", האָט איהם רחל שטיל געענטפערט.

—און סאָניע?

—קיין וואָרט נישט! ווי מ'וואָלט נישט פון איהר גערעדט. דערנאָך האָט דער אַלטער אַ קוק געטהון אויף סאָניען און גיפטיג־בייז אַ זאָג געטהון: „יאָ־יאָ! כ'האָב גאָר פערגעסען! מ'דאַרף דאָך נאָך דיך פרעגען, צי דו בעשטעהסט אויפ'ן שידוך? זיי מיר מוחל, טאָכטער מיינע! כ'האָב גאָר פערגעסען, דאָס דו קאָנסט נאָך נישט בעשטעהן אויפ'ן שידוך! דו דאַרפסט אפשר פריהער אַריינקוקען אין בי־כל כדי צו וויסען צי דער חתן פּאַסט דיר, צי נישט? ס'קאָן זיין, אַז דיר געפעלט גאָר בעסער אַ חתן מיט ווייסע קנעפּ און מיט „ליובקעס"? ענטפער! וואָס שווייגסטו? לאַנג האָט ער אַזוי גערעדט, גערייצט זיך. און סאָניע איז געזעסען שווייגענדיג, שטיל, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט גאַרנישט געהערט. „אהא, שווייגסטו!"—האָט דער אַלטער אויסגעשריען. נו, דיין גליק איז וואָס דו שווייגסט, אַז נישט וואָלט איך דיר געוויזען, ווי אַזוי צו ריידען מ'יט אַ טאַטען!" ער האָט אַ שטויס געטהון די שטוהל און איז אַריין אין צווייטען צימער... נאָר איך קען גאַנץ גוט דעם

משוגע׳נעם און רעבען, אַז ער האָט דאָס אַלץ געטאָן נאָר אום כדי צו פייניגען סאָניע׳ן. דעם שידוך מיט איטשעלע ראָטשע-ווער האָט מען איהם עטליכע מאָל פאָרגעשלאָגען און ער האָט נישט געוואָלט הערען דערפון...

—איך קען דעם איטשעלע-האָט זיך אולער אָנגערופען.— ער איז פון שטעדטעל ק. איך בין דאָרט געווען מיט פיער יאָהר צוריק. דער איטשעלע האַנדעלט מיט אָקסען. אַ פערגרעב-טער מענש, נאָר זעהר אַ רייכער... איך קען דעם חתן אויך. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יונגעל. אַ מיאוס׳ער עכבר...

—ער איז איצט אויך אַזעלכער, אַנ׳עקעל אַ קוק צו טהון,— האָט זיך הלל אָנגערופען.—ער איז דאָ פערהאַן מיט׳ן פאָטער. איך האָב זיי געזעהן אין קלויז. דער שדכן האָט מורא געהאַט, אַז בעריאַשעוו קאָן נאָך חרטה האָבען, האָט ער געקלאַפּט אַ דעפּעש צו איטשעלע, ער זאָל גלייך קומען צופאָהרען. און ער איז טאַקי בעקומען מיט׳ן חתן צוזאַמען... כ׳בין היינט אויך גע-וואויער געוואָרען, אַז די מחותנים זענען שוין צווישען זיך דורכגעקומען און אַז אויף איבערמאָרגען איז בעשטימט די תנאים...

אין צימער איז אַריין ציפּאָרין.

—כ׳האָב שוין אָבגעפיהרט דעם „שילער" צום „לעהרער"— האָט ער איראָניש בעטאָנענדיג די ווערטער געזאָגט. זיי ווע-לען מסתמא אָנהויבען פון „גראַמאַטיקע"...

—לאָז צורוה איצט מיט גראַמאַטיק!—האָט פייעוויטש אויף איהם אָנגעשריען. מיר ריידען איצט וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין!

און ער האָט איהם בקיצור איבערגעגעבען הלל׳ס ער-צעהלונג.

ציפּאָרינס ברוינליך געזיכט איז רויט געוואָר׳ען, די אָדערן אויפ׳ן שטערען זענען איהם אָנגעדראָלען געוואָרען און אָנבלאָ-זענדיג די ליפּען, האָט ער האַרט און ענטשלאָסען געזאָגט:

—מיט אַזאַ רוצח דאַרף מען ריידען נאָר מיט די הענד!

אריינכאַפּען זיך צו איהם אין ישטוב, ווען קיינער אַ חוץ איהם איז נישטאָ דאָרט אָנהרג׳ענען איהם האַלב טויט, אָט דעם זעלבען מערדער און אָנזאָגען איהם, אַז אויב ער וועט...

—רעדסט נאַרישקייטען!—האָט איהם פּייעוויטש איבערגעשלאָגען.—אַ שען מיטעל האָט ער געפונען!... מ׳דאַרף צוקלערען עפּעס ממשות׳דיגעס...

—אפשר גאָר פּרובען דורך פּאָליציי, דורכ׳ן פּאָליציי-מייסטער, צום ביישפּיל... דער אַלטער קאַפּלונער איז מיט איהם בעקאַנט... לויט׳ן געזעץ... ס׳איז דאָך פערהאַן אַ געזעץ...—האָט אולער אונענטשלאָסען אָנגעהויבען. אָבער ער האָט זיך באַלד אַליין איבערגעריסען: עט! כ׳רייד נאַרישקייטען! דאָס געזעץ וועט דאָ העלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס!

—ס׳איז דאָ אַ גוט מיטעל,—האָט פּייעוויטש פערטראַכט זיך אָנגערופען. אַוועקשיקען דעם איטשעלען אַ בריף מיט זידלערייען אויף דער כלה, אַז זי האַלט זיך ביים שמד׳ן, אַז זי פיהרט זיך אַרום מיט יונגען וכדומה. און ער וועט געוויס אָבזאָגען זיך פון דעם שידוך...

—אויסגעצייכענט!—האָט ציפּאָרין ענטציקט אויסגעשריען.—קיין בעסער מיטעל האָט מען שוין נישט געקאָנט צוטראַכטען!

—וואוילו!—האָט איהם אולער אונטערגעהאַלטען.—איך נעהם אויף זיך אָנצושרייבען דעם בריף! איך וועל עס שרייבען מיט אַלע פּשט׳לעך מיט ראיות פון דער גמרא און פון זוהר און וואָס איהר ווילט נאָר אַליין. כ׳וועל עס אַזוי אָנשרייבען, אַז ער וועט מיינען, דאָס דער רב אַליין האָט עס געשריבען...

—אַ מיטעל איז עס אַ גוטס, נאָר איך ווייס נישט, צי עס וועט עפּעס העלפען,—האָט זיך הלל אָבגערופען—דער איטשעלע שטאַמט אַליין פון זעהר אַ פּראָסטע גזע און ער וויל דורכאויס מתחתן זיין זיך מיט די בעריאַשעוו׳ס. בעריאַשעוו איז דאָך פון גרויסען יחוס, אַזוי, אַז אָנשרעקען איטשעלען בלויז מיט בריף איז אַ שווערע הלכה.

## טז

נישט אַוועקלעגענדיג אַלץ דאָס לעהרבוך פון האַנד, האָט קאָרנבלאַט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם שמועס. נאָך עטוואָס וואַקלען זיך, האָט ער אַוועקגעלעגט דאָס ביכעל און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

—איך יועל אײַך אַזוי זאָגען,—האָט ער אָנגעהויבען טרוקען געשעפטליך.—ס׳איז פערהאַן אַ זיכער מיטעל זי צו רעטען! דאָס מיטעל איז אַ שווערס, נאָר אויב זי וועט בעשטעהן, וועט זי מיט איינמאָל פטור ווערען אי פון דעם חתן אי פון אַנדערע...

—וואָס איז עס פאַר אַ מיטעל?—האָבען זיך אַלע פעראינטערעסירט.

—גאָר פשוט. אינגאַנצען נאָר עטליכע ווערטער צו זאָגען...

—הרי את!—האָט אולער זיך אָנגעשטויסען.

—פערשטע-עהט זיך!—האָט קאָרנבלאַט בעשטעטיגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געחידוש׳ט, וואָס זיי זענען פריהער נישט געפאַלען אויף אַזאַ פשוט׳ע המצאה.—איינער פון אונז דאַרף אַריינגעהן מיט נאָך צוויי פון אונז אַלס עדות צו בעריאַשעווין אין קראָם, דאַן, ווען סאָניע וועט דאָרט זיין (וועגען דעם קאָן מען זיך פריהער פערשטענדיגען מיט איהר) קויפען ביי איהר עפעס, אַריינרוקען איהר אין האַנד אַ זילבערנע מטבע, זאגען „הרי את״, און פאַרטיג אַנ׳עסק! עס וועט זיי שוין קיין דאָקטאָר אין דער וועלט נישט העלפען!

אַלע זענען ערשטוינט געווען פונ׳ם אונערוואַרטעטען פאָרשלאָג. דער דאָזיגער פלאַן האָט זיך זיי אויסגעוויזען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז אַ זיכערער, אַלס אַ צופיל ענטשלאָסענער און געפעהרליכער.

—ס׳וועט זיך אויפהויבען אַ סקאַנדאַל...—האָט פייעוויטש אונענטשלאָסען געזאָגט.

—איז נאָך בעסער!—האָט אולער אויסגעשריען.—וואָס האָסטו מורא פאַר אַ סקאַנדאַל? אדרבה! זאָל ווערען אַ סקאַנדאַל! זאָל דער אַלטער בעריאָשעוו מיט זיין גאַנצער כנופיה פּלאַצען פאַר צרות! כ'שטעל זיך פאַר זייערע צרות נעבעך! וואָס פאַר אַ מחיה דאָס וועט זיין צוצוקוקען.

—בעריאָשעוו וועט זיך דאָך דאַן שטרענג אָבּרעכענען מיט סאָניע'ן...—האָט זיך מירקין אָבּגערופען.

—פון וואַנען וועט ער דען וויסען, אַז דאָס איז געשעהן מיט איהר ווילען?—האָט קאָרנבלאַט געזאָגט.—זי קען אויף צו־פּלייס אָנהויבען שרייען און אפילו זיך מאַכען פאַלען אין חלשות...

—נו, לאָמיר זאָגען, אַז דעם אַלטען איז נישט אַזוי לייכט אָבּצונאַרען, ער וועט פערשטעהן, אַז דאָס איז געשעהן נישט אָהן איהר הסכמה,—האָט זיך הלל אָבּגערופען.—אָבער קעגען קלעפּ פון אַ טאַטען איז דאָך פערהאַן אַ גוט מיטעל: דראָהען מיט שמד'ן זיך... אַזאַ מין זאַך מאַכט דעם אכזריות'דיגסטען פאָטער ווייך ווי פּוטער...

—און דאָס ווייסט איהר, ברידער, אַז פאַר אַזאַ „מקדש" זיין געהט מען גלייך אין תפיסה אריין! דאָס איז אַ קרימינעל־פערברעכען...—האָט פּייעוויטש זיך אָנגערופען.

—מילא, אין תפיסה—איז אין תפיסה, אַבי צו ראַטעווען אַ מענשען!—האָט ציפּאָרין ענטשלאָסען אויסגערופען.—איך נעהם אויף זיך דאָס צו מאַכען! איך שרעק זיך נישט פאַר קיין תפיסה!

—איך שרעק זיך אויך נישט, שוטה!—האָט פּייעוויטש מיט אויפרעגונג צו איהם געזאָגט.—דו פערשטעהסט נישט, וועגען וואָס מ'רעדט...

—דערפאַר איז נאָך נישטאָ וואָס צו שרעקען—האָט הלל געזאָגט.—דער פאָטער וועט מסתמא, סטראַשען מיט טורמע און מיט קאַטאָרגע. נאָר וואָס וועט ער דערמיט געווינען? דאַן וועט סאָניע שוין בעשטימט נישט בעקומען קיין גט.

—אויב ס'איז ווירקליך נישטאָ קיין אַנדערע המצאה, מוז

מען זיך בעשליסען אויף דעם,—האָט מירקין ענדליך בעשלאָ־סען.—מ׳דאַרף נאַטירליך פריהער איבעררײדען מיט סאָניע׳ן.

—נאָך וואָס דאַרף מען זי פרעגען? זי שרייבט דאָך אַליין אַז זי איז אויף אַלעם גרייט.—האָט אולער זיך אָנגערופען.

—פונדעסטוועגען דאַרף מען זי פרעגען.

הלל האָט זיך אונטערגענומען נאָך דעמזעלבען אָוונד נאָכ׳ן נאַכט-עסען בײ בעריאַשעווי׳ן איבערצושמועסען מיט סאָ־ניע׳ן און אויף צומאָרגענס אינדערפריה צו ברענגען פון איהר אַ תשובה.

—ווער זשע וועט נעהמען אויף זיך די ראָלע פון אַ חתן?—האָט מירקין געפרעגט.—איך, נאַטירליך, טאָר זיך אפילו פאַר זיין קראָם נישט בעווייזען.

—איך נעהם עס אויף זיך!—האָט ציפּאָרין אויסגעשריען.

—איך!—האָט פייעוויטש אויך אויסגערופען.

—איך וואָלט אפשר גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ חתן,—האָט קאָרנבלאַט שמייכלענדיג געזאָגט,—נאָר, ערשטענס, האָב איך קיין צייט נישט און צווייטענס... פאַרוואָס עפּעס מקדש זיין און דערנאָך גט׳ן זיך? ווען סאָניע זאָל אויף אַנ׳־אמת איינווילינגען מיט מיר חתונה צו האָבען...

—מנוול!—האָט ציפּאָרין מיט כעס אַ געשריי געטהון אויף איהם.

—איך וואָלט אפשר יאָ געוואָלט נעהמען אויף זיך די ראָל פון חתן, נאָר כ׳קאָן נישט!—האָט אולער זיך אָנגערופען ארומקוקענדיג זיך אויף אַלע מיט גלאַנציגע אויגען.—איך האָב אַ פּרינציפּ...

—איך ווייס וואָס פאַר אַ פּרינציפּ!—האָט פייעוויטש גע־טראָפען.—„אי-דע-אַלע״?... יאָ?...

—יאָ!—האָט אולער געהיימניספול געענטפערט.—נאָר קיי־נער טאָר וועגען דעם נישט וויסען,—האָט ער שטיל צוגעגעבען, גאָר פערגעסענדיג, אַז ער האָט אַליין אויסגעפּלוידערט זיין „סוד״ יעדען בעזונדער.

## יז

אייזערמאַן איז אַרויס פון „עיר-מקלט" אין אַ געהויבענער שטימונג, אָבער גלייכצייטיג האָט איהם געפּרעסט עפּעס אַ געפיהל פון שווערקייט און פערלאָרענקייט אין וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבען. ער האָט געפּרובט פערפיהרען אַ שמועס מיט ציפּאָרינ'ען, אָבער יענער האָט, געהענדיג פּאָראויס מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אָדער גאָרנישט געענטפערט, אָדער נישט גערן צוגעוואָרפען עפּעס אַ וואָרט. אייזערמאַן איז שטיל געבליבען און, אונגעשיקט אונטערשפּרינגענדיג, האָט ער נאָכגעאַיילט נאָך ציפּאָרינ'ען. זיין שטימונג איז מיטאַמאָל געוואָרען אַ געדריקטע און אַלץ, וועגען וואָס ער האָט זיך דערמאָהנט האָט זיך איהם אויסגעוויזען קאַלט און פינסטער. די נייע חברים אין „עיר-מקלט" האָבען איהם אויפגענומען קאַלט און גלייכגילטיג. מירקין וועלכער האָט זיך אינדערפריה צו איהם אַזוי וואַרים בעצויגען, האָט איצט געוואָלט וואָס שנעלער פון איהם פּטור ווערען... שולדיג אין אַלעם נאַטירליך איז ער אַליין: ער איז אַלעמען דערעסען געוואָרען מיט זיין נאַרישער פּלאַפּלעריי... אַ מאָדנע קיהלקייט אויף די נאַקעטע שלייפען האָט איהם דערמאָהנט כסדר אָן די אָבגעשוירענע פּאות,— און ער האָט איצט בעדויערט וואָס ער האָט זיך צוגעאַיילט מיט דער דאָזיגער אָפּעראַציע, אַז ביי די חברים, אָנשטאָט די ערוואַרטעטע אַיינשטימיגקייט, האָט דאָס אַרויסגערופען פּשוט אָבשפּעטונג... און ענדליך, האָט ער זיך דערמאָהנט די הויפּטסיבה פון זיין אינערליכער אונרוהיגקייט: ער האָט זיך דערמאָהנט די דעבאַטען פון זיינע נייע חברים, וועגען לעהרע און פיזישער אַרבייט, דעבאַטען, וועלכע זענען געווען דער היפוך פון זיינע אַלע ביז איצטיגע פאָרשטעלונגען אויף דעם געביט. אָבהאַרפענדיג די נויטיגקייט פון סיסטעמאַטישער בילדונג, האָבען די משכילים פון „עיר מקלט" שיער נישט בעשטעלט הע-

כער די פיזישע אַרבייט פון דער גייסטיגער, נישט נאָר טעאָרעטיש נאָר אויך פּראַקטיש... פערשטעהט זיך, אַז מיט פיזישער אַרבייט דאַרף מען זיך נישט שעמען! אדרבה! די אמת׳ע השכלה שטעלט זעהר הויך די פיזישע אַרבייט, לאַכט אויס און טאַדעלט די פּאַנאַטיקער פאַר זייער פעראַכטונג צו מלאכה. דאָס אַלעס האָט אייזערמאַן גאַנץ גוט געוואוסט. און פונדעסטוועגען האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט זיך איינגעוועהנען מיט דעם געדאַנק. און איהם האָט עס אויסגעזעהן משונה-ווילד, וואָס ציפּאָרין פערנעהמט זיך מיט אַיינבינדעריי. איהם האָט זיך דאָס אויסגעוויזען ווי אַ „חילול-הקודש" פאַר דער „הייליגער השכלה"... און ווי ער האָט זיך נישט בעמיהט איינצורעדען, אַז ציפּאָרין איז דאָך אַזאַ משכיל ווי מירקין און אולער, האָט ער דאָך אין איהם געזעהן נאָר אַ בעל-מלאכה.

אַזוי שווייגענדיג איז ער צוגעקומען מיט ציפּאָרינ׳ען צו אַ געמויערט הויז, וואו קאַפּלונער האָט געוואוינט. אין פאָדערצימער האָט זיי בעגעגענט די דינסט, אַ רוסיש מיידעל, מיט אַ געבייזער:

—זיי וואָלטען לאַטש די פיס אָבגעווישט, טייוולאָנים פערשאָלטענע! זיי ווייסען נאָר אָנצוטראָגען בלאָטע צום פּאַניטש אין צימער! ס׳איז זיך גאָרנישט צו דעררייניגען נאָך זיי! טפו!

ציפּאָרין האָט, נישט קלערענדיג אפילו זיך אָבצעווישען די פיס, געוואָרפען אַ בייזען זייטיגען קוק אויף דער דינסט און זייטיג זיך אַריינגעשאַרט דורכ׳ן עסצימער צו קאַפּלונער׳ן אין צימער.

—וואָס וויל זי דען?—האָט אייזערמאַן גאַנץ שטיל און עטוואָס איבערגעשראָקען געפרעגט ציפּאָריג׳ען.

—כ׳קאָן זיי נישט ליידען, די פאַרשיווע אַריסטאָקראַטען!— האָט ציפּאָרין אַרויסגעברומט אָנשטאָט אַנ׳ענטפער.

אויפעפענענדיג די טהיר צו קאַפּלונער׳ן אין צימער און זעהענדיג אַז ער איז דאָ אינדערהיים, האָט ציפּאָרין אַריינגעלאָזט אייזערמאַנען און איז אַליין געשווינד צוריק אַרויס.

אייזערמאַן בעטומעלט פון דער דינסטס געשרייען און פון

דער אונגעוועהנליכער איינריכטונג פון דער וואוינונג, וועלכע האט איהם ערשטוינט מיט איהר ריינקייט, איז אונגעשלאסען אריין אין קאפלונערס בעקוועמען און ציכטיג-אויפגערוימטען צימער און איליג אראבגענומען דאס היטעל.

קאפלונער, וועלכער איז געזעסען ביי א ביכעל, האט זיך פויל אויפגעהויבען איהם אנטקעגען און פריינדליך שמייכלענדיג, האט ער איהם גוטמוטיג און העפליך אויסגעשטרעקט א האנד.

—א-א, איהר זענט היינט געקומען! מירקין האט געזאגט, אז מיר וועלען מארגען אנהויבען... נו, ס׳מאכט נישט, מיר קאנען היינט אויך. זיצט!

אייזערמאן האט זיך אוועקגעזעצט אויף א ברעג שטוהל.

—קודם כל וועל איך אייך עקזאמענירען: כ׳וועל זעהען וואס איהר קענט!—האט קאפלונער מעשה-לעהרער געזאגט.—שרייבען, לעזען קענט איהר?

—איך...—האט אייזערמאן אנגעהויבען אויף יודיש.

—האלט!—האט איהם קאפלונער שנעל איבערגעריסען.—די ערשטע זאך איז—קיין וואָרט יודיש נישט! איהר הערט? אז נישט וועט איהר זיך קיינמאל קיין רוסיש נישט אויסלערנען. איהר פערשטעהט דאך וואס איך רייד צו אייך?

אייזערמאן האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף יא.

—און ריידען רוסיש קענט איהר?

—אייזערמאן האט א ווייל געטראכט און האט אונגעשלאגען ארויסגעשטאמעלט:

—קאפעלעטשקע...

—„קאפעלעטשקע״?—האט זיך קאפלונער א כאפ געטהון.—אזא וואָרט איז גאר אין דער רוסישער שפראך נישטא! מ׳דארף זאגען: „אומיעיו ניעמנאגא״.

—אומיעיו ניעמנאגא—האט אייזערמאן איהם געהארכזאם נאכגעזאגט.

קאפלונער האט גענומען ס׳ערשטע בעסטע ביכעל וואס איז געלעגען אויפ׳ן טיש, „אילאוויסקיס היסטאריע״, האט צופעליג אויפגעעפענט און געהייסען אייזערמאנען לעזען, און אליין

האָט ער פּערלעגענדיג די הענד אויף הינטען גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער.

אייזערמאַן האָט אָנשטרענגענדיג די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זיך פערטיפט אין ביכעל און איבערלעזענדיג פריהער פאַר זיך יעדעס וואָרט, האָט ער גענומען גאַנץ לאַנגזאַם לעזען זילבענווייז:

—סאָפּיאַ מאַלאָ... זאַ-באָטילאַס אָ וואַיענניך... פּאָטיעכאַך בראַטאַ אי... ראַזגול'נאָם אָבראַזיע זיזני...

—„זשיזני"...—האָט איהם קאַפּלונער פערבעסערט.

—„זיזני"...—האָט אייזערמאַן איהם מיט'ן זעלבען טאָן נאָכגעזאָגט.

—נישט „זיזני", נאָר „זשיזני".

אייזערמאַן האָט פּער'חידוש'ט אַ קוק געטהון אויף קאַפּלונער'ן נישט פערשטעהענדיג וואָס ער וויל פון איהם האָבען.

—זאָגט: זש-זש-זש-זשע!

—ז-ז-ז-זע!—האָט אייזערמאַן נאָכגעזאָגט, אָנשטעלענדיג די ליפּען פּונקט ווי דער לעהרער.

—שרעקליך!

קאַפּלונער האָט גענומען אַנ'עלעמענטאַר לעהר-ביכעל, האָט אויפגעמישט דעם פּאַבעל „דער טזשיזשיק און דער סאָלאָוויי".

—לעזט איבער דאָס ערשטע וואָרט!

—„ציז"...—האָט אייזערמאַן אָנגעהויבען צו לעזען, אָבער האָט זיך אַליין צוריקגעכאַפּט:—„צ-ציז"!

קאַפּלונער האָט פערצווייפעלט צעשפּרייט די הענד.

—עס איז מיט אייך גאָרנישט צו מאַכען!—האָט ער באַשלאָסען.—איהר קאָנט אַבסאָלוט נישט לעזען! מיר וועלען מוזען אָנהויבען פון די סאַמע גרינגסטע מעשה'לעך. אָט לעזט איבער דאָס מעשה'לע „דער פּריזנאַטעלני וואַניאַ"... וואַרט נאָר, וואָס איז אַזוינס „פּריזנאַטעלני? ווייסט איהר?

אייזערמאַן האָט שוויגענדיג געהויבען מיט די אַקסלען.

—מ'דאַרף נישט הויבען מיט די אַקסלען, נאָר זאָגען „ניע זנאַיו"... אַלזאָ, וואָס איז טייטש „פּריזנאַטעלני"?

—„ניע זנאיו״,—האָט אייזערמאַן דרייסט געענטפערט.

—אָט אַזוי,—איז קאַפּלונער צופרידען געבליבען און האָט גענומען איהם ערקלערען די בעדייטונג פון וואָרט „פריזנאַטעל-ני״. אייזערמאַן האָט ענדליך פערשטאַנען.

—איצט הערט אויס ווי אַזוי איך וועל לעזען דאָס דאָזיגע מעשה׳לע!—האָט קאַפּלונער געזאָגט בעטאָנענדיג דאָס וואָרט „איך״.

ער האָט גענומען לעזען געלאַסען און דייטליך, קענטיג קאָקעטירענדיג מיט זיין אויסשפּראַך.

—פערשטאַנען?

—אָ, האָ!—האָט אייזערמאַן געענטפערט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געשטאַנען שמונה-עשרה.

—נישט „אָ, האָ״, נאָר „דאַ״!—האָט איהם דער לעהרער פערבעסערט.

—„און וואָס הייסט״...—האָט אייזערמאַן שנעל אָנגעהויבען אויף יודיש, ווילענדיג פערענדיגען די פראַזע נאָך איידער קאַפּלונער וועט בעוויזען איהם אָבצושטעלען.

אָבער יענער האָט איהם אויך אַזוי געשווינד איבערגעשלאָגען:

—שטעהט! נישטאָ קיין „און וואָס הייסט!״ איך פערשטעה נישט קיין יודיש און ווייס נישט וואָס דאָס איז טייטש „און וואָס הייסט!״ מ׳פרעגט: „אַ טשטאָ זנאַטשיט?״

—„אַ טשטאָ זנאַטשיט״ וואַניע?

אַזאַ פראַגע האָט קאַפּלונער שוין נישט ערוואַרט און ער איז פשוט נשתומם געוואָרען.

—וואַניאַ? שוין זשע ווייסט איהר נישט וואָס דאָס איז אַזוינס וואַניאַ? וואַניאַ—דאָס איז פערקלענערט פון „איוואַן״. איהר האָט שוין אַמאָל געהערט דעם נאָמען איוואַן.

—אַ-אַ! איוואַן!—האָט זיך אייזערמאַן דערפרעהט, פשש, איוואַן!—האָט ער צוגעגעבען אַ הויב טהוענדיג די האַנד מיט ביטול, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען: וואָס איז דאָ פערהאַן צו פרעגען! וועלכער יוד ווייסט עס נישט פון דעם נאָמען?

זיי האָבען זיך גענומען צו אַריפמעטיק.

אייזערמאַן האָט אויפגעלעבט. ער האָט געקענט אַלע פיר האַנדלונגען, האָט זיך גערעכענט אין מילאָסלאַווקע פאַר אַ גרוי-סען רעכענמייסטער, ער האָט דעריבער געוואָלט, אויב נישט איבעררא*ט*ען, איז אַלענפאַלס כאָטש מיט דעם צופרידענשטעלען דעם לעהרער. אָבער ער האָט זיך דאָ אויך גענאַרט.

קאַפּלונער האָט איהם גענומען דיקטירען צוויי־ציפריגע און דרייציפריגע צאָהלען. אייזערמאַן האָט זיי ריכטיג אויפגעשרי-בען און האָט דוקא געוואָלט ערקלערען דעם לעהרער, אַז דאָס קען ער גוט און מ׳קאָן איבערגעהן צו שווערערס.

—„זאַדאַצע“!—האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט קוקענדיג מיט אַ ציטריג געבעט אויף קאַפּלונער׳ן.—„מנאָגאָ אומיעיו! זנאַיו! מאָגו!—האָט ער זיך כסדר צוריקגעכאַפּט.

—איילט זיך נישט!—האָט איהם דער לעהרער קאַלטבלוטיג אָבגעשטעלט.—ערקלערט מיר פריהער געני פּאַרוואָס איהר האָט דאָ געשטעלט די נול און דאָ די ציפער 3. איהר האָט גוט אויפגעשריבען, אָבער פּאַרוואָס?

—כ׳ווייס נישט...—האָט אייזערמאַן הויבענדיג מיט די אַקסלען געענטפערט.

קאַפּלונער האָט איהם גענומען ערקלערען די געזעצען פון צאָהלען. אויסהערענדיג איהם מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערק-זאַמקייט, האָט אייזערמאַן באַלד געכאַפּט דעם זין פון לעהרערס רייד און האָט איהם פריידיג איבערגעריסען:

—כ׳קען!

—וואַרט! מ׳דאַרף אויסהערען ביז צום סוף!

אייזערמאַן האָט צעשטרייט און אומגעדולדיג אויסגעהערט ביז צום סוף און דערנאָך דרייסט אויסגערופען:

—נו, „זאַדאַצע“!

קאַפּלונער האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט נישט וואָס ער בעט און גענומען איהם ווייטער דיקטירען צאָהלען.

—אַלזאָ, אָט וואָס,—האָט קאַפּלונער צום סוף רעזומירט.—איהר דאַרפט אַלץ אָנהויבען פון ס׳ניי. איהר דאַרפט אפילו

פערגעסען אַלץ וואָס איהר האָט אינדערהיים געלערנט. איהר האָט נאָר געקאַליעטשעט די רוסישע שפּראַך, איהר פּערשטעהט? ביים צווייטען אוראָק וועט איהר צעהן מאָל איבערלעזען דאָס מעשה'לע „דער דאַנקבאַרער וואַניאַ” און צוויי מאָל איבערשריי-בען עס. איהר וועט עס מיר מוזען איבערדערצעהלען מיט אייערע אייגענע ווערטער אויף רוסיש. דערנאָך וועט איהר אויפשרייבען צאָהלען כסדר פון 301 ביז 1000...

## יט

אייזערמאַן איז צוריקגעגאַנגען פון קאַפּלונער'ן אינגאַנצען ענטמוטיגט. ווי פיל ער האָט ערוואַרט פון ערשטען אוראָק און ווי וועניג ער האָט בעקומען! ער האָט זיך געריכט אַז דער לעהרער וועט פאַר איהם מיט אַמאָל עפענען דעם גאַנצען אוצר פון אַלע „חכמות”, אָנשטאָט דעם אָבער האָט ער איהם געגע-בען צו לעזען אַ קינדעריש מעשה'לע, האָט אַ גאַנצען וועזען געמאַכט דערפון ווי אַזוי ער רעדט אַרויס די בוכשטאַבען און בויט איהם אָהן שום נוצען גלאַט צו שרייבען ציפערן... און ועל כולם פערוועהרט ער איהם נאָך צו ריידען אַ וואָרט יודיש!

אין אַזאַ געדריקטער שטימונג מיט אַ געזונקענעם קאָפּ האָט זיך אייזערמאַן דערשלעפּט ביז'ן „עיר מקלט” אַריין. ער איז איצט דורכגעגאַנגען דיזעלבע גאַסען, איבער וועלכע ער האָט אינדערפריה שפּאַצירט פול מיט ליכטיגע געדאַנקען און האָפנונגען. דיזעלבע גאַסען האָבען איהם איצט אויסגעוויזען גאָר אַנדערש, פרעמד און גרוי...

ווען אייזערמאַן איז צוריקגעקומען אין „עיר מקלט” האָ-בען די פערשווערער שוין בעוויזען אַרומצורעדען דעם פּלאַן פון „מקדש זיין”. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויף צומאָרגענס אַרומצוריידען אַלע אייבצעלהייטען און צוציהען צו דעם ענין נאָך איין חבר, געוועזמאַנען, וועלכער האָט זיך געריכענט פאַר

אַנ׳ענטשלאָסענעם מענש. מיט אייזערמאַנס קומען האָבען זיך עפּעס אַלע דערפרעהט.

—איהר האָט אַליין געטראָפען דעם וועג אַהיים?—האָט איהם מירקין, זאָגאַר עטוואָס צערטליך, געפרעגט.

—אַ גרויסע קונץ!... כ׳בין, דאַנקען גאָט, שוין נישט קיין קליין קינד—האָט אייזערמאַן טרוקען געענטפערט נישט קוקענדיג אויף קיינעם.

—נו, וואָס? צופרידען? אַ גוטער לעהרער?—האָט איהם אולער פערוואָרפען מיט פראַגען.

—אודאי צופרידען!... וואָס פאַר אַ שאלה!—האָט אייזער- מאַן געענטפערט אויסמיידענדיג אולערס בליק.

—יאָ, און וואָס הערט זיך מכח דעם צימערל?—האָט ער געשווינד געביטען דעם געשפרעך.

—כ׳וועל מאָרגען מיט דיר אַהינגעהן. כ׳זאָג דיר—אַ גרע- פיש צימער!...

—איהר וועט היינט געהן מיט מיר נעכטיגען?—האָט מיר- קין געפרעגט.

—איך וואָלט זעהר געוואָלט ביי אַייך נעכטיגען...—האָט אייזערמאַן, כמעט בעטענדיג געענטפערט, האַלטענדיג איצט מירקינ׳ען פאַר דעם איינציגען נאָהנטען מענשען.

—גוט. נאָר איך געה נאָך איצט נישט גלייך אַהיים. איך האָב איצט אַנ׳אוראָק... אין קלויז. אפשר וועט איהר מיט מיר מיטגעהן אַהין?

—מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען!—האָט אייזערמאַן גערן איינ- געשטימט.

—איך געה אויך אין קלויז.—האָט הלל זיך אָבגערופען.— אַ שאָד דורכצולאָזען אַנ׳אוראָק „דאָרטען״, וועל איך שוין שפּע- טער געהן. די קעכין וועט מיר איבערלאָזען וויעטשערע. די אַלטע לייט וועלען שלאָפען, און „זי״ וועט וואַרטען אויף מיר, ס׳הייסט אויף אייער ענטפער... כ׳קום אָפּט שפּעט אויף וויע- טשערע. די בעלי-בתים זענען זיכער, דאָס איך בין אַזאַ פער- ברענטער מתמיד, אַז איך פערגעס אָן וויעטשערע,—האָט ער,

אפילו נישט שמייכלענדיג, צוגעגעבען.

—און וואָס הערט זיך אין קלויז?—האָט מירקין שטיל געפרעגט, אַוועקנעהמענדיג הלל'ן אָן אַ זייט.

—נישקשה... כ'האָב שוין די צווי לעצטע אויך איינגע־ביסען: בערטשיק לאדיער און יאָסעלען שמעקטאַבאַק.

—נו—ו?—האָט זיך מירקין דערפרעהט.—הייסט עס, אַז איצט וועט זיך שוין די גאַנצע קלויז—אַלע פערצעהן ישיבה־בחורים לערנען?

—אַלע!—האָט הלל בעשטעטיגט.—אַלע, אַ חוץ דעם „מתמיד" באַטירליך,—האָט ער צוגעגעבען אַ ביסעל שטילער.

—און איהם איז גאָרנישט קיין אופן איינצוביייסען?

—ניין!—האָט הלל איבערצייגט געענטפערט.—ס'איז גאָר־נישט מעגליך צו איהם צוצוגעהן! ער וויל אפילו נישט הערען וואָס מ'רעדט צו איהם.

און איהר האָט גאָר קיין מורא נישט, אַז ער וועט דער־צעהלען דעם ראש־ישיבה, דאָס אַנדערע לערנען זיך?

—דערפאַר איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען. ער ווייסט אפילו נישט, אַז מיר לערנען זיך דאָס רוסיש. דאָס איז אַ מאָדנער מענש. ער ווייסט גאָרנישט און וויל נישט וויסען אוי־סער דער גמרא, איבער וועלכער ער זיצט טאָג און נאַכט. ער איז אַזוי פערטהון אין לערנען, אַז ער זעהט נישט און הערט נישט וואָס אַרום איהם קומט פאָר... דערפאַר רופט מען איהם „מתמיד".

—אַ שאָד, וואָס ס'ווערט אַ תל פון אַזאַ מענשען,—האָט מירקין מיט פערביטערונג אין דער שטים געענטפערט.—ער וואָלט געקאָנט זיין אַ לייט... איבריגענס, איך וועל נאָך פרובען איהם איינבייסען!... מיט איהם דאַרף מען זיך גאָר אַנדערש פרובען.

—יאָ!—האָט זיך הלל געכאַפּט.—פערגעסט נישט אָנצוזאָגען אָט דעם נייענקען, ער זאָל אין קלויז אַ ביסעל וועניגער ריי־דען און זיך מאַכען, ווי ער וואָלט מיך אינגאַנצען נישט געקענט...

מירקין און אייזערמאַן זענען שווייגענדיג געגאַנגען אי־בער די פינסטערע און פוסטע גאַסען.

—נו, ווי איז דורך דער אוראָק? צופרידען—האָט מירקין מיטאַמאָל, וועלענדיג איבעררייסען דאָס שטילשווייגען איבער־געפרעגט.

—וואָס הייסט: „צופרידען?"... צופרידען...—האָט אייזער־מאַן, ווי נישט מיט זיין שטימע געענטפערט—ס'איז דאָך אַנ'־אומזיסטער אוראָק,—האָט זיך ביי איהם ווי נישט ווילענדיג אַרויסגעכאַפּט און אין זיין שטים האָט אַ ציטער געטהון עטוואָס פערביטערונג און בעליידיגונג.

מירקין האָט זיך אומגעקעהרט און אַ קוק געטהון אויף אייזערמאַנען און אין דער פינסטער, נישט זעהענדיג אפילו זיין געזיכט, האָט ער אין דער פיגור זיינער און אין זיין שטים דערקענט אַז דער בחור'ל איז עפּעס זעהר פערביטערט.

—איהר ווייסט דאָך: „כל התחלות קשות"... מ'דאַרף נישט באַלד אָנווערען דעם מוט,—האָט ער ווייך געזאָגט, און אַליין נישט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג פון דעם וואָס ער טהוט, האָט אייזערמאַנען ליבליך אַ גלעט געטהון איבער'ן באַק.

די דאָזיגע צערטליכקייט איז געווען אַזוי אומגעריכט פאַר אייזערמאַנען, אַז ער האָט זיך אינגאַנצען אַ צאַפּעל געטהון. ער איז אָבגעגאָסען געוואָרען מיט אַ הייסער כוואַליע און אין זיין נשמה האָט אָנגעהויבען עפּעס אויפטייען. מירקין איז איהם מיט־אַמאָל געוואָרען אַ נאָהנטער, אַנ'אייגענער און איהם האָט זיך פערוואָלט אַלץ פאַר איהם דערצעהלען, אַלץ וואָס ער האָט אי־בערגעטראַכט און איבערגעלעבט פאַר דער צייט.

און אויך נישט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג, האָט ער ציטערענדיג און צאַרט אָנגעריהרט מירקינס אַרבעל. ער האָט לייכט אַ גלעט געטהון דעם אַרבעל און דערנאָך אָנגענומען מירקינ'ען פאַר דער האַנד, ווי אַ קינד נעהמט אָן צוטרוליך און געהאָרכזאַם די האַנד פון אַ דערוואַקסענעם, אויסדריקענדיג דערמיט אינסטינקטיוו זיין צוטרוי זיין גרייטקייט נאָכצוגעהן, וואו יענער וועט פיהרען.

מירקין האָט גענומען אייזערמאַנען פאַר דער האַנד און אַ שטיקעל צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגענדיג, האַרט איינער נעבען אַנדערן.

—נו, דערצעהלט. ווי איז אַייך געפעלען דער אוראָק ביי קאַפּלונער׳ן?—האָט מירקין געפרעגט שוין מיט אַנ׳אַנדערן, האַר-ציגען, דרינגליכען טאָן, ווי מ׳פרעגט זיך נאָך ביי אַ נאָהנטען מענשען.

—אַז דאָס איז אַלץ נישט דאָס!—האָט אייזערמאַן מיט געוויין און פערביטערונג אין דער שטים אויסגערופען.—איך האָב געמיינט, אַז ער וועט מיר עפענען די אויגען, וועט מיר אָנווייזען אַ וועג, וואוהין איך האָב צו געהן. אַנשטאָט דעם האָט ער מיך גענומען לערנען ווי אַ קליין קינד. האָט מיר געגעבען צו לעזען אַ נאַריש מעשה׳לע, וועלכעס האָט קיין שום טעם נישט און ער האָט די גאַנצע צייט מיך נאָר געמאַטערט איך זאָל יעדעס וואָרט, יעדעס אות, יעדע נקודה אַרויסריידען פונקט ווי ער זאָגט אַרויס... נו, זאָגט אַליין, איז דאָס דען דער עיקר? איז דאָס דען מיר נויטיג? אַ גרויסע זאַך, צי איך וועל אַרויסזאָגען „ציז״ צי „ציז-ז״! איך זוך דאָך גאָר עפּעס אַנ-דערש, איך זוך דאָך אַ תוך, וויסענשאַפט!

ער האָט טיף אָבגעזיפצט און אויסגעלאָזט מיט פערבי-טערונג:

—און צו דעם אַלעם צו האָט ער מיר נאָך פערבאָטען צו ריידען אַ וואָרט יודיש. און איך בין כסדר געזעסען ווי אַ שטומער!...

—דאָס איז זעהר וויכטיג. אַנדערש קאָן מען זיך נישט אויסלערנען ריידען ווי געהעריג רוסיש,—האָט מירקין געענט-פערט.

—כ׳בעט אַייך! האָט רחמנות!—האָט אייזערמאַן מיט תחנונים אין דער שטימע געבעטען—גיט איהר מיר אַנ׳אוראָק! זאָל זיין איינמאָל אין דער וואָך, זאָל זיין אינמיטען דער נאַכט, אַבי נאָר איהר! כ׳בעט אַייך!!

די בקשה איז געוואָרען געזאָגט אַזוי הייס, מיט אַזוי פיל

האָרץ, אַז מירקין האָט נישט בערעכענענדיג זיך אפילו, צי ער האָט צייט, גלייך איינגעשטימט.

—מיט פערגעניגען!—האָט ער שנעל אויסגערופען.—כ'וועל שוין אויסשטיקעווען פאַר אייך עטליכע שעה אין דער וואָך. איך האָב אַליין נישט פאָרגעשלאָגען, ווייל כ'האָב גערע-כענט, אַז קאַפּלונער וועט אַייך בעסער לערנען ווי איך. ער קען מעהר פאַר מיר און איז בעריהמט אַלס גוטער לעהרער...

—ניין, ניין!—כ'בעט אַייך! איהר זייט דער בעסטער לעה-רער!—האָט אייזערמאַן גאַנץ קינדיש און מיט טיפער איבער-צייגונג אויסגעשריען.—אַלזאָ זאָגט איהר מיר צו?

—גוט. נאָר איך ראָט אַייך פונדעסטוועגען נישט אָבצוזאָ-גען זיך פון קאַפּלונערס אוראָק אויך... פון איין מאָל קאָן מען נישע אורטיילען.

—גוט, גוט!—איז אייזערמאַן איינגעגאַנגען און ס'איז איהם ליכטיג געוואָרען אויפ'ן האַרץ.

—פאַרוואָס זאָלט איהר, אייגענטליך, נישט לערנען צוזאַ-מען מיט די ישיבה-בחורים, וועלכע לערנען אין קלויז?—האָט מירקין געזאָגט, כאַפּענדיג זיך, אַז ער וועט פשוט קיין צייט נישט האָבען אויף אַ בעזונדערן אוראָק.—אָט וועט איהר זעהן ווי אַזוי ביי אונז געהט צו דאָס לערנען... נאָר אין קלויז זאָלט איהר זיין זעהר פאָרזיכטיג. איהר זאָלט נישט אַרויסווייזען, אַז איהר זייט אַ משכיל, און מיט הלל'ן זאָלט איהר זיך האַלטען, ווי איהר וואָלט איהם נישט געקענט... זעהט איהר,—האָט מירקין ווייטער גערעדט,—אין קלויז זענען דאָ פופצעהן ישיבה-בחורים און כאָטש כמעט אַלע לערנען שוין ביי מיר, פונדעסטוועגען זענען נאָך פיל פון זיי פרומע... ס'קומט אַלזאָ אויס צו אַרבייטען לאַנגזאַם, פאָרזיכטיג. מיט גרויס מיה איז עס הלל'ן געלונגען זיי יעדען בעזונדער אָנצורייזען, זיי זאָלען זיך אָנהויבען לערנען. ער האָט געמוזט שווערען מיט אַלע שבועות אַז איך בין ווייט פון אפיקורסות. איך האַלט זיך טאַ-קי אויף די אוראָקען זעהר פאָרזיכטיג מיט זיי. זיי הערען פון מיר קיין וואָרט אפיקורסות נישט. איך לערן שוין מיט זיי

אָנדערטהאַלבען חדשים. מתחלת זענען זיי געווען פיער, דערנאָך זענען איינציגווייז צוגעשטאַנען נאָך אַכט; און היינט האָבען נאָך צוויי די גרעסטע עקשנים בעשלאָסען צוצושטעהן. פריהער האָבען מיר געלערנט אין אַ פריוואַטען צימער, נאָר איצט ווען כמעט אַלע זענען אַריינגעקומען אין רעדעל, האָבען מיר אָנגעהויבען לערנען אין קלויז... איהר פערשטעהט אין וואָס דאָ געהט?—האָט ער שמייכלענדיג צוגעגעבען.—אויפ׳ן אוראָק רייד איך גאָרנישט, נאָר וואָס כ׳בעקען זיך מיט זיי. איך געווין זייער צוטרויען, דערנאָך בעאַרבייט איך זיי איינציגווייז. דערווייל האָב איך דריי „אַראָבגעפיהרט פון וועג״ און פינף זענען „אין דער אַרבייט״.

## יט

אין אַ ווינקעל פון שוהל, ביים שוואַכען שיין פון צוויי קליינע שטיקלעך ליכט האָבען זיך געצייכענט די סילועטען פון אַ גרופּע ישיבה־בחורים. אין צווייטען ווינקעל, קוים בעלויכטען דורך אַ חלב׳ען ליכט איז פאַר אַ גרויסער גמרא געזעסען אַ דאַרינקער אַ נעבעכדיגער בחור׳ל און האָט שטיל פאַר זיך מיט אַ וויינען, צאַרטען מעלאַנכאָלישען גמרא-ניגון געלערנט. דער בחור האָט זיך געשאָקעלט מיט׳ן גאַנצען קערפּער און נאָך איהם איז געשווינד, ווילד און פיבּריג נאָכגעלאָפען אויף דער וואַנד אַ ריזיגער שאָטען. די גאַנצע איבריגע טייל פון דער גרויסער הויכער שוהל איז פערזונקען געווען אין געדיכטער טונקעלקייט.

די בחורים, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען הלל, האָבען אויפגענומען דעם לעהרער שווייגענדיג, מיט דרך-ארץ, נאָר עטוואָס אומצוטרויליך און האָבען זיך געשווינד אויסגעזעצט אַרום דעם לאַנגען טיש. מירקין האָט אָנגעהויבען דערפון, וואָס ער האָט אויסגעטיילט אַ גרופּע פון דריי בחורים, וועלכע האָבען נאָך נישט געקענט די „אַזבוקע״. ער האָט זיי

דערלאַנגט אַ געדרוקטע און געשריבענע „אַזבוקע״, וואו אונטער יעדען אות איז געווען אונטערגעשריבען דאָס געהעריגע יודישע אות און די אויסשפּראַך דערפון. דערנאָך האָט מירקין זיך גע-װענדט צו די איבריגע בחורים, וועלכע האָבען שווייגענדיג, מיט דורשטיגען בייגיר געוואַרט וואָס ער וועט זיי זאָגען.

—איך האָב אייך היינט געבראַכט אַ ביכעל וועגען איינעם, זעהר אַ זעלטענעם מענשען. מ'האָט איהם גערופען לאָמאָנאָסאָוו... קודם כל וועל איך אייך דערצעהלען ווער עס איז געווען דער דאָזיגער לאָמאָנאָסאָוו...

און ער האָט זיי בקיצור דערצעהלט די ביאָגראַפיע פון לאָמאָנאָסאָוו'ן, אָבשטעלענדיג זיך באריכות אויף זיין ליידענ-שאַפטליכען דורשט נאָך וויסען און לעהרע, אויף זיינע ליידען און נויטען וועלכע איהם איז אויסגעקומען איבערצוטראָגען און וועלכע האָבען דאָך נישט געבראָכען זיין ווילען און ענערגיע.

די ערצעהלונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די ישיבה-בחורים.

—וואָס דען מיינסטו!... צווישען „זיי״ צווישען די „אומות העולם״ טרעפען זיך אויך אַזעלכע מענשען... וואוילע...—האָט איין ישיבה-בחור איינגערוימט דעם צווייטען.

—זייט אַזוי גוט,—האָט זיך אַ צווייטער ישיבה-בחור אונ-ענטשלאָסען אָנגערופען.—לאָמאָנאָסאָוו... דאָס איז נישט דער, וועלכער האָט אויסגעלערנט אַז די ערד דרעהט זיך?

—ניין.

—און ווי איז עס טאַקי אין דער אמת'ען?... ווי רעכענט איהר? זי דרעהט זיך טאַקי?—האָט נאָך איינער שוין דרייסטער, כמעט קריגעריש איבערגעפרעגט.

—די געלעהרטע זאָגען, אַז זי דרעהט זיך, האָט מירקין טרוקען און נישט גערן געענטפערט.

—ס'קומט דאָך אויס,—האָט דערזעבלער ישיבה-בחור אויס-געשריען היציג און מיט אַ ניגון,—אַז אַ חוץ דעם, וואָס דאָס איז סותר די תורה וואו עס שטעהט בפירוש: „והארץ לעולם עומדת״—איז עס נאָך אויך סותר דעם „דרך-הטבע״! וואָרים אויב

מיר זאָלען זאָגען     די ערד דרעהט זיך, פרעגט זיך דאָך אַ קשיא-א...

—וועגען דעם וועלען מיר אַ צווייט מאָל שמועסען, און איצט וועלען מיר לערנען.—האָט איהם מירקין איבערגעריסען.

ער האָט לאַנגזאַם און דייטליך איבערגעלערנט עטליכע זאַצען, האָט זיי וואָרט בוואָרט איבערגעזעצט אין יודיש און האָט עס געגעבען איין ישיבה-בחור נאָכ׳ן צווייטען צו לערנען און צו פערטייטשען. דערנאָך האָט ער ווייטער געלערנט און אויף אַזאַ אופן האָבען זיי דורכגעלערנט עטליכע זייטלעך. די לעקציע אַריטמעטיק איז פאָרגעקומען אויסשליסליך אין יודיש אַ חוץ נאָר די אַריטמעטישע טערמינען.

די ישיבה-בחורים זענען געבליבען צופרידען פונ׳ם אוראָק. בעזונדערס צופרידען איז געווען אייזערמאַן, וועלכער האָט זיך געלערנט מיט אַלע צוזאַמען.

—נו, וואָס? ווער איז גערעכט? ס׳איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבען?—האָט הלל, האַלב שעפּטשענדיג געפרעגט איינעם פון די ביי צוגעשטאַנענע ישיבה-בחורים.

—יאָ, דו האָסט רעכט געהאַט! איך בעדויער איצט זעהר, וואָס כ׳האָב זיך נאָך פריהער נישט אָנגעהויבען לערנען: כ׳וואָלט שוין ביז איצט פיל בעוויזען צו קענען,—האָט דער ישיבה-בחור בעדויערט.

—ווער האָט דען געקאָנט וויסען, וואָס ער לערנט,—האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופען.—איך האָב געמיינט, אַז ער לאָזט זיך אַריין אין חקירות וועגען גאָט, וועגען דער תורה און רעדט פערשידענע אפּיקורסישע רייד...

—ווייסט איהר גאָר וואָס? לאָמיר צוגעהן צום מתמיד און פּרובען איהם צוריידען, ער זאָל זיך אויך אָנהויבען לערנען,—האָט נאָך איינער פאָרגעשלאָגען.

עטליכע בחורים האָבען זיך אָבגערוקט און צוגעגאַנגען צום מתמיד.

—מענדעל!—זיי אַ מינוט מפסיק פון לערנען.

—האַ? וואָס?—האָט מענדעל דערשראָקען אויסגערופען און

האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף די ישיבה-בחורים.

—זיי אַ מינוט מפסיק פון לערנען. מיר ווילען דיר עפּעס זאָגען.

—אוי, לאָזט מיך צורוה! איך קאָן נישט איבעררייסען דעם ענין...

—בלויז נאָר צוויי ווערטער...

—וואָס „צוויי ווערטער״? ווען „צוויי ווערטער״? כ׳זאָג דאָך אייך, אַז כ׳האַלט אין מיטען אַנ׳ענין!—האָט ער אויסגעשריען, ווי ער וואָלט זיך אָבגעיאָגט פון אַנ׳אַיינגעגעסענער פליג.

—אַלזאָ, וועלען מיר צוואַרטען ביז דו וועסט ענדיגען דעם ענין.—האָבען די מסיתים בעשלאָסען.

זיי האָבען זיך אַרום איהם אַרומגעשטעלט נאָכקוקענדיג כסדר וואו ער האַלט און גלייך ווי ער האָט געענדיגט דעם ענין, האָבען זיי אויסגעשריען:

—נו, איצט האָסטו געענדיגט דעם ענין!

—ס׳טייטש: „געענדיגט דעם ענין״?—האָט מענדעל מיט תחנונים אין דער שטימע פראָטעסטירט. איך מוז היינט זעקס בלאַט גמרא דורכגעהן...

—וועסט נאָך בעווייזען!

—נו, וואָס ווילט איהר? זאָגט!...—האָט מענדעל זיך ענדליך בעשלאָסען.

—הער! מיר אַלע פערצעהן מאַן האָבען מיר זיך אָנגעהויבען לערנען די רוסישע שפּראַך...

—לערנט זשע זיך געזונטערהייד! לערנט זיך!—האָט מענדעל גלייכגילטיג איבערגעריסען, דערשראָקען כאַפּענדיג זיך צו דער גמרא.

—דו מוזט זיך אויך לערנען! הערסט! דו ביזט אַ חמור, אַ פרא אדם! היינטיגע צייטען מוז מען קענען רוסיש.

—איך וויל דאָס אָבער נישט! מיר איז דאָס אָבער נישט נויטיג!

—בעטראַכט זיך נאָר! גיב נאָר אַ קלער: דער ראש-ישיבה אַליין קען אויך רוסיש...

—אוי, געוואַלד! וואָס זענט איהר צו מיר צוגעשטאַנען!— האָט מענדעל וויינענדיג אויסגעשריען.—אוי-אוי-אוי! בעלמוטשעט מיך נישט! רייסט מיך נישט אָב פונ׳ם לערנען!.. האָט רחמנות! לאָזט מיך געמאַך!

—מיר וועלען דיך נישט אָבלאָזען, ביז דו וועסט נישט צוזאָגען!

—כ׳וויל נישט!... לאָזט מיך צורוה! איך וועל זיך בע-קלאָגען פאַר׳ן ראש-ישיבה!—האָט מענדעל מיט אַמאָל שאַרף און בייז אויסגערופען.

די ישיבה-בחורים האָבען זיך דערשראָקען.

—הער אויס,—האָט איינער פון זיי ווייכער גענומען ריי-דען. זעה אַליין, שוין זשע זענען מיר אַלע משוגע? שוין זשע זענען מיר אַלע אפיקורסים...

—כ׳זאָג נישט, אַז איהר זענט משוגע! כ׳זאָג נישט, אַז איהר זענט אפיקורסים! איהר ווילט זיך לערנען—לערנט זיך. איך האָב מיט אייך קיין שום עסקים נישט! „זאָלען אַלע פעל-קער רופען יעדער צו זיין גאָט און מיר וועלען צו אונזער גאָט דעם גרויסען רופען מעתה ועד עולם!״—האָט ער ענערגיש אויסגערופען און כהרף עין אָנגעהויבען מיט אַ ניגון אַ נייעם ענין.

—משוגע׳נער הונט!—האָט דער ישיבה-בחור וועלכער האָט מיט איהם איינגע׳טענה׳ט איהם צוגעוואָרפען מיט כעס און איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען. אַלע איבריגע זענען אויך אַוועק.

—ער וויל אפילו נישט אויסהערען, דער פרא-אדם!—האָ-בען זיי אויפגערעגט מיטגעטיילט מירקינ׳ען, וועלכער האָט פון דערווייטענס אויפמערקזאַם, נאָר אויסערליך רוהיג זיך איינגע-הערט אין זייער שמועס.

—ער וועט עלטער ווערען—וועט ער קלוגער ווערען!— האָט ער מיט אַ קאַלטבלוטיג שמייכעלע געענטפערט און איז צוזאַמען מיט אייזערמאַנ׳ען אַרויס פון קלויז.

אַ שטיקעל צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגענדיג, פערזונ-קען יעדער אין זיינע געדאַנקען.

ע!—האָט מירקין, נישט הויך, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט, אַרויסגעזאָגט.—ער איז אַ האַרטער בעל-דבר. נאָר איך וועל איהם איינברעכען!... איהר וועט זעהן.—האָט ער זיך גע-ווענדט צו אייזערמאַנען.—אין צוויי חדשים אַרום וועט דער דאָזיגער מתמיד לעזען ביי מיר „חטאת נעורים", איך גאַראַנטיר אייך דערפאַר!

—אָמן, הלואי!... האָט אייזערמאַן פערטראַכט מיט אַ רע-ליגיעזען ציטער אין דער שטים אָבגעענטפערט.

# כ

צומאָרגענס אינדערפריה איז אייזערמאַן אויפגעשטאַנען שפעט און האָט שוין געטראָפען מירקינ׳ען ביים סאַמאָוואַר מיט אַ ביכעל אין דער האַנד.

—ווי גוט עס איז זיך אויפצוכאַפּען אינדערפריה און נישט מוזען זיך גלייך כאַפּען צו די תפילין!—האָט אייזערמאַן לוסטיג אויסגעשריען.—ס׳ערשטע מאָל אין לעבען פיהל איך זיך אַזוי גוט ווי איצט!

מירקין האָט איהם אָבגעענטפערט מיט אַ שטיל שמייכעלע.

באַלד איז אולער געקומען און ער איז אַוועק מיט אייזער-מאַנען בעקוקען דאָס צימער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס צימער איז אַ קליין קעמערל מיט אַ פענסטערל אונטער׳ן סאַמע באַלקען, נאָר דער-פאַר האָט עס געהאַט עטליכע וויכטיגע מעלות: די בעל-הבית׳טע, אַן אָרימע זקנה, איז גאַנצע טעג נישט אין שטוב,—און דער קוואַרטיראַנט איז פטור פון אַן איבריג אויג, וואָס זאָל איהם נאָכקוקען אויף זיין אויפפיהרונג. די צווייטע מעלה איז בע-שטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט זיך געפינען מעבעל אין צי-מער: אַ קליין טישעל, אַ טאַבורעטקע און אַ לאַנגע ברייטע באַנק,

וועלכע האָט געקאָנט דינען פּאַר אַ בעט. די בעל-בית'טע האָט באַך צוגעגעבען אַ קישען און איבערצוג.

אייזערמאַן איז נתפּעל געוואָרען פון דעם דאָזיגען צימערל. ער האָט עס גלייך געדונגען, נישט דינגענדיג זיך, פּאַר זעכציג קאָפּ אַ חודש און האָט זיך טאַקי גלייך דאָרט בעזעצט. בלייבענדיג אַליין, איז ער אַ שטיקעל צייט געשטאַנען אין מיטען צימער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַליין איבערצייגען, אַז דאָס איז טאַקי זיין אייגענע דירה. דערנאָך האָט ער פּאַוואָלינקע פונאַנדערגעלעגט און אויסגעשטעלט אויפ'ן טיש אין אַ סימעטרישער אָרדנונג די ביכער, פּאַפּירען, די טינטאָרין, די פּעדער, די בליישטיפט און האָט עטליכע מינוט אָנגעקוואָלען קוקענדיג אויף דעם אַלעם פון דערווייטענס. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט גענומען אין האַנד דאָס ביכעל „חטאת נעורים" און האָט הויך און פייערליך אַרויסגעזאָגט:

—היינט הויב איך אָן אַ ניי לעבען! כ'שווער ביי אַלעם וואָס איז מיר טייער, אַז כ'וועל דאָס גאַנצע לעבען אָבגעבען דער לעהרע און כ'וועל נישט רוהען, ביז כ'וועל נישט דערגרייכען אַ הויכע מדרגה אין דער וויסענשאַפט! כ'שווער צו פיהרען אַ הייליגען קאַמף פאַר דער הייליגער השכלה! אָמן!

נאָך אָט דער פייערליכער שבועה, האָט ער זיך געזעצט צום טיש און האָט זיך פלייסיג גענומען צוגרייטען דעם אוראָק.

באַלד נאָך אייזערמאַנס אַוועקגעהן איז צו מירקינען אַריינגעקומען אַ דאַרער און שלאַנקער בחור, מיט דינע, נערוועזע בעזיכטס-שטריכען, מיט אַנ'אויסדרוק פון האַרטע און איינגעעקשנ'טע ענטשלאָסענקייט. ער איז פערהעלטניסמעסיג געווען גוט געקליידט, נאָר זיינע מלבושים ווי אויך זיין פּנים און די הענד זענען געווען פערשמירט אין סאַזשע. דאָס האָט אַזוי פיל נישט האַרמאָנירט מיט זיין גאַנצען אויסזעהן, אַז אין פלוג האָט מען געקאָנט קלערען, דאָס ער האָט זיך אויף קאַטאָוועס עפּעס אַזוי אויסגעשמירט.

ער איז אַריין מיט נערוועזע טריט, מיט אַנ'אויסדרוק פון

איינגעהאַלטענער אויפרעגונג און האָט שווייגענדיג דערלאַנגט מירקינ׳ען די האַנד.

—אָ, געווערמאַן! גוט, וואָס דו ביזט געקומען!—האָט זיך מירקין מיט איהם דערפרעהט.—מ׳דאַרף אַדורכשמועסען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין. איך האָב זיך ערשט נאָר וואָס געקליבען צו דיר...

געווערמאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און פונקט ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס מירקין רעדט, האָט ער נער-וועז גענומען בלעטערן אַ בוך.

—וואָס איז מיט דיר?—האָט מירקין אַ קוק טהוענדיג אויף איהם געפרעגט.—דו ביזט עפּעס אויפגערעגט.

—ס׳איז גאָרנישט!...—האָט געווערמאַן מיט אַ געדריקטער שטימע פון צווישען די צייהן אַרויסגערעדט. און שווייגענדיג אַ ווייל, האָט ער, בעמיהענדיג זיך צו ריידען רוהיג, צוגעגעבען:

—איך בין אַוועק פון דערהיים... איינגאַנצען אַוועק—און וועל שוין מעהר זיך נישט אומקעהרען דאָרט אַהין... כ׳וועל זיך קאָנען ביי דיר אויפהאַלטען עטליכע טעג, ביז איך וועל זיך איינאָרדנען?—האָט ער געשעפּטסמעסיג צוגעגעבען, כדי דערמיט צוצוגעבען זיינע ווערטער מעהר איבערצייגונג.

—געוויס... נאָר וואָס איז פאָרגעקומען?—האָט מירקין פערוואונדערט געפרעגט.

—עס איז דאָס געשעהן, איך האָב זיך צעקריגט מיט דער מוטער און האָב איהר מודיע געווען, אַז איך געה אַוועק פון שטוב שוין אויף אַלעמאָל-האָט געווערמאַן געענטפערט בע-טאָנענדיג יעדעס וואָרט און מיט אַ היציגער ענטשלאָסענקייט האָט ער צוגעגעבען:—און פערשאָלטען זאָל איך זיין, אויב איך וועל ווען עס איז איבערטרעטען די שוועל פון איהר שטוב!...

פערשטעהסטו מיך,—האָט ער אויפגערעגט גענומען ריידען, און אויפשפּרינגענדיג פון אָרט, האָט ער שנעל גענומען שפּרייזען איבער׳ן צימער,—זי האָט מיך שוין פשוט פערמאַטערט מיט איהרע נאַרישקייטען און זאַבאָבאָנעס! נאָר דערפאַר וואָס איך בין איהר בן-יחיד, נאָר דערפאַר וואָס זי שטאַמט פון פאַרשיווע

רבנים דאָרט, מוז איך טראָגען קייטען אויף זיך און מאַכען די פערשידענסטע נאַרישע צערעמאָניעס!... פריהער איז געווען אַ געשיכטע מיט די פאות, מיט געהן אין שוהל, מיט'ן דאַווענען. האָב איך איהר אָפען געזאָגט, אַז איך וויל נישט זיין קיין צבועק, כ'וויל נישט טראָגען קיין מאַסקע, אַז זי האָט קיין רעכט נישט מיר צו דיקטירען ווי אַזוי צו לעבען און ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען! איך זאָג דאָך איהר אויך גאָרנישט, ווען זי זיצט אָב צו פינף שעה איבער איהר נאַרישע צאנה-וראנה. זאָל זי זיך צו מיר אויך נישט מישען! הכלל, דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען אויסצוקעמפען: זי האָט אויפגעהערט פרעטענזיעס צו האָבען צו מיר, נאָר זי האָט מיר דעם טויט געמאַכט מיט איהרע שווייגענדיגע בליקען... נו, גוט!—האָט ער ווייטער, נאָך אַ קליינער פויזע גערעדט.—כ'בין אָנגעקומען צו אַ שמיד. כ'האָב דאָס געטהון נישט צוליב עפּעס אַ קאַפּריז, נאָר דערפאַר, ווייל איך האַלט דאָס פאַר ריכטיג. און זי וויל מיך בשום אופן נישט פערשטעהן!... פיזישע אַרבייט (ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע פערשמירטע הענד אין סאַזשע) איז די געבענטשסטע בעשעפטיגונג אין לעבען, נאָר פוילענצער און אידיאָטען פעררעטען עס... נאַטירליך מיין איך דאָ נישט דיך—האָט ער זיך פערכאַפּט—דו פערשטעהסט דאָס אַלץ אויסגעצייכענט און וועסט זיך געוויס אין קורצען נעהמען צו פיזישער אַרבייט... דאַרפסט אונבעדינגט אָנהויבען אַרבייטען!—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ טאָן פון אַן איבערצייגענדער בקשה.—אַלזאָ, אַזוי ווי כ'בין נאָר אַריינגעטראָטען צום שמיד, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד, טרעהרען, בקשות, מיט גוטען... נאַטירליך, אַז איך האָב אויף דעם אַלעם נישט געקוקט, איך האָב איהר קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז עס וועלען קיין שום תחנונים נישט העלפען. „אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל וואַרפען די אַרבייט ביים שמיד, האָב איך איהר געזאָגט, טאָ ווייז זשע מיר אויף, אַז אַרבייט איז אַ שאַנד פאַר אַ מענשען, אַז עס איז איידעלער צו לעבען ווי אַ פּוסטעפּאַסניק. דוכט זיך, קלאָרע דבורים! ענטפערט זי מיר דערויף: „זוהן מיינער, אין אונזער משפחה איז נאָך ביז היינט נישט געווען

קיין איין בעל-מלאכה, קיין איין אַרבייטער, פאַרוואָס זאָלסטו דער ערשטער בעפלעקען אונזער „גזע״? „טאָ ווייז זשע מיר אויף על פּי שכל, אַז דאָס איז אַ שאַנד!״—טענה איך צו איהר ווייטער.—„און אויב איך קאָן דיר נישט אויפווייזען? אויב איך האָב נישט קיין שכל, דאַרפסטו שוין אויף מיר קיין רחמנות נישט האָבען?״—זאָגט זי צו מיר. אַלזאָ, געה רייד מיט איהר!״ הכלל, זי האָט געזעהן, אַז זי קאָן מיט מיר גאָרנישט מאַכען, האָט זי זיך צו הילף גענומען איהר ברודער, מיין פעטער. ער איז אַ דין אין אַ קליין שטעדטעל און, נאַטירליך, געוואַלדיג פרום, ער קאָן זיך אפילו נישט פאָרשטעלען, ווי אַ יוד קאָן זיין נישט פרום, און ווען די מוטער האָט איהם דערצעהלט, אַז איך בין געוואָרען אַנ׳אפּיקורס האָט ער נאָר אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט „חס ושלום!״ דערנאָך האָט ער מיך אַ פרעג געטהון: „איז עס אמת, ברוך, אַז דו טראָגסט בײַ זיך אַ טיכעל אום שבת?״ און שמייכעלט אַליין בײַ דער פראַגע: ס׳גלויבט זיך דאָס איהם נישט. „און וואָס וואָלט איהר געזאָגט, פעטער—זאָג איך צו איהם—ווען איהר וואָלט געזעהן, אַז איך רויכער אום שבת?—האָט ער זיך צעלאַכט און געענטפערט: „וואָס איך וואָלט געזאָגט? כ׳וואָלט געזאָגט: אויב אַ יוד רויכערט—איז עס, הייסט עס, נישט שבת, נאָר אַ וואָכעדיגער טאָג...״ אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז די מאַמע האָט איהם אמת געזאָגט... ווייסטו וואָס ער האָט געטהון? ער האָט מיר גענומען איינריידען, כ׳זאָ׳ מיט איהם פאָהרען צום צדיק. „ער וועט נאָר איין האַלבע שעה ריידען מיט דיר—אַזוי וועסטו גלייך אַנ׳אַנדערער מענש ווערען!״—האָט ער מיר איינגערעדט.

געווערמאַן האָט נישט אויסגעהאַלטען דעם בייזען טאָן און האָט זיך צעלאַכט.

—אַזאַ אידיאָט!—האָט מירקין זיך אויך צעלאַכט.

געווערמאַן האָט פונדעסטוועגען נישט געוואָלט איבערגעהן אויף אַ מילדערן טאָן און האָט זיך געשווינד אומגעקעהרט צו דער פריהערדיגער איבערגעריסענער ערצעהלונג:

—הער זשע אויס, וואָס ס׳איז ווייטער געשעהן!.. , אַ וואָך אַרום האָט מיר זעליגאָוויטש געגעבען אַ „ברית חדשה״... דו האָסט עס שוין געלעזען?—האָט ער עטוואָס געהיימניספול געפרעגט.

—ניין...

—לעז עס אונבעדינגט דורך!—האָט געוועדמאַן בעפעהלעריש אויסגעשריען.—כ׳זאָג דיר, אַ נייע וועלט וועט זיך פאַר דיר עפענען לעזענדיג!... דאָס איז העכער פון פיסאַרעוו, העכער פאַר אַלעם!... אונזערע נאַרישע יודען, פרומע אידיאָטען פערשטעהען גאָרנישט!... הער אויס! דאָרט שטעהט אַזוי: אָ! וועה צו אייך, קנאים, וועלכע זיצען אין די בתי-כנסיות! אויף אַנדערע לעגט איהר אַרויף שווערע קייטען, און אַליין טהוט איהר אַלע זינד! איהר פאַלשע בעטריגער און צבועים!״... און נאָך פיל, פיל!... הכלל, האָב איך דאָס בוך געבראַכט אַהיים און געהאַלטען עס אָפען, נישט בעהאַלטען, קיין מאַנסלייט איז ביי אונז אין שטוב אויסער מיר, נישטאָ און די מוטער פערשטעהט נישט קיין לשון-קודש. נאָר ווען דער פעטער איז געקומען צופאָהרען, האָב איך גאָר פערגעסען וועגען ביכעל... נו, נו, האָט זיך עס אָבגעשפילט אַ געשיכטע! הײנט אינדערפריה בין איך אַוועק אין שמידעריי, ווי געוועהנליך, פיער אַ זייגער פאַרטאָג. אַרום עלף גערה איך אַהיים פריהשטיגען. פלוצלינג זעה איך—מיין שוועסטערל לויפט מיר אַנטקעגען מיט אַ שרעקליכען אויסזעהן. כ׳האָב זיך זעהר דערשראָקען און פרעג זי: וואָס האָט געטראָפען? האָט זי מיר דערצעהלט אָט וואָס: אינדערפריה נאָכ׳ן דאַוונען איז דער פעטער אַריין צו מיר אין צימער. פלוצלינג האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ געשריי: „אוי-וויי!! אסתר!! קום נאָר גיכער אַריין!!״ די מוטער האָט זיך זעהר דערשראָקען און איז אַריינגעלאָפען. דאָס שוועסטערל נאָך איהר. זיי קומען אַריין, דערזעהען זיי: דער פעטער שטעהט אין מיטען צימער בלייך ווי די וואַנד און ביי זיינע פיס ליגט אַ ביכעל. „פון וואַנען קומט צו דיר אין הויז דאָס ביכעל?״—פרעגט ער אין שרעק. די מוטער פערשטעהט גאָרנישט אין וואָס דאָ געהט.

נאָר פיהלען, פיהלט זי, אַז עס איז עפּעס שרעקליכס דאָ גע-
שעהן. און דער פעטער רעדט ווייטער: ווייסטו, וואָס דאָס איז
פאַר אַ ביכעל? וועגען „יאָסעל פּאַנדרע״! דאָס לייענט מען, אַז
מען האַלט זיך ביי שמד׳ן!...״ די מוטער איז שיער נישט גע-
פאַלען אין חלשות. דאָס ביכעל האָבען זיי גלייך אַריינגעוואָר-
פען אין פייער און דער פעטער איז אַוועקגעלאָפען צום רבי׳ן...
דאָס אַלץ האָט מיר דאָס שוועסטערל דערצעהלט אויף דער גאַס.
הערענדיג די געשיכטע בין איך בייז געוואָרען. נו, טראַכט איך
מיר, כ׳וועל שוין פון זיי כאַפּען, נאָר זיי וועלען זיך פון מיר
אויך נישט געגאַרען! כ׳בין אַריין אין שטוב. כ׳וואַרט, די מו-
טער זאָל זיך אויף מיר וואַרפען מיט געשרייען און זידלערייען.
אָנשטאָט דעם אָבער זעה איך—זי זיצט ביים טיש מיט אַנ׳-
אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט אַראָבגעלאָזטע הענד, ווי אַ דערשלאָ-
גענע. ווען כ׳בין אַריינגעקומען, האָט זי לאַנגזאַם אויפגעהויבען
דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטהון אויף מיר מיט אַ טריבען בליק
און האָט ווי נישט מיט איהר שטימע, שטיל און אונהיימליך,
ווי מ׳רעדט וועגען אַ מת אַרויסגעשעפּטשעט: „אוי, ברוך, ברוך...
וואָס האָסטו געטהון״... מעהר נישט... עס האָט זיך ביי מיר
פון די ווערטער אין האַרצען אָבגערוסען! איך האָב געפיהלט,
אַז כ׳ווער דערשטיקט פון כעס און פון ביטערניש; און אויסער
זיך פון כעס האָב איך אויסגעשריען: „פערשאָלטען זאָל איך
זיין, אויב איך וועל ווען עס איז נאָך דיין שוועל איבערטרעטען!
כ׳געזעגען דיך אויף אייביג!!״ כ׳האָב אַ קלאַפּ געטהון מיט דע-
טהיר און בין אַוועק!...

ענדיגענדיג די ערצעהלונג, האָט געוועדמאַן טיף אָבגע-
זיפצט און נערוועז גענומען שפּרייזען איבער׳ן צימער?

מירקין האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיין חבר. די ער-
צעהלונג האָט איהם געריהרט. ער האָט דערפיהלט אַ געוואַלדי-
גען רחמנות צו געוועדמאַנס מוטער, וועלכע ער האָט גוט געקענט
און וועלכע ער האָט אויפריכטיג האָלד געהאַט; נאָר דאָס דאָזיגע
געפיהל איז באַלד דערשטיקט געוואָרען, דורך אַ געפיהל פון כעס

געגען געווערמאַנס פעטער—דעם פאָרשטעהער פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם.

נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זיך מירקין אויפגעהויבען און האָט האַרט און ענטשלאָסען געזאָגט:

—האַסט זעהר קלוג געטהון! מ׳דאַרף איינמאָל פאַר אַלע מאָל איבערייסען מיט׳ן אַלטען לעבען אַוועקגעהן דערפון און אָנהויבען אַ נייע לעבען! מ׳דאַרף פערענדיגען מיט די אַלע פע-טערס און מוהמעס, מיט זייער צושטעהן און טאָטשען די נשמה! אַנ׳עקן!... פערשטעהסט זיך, ס׳איז אַ רחמנות אויף דער מוטער...

—ס׳איז נישט קיין רחמנות!—האָט געווערמאַן האַרט און גלייכגילטיג מיט אַנ׳אונגעוועהנליכען טאָן אויסגעשריען.

—ניין, אַ רחמנות... זי איז דאָך אַ מוטער! וואָס איז זי דען שולדיג...—האָט מירקין ווייך אָנגעהויבען.—נאָר מ׳טאָר נישט קוקען דערויף. זי וועט זיך אויסוויינען, אויסקלאָגען און וועט זיך סוף כל סוף צוגעוועהנען צו דעם אויך!

—פערשטעהסט זיך!—האָט געווערמאַן איבערצייגענד איינגע-שטימט. נו, כ׳בין געוואַלדיג צופרידען וואָס דו ביזט מסכים מיט מיין שריט. דערמאָהן זיך נאָר,—האָט ער פרעהליך אויס-געשריען.—איך וועל זיין אינגאַנצען פריי! אָהן מצוות, אָהן צע-רעמאָניעס, אָהן די מיטאָגען און וויעטשערעס צו דער בעשטימ-טער צייט—גאָרנישט!...

# כא

אַ ישיבה-בחור, איינער פון מירקינס שילער אין קלויז איז אַריינגעקומען און וואַרפענדיג אַ בליק אויף געווערמאַנען האָט ער מירקינען דערלאַנגט אַ צעטעל שטיל אַ מורמעל טהוענדיג: „פון הלל׳ן" און איז געשווינד אַרויס.

אין בריוועלע איז געווען עטליכע ווערטער:

„זי איז מסכים. מאָרגען נאָך מיטאָג וועט זי זיין וואו מ׳דאַרף. נעהמט זי צו דער אַרבייט".

איבערלעזענדיג דאָס בריוועלע האָט מירקין איבערגעגעבען

געווערמאַנען בפּרטות דעם פּלאַן וועגען מקדש זיין די בעריאַ-שעווא.

—אויסגעצייכענט!—האָט געווערמאַן אויסגעשריען—אָט אַזוי דאַרף מען טהוען! איך נעהם אויף זיך אַלעס צו ערלעדיגען. איך וועל זי מקדש זיין.

—וואָס רעדסטו! דיך קען דאָך דער אַלטער בעריאַשעוו און אַזוי ווי דו וועסט נאָר אַריינקומען אין קלייט, וועט ער זיך באַלד אָנשטויסען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיג... אסתּר געווערמאַנס זוהן געהט פּלוצלינג אַליין קויפען אַ האַלז-טיכעל, צי זאָקען...

—און זאָל ער זיך אָנשטויסען! איידער ער וועט זיך כאַפּען וועגען עפּעס, וועל איך אַלץ בעוויזען אָבצוטהון.

—ניין! עקשן זיך נישט אַיין! וועסט נאָך אַלץ קאַליע מאַכען!—האָט מירקין אויסגערופען. אויב ס'וועט נויטיג זיין, וועסטו מיט עפּעס אַנדערש בעהילפיג זיין... איך געה גלייך אין „עיר-מקלט". אין אָוועגד וועל איך אַריין צו קאַפּלונער'ן. זוען וועסט ענדיגען דיין אַרבייט, זאָלסטו אויך אַהינקומען...

—גוט!—האָט געווערמאַן איינגעשטימט און געזעגענדיג זיך מיט מירקין'ען, האָט ער איבערגעפרעגט:

—זאָגסט, אַז כ'האָב גוט געטהון, געגצליך איבעררייסענ-דיג מיט דער מוטער? האַ?

—געוויס!—האָט מירקין קאַטעגאָריש געענטפערט.

נישט קוקענדיג אָבער אויף דעם זיכערן טאָן, האָט מיר-קין זיך דאָך נישט געקאָנט בעפרייען פון דעם שווערען און פּרעסענדען געפיהל, און נאָך געווערמאַנס אַוועקגעהן, איז ער לאַנג אַרומגעגאַנגען אויפגערעגט איבער'ן צימער, בעמיהענדיג זיך אַליין איבערצייגען אַז זיין יונגער חבר האָט גוט געטהון: דער מענש מוז דאָך זיין פריי און קיינער האָט נישט קיין רעכט איהם מיט געוואַלד צו נויטען צו לעבען און פיהרען זיך נישט ווי ער וויל און רעכענט פאַר גוט! דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג! קלאָר איז אויך, אַז ס'איז נויטיג איבערצורייסען מ'ט'ן אַלטען און אָנהויבען אַ נייע, פערנינפטיג פריי לעבען...

נאָר פאַר זיינע אויגען איז כסדר געשטאַנען געווערמאַנס מו־טער, אַ נעבעכדיגע, אַ דערשלאָגענע, און זיין האַרץ האָט זיך, נישט קוקענדיג אויף אַלע לאָגישע בעווייזען, שמערצליך צונויפ־געפּרעסט פון רחמנות.

געווערמאַנס מוטער, וועלכע איז פריה געוואָרען אַנ׳־אלמנה, האָט זיך גערעכענט פאַר אַ בכבוד׳יגע און פערמעגליכע בעל-הבית׳טע. זי האָט זיך פערנומען מיט וואוילטעטיגע זאַכען און איז בעריהמט געווען אין איהר סביבה אַלס אַ זעהר גוטע פרוי. זי האָט זיך געשפּיגעלט אין איהר איינציגען זוהן און האָט געטרוימט ער זאָל זיין אַ גרויסער רב. ווען ער איז „קאַ־ליע געוואָרען" און געוואָרען אַנ׳אפּיקורס, האָט זי דאָס צוגע־שריבען דער ווירקונג פון זיינע נייע חברים. אונטער די אויגען האָט זי זיי בעזידעלט און געשאָלטען און אויך געדראָהט, אַז זי וועט זיי אַרויסיאָגען פון איהר הויז, אָבער בעגעגענדיג זיי, איז נישט נאָר וואָס זי איז זיך נישט מיט זיי שאַרף בעגאַנגען, נאָר זי האָט נאָך וועמען פון זיי אויך פערבעטען צו מיטאָג, און טיילמאָל, פערגעסענדיג וועגען זייער אפּיקורסות האָט זי זיך צו זיי בעצויגען מיט מוטערליכער ליבע, זיי פאָרגעוואָרפען, וואָס זיי שאַנעווען נישט דאָס געזונד, האָט זיי געגויט אַרום־צוויקלען דעם האַלז, אויב זיי זענען אַוועקגעגאַנגען ביינאַכט אין אַ שלעכט וועטער. בעזונדערס וואַרים האָט זי זיך בעצוי־גען צו מירקינ׳ען, כאָטש ביי זיך אין האַרצען האָט זי איהם גערעכענט אַלס דעם הויפּט-שולדיגען אין איהר זוהנס „קאַליע ווערען". מירקין האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַלס דער סאָליד־סטער פון דער גאַנצער חברה און ווען זי איז אַמאָל געווען אויפגערעגט צוליב עפּעס אַ געזעלשאַפטליכער אומגערעכטיגקייט, האָט זי זיך מיט איהם געטיילט אין איהר אויפרעגונג, פיהלענ־דיג אינסטינקטיוו, אַז ער וועט זי בעסער פערשטעהן ווי אַלע אַנדערע פון איהרע בעקאַנטע. אַזעלכע שמועסען פלעגט זי געוועהנליך אַזוי אָנהויבען:

—„איהר האָט דאָך נאָר ליב דעם אמת—וועל איך אייך

טאַקי דערצעהלען וועגען אַ שרעקליכער נבלה צוליב וועלכער „ס׳בלוט קאָכט אין מיר אויף“.

און דאָס פלעגט זי דערצעהלען וועגען עפּעס אַ געוואַלדטהאַט איבער שוואַכע מצד שטאַרקע און רייכע. מירקין האָט זי פערשטאַנען, האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע איינצעלהייטען און האָט זיך אויך אויפגערעגט. אָבער אָט אין אַזאַ אידיליע פלעגט שטענדיג געווערמאַן אַריינפּאַלען מיט אַ שאַרפער בעבערקונג:

—אָבער די אַלע בלוטזויגער, וועגען וועלכע דו דערצעהלסט, זענען דאָך אַלע פרומע יודען! אַלע זענען זיי אַזעלכע! דער סאַמע צדיק דיינער—איז אַ גנב, אַ מערדער, אַ צבועק!

אין אַלגעמײן איז מירקין געווען האַרציג צוגעבונדען צו געווערמאַנס מוטער און איצט איז זי איהם ערנסט טיף אַ שאָד געוועז.

—נו, ס׳מאַכט נישט!—האָט ער פּלוצלינג צו זיך אַליין אויסגעשריען.—אַ שאָד, נישט אַ שאָד—נישט אין דעם געהט עס! געווערמאַן האָט געטהון אַזוי ווי ס׳איז נויטיג געוועזן!

אין „עיר-מקלט“ האָט מירקין צוזאַמען מיט אַלע חברים געלאַסען בעטראַכט אַלע פּרטים פון „מקדש זיין“. אולער איז בעשטימט געוואָרען ער זאָל נאָכשפּירען, ווען סאָניע וועט קומען אין קלייט אַריין און זאָל עס גלייך צו וויסען טהוען קאָרנבלאַט׳ן און ציפּאָרינען, וועלכע וועלען איהם אָבוואַרטען נישט ווייט אין שטאָדט-גערטעל. זיי ווידער וועלען אַריינגעהן, וועלען פערלאַנגען ליינוואַנד אויף אַ העמד און אַזוינאָך דערווייל פערהאַלטען נעבען זיך די אַלטע בעריאַשעווס. דאַן זאָל אַריין פּייעוויטש, וועלכער זאָל זיך הייסען געבען אַ האַלזטיכעל און נישט דינגענדיג זיך, וועט ער סאָניען דערלאַנגען אַ זילבערנע מטבע אין האַנד אַריין און הויך אַרויסריידען דעם „הרי את“. נאָכדעם וועט פּייעוויטש רוהיג מעלדען דעם אַלטען: „איצט איז אייער טאָכטער—מיין ווייב. איך האָב זי מקדש געווען פאַר צוויי עדות. און וועגען איבריגען וועל איך אייך

מאָרגען צושיקען אַ בריוועל״. דערנאָך וועלען זיי אַלע צוזאַמען אַרויס פון קראָם.

## כב

ווען מירקין איז אַהיימגעקומען, האָט איהם זיין בעל-הבית׳טע, אַ דיקע, נידריגע פרוי מיט אַנ׳ענערגיש אָבגעבּרענט געזיכט פון אַ מאַרק-זיצערין, בּעגעגענט אין טהיר און האָט בּייז און הייזעריג אַרויסגעוואָרטשעט:

—עפּעס אַ משלחת איז דאָ געווען זיך פרעגען אויף דיר!

—וואָס פאַר איינע?

—עפּעס אַנ׳אַלטע יודענע,—האָט די אַלטע דערקלערט.—צוויי מאָל איז זי שוין געווען.

—מסתּמא דעם שוסטערס ווייב.—האָט זיך מירקין אַ קלער געטהון, דערמאהנענדיג זיך, אַז ער איז שולדיג דעם שוסטער עפּעס קליין-געלד.

שטעלענדיג דעם סאַמאָוואַר, האָט ער זיך גענומען עסען בּרויט מיט טהיי—זיין געוועהנליך מיטאָג. ער האָט נישט בּעוויזען צו ענדיגען, ווי אין צימער איז אַריינגעקומען אַנ׳עלטערע פרוי, פערהילט אין אַ גרויס טיכעל, אַנ׳איינגעהויקערטע, אַ דערשלאָגענע. זי האָט נישט דרייסט געעפענט די טהיר און אַריינקומענדיג האָט זי מיט אַ געבּראָכענער שטים אַרויסגערעדט:

—גוט מאָרגען, מירקין...

דערזעהענדיג פאַר זיך געוועזענעם מוטער, איז מירקין צעטומעלט געוואָרען, אָבער ער האָט זיך בּאַלד בּעהערשט און האָט זיך שוויינענדיג אויפגעהויבען איהר אַנטקעגען.

—איך בּין געקומען צו אייך—האָט זי, אַרומקוקענדיג זיך מיט אַ טריבּען בּליק איבּער׳ן צימער, געזאָגט.—כ׳בּין געקומען צו אייך זעהן, צי מיין בּרוך איז נישטאָ בּיי אייך...

—ער איז דאָ נישטאָ.

—וואו זשע איז ער?—האָט די פרוי געפרעגט, קוקענדיג מיט געבעט אויף מירקינ'ען.

מירקין האָט געקוקט אַראָב אויף דער ערד און גאָרנישט געענטפערט.

—ער איז דאָך געוועזן ביי אייך? איהר ווייסט דאָך גוט, אַז ער איז אַוועק פון מיר?—האָט זי אויסגעשריען בעטענדיג זיך און אין איהר שטים האָט זיך געהערט טרעהרען.

—יאָ, כ'ווייס!—האָט מירקין הערט און ענטשלאָסען גע-ענטפערט.

—מירקין! האָט רחמנות אויף מיר! זאָגט מיר וואו איז ער? וואוהין איז ער אַוועק? וואָס וויל ער טהוען?... דערבאַ-רימט אייך און זאָגט מיר!...—און זי האָט אין פערצווייפלונג פונאַנדערגעשפרייט די הענד, ווי אַ מענש וואָס ס'פערפעהלט איהם אָטעם.

—איך ווייס דאָך אָבער באמת נישט, וואָס ער האָט בדעה צו טהון...—האָט מירקין געענטפערט, פערלירענדיג זיך עטוואָס.—ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז איהר...

—נישט איך, נאָר ער!—האָט די אַלטע אויסגעשריען.—איך האָב איהם קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווי כ'בין אַ יודישע טאָכטער! און ער האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט דער טהיר און איז אַנטלאָפען! ער איז אַנטלאָפען שמד'ן זיך!!!—האָט זי פּלוצלינג אַרויסגעיאָמערט.

—וואָס רעדט איהר!—האָט מירקין דערשראָקען אויסגע-רופען.

—וואָס איך רייד? כ'רייד, וואָס מיין אָנגעוועהטאָגט האַרץ הייסט מיך ריידען!... ער איז אַנטלאָפען שמד'ן זיך—און אין אַלעם, אין אַלעם זענט איהר, מירקין, שולדיג! איהר—זיין לעהרער און מדריך, איהר האָט איהם צו אַלעם דעם דער-פיהרט!—האָט זי אויסגעלאָזט מיט טיפער פערביטערונג, נאָר אָהן דעם מינדסטען כעס און אפילו אָהן פאָרוואורף.

—הערט מיך אויס, אסתר!—האָט מירקין מיט האַרץ גע-רעדט.—גאָט ווייסט אייך, וואָס אייך פאַלט איין צו ריידען. ווער

האָט אייך דען געזאָגט, אַז ברוך וויל זיך שמד׳ן?

—אוי, כ׳ווייס וואָס כ׳רייד, כ׳בין נישט משוגע, מירקין!.. כ׳ווייס אַלעס! ער האָט שוין ביי זיך געהאַט דאָס דאָזיגע ביכעלע, דאָס ביכעלע!—האָט זי אויסגעלאָזט מיט אַ וויינענדיגען ניגון, ווי מ׳וויינט איבער אַ טויטען.

איצט האָט מירקין שוין פערשטאַנען אין וואָס עס געהט. צוליב דעם „ברית חדשה" וואָס מ׳האָט געפינען ביי ברוכ׳ן, דרינגט זי, אַז איהר זוהן קלויבט זיך שמד׳ן.

—הערט אויס!-האָט מירקין כמעט פרעהליך אויסגעשריען.—איהר זייט זיך שרעקליך טועה...

—אוי, מירקין, טרייסט מיך נישט, רעדט מיר נישט איין!—האָט איהם אסתר איבערגעריסען.—כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז מיין זוהן קלויבט זיך שמד׳ן!... מירקין!!—האָט זי מיט הייסע טרעהרען און געבעטע אויסגערופען.-דערבאַרימט אייך איבער מיר! איהר האָט דאָך אַ גוט האַרץ... האָט רחמנות און קעהרט מיר איהם צוריק!... מירקין! איך וועל אייך די פיס קושען, איך וועל אייער אייביגער בעל חוב זיין, נאָר גיט מיר צוריק מיין איינציגען זוהן!

און זי האָט זיך ביטער צעוויינט.

מירקין איז געשטאַנען אינגאַנצען אַ פערלוירענער, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון און ווי אַזוי איבערצוצייגען די אומגליקליכע פרוי, אַז זי האָט אַ טעות. ער האָט זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און פונאַנדערשפרייטענדיג מיט די הענד, האָט ער אַלץ אינאיינעם געזאָגט:

—אסתר, הערט מיך אויס! כ׳פערזיכער אייך...

ווען מ׳זאָל זיך אַזוי בעטען ביי אַ גזלן, וואָלט ער דאָך אויך שוין רחמנות געקריגען!—האָט זי ווייטער גערעדט מיט געוויין, נישט הערענדיג אפילו מירקינ׳ען.—זאָגט, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטהון? זאָגט, פאַרוואָס מאַכט איהר מיך אומגליקליך? פאַרוואָס נעהמט איהר ביי מיר צו מיין איין און איינציגען זוהן? מירקין! איהר האָט דאָך אויך אַ מוטער, איהר זייט דאָך אויך נישט פון קיין שטיין געבוירען...

—אויב איהר ווילט מיט מיר ריידען, טאָ זאָלט איהר הערען, וואָס כ׳וויל אייך זאָגען!—האָט מירקין פלוצלינג הויך און בעפעהלענד אויסגעשריען, ציטערענדיג אינגאַנצען פון אויפרעגונג. זעצט זיך און הערכט!

מירקינס בעפעהלענדער טאָן האָט גלייך געווירקט אויף אסתר׳ן. זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך אונטערטעניג אַראָבגעלאָזט אויף דער שטוהל.

—הערט!—האָט מירקין גענומען ריידען, בעטאָנענדיג יעדעס וואָרט:—שוין נישט דעם ערשטען טאָג קענט איהר מיך. איהר ווייסט, אַז איך קען נישט זאָגען קיין ליגען, נישט מאַסקירען זיך. אַלזאָ, שווער איך אייך, אַז ברוך האָט כלל נישט אין זינען צו שמד׳ן זיך! ווען איהם זאָל איינפאַלען אַזאַ משוגע׳נער געדאַנק—וואָלט איך דער ערשטער איהם נישט דערלאָזט דערצו!

מירקינס רייד האָבען געווירקט אויף אסתר׳ן. זי האָט אויפגעהערט צו וויינען, נאָר דער אויסדרוק פון שרעק איז נאָך נישט אַראָב פון איהר געזיכט.

—אָבער דאָס ביכעל, דאָס ביכעל!—האָט זי פערצווייפעלט גע׳טענה׳ט.

—וואו קומט דאָ אַהער דאָס ביכעל? נישט איהר, נישט אייער ברודער פערשטעהט דאָ גאָרנישט! ווייסט איהר, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכעל?

—פון וואַנען זאָל איך וויסען? וואָס קאָן איך וויסען? דער ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ביכעל וועגען... „יאָסקע פאַנדרע״!...

—נו, איז וועגען „יאָסעל״! איז דעריבער? דאָרט בעשרייבט זיך ווי אַזוי עס האָט געלעבט און וואָס עס האָט געלערנט יעזוס קריסטוס...

—און דאָס איז נאָך ווייניג?...

—איהר זייט דאָך אַ קלוגע פרוי!—האָט מירקין צו איהר ווייך נאָר פעסט גערעדט.—שטעלט אייך פאָר, אַז איהר האָט זיך געטראָפען מיט אייערס אַ בעקאַנטען רוס און ער דער-

צעהלט איך וועגען זיין אמונה, נו, וועט איהר גלייך לויפען זיך שמד׳ן? און וואס פאר א חילוק איז ערשט צווישען א בי־כעל און א מונדליכען שמועס?

—אבער נאך וואס, נאך וואס דארפט ער עס לעזען?

—צוליב דעם כדי צו וויסען אין וואס אנדערע גלויבען—האט מירקין איבערצייגענד געענטפערט.—איך איז דאך גוט בעקאנט, אז מיר ווילען אלץ וויסען, פשוט אלץ. ווילען מיר דאס אויך וויסען...

—איהר ווילט צו פיל וויסען!—האט זי טיף אבגעקרעכצט אבער שוין אהן דער פריהערדיגער פערצווייפלונג.—א מענש דארף נישט צו פיל וויסען, אז נישט, פערלירט ער דעם וועג און ווייסט נישט וואוהין זיך צו ווענדען,—האט זי צוגעגעבען ווי צו זיך אליין.—אבער דאך, וואו קאן ברוך זיין?—האט זי זיך דערמאהנט וועגען זוהן.

—ער איז אוועק צו דער ארבייט אין שמידעריי.

—נו, ווי געפעלט איך אזא מעשה?—האט אסתר ערשטוינט אויסגעשריען.—איך בין דאך ארומגעלאפען צו אלע זיינע בע־קאנטע און געהן אין שמידעריי האב איך גאר פערגעסען!

און שווייגענדיג א ווילע האט זי מיט פערביטערונג צו־געגעבען:

—און טאקי דידאזיגע געשיכטע מיט דער שמידעריי... כ׳פרעג איך: צו וואס טויג עס איהם?

—דאס איז שוין זיין זאך!—האט מירקין אבגעהאקט.

—פערשטעהט זיך, אז דאס איז זיין זאך. ווער זאגט דען, אז דאס איז נישט זיין זאך?... נאר זאגט מיר, כ׳בעט איך, וואס בין איך דאך שולדיג, אז כ׳בין א מוטער און וואס מיר טהוט דאס הארץ וועה פאר איהם?... פון דער העלער הויט, מ׳ווייסט נישט וואס, מ׳ווייסט נישט ווען, נעהמט ער און טהוט זיך אן א פארטוך און הויבט אן ארבייטען אין א קוזניע... אזא שוואכער ווי ער איז ארבייט אזוי שווער, שטעהט אויף דריי ביינאכט... ווי זשע זאל מיר דאס הארץ נישט וועה טהון? אמת, אז איך בין א פשוט׳ע פרוי, א נארישע יודענע, אבער איך

קאָן דאָך פאָרט נישט צוזעהן ווי מיין איין און איינציגער זוהן מאַכט פון זיך לייטישע געלעכטער! אין אונזער משפחה איז ביז היינט נאָך נישט געווען קיין איין בעל-מלאכה...

—הערט, אסתר, וואָס איך וועל אייך זאָגען—האָט מירקין צו איהר געזאָגט.—איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז אייך איז שווער שלום צו מאַכען מיט אָט דעם אַלעם. אָבער איהר מוזט דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך בעטראַכטען, אַז איהר האָט זיך געפיהרט אויף אייער שטייגער און מיר ווילען אַנדערש לעבען. מיר דענקען, אַז יעדער מענש האָט דאָס רעכט איינצואָרדענען זיין אייגען לעבען אַזוי ווי איהם געפעלט, און קיינער דאַרף איהם נישט שטערען...

—אפילו אַנ'אייגענע מוטער נישט?...

—אפילו אַנ'אייגענע מוטער! דער מענש דאַרף זיין אינ-גאַנצען פריי!

—נו, און ווען מיין ברוך, גאָט בעהיט! זאָל אַזוי זיך פערגלוסטען גנב'נען, אָדער שיכור'ן? וואָלט איך, לויט אייער מיינונג, אויך בעדאַרפען שווייגען? „טהו דיר, זוהנעניו, וואָס דו ווילסטו!” האַ?

—וואָס פאַר אַ משל איז עס!—האָט מירקין בייז אויסגע-שריען.—פערשטעהט איהר דען נישט...

—אוי, מיין טייערער, כ'פערשטעה!—האָט אסתר איהם אי-בערגעריסען.—כ'פערשטעה נאָך אפשר מעהר, ווי איהר רעכענט. כ'ווייס, אַז איהר האָט אַלע גאָלדענע הערצער, אַז איהר זייט גרייט אַוועקצוגעבען דאָס לעצטע העמד פון זיך אַראָב, אַז איהר האָט פיל מעהר יושר אין האַרצען ווי ביי פיל פרומע יודען... אָבער וואָס זאָל איך טהוען, אַז איך בין אַ פראָסטע יודענע און גלויב, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל און ער שטראָפט פאַר זינד? וואָס זאָל איך טהוען אַז איך גלויב, דאָס ער האָט אַזוי גוט פערבאָטען צו גנב'ענען ווי צו רויכערן אום שבת?...

—זאָל זיך יעדער גלויבען, ווי אַזוי ער וויל—האָט מיר-קין ווייטער געזאָגט.

—און איך שטער דען וועמען? איך זאָג דען ברוכ'ן אַ וואָרט, ווען ער געהט נישט אין שוהל און דאַוונט נישט! איך זאָג דאָך איהם שוין גאָרנישט, איך בין שטום, ווי אַ פיש און טראָג מיין וועהטאָג אין האַרץ שווייגענדיג... אָך-אָך-אָך!

זי האָט אויסגעווישט די אויגען מיט דער האַנד און האָט זיך געווענדט צו מירקינ'ען מיט אַ געבעט:

—מירקין! כ'בעט אייך תחנונים, רעדט איהם צו ער זאָל זיך אומקעהרען אַהיים! איך וועל איהם לאָזען טהוען אַלץ וואָס ער וויל. כ'שווער אייך, אַז נישט וואָס כ'וועל איהם גאָרנישט זאָגען, נאָר כ'וועל זיך אפילו בעמיהען צו מאַכען אַ פרעהליך, צופרידען פנים... וואָס קאָן איך נאָך טהוען!—האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.—אַבי ער זאָל זיך אומקעהרען אַהיים!... מירקין! אייך האָרכט ער דאָך... מיין ברודער פאָהרט אויך היינט אַוועק!—האָט זי צוגעגעבען.—וואָס נאָך דאַרף מען?

מירקין איז געשטאַנען ערנסט אין פענסטער און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז עס וועט געווערמאַנען קיין שום שלעכטס נישט געשעהן, אַז ער וועט זיך אומקעהרען אַהיים, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו נעהמען אויף זיך דעם בעשלוס אין דער זאַך. עס קאָן דאָך נאָך אַרויסקומען „אַ דרוק אויף דער פערזענליכקייט" און אויף די פרייע שטרעמונגען פון זיין חבר...

—צו ווירקען אויף ברוכ'ן נעהם איך זיך נישט אונטער.—האָט ער קאַטעגאָריש געענטפערט.—ס'איינציגע, וואָס איך קאָן טהון, איז איבערגעבען איהם אייער צוזאָג: צו לאָזען איהם די פולע פרייהייט. און ס'איבריגע זאָל ער שוין אַליין בעשליסען.. נאָר אייך וועל איך אָט וואָס זאָגען: אויב ער וועט נישט וועלען זיך אומקעהרען אַהיים... יעדענפאַלס גלייך איצט, זאָלט איהר נישט שטאַרק צושטעהן... עס וועט בעסער זיין אי פאַר אייך, אי פאַר איהם. גלויבט מיר! און זאָרגט אייך נישט אַזוי פאַר זיין געזונד, אָט לעבען מיר דאָך אויך נישט ביי די עלטערן...

—איהר לעבט... אויך אַ לעבען...—האָט אסתר אָבזיפצענ-

דיג געזאָגט און אַרומגעקוקט זיך איבער'ן צימער.—נאָר פער־פאַלען! ווי זאָגט מען עס: „אַז מ'קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער"... כ'וועל אייך פאָלגען... און קודם כל אַ האַרציגען דאַנק אייך—האָט זי אויסגעלאָזט אויפהויבענדיג זיך פון בענ־קעל.—ווי די מעשה זאָל נישט זיין, נאָר איהר האָט מיר אַראָב־גענומען אַ שטיין פון האַרצען. איך בין דאָך דאָ אַהער געלאָ־פען ווי אַ משוגע'נע... איצט זעה איך אַליין, אַז מיין שרעק איז געווען אַנ'אומזיסטע...

געזעגענדיג זיך איז זי צוגעגאַנגען צו דער טהיר, אָבער די איז געבליבען שטעהן:

—כ'האָב אייך געוואָלט נאָך עפּעס בעטען...—האָט זי נישט ענטשלאָסען געזאָגט.—ברוך טראָגט איצט צעריסענע סקאַר־פּעטקעס. איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל געגעבען גאַנצע, נאָר ער האָט אַלץ פערגעסען איבערצובייטען... וועל איך איהם דאָ אַהערשיקען סקאַרפּעטקעס און זיינע וועש. און כ'בעט אייך רעדט איהם צו ער זאָל עס אָנטהון.

און זי איז מיט אַ שווער געמיט אַרויס.

## כג

מירקין איז אַוועק צו קאַפּלונער'ן. אויפגערעגט פון דער בעגעגעניש מיט געוועזענעס מוטער, איז ער געגאַנגען גע־שווינד, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, קלערענדיג אין וואָס פאַר אַ פאָרם איבערצוגעבען געוועזענ'ען דעם שמועס מיט זיין מו־טער. אויף וויפיל ער איז נישט געווען אויפגעלעגט צו אסתר'ן, איז ער דאָך נישט געווען אינגאַנצען אויף איהר צד און האָט זיך אַלץ איינאיינעם געזאָגט, אַז די מוטערס, מיט זייער גוטס־קייט, טרעהרען און טרייקייט, זענען געפעהרליכער פאַר די שטרענגסטע און שלעכטסטע פאָטערס. ער האָט בעשלאָסען אי־בערצוגעבען געוועזענען די מוטערס פאָרשלאָג גאַנץ אָביעקטיוו און לאָזען איהם אַליין בעשליסען: אומקעהרען זיך, צי נישט.

—אַ, הער מירקין!—האָט ער פּלוצלינג הינטער זיך דער-הערט אַ פריידיגען אויסגעשריי פון אַ דינער זינגענדיגער פרויען-שטים.

אומקוקענדיג זיך, האָט ער דערזעהן זיינע אַ געוועזענע שילערין, אַ יונג מיידעל, אַ פלאַטשיג געזיכט מיט אַ נעבעכדיגען אויסזעהן און גוטע, גוטע אויגען. דאָס מיידעל איז געווען גע-קליידט אָרים, ווי אַנ׳ארבייטערין. די בעגעגעניש מיט מירקינען האָט זי ווי ס׳ווייזט אויס זעהר דערפרעהט.

—אַ, גנעסינאַ! וואָס מאַכט איהר?—האָט זי מירקין הערצ-ליך בעגריסט.

—אוי, אוי, ווי איך פרעה זיך וואָס כ׳האָב אייך געטראָ-פען,—האָט דאָס מיידעל ווייטער גערעדט.—כ׳זאָג אייך, ווען כ׳זאָל געפינען אַ מציאה, וואָלט איך זיך נישט אַזוי גע-פרעהט... כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז איהר זייט שוין לאַנג אַוועק-געפאָהרען...

—אוי, פאַרוואָס זשע זענט איהר אַזוי לאַנג נישט אַריינ-געקומען צו אונז?—האָט דאָס מיידעל ווייטער גערעדט מיט אַ בעטענדיגען פאָרוואורף. כ׳זאָג אייך, אַז ווען איהר וואָלט צו אונז אַריינגעקומען וואָלט ביי אונז געווען אַנ׳אמת׳ער יום-טוב! די קינדער געדענקען אייך נאָך ביז היינט און זאָגען אַלץ: „אוי, ווען וועט שוין דער לעהרער מירקין קומען?” און איך... כ׳זאָג אייך... כ׳קאָן נישט אַזוי פיל אויסדריקען...

—כ׳האָב קיין צייט נישט געהאַט,—האָט מירקין צעטראָגען געענטפערט.—די וואָך וועל איך בעשטימט אַריינקומען צו אייך... נו, און ווי לעבט זיך אייך?—האָט ער געפרעגט, כדי איבער-צוטראָגען דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

—ווי מיר לעבען?—האָט גנעסינאַ אומעטיג איבערגעי-חזר׳ט.—די מוטער איז נאָך אַלץ קראַנק. איך און שיינדעל אַר-בייטען אין אַ פּאַפּיראָסען-פאַבריק... מיר אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג און ס׳קומט נישט אויס קיין צייט צו לערנען זיך. דאָס איז ס׳ערגסטע... נאָר, איך בעמיה זיך אָנצוזאַמלען אַ ביסעל געלד, דעמאָלט וועל איך לאָזען די אַרבייט און וועל זיך אָנ-

היבען לערנען... ווען איהר זאָלט וויסען, ווי עס ווילט זיך מיר לערנען!...

—כ׳וועל אייך בעשטימט אָנהויבען ווידער צו לערנען!—האָט איהר מירקין צוגעזאָגט. ער האָט געפיהלט געוויסענס-ביסען, דערפאַר וואָס ער האָט מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק אויפגעהערט צו לערנען מיט דער גנעסינען און איהר שוועס-טער, צוליב דעם וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט און דערנאָך האָט ער אינגאַנצען פערגעסען אָן זיי.

—אוי, איהר האָט מיך גאָר מחיה געוועזן!—האָט זיך גנע-סינאַ נישט געקאָנט געבען אָנפרעהען.—כ׳זאָג אייך, אז ווען כ׳געפין אַ מציאה—וואָלט איך...

צוזאָגענדיג איהר נאָכאַמאָל צו געבען אַנ׳אוראָק, האָט זיך מירקין געשווינד מיט איהר געזעגענט און איז אַוועק צו קאָפּ-לונער׳ן.

נאָך אין קאָרידאָר האָט ער שוין געהערט איינצעלנע פראַזען פון אַ היציגער דיסקוסיע צווישען יונגעלייט. פון צימער איז איהם אַנטקעגען אַרויסגעלאָפען קאָפּלונער מיט אַ צעשפּילע-טען מונדיר און צעשויבערטע האָר.

—אַ! דאָס ביזטו!—האָט ער הויך אויסגעשריען.—ס׳איז איצט דאָ ביי מיר אַ גאַנצע חברה, מ׳דיסקוטירט! זעהר אינטע-רעסאַנט!

—נו, לעז איהם! ענטציק זיך מיט איהם! און כאַפּט דיך דער וואַטע-מאַכער! איך ווייס שוין לאַנג, אז דו ביזט אַ פי-ליסטער!!!—האָט מירקין דערהערט אַריינקומענדיג, געווערמאַנס אויפגערעגטע שטים.

—ווער איז דאָ אַ פיליסטער? ווער?—האָט מירקין געפרעגט אַרומקוקענדיג זיך מיט די קורצזיכטיגע אויגען און שמייכ-לענדיג.

—ער!—האָט געווערמאַן שטעהענדיג ביים פענסטער אויס-געשריען, און געוויזען מיט׳ן פינגער אויף אַ גימנאַזיסט, וועל-כער איז געלעגען אויפ׳ן בעט אויסגעצויגען, ווי גרויס ער איז, מיט פערוואָרפענע הענד אונטער׳ן קאָפּ.

—בין איך אַ פיליסטער!—האָט דערזעלבער בעשטעטיגט מיט אַ רוהיגער און אפילו נאָך מיט אַנ׳עטוואָס צופרידענער שטים.—איך—ציווערשטיין! פערשטעהסט? און אַ פיליסטער בין איך דערפאַר, וואָס איך לעז דאָסטאָיעווסקין!...

—מיר וועלען זיך נאָך דערוואַרטען צו דעם, אַז דו וועסט נאָך לעזען פעט׳ן און מאַיקאָוו׳ן!—האָט געווערמאַן אויפגערעגט ווייטער גערעדט.

—מעגליך, אַז דו וועסט זיך נאָך אויף דעם אויך דער־וואַרטען! איך בין אויף אַלעם פעהיג!—האָט ציווערשטיין ווי פריהער רוהיג און שפּאָטיש געענטפערט.

—וואַרט נאָר, וועגען וואָס שפּאַרט איהר זיך דאָ?—האָט זיך מירקין אַריינגעמישט.

—פערשטעהסטו מיך,—האָט קאַפּלונער זיך אָנגערופען.—ציווערשטיין זאָגט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז העכער פאַר מיכאַ־לאָוו׳ן!

—אידיאָט!—האָט געווערמאַן אַריינגעוואָרפען!

—איך האָב נישט געזאָגט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז העכער פאַר מיכאַילאָוו׳ן—האָט ציווערשטיין געלאַסען, ווי פריהער, זיך אָבגערופען.—איך האָב נישט געמאָסטען זייער גרויס. איך האָב געזאָגט און זאָג איצט נאָכאַמאָל, אַז דאָסטאָיעווסקי איז אומ-פערגלייכליך טאַלענטירטער פאַר מיכאַילאָוו׳ן!...

—אַ ליגענד!—האָט געווערמאַן אויסגעשריען.

—און זייערע טאַלענטען האָסטו יאָ געמאָסטען? פון וואַ-נען ווייסטו דאָס?—האָט זיך אָנגערופען נאָך איין גימנאַזיסט, אַ שוואַרצער, אַ דאַרינקער, איןברילען, וועלכער האָט אַרומגע-שפּרייזט איבער׳ן צימער מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

—דאָסטאָיעווסקי איז מעהר טאַלענט פאַר מיכאַילאָוו׳ן?—האָט זיך מירקין געוואונדערט.—פון וואַנען נעהמסטו דאָס? פאַר-וואָס מיינסטו אַזוי?

—דערפאַר וואָס דאָסטאָיעווסקי איז אַ גרויסער פּסיכאָלאָג!—האָט ציווערשטיין האַרט געענטפערט.—דאָס איז אפילו דיין פּ-

סאַרעוו אויך מודה!—האָט ער צוגעגעבען, אונטערשטרייכענדיג דאָס וואָרט „דיין".

—און וואָס זאָגט פיסאַרעוו וועגען פושקינען? וועגען פושקינען?—האָט טריאומפירענד אויסגעשריען אַ קליינינקער, זעהר ריהרעוודיגער גימנאַזיסטעל, וועלכער האָט, נישט קוקענדיג אויף זיינע זעכצעהן יאָהר, נאָך אויסגעזעהן ווי אַ פיצעל קינד. זיינע גוטמוטיגע אויגען האָבען געקוקט מיט אַ ציטריג געבעט פון אַ דערשראָקענעם שילער וועלכער קען נישט דעם אוראָק.

צולויפענדיג צו מירקינען און אַריינקוקענדיג איהם מיט אַ ציטריג געבעט אין די אויגען האָט ער אויפגערעגט געפרעגט:

—איהר האָט געלעזען? געלעזען?

—וואָס?

—פיסאַרעווס אַרטיקעל: „פושקין און ביעלינסקי"? ווי ער גיט דאָרט אַנ'עליה אָניעגינען! אוי, „שוטה" רופט ער איהם דאָרט! שוטה!—האָט דער גימנאַזיסט אויסגעשריען.

—וואַרט נאָר, קעוועש,—האָט איהם מירקין אָבגעשטעלט און ווענדענדיג זיך צו ציוערשטיינ'ען האָט ער איהם האַרט געפרעגט:

—נו, און אַז דאָסטאָיעווסקי איז אַ גרויסער פסיכאָלאָג— איז וואָס דערפון געדרונגען?

—סטייטש: איז וואָס דערפון געדרונגען?

—נו, יאָ! וואָס האָסטו דערפון, אַז ער איז אַ גרויסער פסיכאָלאָג?

—כ'פערשטעה דיך נישט! קאָן מען דאָך דאָסזעלבע פרעגען אויך בנוגע אַלע אַנדערע שרייבער! וועגען שעקספיר'ן און וועגען...

—און כ'פרעג טאַקי! וואָס קומט דיר אַרויס דערפון, וואָס זיי זענען גרויסע שרייבער?

—וואָס הייסט וואָס? דו פיהלסט דען נישט אַנ'עסטעטישען פערגעניגען בעת דו לעזט זיי...

—אָט וואו דער הונד איז בעגראָבען!—האָט איהם געוועור-

מאַן טריאומפירענד איבערגעריסען.—איהר הערט? „עסטעטיק"! „גענויס"! דעריבער טענה איך דאָך, דאָס דו ביזט אַ פּיליסטער! „גענוס"! דו האָסט אפשר אויך גענוס פון זיסע קיכלעך און פעט פלייש! וואָרג זשע זיך דערמיט! און לעז דיר דאָסטאָיעווסקי'ן! און איך זוך אין אַ בוך נישט קיין גענוס, נישט קיין עסטעטיק, נאָר אַ זין, אַ תּכלית! וואָס פאַר אַ נוצען קאָן מיר ברענגען „פערברעכען און שטראָף"? גאָרנישט! אָבער „מ'האַקט דעם וואַלד—שפּענער פליהען" אָדער „פוילע זומפּען" האָט מיר געעפענט די אויגען, האָט מיר געוויזען אַ ציל! איך בין אַליין אַמאָל געווען אַ פּיליסטער, אַ פוילענצער, אַ נאַרישער אידיאָט. ביז כ'האָב נישט דורכגעליענט דידאָזיגע ביכלעך. און פון זיי האָב איך געלערנט, אַז דער מענש דאַרף אַרבייטען!

—הייסט עס, אַז לויט דיר, איז קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק העכער פאַר שעקספּיר'ן אָדער פּושקינען?—האָט ציווערשטיין געפרעגט.—ווייל זי ברענגט דאָך נוצען?

—טאַקי העכער! יעדענפאַלס זענען די „פיזיאָלאָגישע בריף" פון קאַרל פאָכטע געוויס העכער פאַר פּושקינען!

דער גימנאַזיסט אין די ברילען, וועלכער האָט אַרומגעשפּרייזט איבער'ן צימער פערטראַכטערהייד, האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען ציווערמאַנען און האָט ערנסט געזאָגט:

—דו האָסט מיר אָבער נאָך אַלץ נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע: ווי אַזוי מעסטו די גרויסקייט פון טאַלענט? דו זאָגסט, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט מעהר טאַלענט פאַר מיכאַילאָוו'ן? ווי אַזוי קאָנסטו דאָס מיר בעווייזען?... כ'ווייס נישט, ס'קאָן זיין, אַז דאָסטאָיעווסקי איז ווירקליך אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, אָבער פאַר מיר איז נישט אינטערעסאַנט איהם צו לעזען. מיך ריהרט ער נישט. דאָסזעלבע אויך פּושקינס געדיכטען... כ'לעז זיי דורך—און פערגעס זיי. זיי לעזען זיך לייכט, מעהר גאָרנישט. אָבער מיכאַילאָוו פערכאַפּט דאָך ביים האַרצען. ווען כ'האָב געלעזען „מ'האַקט דעם וואַלד"—האָב איך ביטער געוויינט. אַ דאַנק דעם דאָזיגען ראָמאַן, בין איך ווידערגעבוירען געוואָרען, בין איך אַ גאַנץ אַנדערער מענש געוואָרען, האָב איך פון זיך דעם

ג

אַנצען אַלטען שימעל אַראָבגעוואָרפען... וואָלט דאָס דען מעגליך געווען, ווען מיכאַילאָוו וואָלט נישט געווען קיין געניאַלער שרייבער?... יאָ! איך האַלט איהם פאַר אַ געניאַלען שרייבער!—האָט ער צוגעגעבען מיט טיפער איבערציינגונג.

ציוערשטיין האָט זיך אונטערגעהויבען אויפ׳ן בעט, איז געבליבען זיצען און אַ פיהר טהוענדיג מיט די פינגער איבער זיינע שענע ווייכע האָר, האָט ער אַ ביסעל אין פערלעגענהייט, כאָטש ער האָט זיך בעמיהט צו ריידען אויטאָריטעטיש, געזאָגט:

—דאָס אַלץ בעווייזט נאָך נישט, אַז מיכאַילאָוו איז אַ געניאַלער טאַלענט... מיין אַלטע באָבע ווייגט און יאָמערט ווען זי לייענט די תחינות און פונדעסטוועגען איז דערפון נישט געדרונגען, אַז דער פערפאַסער פון די תחינות איז געווען אַ געניאַלער שרייבער.

—ווי זשע אַזוי קאָן מען דאָס בעשטימען?—האָט קאַפּלובער אויסגערופען.

—דערויף זענען פערהאַן קריטיקער!—האָט ציוערשטיין זיך ענדליך געכאַפּט.—נאָר אַ קריטיקער קאָן בעשטימען, ווער עס איז אַן׳אמת׳ער, און ווער עס איז נישט קיין אמת׳ער טאַלענט. אָט צום ביישפּיל, ביעלינסקי...

—האַלט!—האָט איהם קאַפּלונער איבערגעריסען,—ביזט אַריינגעפאַלען, ברודער! און וואָס זאָגט פּיסאַרעוו וועגען פּושקינען? וועגען דיין פּושקינען?

—אַהאַ!—האָט קעוועש אויסגערופען.—אָניעגינען רופט ער אָן „שוטה", „שוטה" רופט ער איהם!

—פאַר מיר איז פּיסאַרעוו נישט קיין אויטאָריטעט!—האָט ציוערשטיין שאַרף און קאַטעגאָריש געענטפערט.—איך קען אַ קריטיקער, וועלכער איז טויזענד מאָל טיפער פאַר פּיסאַרעוו׳ן!

אָט די קאַטעגאָרישע מעלדונג האָט אַלעמען ערשטוינט.

—ווער? ווער?—האָבען אַלע יונגעלייט וועלכע האָבען זיך ומגעשטעלט אַרום ציוערשטיינען איבערגעפרעגט.

—דאָבראָלאָבאָוו!—האָט ער אַרויסגעזייעט.—איהר טראָגט אייך

אַלע אַרום מיט פיסאַרעוו'ן! אָבער לעזט נאָר דורך דאָבראָלאָ-באָוו'ן, לעזט זיין „פינסטערע מלוכה"—וועט איהר ערשט זעהן!

—איך האָב געלעזען, און האָב דאָרט גאָר קיין אויסער-געוועהנליכס נישט געפונען.—האָט זיך נישט זיכער אָנגערופען דער גימנאַזיסט אין די ברילען.

—אונזין!—האָט געוועמאַן אויפגערעגט אויסגעשריען.—„טי-פער פאַר פיסאַרעוו'ן"?! מיט וואָס איז ער טיפער פאַר פיסאַ-רעוו'ן? מיט וואָס קאָן ער זיין טיפער פאַר פיסאַרעוו'ן? וואָס זאָגט ער דען? אַז מ'דאַרף נישט זיין קיין דענקענדער מענש? אַז מ'דאַרף נישט זיין קיין רעאַליסט? אַז מ'דאַרף זיין אַ פוי-לענצער? אָבער אַלץ וואָס פיסאַרעוו זאָגט איז דאָך אַזוי קלאָר, אַזוי קלאָר, אַז נאָר אַ מענש, אָהן מאַרך אין קאָפּ קאָן נישט פערשטעהן איהם!

אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין טיפערער שריי-בער פאַר פיסאַרעוו'ן!—האָט קעוועש מיט פאַנאַטישער איבער-צייגונג אויסגעשריען, אַרויפשפּרינגענדיג דערביי אויף אַ שטוהל בדי צוצוגעבען זיינע רייד מעהר פעסטקייט.

ציוועשטיין האָט אַלס צייכען פון פעראַכטונג צו זיינע אָפּאָנענטען, זיך צוריק אויסגעצויגען אויפ'ן בעט און פערוואַר-פענדיג זיינע הענד אונטער'ן קאָפּ, האָט ער רוהיג געזאָגט:

—וואָס וועל איך זיך דאָרט מיט אייך שפּאַרען, אַז איהר פערשטעהט גאָרנישט! אָט לעזט דורך מיט קאָפּ דאָבראָלאָבאָוו'ן—וועט איהר זעהן, אַז ער איז העכער פאַר פיסאַרעוו'ן...

—איך האַלט אויך נישט פיסאַרעוו'ן... פאַר קיין אויטאָ-ריטעט!...—האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופען אַ הויכער איינגעהוי-קערטער גימנאַזיסט מייעראָוו, וועלכער איז די גאַנצע צייט גע-שטאַנען שווייגענדיג אָן אַ זייט. ער איז ערשט נישט לאַנג צו-ריק, גלייך פון ישיבה אַריינגעטרעטען אין פינפטען קלאַס גימ-נאַזיע און האָט זיך נאָך אפילו נישט געהאַט צוגעוועהנט צום מונדיר. די גאַנצע צייט האָט ער אויפמערקזאַם און אָנגע-שטרענגט זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיע און איצט האָט ער,

ווייזט אויס זיך אָנגענומען מיט מוט, בעשליסענדיג אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ ערנסטער ערקלערונג.

אַלע האָבען פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף איהם.

—פאַרוואָס?

—דערפאַר וואָס איך רעכען... וואָס איך גלויב... אַז ס'איז פערהאַן אַ גאָט...

אַלס ענטפער דערויף האָבען זיך קאַפּלונער און געווערמאַן הויך צעלאַכט.

—יאָ!—האָט מייעראָוו אַריינקומענדיג אין אַזאַרט ווייטער גערעדט.—לאַכט זיך וויפיל איהר ווילט, מיך אַרט דאָס נישט... איך האָב שוין פיל געטראַכט איבער דעם... פיסאַרעוו זאָגט, אַז קיין גאָט איז נישטאָ; און איך זאָג, אַז ס'איז יאָ פערהאַן אַ גאָט!

—מיט וואָס קאָנסטו עס אויפווייזען?

—אָט מיט דעם, וואָס ווען ס'וואָלט קיין גאָט נישט געווען, וואָלט דער מענש זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון חיות!

—ווי קומט דאָ דער מענש מיט דער חיה?—האָט געווערמאַן פעראַכטליך אויסגעשריען.—רעדסט נאַרישקייטען!

—ווען עס וואָלט קיין גאָט נישט געווען,—האָט מייעראָוו, איהם נישט הערענדיג, ווייטער גערעדט,—וואָלט דער מענש זיך געפיהלט פריי, הפקר און וואָלט געקאָנט רוהיג טהוען אַלץ, וואָס ער וואָלט געוואָלט: הרג'ענען, גנב'ענען און לייקענען—אַלץ! אויב אָבער דער מענש האָט ס'בעוואוסטזיין, אַז דאָס מעג מען יאָ טהוען און דאָס צווייטע נישט—הייסט עס, אַז עס גיט ווער עס איז אַריין דאָס בעוואוסטזיין אין דער נשמה? הייסט עס, אַז אַ גאָט איז דאָ!

—„אין דער נשמה", „אין דער נשמה"!—האָט געווערמאַן אויסגעשריען.—דו האָסט פערגעסען, אַז ס'איז קיין נשמה נישט פערהאַן!... לעז דורך פאָכט'ס „פיזיאָלאָגישע בריף", וועסטו

—איך וויל עס נישט לעזען!—האָט מייראָוו אײנגע־עקשנ'ט געענטפערט.

—נו, אויב אַזוי, געה זשע אין שוהל אַריין זאָגען תהילים—האָט איהם קאַפּלונער געראַטען.

—אַז כ'וועל וועלען, וועל איך טאַקי געהן! כ'וועל זיך נישט אָבשרעקען פאַר דיין פּיסאַרעוו'ן,—האָט מייראָוו מיט דערזעלבער פעסטקייט געענטפערט און נישט געזעגענדיג זיך מיט קיינעם, איז ער גלייך אַרויס.

## כד

מיט מייראָווס אומגעריכטען אַוועקגעהן איז די דיסקוסיע איבערגעריסען געוואָרען. נאָר מירקין, וועלכער איז געזעסען אין דער זייט און דער גימנאַזיסט אין די ברילען האָבען ווייטער שטיל צווישען זיך געפיהרט דעם שמועס וועגען דער גרויס פון דאָסטאָיעווסקיס און מיכאַילאָווס טאַלענטען. מירקין האָט נאָך אַ ווײלע טראַכטען שטיל געזאָגט:

—און אַז דו ווילסט טאַקי וויסען, וועל איך דיר זאָגען, אַז איך האַלט אי מיכאַילאָוו'ן און אי דאָסטאָיעווסקי'ן קלענער פאַר ליליענבלומען, אָדער פּרץ סמאָלענסקי'ן... וואָס איז דאָ פערהאַן צו ריידען! זיי זענען דאָך גיגאַנטען! זיי האָבען דאָך די גאַנצע וועלט פערכאַפּט און איבערגעדרעהט דאָס לעבען פּונקט קאַפּויער—אָבער די וואָס? אפילו מיכאַילאָוו? ס'איז דאָך אפילו קיין פערגלייך נישט!

—ע-עך, קינדער!—האָט ציוערשטיין ליגענדיג אַלץ אויפ'ן בעט פּלוצלינג זיך אָנגערופען.—איהר רעדט נאָר כסדר פון פּי־סאַרעוו'ן און מיכאַילאָוו'ן און האָט קיין שום השגה נישט וועגען מעהר. אָט ווען איהר וואָלט געזעהן דאָס בוך, וועלכעס איך האָב איצט בעקומען—וואָלט איהר שוין גאָר אַנדערש גערעדט!

—וואָס איז עס פאַר אַ ביכעל?—האָבען זיך אַלע פער־אינטערעסירט.

—דאָס איז אַזאַ ביכעל,—האָט ציוורשטיין געהיימניספּול געענטפערט,—וואָס ווען מען זאָל אויף איין וואָגשאָל אַרויפלע-גען די גאַנצע ליטעראַטור, אי פּושקינען, אי פּיסאַרעוו'ן, אי מיכאַילאָוו'ן און אי דאָסטאָיעווסקי'ן—אַלע! און אויף דער צווייטער וואָגשאָל, דאָס איינע בוך, וואָלט דאָס איינע בוך איבער-געוואויגען!

אַלע זענען שטאַרק פּעראינטריגירט געוואָרען פון ציווער-שטיינס געהיימניספּולע ווערטער און אַרומשטעלענדיג זיך אַרום איהם, האָבען זיי איהם געבעטען, ער זאָל זיי זאָגען וואָס פאַר אַ ביכעל ער האָט.

—כ'קאָן עס אייך נישט זאָגען!—האָט ער נאָך געהיימניס-פולער געענטפערט...—נאָר, אָט וואָס!—האָט ער אויפהויבענדיג זיך פון בעט בעשלאָסען,—גיט מיר אייער עהרען-וואָרט, אַז איהר וועט פאַר קיינעם קיין פּיפּס נישט טהוען וועגען דעם, וועל איך אייך זאָגען.

דאָס עהרען-וואָרט איז נאַטירליך געגעבען געוואָרען.

—דאָס דאָזיגע ביכעל,—האָט ציווערשטיין אַרומקוקענדיג זיך געהיימניספּול און פּייערליך אין אַלע זייטען, געזאָגט—איז אַ פּערי'באָטענעס...

אַלע זענען אַנטשוויגען געוואָרען פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך איינגעשרומפּען אין זיך און אויף אַלעמענס געזיכטער האָט זיך בעוויזען אַ דורשטיגע און שאַרפע נייגיריגקייט.

—און דאָס בוך הייסט,—האָט ציוורשטיין שעפּטשענדיג ווייטער גערעדט,—„וואָס דאַרף מען טהון?"

—אָ, אָ!—האָט קאָוועש ציטערענדיג אינגאַנצען פון התפעלות אויסגעשריען.

קומענדיג צו זיך פון'ם ערשטען איינדרוק, האָבען די חברים געגומען בעטען ציווערשטיינען, ער זאָל זיי געבען אויף איין אָווענד כאָטש דאָס ביכעל און ענדליך האָט ער זיי צו-געזאָגט.

דער אונערוואַרטעטער אינצידענט, וועלכער האָט מיט איין

בשותּפות׳ען סוד פעראייניגט די חברים, האָט איצט בעזייטיגט די ליטעראַרישע קריגערייען צווישען זיי.

געווערמאַן האָט אַראָבבויגענדיג זיך צו מירקינען איהם איינגערוימט:

—זאָג דאָ קיינעם נישט, אַז איך בין אַוועק פון דער-היים... כ׳וויל נישט אַז די דאָזיגע פיליסטערס זאָלען וויסען...

—דיין מוטער איז ביי מיר געווען,—האָט איהם מירקין איבערגעגעבען.

—אַ?... נו?... זי האָט זיך געקלאָגט?...—האָט געווערמאַן שטיל געפרעגט.

—ניין... זי האָט זיך, זעהסטו, געשראָקען... זי האָט גע-מיינט, דאָס דו ביזט אַוועק שמד׳ן זיך... דאָס איז צוליב דעם „ברית-חדשה״ וואָס מ׳האָט ביי דיר געפונען.

געווערמאַן האָט זיך צעלאַכט און האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער פּלוצלינג איז ער אַנטשוויגען און ערנסט גע-וואָרען:

—ווייסטו,—האָט ער פּלוצלינג זיך אָנגערופען,—אַז איך האָב שוין עטליכע מאָל געטראַכט וועגען שמד׳ן זיך.

—וואָס?—האָט מירקין כמעט אין שרעק אויסגעשריען.

—עהרען-וואָרט!... אַזוי נאָך וואָלט איך ערשט געוואוסט, אַז איך האָב איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערגעריסען מיט׳ן אַלטען, אָבגעהאַקט! פערשטעהסטו,—האָט ער מיט פערביטערונג צוגעגע-בען,—איך קאָן נישט אַזוי לעבען! ווען די מוטער וואָלט מיך כאָטש געזידעלט, געשאָלטען, וואָלט איך רוהיגער געווען... אָבער אַזוי פערשטעהסטו מיך, האָב איך דאָך נישט קיין גרונד אונטער די פיס... איך שרעק זיך אַליין, אַז דאָס אַלטע פוילעכץ זאָל מיך נישט ווידער אַריינשלעפען, אויסזויגען און אומברענגען! כ׳מוז פערברענען הינטער זיך אַלע בריקען, שאַרף און ראַדי-קאַל פערענדיגען מיט דער פערגאַנגענהייט!...

—ניין! שמד׳ן זיך דאַרף מען נישט!—האָט מירקין מיט פערבאָרגענער אינערליכער אויפרעגונג געזאָגט.

—אַלזאָ, מירקין, דו ווייסט דאָס יאָהר אויך נישט צו צום

עקזאַמען? — האָט ציוװערשטיין געפרעגט.

—ניין...

—ביזט אַ פוילענצער, ברודער!

—כ'בין נישט קיין פוילענצער, נאָר כ'האָב קיין ווילען נישט,—האָט מירקין גוטמוטיג געזאָגט.—כ'קאָן זיך נישט נעהמען אין די הענד אַריין. כ'האָב זיך עפעס פערדרעהט, פערפלאָנטערט... און נישט כ'אַרבייט, נישט כ'לערנ—די צייט געהט ביי מיר אַוועק מיט גאָרנישט. כ'קאָן זיך נישט נויטען, ווי קאָרנבלאַט צום ביישפיל, אַרבייטען צו זיבעצעהן שעה אין מעתלעת... נו, וואַרט!—האָט ער לעבהאַפט אויסגערופען,—דעם ווינטער וועל איך זיך שוין אונבעדינגט אַוועקזעצען צו די לעהרביכער! עס זאָל אפילו דונערן!

—וועסט זיך נישט אַוועקזעצען, ברודער, ס'הויבט זיך נישט אָן!—האָט קאַפלונער זיך אָנגערופען. דו זאָגסט שוין אַזוי אָנדערטהאַלבען יאָהר. וועסט זיך אָנהויבען לערנען—וועט זיך גלייך בעווייזען עפעס „אַ גיריגער און דורשטיגער נאָך וויסענשאַפט" פון דעם מין, ווי דער וועלכען כ'האָב דיר נעכטען געבראַכט צו פיהרען און דו וועסט זיך גלייך מיט איהם אָבגעבען. יאָ, כ'האָב דיר פערגעסען צו זאָגען, אַז ער איז אייגענטליך זעהר אַ פעהיג יונגעל...

—ער קאָן זיך אָבער מיט דיר נישט צונויפריידען,—האָט מירקין געזאָגט—דו לאָזט איהם נישט ריידען קיין וואָרט יודיש.

—דאָס איז זעהר נויטיג, אַנדערש...

—כ'וויס, אַז ס'איז נויטיג, אָבער דאָך דאַרף מען דאָך איהם געבען די מעגליכקייט זיך צוגעוועהנען עטוואָס פריהער צו דער שפראַך...

—חברים! ווייסט איהר נישט אַמאָל וואָס עס הערט זיך מיט דער בעריאַשעוואַ?—האָט זיך אָנגערופען דער גימנאַזיסט אין די ברילען.—מ'זאָגט, אַז דער פאָטער האַלט זי פערמאַכט אונטער'ן שלאָס, געבונדען מיט שטריק און שלאָגט זי יעדען טאָג! דאָס הייסט אַנ'אויסוואורף!

—ער מאַכט זי חתונה, פאַר עפּעס אַ פּאַרך—האָט מירקין געזאָגט.

—וואָס זשע וואָרט זי, דער נאַר? זי וואָלט גלייכער גע־נומען און אַנטלאָפען פון שטוב—האָט קאַפּלונער צונעהמענדיג די טעה פון דער דינסט, געזאָגט.

—און איך אויף איהר אָרט, וואָלט זיך גע'שמד'ט!—האָט געווערמאַן עפּעס מאָדנע הויך און אויפגערעגט אויסגעשאָסען. עהרען-וואָרט! דאָס איז ס'בעסטע מיטעל, ענדגילטיג אָבצוהאַקען! וואָס, נישט אַזוי?—האָט ער זיך געווענדט צו די איבריגע.

מירקין האָט שנעל אַ קוק געטהון אויף איהם, פערשטע־הענדיג אַז מיט אָט דער פראַגע מיינט געווערמאַן נישט אַזוי די בעריאַשעווא, ווי זיך זעלבסט. איבער מירקינס געזיכט איז אַריבער אַ שמערצליכער אויסדרוק און ער האָט טרוקען גע־ענטפערט:

—מיט אַזעלכע מיטלען שפּילט מען זיך נישט...

—אָבער פאַרוואָס דען? פאַרוואָס דען?—האָט געווערמאַן גע־שריען אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע.—כ'פערשטעה נישט! באמת, כ'פערשטעה נישט פאַרוואָס זי זאָל זיך נישט שמד'ן?

—געוויס,—האָט ציווערשטיין זיך אָנגערופען,—אַזאַ פּאָטער קאָן דערפיהרען נישט נאָר צו שמד, נאָר אויך צו זעלבסט־מאָרד...

—ניין! נישט דאָס מיין איך!—האָט געווערמאַן אויסגערו־פען.—איך מיין בכלל, פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט שמד'ן?... דאָס איז דאָך אייגענטליך נאָר אַ בלויזע צערעמאָניע... איז זי דען אַ גלויביגע? איז זי דען אַ יודיש קינד?

קיינער האָט איהם לאַנג נישט געענטפערט.

—און דו וואָלסט זיך געשמד'ט?—האָט איהם פּלוצלינג גע־פרעגט דער גימנאַזיסט אין דיברילען.

—געוויס!—האָט געווערמאַן מיט איבערגעטריבענער גרייט־קייט אויסגעשריען.—און איצט בין איך דען אַ יוד? און דו רע־כענסט זיך דען פאַר אַ יוד? מיר זענען דאָך נישט קיין יודען, נישט קיין רוסען, נישט קיין טאָטערן—מיר זענען קאָסמאָפּאָליטען!

נאָר אַ שוטה קאָן נישט זיין קיין קאָסמאָפּאָליט!

—און איך, כאָטש איך בין אַ קאָסמאָפּאָליט,—האָט זיך ציוועָרשטיין אָנגערופען—נאָר שמד'ן זיך וואָלט איך נישט געקאָנט... דערפאַר, זעהט איהר, ווייל אַלע פעראַכטען יודען... ס'וואָלט אויסגעקומען, אַז איך האָב זיך געשמד'ט צוליב בעקוועמליכקייט... אָט ווען מ'וואָלט די יודען נישט פעראַכט...

—ווער פעראַכט? ווער?—האָט געווערמאַן היציג אויסגעשריען.—געפונען מיט וועמען צו רעכענען זיך, אַז עפּעס אַ האַלב פעררוקטע מאַרק-זיצערין שרייט „זשיד פּאַרכאַטי"! קיין איין אמת'ער רעאַליסט וועט דיר נישט זאָגען נישט „זשיד פּאַרכאַטי", נישט „פּאַגאַני טוראָק", נישט „פּאָלסקאַיאַ כאַראַ". פאַר'ן דענקענדען רעאַליסט איז נישט פאַרהאַן, נישט קיין יודען, נישט קיין טערקען, נאָר מענשען...

—און יודאָפאָבען?...—האָט דער גימנאַזיסט אין די ברידען אָנגעהויבען.

—אָט האָסטו דיר! געפונען דענקענדע רעאַליסטען!—האָט זיך געווערמאַן צעלאַכט.—אויב דו ווערסט וועלען זיי רעכענען, וועסטו דאָך נאָך אויך ברענגען פאַר אַ ביישפּיל אונזער לעהרער פון סטיליסטיק... ווער רעדט דען פון זיי!

קעוועש, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אָן אַ זייט, האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער אויפגעכאַפּט און האָט מיט אַ נעבעכדיגע פערצווייפעלטע שטימע אויסגערופען:

—איך אַליין בין דער געפעהרליכסטער קאָסמאָפּאָליט און דאָך וואָלט איך זיך בשום אופן נישט געשמד'ט! איך קאָן עס נישט ערקלערען, כ'וויס אַליין נישט... נאָר כ'וואָלט נישט געקאָנט!... כ'וואָלט גיכער געשטאָרבען, איידער אָנצוטהוען אַ צלם אויפ'ן האַלז!!—האָט ער כמעט וויינענדיג געענדיגט.

קיינער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר יעדער פון זיי אויסער געווערמאַן האָט אינסטינקטיוו לייכט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי בעשטעטיגענדיג קעוועש'ס רייד.

—ען! איהר פערשטעהט גאָרנישט,—האָט געווערמאַן אונגעשיקט אַרויסגעברומט.—קעוועש'ס ווערטער האָבען אין איהם

אויפגעוועקט עפעס פערגעסענעס, פערטויבטעס, נאָר שטאַרקעס. ער האָט מיטאַמאָל דערפיהלט, אַז ער וואָלט זיך אַליין אויך נישט געקאָנט בעשליסען אויף אַזאַ שריט און ער האָט איצט בעדויערט, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבען אַזאַ שמועס.

# כה

מירקין און געווערמאַן זענען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען.ביידע זענען געגאַנגען שווייגענדיג און ביידע האָבען זיך גע-פונען אונטער'ן איינדרוק פון שמועס וועגען שמד.

—ווייסט, האָט מירקין פלוצלינג זעהר ערנסט זיך אָנגעגע-רופען.—איך האָב ערשט געטראַכט וועגען דער פראַגע און בין געקומען צום בעשלוס, אַז דו האָסט אַ גרויסען טעות. די פראַגע וועגען שמד...

—אַך, לאָז צורוה! לאָמיר נישט ריידען וועגען דעם!—האָט געווערמאַן אויסגעשריען.

—ניין, הער אויס, איך וויל דו זאָלסט מיך אויסהערען. אויב דו זאָגסט, אַז ס'איז זיך לייכט צו שמד'ן און אַז מ'דאַרף זיך שמד'ן, פערגעסטו גאָר...

—וועגען אַנדערע? וועגען דער מוטער? אַז זי וועט דאָס נישט איבערלעבען?—האָט איהם געווערמאַן צערייצט איבערגע-שלאָגען.

—ניין! נישט וועגען דער מוטער רייד איך, כאָטש עס איז טאַקי אויף איהר אויך אַ רחמנות... איך האָב נאָר געוואָלט זאָגען, אַז שמד'נדיג זיך שניידסטו זיך אָב פון די יודען...

—נו, איז דאָך טאַקי גוט! געהען זיי צום טייוועל!

—אָבער, אויב אַלע משכילים זאָלען זיך שמד'ן, ווער זשע וואָלט געאַרבייט צווישען דער יוגענד? געעפענט זיי די אויגען? דאַן וואָלט מען זיך דאָך נישט געקאָנט אַריינקריגען אין די ישיבות, מ'וואָלט נישט געקאָנט...

—הער אויף! הער אויף! כ'וויל שוין מעהר נישט ריידען

וועגען דעם!—האָט געווערמאַן שמערצליך אויסגערופען.

—ער איז פּלוצלינג געבליבען שטעהן און נערוועז געזאָגט:

—מיר גלוסט זיך נאָך נישט שלאָפען! זאָלען מיר ערגעץ געהן!

—וואוהין?

—נישט קיין נפקה מינה וואוהין! זאָלען מיר געהן צו ציפּאָרינגען—וואוהין דו ווילסט...

—ווייסטו וואָס? לאָמיר אַריינגעהן צו דער גענעסינ'ען!—האָט זיך מירקין דערמאָהנט.—דו ביזט דאָך בעקאַנט מיט איהר? אַ וואויל מיידעל. כ'האָב זי היינט געטראָפען. זי האָט מיך זעהר געבעטען אַריינקומען צו איהר. זי וואוינט דאָ נישט ווייט.

—קום!—האָט געווערמאַן איינגעשטימט.

—די חברים זענען אַריין אין אַ שמאָל בלאָטיג געסעל און זענען צו צו אַ קליין הייזעל, דערהערענדיג פון דאָרטען עפּעס אַ טומעל און געשרייען. דורך די לויז צוגעשפּאַרטע לאָדענס האָבען זיי געזעהן, אַז אינעווייניג אין שטוב קומט עפּעס מאָדנעס פאָר.

—וואָס בעדייט דאָס? מ'שלאָגט זיך דאָרט, צי וואָס?—האָט זיך געווערמאַן געוואונדערט.

זיי זענען אַריין אין שטוב און האָבען דערזעהן אַן'אונגעוועהנליך בילד: אין אַ גרויסער שטוב טונקעל בעלויכטען דורך אַ בלעכערן נאַפט-לעמפּעל האָבען זיך געפונען עטליכע אונבעקאַנטע מיידלעך, לויט'ן אויסזעהן אַרבייטערינס, און די גענעסינעס עלף-יעהריגע שוועסטערל, אַלע האָבען געהאַט פערווייינטע אויגען, אַ מין פערלוירענקייט אויף די פּנים'ער, אָבער אָהן שום אויסדרוק פון פערביטערונג, אָדער פערצווייפלונג. פונ'ם צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַ היסטעריש יאָמערן.

—וואָס איז דאָ געשעהן? וואָס איז דאָ געשעהן?—האָבען מירקין און געווערמאַן דערשראָקען געפרעגט.

—גאָרנישט!.. שיינדעלען איז עפּעס נישט גוט געוואָרען!—האָט די יונגערע גענעסינע פערביילויפענדיג מיט אַ גלאָז וואַסער צום צווייטען צימער געענטפערט.

—גאָרנישט, ס'ווערט באַלד פאַרבייגעהן!—האָבען די איבריגע מיידלעך אויך בערוהיגט.

—אָבער דאָך, וואָס איז דאָ געשעהן?—האָט מירקין זיך אַלץ פונאַנדערגעפרעגט.

—אוי, ס'איז גלאַט אַ געלעכטער צו דערצעהלען!—האָט איינע פון די מיידלעך מאָדנע שמייכלענדיג געענטפערט.

פון צווייטען צימער איז דערווייל אויך אַרויס די עלטערע געגעסינע אויך מיט פערוויינטע אויגען.

—אוי, וואָס פאַר אַ געסט!—האָט זי אויסגעשריען אויפהויבענדיג די הענד.—גראָד האָט איהר אַריינגעטראָפען אויף אַזאַ חתונה. וואָס דאָ טהוט זיך!... שיינדעלע!—האָט זי אַריינגעשריגען אין דער טהיר פון צווייטען צימער,—זעה נאָר, וואָס פאַר אַ געסט ס'זענען געקומען! דער לעהרער און געוועזענער!

אַ דאַר, נאָך שוואַך ענטוויקעלט מיידעל מיט אַ נערוועז געזיכט, אַ בלייכע מיט געשוואָלענע אויגען פון טרעהרען איז אַריינגעקומען. נאָך איהר איז אַריינגעקומען קוים שלעפענדיג די פיס די מוטער, אויך מיט פערוויינטע אויגען.

—וואָס איז דאָ ביי אייך געשעהן?—האָט מירקין פערוואונדערט אָבער גאַנץ רוהיג נאָך אפילו מיט אַ שמייכעלע אויפ'ן געזיכט געפרעגט.

—אָט פרעגט זיי, די משוגעים?—האָט זיך די געגעסעניכע אָנגערופען.—זיי האָבען געלעזען אַ ביכעל און האָבען זיך צערינשעט, ווי אום יום-כפור! נו, ווי געפעלט אייך דאָס?...

—נו, שוין, שוין,—האָט זי די עלטערע טאָכטער אָבגעשטעלט מיט אַ לייכטען פאָרוואורף.—זי רעדט נאָך! און דו אַליין האָסט נישט געוויינט?

—נו, איז וואָס? איך בין אַזאַ משוגע'נע ווי איהר! ס'איז דאָ צוליב וואָס צו וויינען! אַ מעשה!

—דאָס איז נישט קיין מעשה, נאָר אַן אמת'ע געשיכטע!—האָט זיך שיינדעלע וועהטאָגליך אָנגערופען.

—וואָס האָט איהר געלעזען?—האָט זיך מירקין פעראינטערעסירט.

—„דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק".

—דעם דריטען אָוועגד לעזען מיר איהם שוין—האָט די אַלטע געזאָגט.—אין אָנהויבּ איז אַלץ געווען כשורה, נאָר היינט, ווי מיר זענען צוגעקומען צום סוף איז געוואָרען אַ געוויינעריי. איינע לייענט און וויינט און אַלע נאָך איהר מיט אַ געיאָמער און אָט די (זי האָט אָנגעוויזען אויף שיינדעלען) האָט אַזוי לאַנג געוויינט, בּיז זי איז געפאַלען אין חלשות! אַ מענש, נישטאָ וואָס צו ריידען!—האָט זי מיט אַ מילדען פאָרוואורף פערענדיגט.

—אוי, כֿ'זאָג אייך, ווען איהר וואָלט געלייענט, וואָלט איהר אויך געוויינט! מ'קאָן זיך נישט איינהאַלטען פון טרעה-רען!—האָט לאה געזאָגט צו מירקינען און געווערמאַנען.

—פריהער, ווען מיר האָבּען געלייענט די בּעשרייבּונג פון די צרות און ליידען, וועלכֿע דער שוואַרצער בּאַנדיט האָט אָנגעטהון שניאור'ן—האָט שיינדעלע מיט אַ ציטערדיגער שטים אָנגעהויבּען—האָבּ איך זיך נאָך אַלץ געשטאַרקט, נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבּען די בּעשרייבּונג פון דער שרפה האָבּ איך שוין מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען... אַזאַ גאָלדענער מענש ווי דער שניאור איז!—האָט זי מיט טיפען מיטגעפיהל אין דער שטים זיך געווענדט צו מירקינען. ווען דאָס הויז וואו זיין געליבּטע האָט געוואוינט האָט זיך אָנגעצונדען, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען דאָרט ראַטעווען זי. נאָר אין דער זעלבּער צייט האָט דער „שוואַרצער" פון דערהויך... אָבּגעגאָסען איהם מיט אַנ'עמער... קאַלט וואַסער... און ער... האָט זיך דערפון... צו־געקיהלט... און איז קראַנק געוואָרען...

און זי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעוויינט.

—נאַר איינע!—האָט די מוטער אויף איהר אָנגעשריגען.—כֿ'האָבּ דאָך דיר שוין צוואַנציג מאָל געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אַנ'אויסגעטראַכֿטע געשיכֿטע! דאָס אַלץ איז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען! איינער האָט זיך דאָס אַלץ אויסגעקלערט פון אָנהויבּ בּיז'ן סוף. און זי, דער נאַר, וויינט!

—אודאי איז עס אַנ'אויסגעטראַכטע געשיכטע!—האָט לאה מכלומרשט אויך איינגעשטימט.

און אָנבויגענדיג זיך צו מירקינען האָט זי שטיל און אומעטיג איהם איינגערוימט:

—דאָס איז אַנ'אמת'ע געשיכטע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מאָהילעוו. דאָרט קענען אַלע דעם „שוואַרצען יונגענמאַנ-טשיק". ער לעבט נאָך ביז איצט אין מאָהילעוו...

—דאָס איז גאָרנישט קיין אויסגעטראַכטע געשיכטע!—האָט זיך געוועהרמאַן פלוצלינג פעסט און ערנסט אָנגערופען און האָט מירקינען אונטער'ן טיש אַ טרעט געטהון מיט'ן פוס ער זאָל שווייגען.—איך האָב אַ מוהמע אין מאָהילעוו און זי קען זיי אַלע זעהר גוט. נאָר אין דער אמת'ן איז די געשיכטע פאָרגע-קומען גאַנץ אַנדערש ווי זי איז דאָ בעשריבען...

אַלע האָבען זיך איינגעהערט.

—דערצעהלט! דערצעהלט!

—אוי! ער לעבט נאָך אפשר אויך?—האָט שיינדעלע ציטע-רענדיג און פול מיט האָפנונג אויסגעשריען.

—געוויס לעבט ער?—האָט געוועהרמאַן איהר פעסט פערזי-כערט.—נאָך דער שרפה, ווען דער „שוואַרצער" האָט איהם אָב-געגאָסען מיט וואַסער, האָט ער זיך ווירקליך צוגעקיהלט און איז שיער נישט געשטאָרבען. דערנאָך אָבער איז ער געזונד געוואָרען און האָט געהייראַט מיט זיין געליבטער... איצט האָ-בען זיי צוויי קינדער אַ יונגעלע און אַ מיידעלע... און עס געהט זיי זעהר גוט...

—אוי, געלויבט צו גאָט!—האָט שיינדעלע שטראַהלענד אויסגערופען.

די אַנדערע מיידלעך האָבען אויך אָבגעלעבט. אויך אויף דער אַלטערס געקנייטשטען געזיכט האָט זיך אָבגעשפיגעלט פרייד.

—נו, האָט איהר בעדאָרפען וויינען?—האָט זי מיט אַ גע-לעכטער געפרעגט.

—און דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"?—האָט זיך שיינ-דעלע נאָכגעפרעגט.

—ער האָט געהאַט אַ שוואַרצען סוף!—האָט געוועדמאַן מיט שנאה אויסגערופען.—ר'האָט זיך פערשולדיגט, באַנקראָטירט און איז אָרים געוואָרען. דערנאָך האָט ער גענומען מאַכען פאַלש געלד, האָט מען איהם אַרעסטירט און פערשיקט אויף קאַטאָרגע! מיט צוויי חדשים צוריק האָט מען איהם פערשיקט. אין מאָהי-לעוו איז געווען אַ יום־טוב, ווען מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט אויף קאַטאָרגע.

—זעהר גוט! ר'איז ווערט געווען!—האָט זיך די אַלטע געפרעהט.

—נאָר פאַרוואָס זשע איז אין ביכעל גאָר אַנדערש בע-שריבען?—האָט שיינדעלע אונרוהיג געפרעגט.

—דער, וועלכער האָט דאָס ביכעל געשריבען איז דאַן נישט געווען אין מאָהילעוו און האָט גאָרנישט געוואוסט. נאָר איצט ווען ער האָט זיך דערוואוסט דעם אמת, רייסט ער אויף זיך די האָר פונ'ם קאָפּ!—האָט געוועדמאַן געענטפערט.

ער האָט די ראָל געשפּילט אַזוי ערנסט, אַז קיינעם איז נישט איינגעפאַלען צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער. איינע פון די מיידלעך האָט געשווינד אַרויסגעוואָרפען אויף זיך איהר טיכעל און האָט זיך גענומען געזעגענען.

—וואוהין איילסטו זיך?—האָט זי לאה געפרעגט.

—כ'געה דערצעהלען כאַסיע'ן! זי וועט זיך דאָס דער-פרעהען!

די שטימונג האָט זיך ביי אַלעמען געביטען. געוועדמאַן איז אויך מונטערער געוואָרען און אַריינקומענדיג אין דער ראָל האָט ער אַלץ ווייטער אימפּראָוויזירט אויף דער טעמאַ פונ'ם ראָמאַן, מיטטיילענדיג זיינע צוטרויליכע צוהערערינס גוטע ידיעות וועגען די בעליבטע העלדען. מירקין האָט איהם געפּרובט אָפּ-האַלטען, אָבער עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען.

אין אַ צייט אַרום זענען זיי אַוועק פון די גענעסינעס איבערלאָזענדיג דאָס געזינדעל אין דער געהויבענסטער שטימונג.

אַרויסקומענדיג אויף דער גאַס האָט זיך געוועדמאַן צע-לאַכט.

—נאָך שענער איז דאָס, וואָס איך אַליין האָב דעם ראָ-מאַן גאָרנישט געלעזען!—האָט ער אויסגערופען.—דו האָסט בע-מערקט ווי איך האָב בײַ זײַ אויסגעפרעגט און אַרויסבעקומען דעם אינהאַלט?

—ביזט אַ קינסטלער!—האָט מירקין געענטפערט.—לכתחילה האָב איך אַליין אויך געמיינט, אַז דו דערצעהלסט דעם אמת...

אַהיימקומענדיג האָבען זײַ געפונען אויפ'ן טיש אַ קליין פעקעל אין וועלכען עס איז געווען קלאָרע וועש, אַ פּאָר סקאַר-פּעטקעס און אַ גרויס שטיק פלאָדען פערוויקעלט אין אַ פּאַפּיר.

—דאָס האָט דיר די מוטער געשיקט... זי האָט געזאָגט, אַז דו טראָגסט צעריסענע סקאַרפּעטקעס—האָט איהם מירקין ערקלערט.

געווערמאַן האָט זיך אָנגעכמורעט און ער האָט צערייצט אויסגעשריען:

—וואָס וויל זי פון מיר האָבען! כ'דאַרף נישט איהרע זאָקען!... און נאָך דער פלאָדען!

ער האָט געמאַכט אַ האַסטיגע בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקוואַרפען דעם פלאָדען, נאָר אין דעם האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זײַן וויכטיגע ראָל בײַ די גענעסינעס און ער האָט פרעהליך אויסגעשריען:

—צום טײַוועל! לאָמיר אויפעסען דעם פלאָדען פאַר'ן גע-זונד פונ'ם גרעאַטעוועטען העלד און פאַר דער מפּלה פונ'ם „שוואַרצען יונגענמאַנטשיק"! גיב אַהער טעה!

מירקין האָט גענומען דעם סאַמאָוואַר און האָט זיך געקלי-בען געהן אין קיך אַרײַן, אָבער פּלוצלינג האָט ער איהם אַני-דערגעשטעלט און אויסגעשריען:

—וואָס פאַר אַ שלעכטען זכרון איך האָב! איך מוז דאָך שוין געהן צו שיפּרינען!

—נאָך וואָס?

—כ'דאַרף בײַ זײַ געלד בעקומען... פרײַלין שיפּרין האָט מיך געבעטען כ'זאָל היינט אין אָווענד אונבעדינגט אַרײַנקומען! אפשר וועסטו מיטגעהן צו זײַ?

—צו די שיפּרינגען וואָלט איך נאָך אפשר געגאַנגען, כאָטש די איז אַ קאָקעטין, נאָר איהם שיפּרינגען קאָן איך נישט ליידען! כ׳לייד נישט זיין אַריסטאָקראַטיזם!

—איך האָב איהם אויך נישט בעזונדערס ליב—האָט מיר-קין געענטפערט.—ס׳איז אָבער פערפאַלען. מ׳מוז צו איהם אָנ-קומען...

ד

שיפּרינגס—אַ ברודער מיט אַ שוועסטער די קינדער פון אַ רייכען פּאָדריאַדטשיק, וועלכער האָט זיך נישט לאַנג צוריק אַריבערגעצויגען פון מאָסקווא קיין מ.—האָבען צווישען דער גרופּע דעמאָקראַטישע רעאַליסטען אויפגעקלערטע געהאַט אַ שרעקליכען שם פון אָבגעבלאַקטע אַריסטאָקראַטען. לעוו שיפּרין, אַ שילער פון אַכטען קלאַס, האָט זיך גערעכענט פאַר אַן׳ענט-וויקעלטען און בעלעזענעם, נאָר ער פלעגט געהן געקליידט שפּאָגעל-ניי, האָט געטראָגען האָר מיט אַ שרינט אין דער מיט און האָט חוזק געמאַכט פון רעאַליזם. דערמיט האָט ער אָבגע-שטויסען פון זיך די חברים, כאָטש ער האָט זיי אימפּאָנירט. מיט די מעהר דעמאָקראַטישע עלעמענטען ווי צום ביישפּיל אולער און די איינוואוינער פון „עיר מקלט" האָט ער זיך איב-גאַנצען נישט געחבר׳ט, כאָטש ער האָט געוואוסט וועגען זיי פון דער שוועסטערס דערצעהלען, און פלעגט זיי אָפט דורך מירקינען אַרויסהעלפען מיט געלד.

זיין שוועסטער ליזאַ, אַ נערוועז, ראָמאַנטיש געשטימטע מיידעל, וועלכע האָט שרעקליך זיך געלאַנגווייליגט אין דער פּערוואָרפענער שטאָדט, האָט פערקעהרט, אַלץ געטהון אום בע-קאַנט צו ווערען גראָד מיט די סאַמע דעמאָקראַטישסטע עלע-מענטען פון דער קאָמפּאַניע. פלעגט זיי געבען אומזיסטע אוראָ-קען, פלעגט זיי פערבעטען צו זיך צו געסט. פונדעסטוועגען איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. זי האָט קיינמאָל נישט

געקאָנט כאַפּען דעם אמת'ן טאָן—און אין איהרע בעציהונגען צו זיי האָט זיך געפיהלט אַ־'אומאויפריכטיגקייט און אַ קינסטליכע סענטימענטאַלקייט. דער איינציגער מענש פון דער קאָמפּאַניע מיט וועמען זי האָט יאָ געהאַט מעהר אָדער וועניגער פּשוט'ע בעציהונגען, איז געוועזן מירקין. און געשעהן איז עס הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס איין אידעע האָט זיי געבונדען: אַ מין געגענזייטיגע הילפס-קאַסע, וועלכע פריילן שיפרין האָט לויט מירקינס איניציאַטיוו איינגעאָרדענט.

צוקומענדיג צו שיפרינס הויז איז מירקין אַ מינוט געשטאַנען אונענטשלאָסען איידער ער האָט אַ ציה געטהון ביים גלעקעל. ווען די דינסט האָט איהם געעפענט די טהיר, איז ער גאָרנישט פרעגענדיג, געשווינד און עטוואָס איינגעהויקערט אַריין און עפענענדיג די טהיר פון פריילן שיפרינס צימער האָט ער געפרעגט:

—איהר זייט דאָ, פריילן שיפרין?

—אַך! דאָס זייט איהר, מירקין? ביטע! קומט אַריין!—האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער שנעלער אויסרוף פון אַ דינער פרויען-שטימע.

אין איהר בעקוועמען צימער האָט מירקין אויסער דערווירטין, אַ דאַרינקער, ריהרעוודיגער, מיט אַנ'עטוואָס פויגעלש געזיכט, נאָך אויך געטראָפען איהרס אַ פופצעהן-יעהריגע שוועסטער און איינע, אַ הויך שלאַנק מיידעל, אַ בלאָנדינע, מיט אַנ'אָפען געזיכט און אַ דיקען צאָפּ. איהר געזיכט מיט די גרויסע עטוואָס צעשווימענע סלאַווישע שטריכען האָט בשום אופן נישט געקאָנט הייסען שען, אָבער עס איז דערויף געלעגען אַ שטעמפּעל פון געוואַלדיגער פּשוט'קייט און אָפענהערציגקייט און דאָס, צוזאַמען מיט'ן פערטראַכטען ערנסטען בליק פון איהרע גרויסע שענע אויגען האָט עס געמאַכט ליב און אינטערעסאַנט.

די עלטערע שיפרין, וועלכע איז געזעסען מיט די אויפ'ן דיוואַן, איז אויפגעשפרונגען מירקינען אַנטקעגען און צו איהם אויסגעשטרעקט די הענד.

—אָ, ווי צופרידען איך בין וואָס איהר זייט געקומען!

כ׳האָב שוין געמיינט, אַז איהר וועט נישט קומען!—האָט זי־שנעל אַרויסגעזאָגט.—איהר זייט בעקאַנט?—האָט זי אַ קוק טהו־ענדיג אויף איהר גאַסט געפרעגט,—און האָט זיך גלייך פער־כאַפּט:—אַך, יאָ, כ׳האָב גאָר פערגעסען דאָס איהר זייט שוין לאַנג בעקאַנט!

מיט אָלגאַ יעגאָראָוואַ—אַזוי האָט דאָס צווייטע פריילין געהייסען—האָט זיך מירקין אינגאַנצען אַ צוויי דריי מאָל גע־טראָפען ביי די שיפּרינס, ער האָט נאָך מיט איהר ווענינ גע־רעדט, אָבער ער האָט זי געדענקט און פלעגט זי אָפט דער־מאָהנען מיט אַנ׳אָנגענעהם געפיהל אַלס זעהר אַנ׳ערנסט מיידעל.

יעגאָראָוואַ איז שוויינענדיג צוגעגאַנגען צו מירקינען, האָט איהם בעזונדערס טיף אַ קוק געטהון גלייך אין די אויגען און האָט איהם ערנסט, פעסט און מענעריש אַ דריק געטהון די האַנד, אַ ציה טהוענדיג זי אַראָב. אין דעם בליק און האַנד־דרוק איז געווען אַ גרויסע אַכטונג צו מירקינען.

פיהלענדיג זיך אין דער געזעלשאַפט פון דריי מיידלעך איז מירקין רויט און צעטומעלט געוואָרען. אַנידערלעגענדיג זיין היטעל אויף דער איינציגער לעדיגער שטוהל, האָט ער אין פערלעגענהייט גענומען זוכען מיט די אויגען וואו זיך צו זעצען.

—זאָל אייער היטעל זיך זעצען אויפ׳ן טיש און איהר זעצט זיך אויף דער שטוהל!—האָט איהם די יונגע שיפּרינאַ אַרויסגעהאָלפען אַוועקלעגענדיג זיין היטעל אויף אַ זייטיג טישעל און האָט אויף יעדען בעזונדער אַ קוק געטהון מיט לאַכענדיגע אויגעלעך.

נאָך מעהר צעמישט האָט זיך מירקין אומגעלומפּערט אַני־דערגעזעצט. בעמערקענדיג אויפ׳ן טיש אַנ׳אָפען ביכעל האָט ער זיך דערין אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ רעטונגס-גאַרטעל. אונטערהויבענ־דיג זיך פון שטוהל האָט ער פון דערווייטענס אַ קוק געטהון אין ביכעל און געפרעגט:

—וואָס לעזט איהר?

—מאָלעשאָט׳ס „לעבענס-קאָראָהאָד״—האָט פריילין שיפּרין

עטוואס נאַכלעסיג געענטפערט און האָט גלייך שוין מיט גאָר אַנ׳אַנדערן טאָן צוגעגעבען,—זעהט איהר, כאָטש איך בין אַ בעל-הבת׳ישע טאָכטער, פונדעסטוועגען לעז איך טיילמאָל ערנסטע ביכער.

—וואָס רעדט איהר? ווער רופט אייך בעל-הבת׳ישע טאָכ-טער?—האָט מירקין אין פערלעגענהייט פראָטעסטירט.

—ווער? קאַפּלונער. ער האָט די טעג געזאָגט ראָזען זע-ליגאָוויטש׳ן, אַז איך בין אַ בעל-הבת׳ישע טאָכטער... ער איז אַליין אַ גרויסער רעאַליסט!—האָט זי בעליידיגט צוגעגעבען.—ער מאַכט נאָר דעם אָנשטעל פון אַ רעאַליסט, אָבער אין דער אמת׳ן לויפט ער נאָך די מיידלעך כסדר.

—ליזאַ, און איך וועל זאָגען...—האָט די יונגערע שיפרין מיט אַ בייז שמייכלע זיך אָנגערופען און האָט מיט די אויגען אָנגעוויזען אויפ׳ן ביכעל.

—וואָס וועסטו זאָגען?—האָט ליזאַ פערלוירען און שטאַרק רויט ווערענדיג געפרעגט.

—אַז... דו-ו... האָסט... דאָס ביכעל... נאָר וואָס... גענו-מען ביי ליאָוועןן... כדי צו בעריהמען... זיך... פאַר מירקינען!

—שעם זיך מאַניאַ! דאָס איז דאָך נישט אמת!—האָט יע-גאָראָוואַ מיט אַנ׳ערנסטען פאָרוואורף איהר געזאָגט.

—ניין, ס׳איז אמת!—האָט מאַניאַ הויך אויסגעשריען.—זי האָט אַליין געזאָגט ליאָווען צו וואָס זי דאַרף דאָס ביכעל.

—איך האָב געשפּאַסט—און זי...—האָט ליזאַ פערלוירען געשמייכעלט און נישט פערענדיגענדיג די פראַזע, האָט זי לעב-האַפט גענומען ריידען:—דערצעהלט עפּעס, מירקין! וואָס מאַכט איהר? וואָס מאַכט מיין שילער, אולער? כ׳האָב איהם שוין לאַנג נישט געזעהן... אַך, אָלענקאַ, ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פאַר אַ טייערער ער איז! געוואַלדיגע פעהיגקייטען. דעם גאַנצען יו-דישען זאַקאָן... ווי הייסט עס דאָרטען?... תלמוד, קען ער פון אויסענווענינ! און וואָס פאַר אַנ׳אידעאַליסט! ער האָט מיר גע-זאָגט, אַז ער וואָלט דאָס לעבען אַוועקגעגעבען, ער וואָלט זיך געלאָזט דעם קאָפּ אָבהאַקען, אַבי אַלע יודען זאָלען זיין גע-

בילדעט... אָבער וואָס פאַר אַ קאָמישער ער איז...

—ער זעהט אויס ווי אַ גרוי-ויסער, גרויסער שוואַרצער זשוק!—האָט מאַניאַ זיך אָנגערופען, מאַכענדיג אַזאַ גרימאַסע אויפ׳ן געזיכט, ווי זי וואָלט איצט פאַר זיך געזעהן אַזאַ זשוק.

—איך קען דאָך איהם. ער איז גאָרנישט קיין קאָמישער— האָט יעגאָראָוואַ ערנסט געזאָגט.—ער זעהט-אויס ווי אַ סעמינאַ-ריסט... איך האָב איהם פריהער טאַקי געהאַלטען פאַר אַ סעמי-נאַריסט...

—ווייסט איהר וועמען איך לערן איצט?—האָט זי ליזאַ שנעל איבערגעריסען.—אונזער דינסט! זי האָט אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען. כ׳לערן זי שרייבען און לעזען און אַליין לערן איך זיך ביי איהר וואַשען... און נאָך עפּעס,—האָט זי אַראָב-לאָזענדיג פערשעמט די אויגען צוגעגעבען.

—וואַשען די פּאָדלאָגעס!—האָט מאַניאַ ערקלערט.

—ריכטיג!—האָט ליזאַ לעבהאַפט בעשטעטיגט.—מיט דריי טעג צוריק האָב איך אַליין געוואַשען די פּאָדלאָגע אין עס-צימער...

דערזעהענדיג אַ שמייכעלע אויף מירקינס געזיכט, האָט זי שנעל געביטען דאָס געשפּרעך:

—איך דערצעהל אייך אַלץ נאַרישקייטען!... איהר ווילט דאָך געוויס ריידען מכח דער קאַסע? זייט זיך מודה, אַז ווען נישט די קאַסע, וואָלט איהר זיכער צו מיר נישט אַריינגע-קומען...

—כ׳בין שרעקליך פערנומען,—האָט מירקין נישט הויך געזאָגט.

—דערפאַר וועל איך אייך אָנזאָגען אַ גוטע בשורה! כ׳האָב בעקומען דריי נייע מיטגלידער מיט אָנדערטהאַלבען רובל מיט-גלידס-אָבצאָהל. איצט האָבען מיר שוין גאַנצע אַכט רובל פופציג קאָפּ. אַ חודש.

זי האָט איבערגעגעבען מירקינען דאָס געלד.

—זעהר גוט!—האָט מירקין פרעהליך אויסגעשריען.—זיבען רובל איז טאַקי וועניג געווען פאַר פיער מענשען... און איצט

זענען צוגעקומען נאָך צוויי פּערזאָן, וועלכע האָבען נישט קיין מיטלען צום לעבען... און אַ חוץ דעם דאַרף מען פאַר איינעם איינצאָהלען ביי אַ שלאָסער פאַר'ן לערנען ס'פאַך.

—כ'וועל זיך בעמיהען צו שאַפען אַ ביסעל געלד,—האָט יעגאָראָווא בעשיידען געזאָגט.

# כז

שיפרין, אַ הויכער שלאַנקער גימנאַזיסט, פּראַנטיש גע-קליידט, איז אַריינגעקומען אין צימער. דערזעהענדיג מירקינען, האָט ער לאַנגזאַם מיט אַ קוים בעמערקבאַרען חוזק אין דער שטים אויסגערופען:

—„באָן סואַר, מאָנסיער מירקין".—און האָט איהם די האַנד דערלאַנגט.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יעגאָראָווא'ן, האָט זיך עלעגאַנט און דרך-ארצ'דיג פּערנויגט פאַר איהר און געזאָגט:

—אָלגאַ אַנדרעיעווּנאַ!

ער האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ עטוואָס אין דער זייט און האָט איהר עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט זיך אָבגעהאַלטען.

יעגאָראָווא האָט צו איהם טרוקען אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און איבער איהר געזיכט איז עפּעס אַ שאָטען אַריבער.

—וועגען וואָס, מיינע ליבע, האָט איהר דאָ גערעדט?—האָט שיפרין אונגעצוואונגען אַ פרעג געטהון, פיהלענדיג, אַז ער איז דאָ אַנ'איבעריגער.

—וועגען וועטער!—האָט איהם ליזאַ צערייצט געענטפערט.

—כ'וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דו זאָלסט ריידען וועגען וועטער!—האָט ער שפּאָטיש אויסגערופען.—נאָך דערצו אין אָנוועזענהייט פון...

ער האָט געוואָלט זאָגען „מירקינען" און האָט אפילו אַ קוק געטהון אויף איהם, נאָר פיהלענדיג, אַז דאָס וועט זיין צו גראָב, האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט.

—אין דער אָנוועזענהייט פון מאַלעשאַט'ס בוך!

און ווענדענדיג זיך צו יעגאָראָוואַ'ן, האָט ער זי כמעט אַרויספאָדערענדיג געפרעגט:

—איהר וועט זיין איבערמאָרגען אין קלוב אויפ'ן באַל?

—ניין!—האָט איהם יעגאָראָוואַ געענטפערט.

—אַ שאָד! איך האָב גערעכנט אייך צו פערבעטען טאַנ-צען אַ וואַלס.

—איהר ווייסט דאָך, אַז איך טאַנץ נישט,—האָט יעגאָראָוואַ געזאָגט, וואַרפענדיג אויף איהם אַ קאַלטען פערוואונדערטען בליק.

שיפרין האָט דערפיהלט דעם דאָזיגען בליק און איהם האָט זיך פערוואָלט רייצען און אויפרעגען דאָס דאָזיגע מיידעל, וועלכע איז איהם שטאַרק געפעלען און וועלכע איז אָבער שטענדיג געבליבען קאַלט און גלייכגילטיג צו זיינע קאָמפּלימענ-טען. און ווענדענדיג זיך צו מירקינען, האָט ער מיט אָפענעם חוזק געזאָגט:

—זאָגט, מירקין, פיסאַרעוו האָט געקענט טאַנצען?

—כ'ווייס נישט!—האָט מירקין אָבגעהאַקט געענטפערט און האָט גלייך בייז צוגעגעבען:

—לאָזט צורוה פיסאַרעוו'ן!

—„טאַבו"!—האָט שיפרין טעאַטראַליש אויפהויבענדיג די האַנד געזאָגט און האָט אַ גיכען בליק געוואָרפען אויף יעגאָ-ראָוואַ'ן.

יעגאָראָוואַ אָבער איז צוגעגאַנגען צו דער יונגער שיפרי-נאַ'ן און געזאָגט:

—מאַנעטשקאַ, דו האָסט מיר געוואָלט וויזען דיינע אויס-נייעכצען, קום, וויז מיר...

און נישט אַ קוק טהוענדיג אויף שיפרינ'ען, איז זי צו צו דער טהיר אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ צו מירקינען.

—אָלגאַ אַנדרעיעוונאַ, איהר האָט זיך בעליידיגט פאַר פי-סאַרעוו'ן?—האָט איהר שיפרין נאָכגערופען און אין זיין שטים האָט גלייכצייטיג געקלונגען שפּאָט און ציטריגע בקשה.

—ניין, פאַר אייך!—האָט יעגאָראָוואַ שוין אין דער טהיר

געענטפערט און, נישט אומקוקענדיג זיך, איז זי אַרויס.

—ווי דו קענסט נישט פערבאָרגען דיינע געפיהלען, לע-וויק!—האָט ליזאַ מיט אַ מילדען פאָרוואורף איהם בעמערקט.

—אָ-אָ, שוועסטער מיינע!—האָט ער מיט אַ טעאַטראַלישען טאָן, צולעגענדיג די האַנד צום האַרץ אויסגעשריען.—ווען דו זאָלסט וויסען, ווי איך ליידע!...

—נו, מאַך נישט קיין אָנשטעלען, דו ליידסט טאַקי!—האָט איהם זיין שוועסטער עטוואָס בייז איבערגעריסען.

מירקין האָט עפּעס געפיהלט, אַז ס׳איז דאָ עפּעס וואָס פאָרגעקומען צווישען שיפּרינ׳ען און יעגאָראָוואַ׳ן און ער איז געווען צופרידען דערפון וואָס די לעצטע איז דעמאָנסטראַטיוו אַוועק. אָבער גלייכצייטיג האָט ער נאָך איהר אַוועקגעהן דער-פיהלט, אַז ער האָט שוין דאָ נישט וואָס צו טהון.

—אַך, יאָ!—האָט זיך שיפּרין צו איהם געווענדעט, צופרי-דען דערפון וואָס ערביידט איבער דאָס געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש.—וואָס אָנבעלאַנגט די ספּעציעלע זאַמלונג, וועגען וועל-כער איהר האָט מיך געבעטען, האָב איך גאָרנישט געקאָנט מאַכען... כ׳קאָן נאָר געבען פון מיר אַ רובל און וועגען די איבריגע, וועט איהר מיר ענטשולדיגען!

אויף מירקינס געזיכט איז געווען צו בעמערקען אַ גרויסע פערביטערונג. שיפּרין האָט עס בעמערקט און ווילענדיג אינס-טינקטיוו איהם נאָך מעהר ערגערן, האָט ער אונטערשטרייכענ-דיג די ווערטער צוגעגעבען:

—כ׳מוז אייך פריהער זאָגען, אַז אויך אויף ווייטער וועל איך שוין אויף זיך נישט נעהמען אָט די זאַמלונגען. ס׳איז מיר פּשוט נישט אָנגענעהם! ס׳קומט אויס, איינפאַך, צו רייסען יע-נעם ביי די פּאָלעס...

—וואָס זשע וועט איצט זיין? וואָס וועט זיין!!—האָט מיר-קין פערצווייפעלט געערעדט.—דעס שלאָסער מוז מען דורכאויס בעצאָהלען זעקס רובל. אויסערדעם זענען די טעג נאָך צוויי אָהן שום מיטלען געקומען צו פאָהרען!...

—אויף וואָס קוקענדיג פאָהרען זיי,—האָט שיפּרין אויפגע-

רעגט געֿטענה'ט.—ס'איז דאָך שרעקליך! רייסען זיך און רייסען זיך, פונקט ווי מ'וואָלט דאָ פאַר זיי גאָלדענע בערג צוגעגרייט!

—וואָס דען קאָן מען טהון!—האָט מירקין ווי פערשולדיגט געזאָגט.

—ביי די רוסען—האָט שיפרין ווייטער גערעדט—איז אַזעלכעס נישט פאַרהאַן! ביי זיי, אויב אַ מענש האָט נישט קיין מיטלען פאַרוואָס צו לערנען זיך, זוכט ער זיך אויס אַ בעשעפטיגונג, אַנ'אַרבייט. און אייערע ישיבה-בחורים ווילען פון גאָרנישט וויסען! אַלע ווילען זיין לאָמאָנאָסאָווס!... קלערען פון גאָרנישט, נאָר פון „בילדונג"!—האָט ער מיט פעראַכטונג אויסגעלאָזט איבערקרומענדיג דאָס וואָרט בילדונג.

מירקינען האָבען דידאָזיגע ווערטער שרעקליך וועה געטהון, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען און קוקענדיג אָנגעכמורעט אַראָב האָט ער נערוועז געביסען די ליפען.

—וואָס זשע דאַרף מען, לויט אייער מיינונג, טהון?—האָט ער בעהערשענדיג זיך, אָבער מיט אינערליכער אויפרעגונג, געפרעגט.—פונאַנדערשיקען אַ בעפעהל איין אַלע שטעדטלעך, אַז קיינער זאָל נישט וואַגען צו קומען לערנען זיך? אָדער ראַגאַטקעס אַוועקשטעלען?...

—אָט האָט איהר ערשט אַליין געזאָגט, אַז צוויי נייאינקעזענען נאָר וואָס געקומען צופאָהרען.—האָט שיפרין, קומענדיג אין אַזאַרט, ווייטער גערעדט, נישט הערענדיג אפילו מירקינען.—און ווי קאָנט איהר זיכער זיין, אַז מאָרגען וועלען נישט קומען צופאָהרען נאָך צוואַנציג?...

מירקין האָט פלוצלינג אויפגעהויבען דעם קאָפ און האַרט אַ קוק געטהון אויף שיפרינען:

—און אַז כ'בין נישט זיכער, איז וואָס?—האָט ער בייז געזאָגט.—זיי וועלען קומען צופאָהרען—זאָלען זיי טאַקי קומען! זעהר גוט! כ'וועל זיין צופרידען!

—יאָ, איהר האָט צייט צו פערנעהמען זיך מיט זיי...

—און איהר האָט נישט קיין צייט? פערנעהמט זיך נישט מיט זיי. קיינער נויט אייך נישט מיט געוואַלד...

—ליאָוואַ! ליאָוואַ!—האָט איהם ליזאַ, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט אונרוהיג צוגעהערט צום שמועס, פלוצלינג איבער-בעריסען.—וואָס היצסט דו זיך אַזוי?

—איך היץ זיך גאָרנישט,—האָט שיפרין פונדעסטוועגען שוין אַ ביסעל געלאַסענער געזאָגט,—איך זאָג נאָר, אַז קיינער וואָלט בעשטימט גאָרנישט פערלוירען דערפון, ווען ניין צעהנ-טעל פון די לאָמאָנאָסאָווס, די אַלע פייעוויטשעס און שמייעווי-טשעס, וואָלטען געבליבען ביי זיך אין דערהיים דאָרט... איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, מירקין, אַז איהר וואָלט פיל בעסער גע-טהון ווען איהר וואָלט, אַנשטאָט זיך צו ניאַנטשען מיט די אַלע יונגלעך, זיי געראַטען צוריק אַהיימפאָהרען...

—אַהיים?—האָט מירקין אויסגעשריען און זיין שטימע האָט אינגאַנצען געציטערט.—הייסען זיי צוריק פאָהרען אין די פער-שאָלטענע פינסטערניש פון וועלכער זיי האָבען זיך מיט אַזוי פיל מיה קוים אַרויסגעריסען?!...

—וואָס פאַר אַ שענע ווערטער!—האָט איהם שיפרין פער-אַכטליך איבערגעריסען.

—שענע ווערטער?—האָט מירקין אין אויפרעגונג אויסגע-שריען.—יאָ, פאַר אייך זענען עס שענע, פוסטע ווערטער! ווייסט איהר פאַרוואָס! איך וועל זיך נישט שעמען אייך צו זאָגען!

—נו, זאָגט!—האָט שיפרין צו איהם אַרויספאָדערענד גע-זאָגט.

—מירקין! מירקין!—האָט איהם ליזאַ געפּרובט אָבשטעלען.

אָבער מירקין איז שוין געווען אויסער זיך, און קוקענדיג גלייך שיפרינען אין די אויגען, האָט ער כמעט געשריען:

—איהר מיינט, אַז ווייל איהר האָט אַ רייכען פאָטער, וועלכער קאָרמעט אייך און לערנט אייך, זענט איהר דערפאַר אַ העכערער מענש? איהר מיינט, אַז צוניפזאַמלענדיג עטליכע רובל פאַר דידאַזיגע פייעוויטשעס און שמייעוויטשעס, ווי איהר רופט זיי אָן—האָט איהר שוין דאָס רעכט פון זיי צו לאַכען. זיי קאָנען שפייען אויף אייער געלד! זיי וועלען אָהן אייער

בעלד און אָהן אייערע עצות אויך לעבען! מיר שפּייען אויף אייער גאַנצען אַריסטאָקראַטיזם!!

און אויסער זיך איז ער אַרויס פון שטוב.

—דוראַק!—האָט איהם שיפרין נאָכגערופען.

## כח

מירקין איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז אַרויסקומענדי אין עס-צימער צוריק, האָט ער נישט גלייך געפונען די טהיר און האָט זיך געדרעהט אין אַלע זייטען.

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך געעפענט אַ זייטיגע טהיר און מאַניאַ האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט.

—דאָס זענט איהר, מירקין? איהר געהט אַוועק? אַלאַ בעט אייך איהר זאָלט אויף איהר צוואַרטען, זי געהט אויך אַהיים.

מירקין האָט זיך נישט גלייך געכאַפּט וועגען וואָס זי רעדט און האָט געפרעגט:

—וואו איז דאָ די טהיר צו דער גאַס?

—מיר געהען, דוכט זיך, איין וועגס, מירקין?—האָט ער דערהערט יעגאָראָוואַס שטימע, פון מאַניעס צימער.

—אַך, דאָס זענט איהר?—האָט ער דערפרעהט אויסגערו-פען.—איך קאָן בשום אופן נישט געפינען די טהיר... יאָ, מיר געהען איין וועגס,—האָט ער צוגעגעבען און האָט זיך אַליין געוואונדערט פון וואַנען ער ווייסט דאָס.

—זיי זענען צוזאַמען אַרויס, ס'איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. די גאַסען זענען אינגאַנצען פּוסט געווען. וואו נישט וואו האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון נאַכט-וועכטער. אויף די טרעפּלעך פון עפּעס אַ געוועלב איז געזעסען אַן'אַל-טער יוד, אַ נאַכט-וועכטער און האָט הויך געזאָגט תהילים.

מירקין האָט פעסט פערשפּילעט זיין לייכטען פּאַלטאָ און איינקורטשענדיג זיך פאַר קעלט און אינערליכער אויפרעגונג, איז ער געגאַנגען עטוואָס פאָראויס פאַר יעגאָראָוואַ, פערקלע-

נערענדיג כסדר זיינע טריט כדי נישט צופיל פאראויסצולויפען. ער האט זיך גוט געפיהלט אין איהר אנוועזענהייט און האט זיך עטוואס בערוהיגט. אראויסקומענדיג מיט איהר אויף דער גאס האט ער לכתחילה געוואלט איהר דערצעהלען וועגען זיין אינצידענט מיט שיפריינען, נאר ער האט אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז עס וועט עפעס אונאנגענעהם ווערען—און ער האט איינגאנצען פערשוויגען.

א שטיקעל צייט זענען זיי געגאנגען שווייגענדיג.

—איהר ווייסט, מירקין, איך האב דאך בעשלאסען צו אנטלויפען פון דערהיים,—האט יעגאראווא גענומען ריידען רוהיג, ווי מ׳רעדט וועגען שוין א לאנג בעשלאסענער זאך און אין איהר שטימע האט זיך געהערט א טיפער צוטרוי צו מירקינען.

מירקין האט אזש א ציטער געטהון פון דער אומגעריכטער ענטדעקונג, ער האט זיך אבגעשטעלט און שארף א קוק טהוענדיג אויף יעגאראווא האט ער אין גרויס פערוואונדערונג געפרעגט:

—איהר?

אזא ענטדעקונג האט ער אמווענינגסטען ערווארט פון יעגאראווא. קודם כל איז פאר איהם געווען אינגאנצען ניי און אונערווארטעט, אז א מיידעל זאל טראכטען וועגען אנטלויפען פון דערהיים. ווי אזוי און וואוהין קאן א מיידעל אנטלויפען? אבער נאך מעהר איז ער ערשטוינט געווען דערפון, וואס זי, יעגאראווא, א רוסישע, טראכט וועגען אנטלויפען. אויב א יוד אנטלויפט פון די עלטערן, איז עס פערשטענדליך. ער אנטלויפט פון פאמיליען-דרוק, פון רעליגיעזען פאנאטיזם. אבער רוסען, וועלכע האבען נישט קיין תלמוד, נישט קיין בערג רעליגיעזע מצוות און עבירות, צי עקזיסטירט ביי זיי אויך א וועלכער עס איז דרוק? נישט קוקענדיג דערויף וואס מירקין האט געלייענט פיל ראמאנען פון רוסישען לעבען אין וועלכע עס ווערט בולט געשילדערט דער קאמף צווישען די עלטערן און קינדער, האט ער זיך דאך קיינמאל נישט פערטראכט דעריבער און האט די

געלעזענע ווערק זיך פאָרגעשטעלט ווי די וואַלטען געווען פון יודישען לעבען און אַזוי אזוי ער געבליבען ביי דער איבערציי־גונג, אַז אין דער קריסטליכער סביבה איז אינגאַנצען נישטאָ קיין באָדען פאַר אַ קאַמף צווישען אַלטען מיט׳ן נייעם, צווישען עלטערן און קינדער.

—איהר חדוש׳ט זיך?—האָט איהם יעגאָראָוואַ געזאָגט.— ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גיהנום ביי אונז אין הויז איז.—האָט זי מיט אַ ציטריגע שטימע צוגעגעבען.—דער פאָטער איז אַנ׳אויסערגעוועהנליכער דעספאָט, ער שיכור׳ט און טיראַניזירט די גאַנצע פאַמיליע... מיר לעבען אין שטענדיגער שרעק. קיין שטראַהל ליכט, קיין ביסעלע פרישע לופט.

מירקין האָט אַלץ געקוקט אויף איהר מיט ברייט געע־פענטע אויגען און עס האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַנ׳־אויסגעשריי:

—איהר לעבט אויך אַזוי?

יעגאָראָוואַ האָט דערפיהלט וואָס פאַר אַנ׳אויפריכטיג מיט־געפיהל עס איז געווען אין מירקינס ווערטער און אָנשטאָט אַנ׳ענטפער האָט זי צו איהם האַרציג געזאָגט:

—איך האָב נאָך קיינעם, אפילו מיינע נאָהנטסטע פריינד נישט דערצעהלט וועגען דעם בעשלוס מיינעם... צו אייך האָב איך עפּעס גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן בעקומען צוטרוי... מיר זענען נאָך ווייניג בעקאַנט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איהר זענט זעהר אַ גוטער מענש...

אַ הייסער שטראָם האָט מירקינען אַ שלאָג געטהון צום האַרצען, עפּעס אַ געוואַלדיג געפיהל פון גליק און פרייד האָט איהם אַרומגעכאַפּט, האָט איהם א. ־געהויבען פון דער ערד און דערנעהנטערט צו יעגאָראָוואַ. עס האָט זיך איהם פערוואָלט אַרויסזאָגען איהר אַלץ, וואָס האָט זיך ווי אַ שטורם געטראָגען אין זיין מח, אָבער ווערכעס האָט נאָך נישט געפונען קיין אויסדרוק אין ווערטער. אָבער ער האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל און ער איז ווייטער געגאַנגען שווייגענדיג, גליקליך און אויפגערעגט.

—וואוהין... קלערט איהר צו אַנטלויפען?—האָט ער גע-פרעגט ענדליך בעהערשענדיג זיך עטוואָס.

—קיין אויסלאַנד. אין שווייצאַריען. כ'רעכען דאָרט אָנצו-קומען אין אוניווערזיטעט...

—קיין אויסלאַנד?!—האָט מירקין נאָך אַמאָל פערוואונדערט, כמעט מיט יראת-הכבוד איבערגעפרעגט.—קאָנען דען פרויען דאָרט אָנקומען אין אוניווערזיטעט?...

—יאָ, אין ציוריך נעהמט מען אָן פרויען.

מירקין האָט ס'ערשטע מאָל געהערט וועגען אַזאַ מין אַנטלויפען פון די עלטערן. „אויסלאַנד" האָט זיך תמיד פאָרגע-שטעלט אין זיין פאַנטאַזיע אין נעבעלדיגע און פאַנטאַסטישע שטריכען. ער האָט עפּעס אַמאָל נישט קלאָר געהערט וועגען דעם, אַז עס האָט עפּעס ווער בעשלאָסען צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. אָבער דאָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען גאַנץ אונ-דערגרייכבאַר. פאַר געוועהנליכע מענשען, אפילו פאַר מענער. און אָט קלויבט זיך צו פאָהרען אין דעם דאָזיגען פאַנטאַסטישען „אויסלאַנד" אַ פרוי און נאָך כדי אַריינצוטרעטען אין אוניווער-זיטעט! און ווי פשוט זי רעדט וועגען דעם!...

און יעגאָראָווא, צו וועלכער ער האָט זיך נאָך פריהער בעצויגען מיט אַ בעזונדערער אַכטונג, איז איצט נאָך מעהר אויסגעוואַקסען אין זיינע אויגען. האָט זיך אויפגעהויבען הימעל הויך, האָט אַרויסגערופען צו זיך שיער נישט אַ רעליגיעזע התפעלות.

מירקין, ווי דאָס רוב יוגענד פון זיין סביבה און קולטו-רעלער מדרגה האָבען געהאַט אַ וואונדערליכע טאָפּעלטע בעצי-הונג צו דער פרוי. פון איין זייט האָט דער שטרענגער אַסקע-טיזם אין זייער כאַראַקטער און דער בליק אויף דער פרוי אַלס אויף אַ גייסטיג גידריגע בעשעפעניש, וועלכען זיי האָבען געהאַט בירושה פון די עלטערן און פון דער רעליגיעזער קולטור, גורם געווען פון זייער זייט אַ פעראַכטונג צו דער פרוי און זיי דערווייטערט פון איהר. אין די אפיקורסישע קרייזלעך, וועלכע האָבען זיך דער עיקר פערנומען מיט קריטיק פון תלמוד

און רעליגיעזע דאָגמען, האָבען מיידלעך, נאַטירליך, נישט גע-
קאָנט קיין אָנטייל נעהמען. דער דאָזיגער, אויסשליסליך מענער-
שער צוזאַמענשטעל פון די קרייזלעך איז פערבליבען אויך דער-
נאָך, ווען אין די קרייזלעך זענען אַריינגעדרונגען ברייטע
שטראָמען פון דער פּאָזיטיווער אייראָפּעאישער קולטור. נישט
מירקין, נישט זיינע נאָהנטסטע חברים, ווי אולער, אָדער אפילו
געווערמאַן, האָבען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען אַ מיידעל אַלס
גלייכבערעכטיגטער מיטגליד פון זייער קרייז, אַלס חבר און
פריינד, כאָטש דער געדאַנק וועגען דעם, אַז אַ מיידעל קאָן
זיין אַ דענקענדער מענש און אַז מיט איהר קאָן מען אויך
„ריידען" וועגען הויכע מאַטעריעס האָט שוין געהאַט אָנגעהוי-
בען אַריינדרינגען אין זייער בעוואוסטזיין. אויסער דעם איז
אין די קרייזלעך געווען שטרענג פעראורטיילט יעדער „געפיהל"
צו דער פרוי, דאָס וואָרט „ליבע" פלעגען זיי אַרויסריידען מיט
פעראַכטונג, חתונה האָבען האָט זיך גערעכענט פאַר אַ טיפען
און ענדגילטיגען זינקען און פערברענגען מיט מיידלעך פאַר
דעם בולט'סטען סימן פון נישטיגקייט און געמיינקייט. נאָר צו-
זאַמען מיט דעם איז ביי די דאָזיגע אַסקעטען-אפּיקורסים געווען
אין דער נשמה אַ טיפע, אידעאַלע בעציהונג צו דער פרוי. דער
אידעאַל פון אַ מיידעל האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט ווי אַנ'איבער-
ערדישע בעשעפעניש, פאַר וועלכער מ'קאָן נאָר יראת-הכבוד'יג
דעם קאָפּ בויגען. און טרעפענדיג אַ מיידעל, וועלכע איז אין
גייסטיגער ענטוויקלונג געשטאַנען עטוואָס העכער פאַר דער
אַרומיגער סביבה זענען זיי דורכגעדרונגען געוואָרען מיט אַ
התלהבות'דיגער אַכטונג צו איהר און האָבען זיך אין איהר גע-
זעלשאַפט גענצליך פערלוירען.

מירקין האָט איצט געהאַט פאַר זיך אין אַ קאָנקרעטער
און בולט'ער פאָרם אָט אַזאַ אידעאַל פון אַ מיידעל, וועלכע ער
האָט ביז איצט נאָר געטראָגען אין זיין פערנעבעלטער פאַנ-
טאַזיע. ער איז איצט געגאַנגען גלייך מיט יעגאָרעוואַ און זיין
האַרץ האָט אין איהם אויפגעהערט צו קלאַפּען פון עקסטאַז און
פערגעניגען.

—ווען איך וואָלט געקאָנט... אייך העלפען מיט עפּעס וואָס!—האָט זיך ביי איהם אַנ'אומגעריכטער פאָרשלאָג אַרויס-געריסען.

—אַ דאַנק אייך, מירקין!—האָט יעגאָראָוואַ שטיל הארציג און מיט אַ בעזונדערער אינטימליכקייט געענטפערט—כ'וואָלט פיל, פיל געוואָלט מיט אייך ריידען, זיך בעראַטען... ווי מיט אַ פריינד... כ'וואָלט געוואָלט זיין אייער פריינד,—האָט זי שטילער צוגעגעבען און אין איהר שטימע האָט זיך געהערט עפּעס מילדעס און שמערצליכעס.

זיי זענען געשטאַנען ביי דעם צופאָהר פון איהר הויז. זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנד, האָט איהם טיף אַריינגעקוקט אין די אויגען און האָט מיט אַ קוים בעמערקבאַרען ציטער אין דער שטימע געזאָגט:

—מיר וועלען זיין פריינד? יאָ?

—יאָ,—האָט מירקין שטיל און אונטערטעניג געענטפערט, בישט אַרויסלאָזענדיג איהר האַנד פון זיינער.

זי האָט איהם ווי פריהער ביים טרעפען זיך פעסט, שטאַרק און ערנסט געדריקט די האַנד און געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט, פונקט ווי זי וואָלט עפּעס ערוואַרט.

—איהר זייט... עהנליך צו אַסיע טורגעניעוואַ,—האָט מירקין שטיל און ציטערענדיג אַרויסגעזאָגט, ווי ער וואָלט זיך בעבעטען ביי איהר זי זאָל צונעהמען ביי איהם אָט דעם שוואַכען און אָרימען בעווייז פון אונבעגרענעצטען עהרפורכט פאַר איהר.

—אָ, ניין! וואָס רעדט איהר!—האָט יעגאָראָוואַ שמערצליך אויסגעשריען.—ווען איהר וואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ העסליכע איך בין, ווי איך פעראַכט זיך זעלבסט!... האָט זי מיט אַנ'איבערגעריסענער שטים צוגעגעבען און נאָך איינמאָל אַ דריק טהוענדיג מירקינען געשווינד און פעסט די האַנד איז זי האַסטיג אַריין אין הויז.

# כט

אַ מינוט נאָך איז מירקין געשטאַנען ווי פערשטיינערט ביי דער טהיר, ווי ער וואָלט ערוואַרט יעגאָראָווא זאָל נאָך ווידער אַרויסקומען. דערנאָך האָט ער פערוואונדערט זיך אַרום-געקוקט און קומענדיג עטוואָס צו זיך האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעשריען:

—וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער, הערליכער מענש! וואָס פאַר אַ הייליגע, אידעאַלע פערזענליכקייט!

ער איז געגאַנגען אַהיים אַ גליקליכער און אַ צופרידענער. ביי איהם אין קאָפּ האָבען זיך געטראָגען די ווערטער: „אויס-לאַנד", „שווייצאַריען", „אוניווערזיטעט". ער האָט געפיהלט אַז זיין האַרץ איז איבערפולט מיט גליק און בעגייסטערונג דערפון, וואָס יעגאָראָווא איז אַן אידעאַלע און הייליגע, וואָס זי האָט זיך בעשלאָסען צו פערלאָזען די היים און אַנטלויפען קיין אויסלאַנד און נאָך דערצו אין אוניווערזיטעט. און ער האָט אונבעוואוסטזיניג כסדר אַרויסגערעדט פאַר זיך איהר נאָמען.

קומענדיג צו זיך אין צימער האָט ער אויפ'ן טיש גע-טראָפען דעם ברענענדיגען לאָמפּ און אויפ'ן בעט איז געוועזער-מאַן געשלאָפען אין די מלבושים און אין די שיך. נישט ווי-לענדיג אינסטינקטיוו אַז געוועזערמאַן זאָל זיך אויפכאַפּען און פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס, האָט ער זיך געזעצט צום טיש און האָט ווייטער הי אין שלומער געטראַכט און געטראַכט וועגען יעגאָראָוואַ'ן.

זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם בריוועלע, וועלכעס הלל האָט איבערגעלאָזען וועגען בעריאָשעווא. ער האָט זיך דערמאָהנט וועגען בעריאָשעוואַ'ן—און זי האָט זיך איהם אויס-געוויזען קליין און בלייך אַנטקעגען יעגאָראָווא.

—מ'דאַרף פונדעסטוועגען אַ טראַכט טהון וועגען מאָרגענ-דיגען „מקדש זיין"—האָט ער זיך זעלבסט אונטערגעזאָגט.

ער האָט בענומען בעטראַכטען די איינצעלהייטען פון דער „פערשווערונג", נאָר זיין געדאַנק האָט אונבעמערקטערהייד צו-ריקגעקויקעלט זיך צו יעגאָראָווא. כאַפּענדיג זיך איינמאָל און ס'צווייטע מאָל ביי דעם, האָט ער זיך אַ רייב געטהון דעם שטערען און האָט הויך אויפ'ן קול געזאָגט:

—וואַרט נאַר!... מ'דאַרף דאָך בעטראַכטען די זאַך ווי ס'געהער צו זיין...

אָבער זיין געדאַנק האָט זיך ווי אַ פּילקע נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַוועקגעקייקעלט צו יעגאָראָווא. מירקין איז ער-שטוינט געוואָרען פון דער דאָזיגער מאָדנער ערשיינונג. בעזונ-דערס האָט איהם געשראָקען דאָס, וואָס טראַכטענדיג וועגען יע-גאָראָווא ווי וועגען אַנ'ערנסטער, דענקענדער און אידעאַלער פערזענליכקייט, דערמאָהנט ער זיך גלייכצייטיג דאָס בלויע אָדערל ביי איהר אויף דער שלעף און די זיסע ליפּעלעך איהרע, ווען זי שמייכעלט.

—וואָס איז דאָס? צי בין איך פון זינען אַראָב?...—האָט ער אין שרעק אויסגעשריען זיך אַליין נישט גלויבענדיג.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן טיש און איינקוקענדיג זיך מיט ברייט געעפענטע אויגען אין פינסטערן פענסטער, האָט ער זיך אין געדאַנק פער-טיפט אין זיך, בעמיהענדיג זיך אַריינצודרינגען אין די בעהאַל-טענע ווינקעלעך פון זיין אייגענער נשמה. מיט אַ קאַלטער ברוטאַלקייט האָט ער זיך געגריבעלט אין זיינע געפיהלען און צו זיין שרעק האָט ער איינגעזעהן אַז ער האָט קיין טעות נישט: ער האָט נישט נאָר יראת-הכבוד פאַר יעגאָראָוואַ'ס פער-זענליכקייט, נאָר זי געפעלט איהם אויך אַלס פרוי.

—נידערטרעכטיגער!!—האָט ער שרעקליך אויפגעבראַכט אויסגעשריען.—דו ביזט נישט קיין דענקענדער רעאַליסט, נאָר אַ כאַראַקטערלאָזע שמאַטע, אַנ'אויסוואורף און אַ פאַדלעץ! אַזוי!—האָט ער מיט גיפטיגער איראָניע ווייטער גערעדט.—אַנדערע קאָנסטו פעראורטיילען, אַז זיי לויפען נאָך מיידלעך—און אַליין? דו ביזט טויזענד מאָל ערגער פון זיי! דו דאַרפסט נישט קיין

אידעאַל שטרעמונגען, נאָר „אָדערלעך“ און „שמייכעלעך“! דו האָסט געמיינט: „איך פערשטעה דיך נישט? איך קען דיך טוי־געניכטס, פיליסטער!!

און פּלוצלינג אין סאַמע שרעקליכסטען זעלבסט־זידלעריי, האָט ער זיך דערמאָהנט די ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט יעגאָראָוואַ'ן ביים געזעגענען: „איהר זייט עהנליך צו אַסיע טור־געניעוואַ“...

—אַ קאָמפּלימענט?!—האָט ער אין שרעק אויסגעשריען, און זיין געזיכט איז רויט געוואָרען פאַר חרפּה און אויפגעבראַכט־קייט, ער איז געווען גרייט איצט אין אַ גרוב זיך צו לעגען פונ'ם בעוואוסטזיין וועגען זיין אייגענער נישטיגקייט און פונ'ם געדאַנק, אַז מיט דעם קאָמפּלימענט האָט ער זיך אינגאַנצען דערנידערט ביי יעגאָראָוואַ אין די אויגען. ער האָט זיך שוין מעהר נישט געזידעלט און נישט געשטראָפט. זיין פאַלען איז געווען אַזוי דייטליך, און אַזוי טיף, אַז ס'איז שוין גאָרנישט בויטיג געווען קיין ווערטער אויף צו דערוויזען עס. עטליכע מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען קאַלט און אונ'ברחמנות'דיג, פערטיפט אין זיך. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט שטרענג, האַרט און ענטשלאָסען, ווי מ'רעדט אַרויס עפּעס אַנ'־אָבמאַך געזאָגט:

—זאָל איך פערשאָלטען ווערען אויב איך וועל זיך נאָך איינמאָל טרעפען מיט אָלגאַ יעגאָראָוואַ! פערשאָלטען זאָל איך ווערען, אויב כ'וועל נאָך איינמאָל טראַכטען וועגען איהר!

ער איז אַרויס פון שטוב און האָט גענומען בלאָנדזשען איבער די גאַסען, נויטענדיג זיך צו געהן געלאַסען און רוהיג און טראַכטען וועגען די פאָרשטעהענדע „קידושין“ פון בעריאַ־שעוואַ, וועגען געווערמאַנען און זיין מוטער, וועגען ליטעראַרי־שען דיספּוט, וועלכער האָט זיך געפיהרט ביי קאַפּלונער'ן. ער האָט פּשוט איינגעדריקט זיין געדאַנק אין אַ פּרעס, נויטענדיג איהם צו אַרבייטען אין אַ בעשטימטער ריכטונג, נישט ערלוי־בענדיג איהם זיך אומצוקעהרען אפילו צום אינצידענט מיט שיפּרינעז. נאָך עטליכע שעה אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבייט

איבער זיך, איז איהם געלונגען צו בעהערשען זיין געדאַנק, אונטערוואַרפען איהם אונטער דעם ווילען זיינעם. אַ רוהיגער, באָר אַ שטרענגער און אַ בייזער האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיך אין צימער, האָט אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און האָט זיך געלעגט אויף דער לעזשאַנקע. באַלד איז ער אַנטשלאָפען געוואָרען, זיכער אין זיך, זיכער, אַז אפילו אין שלאָף וועט דער געדאַנק זיינער נישט אַרויס פון דער ווירקונג פון זיין ווילען, וועט ער זיך נישט אומקעהרען צו דער פערבאָטענער טעמע.

## ל

צומאָרגענס אינדערפריה איז מירקין אויפגעשטאַנען אין אַ זעהר געדריקטער שטימונג—און ער האָט גלייך פעסט בעשלאָסען, אַז די אורזאַך פון דער דאָזיגער שטימונג איז—דער אינצידענט מיט שיפּרינען, וועלכער דראָהט מיט שרעקליכע פאָלגען. שיפּרין איז געווען דער איינציגער מענש, וועלכער האָט אין אַ קריטישען מאָמענט געקאָנט שאַפען אַ גרעסערע סומע פון פינף און אפילו פון צעהן רובל פאַר די עקסטערנעס אָדער פאַר אַנדערע נויטיגע זאַכען... מירקינען האָט געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט איינצורייסען מיט שיפּרינען. און אויסער דעם וואָס האָט ער זיך אַזוי געבייזערט אויף שיפּרינען? אין דער אמת'ן איז דאָך פיל פון דעם, וואָס יענער האָט געזאָגט, ריכטיג... פערהאַן מענשען, וועלכע זענען זעהר שטרענג צו אַנדערע... האָט ער מיט בייזער איראָניע אַ טראַכט געטהון אין זין האָבענדיג זיך אַליין.

ער איז אַוועק אין קלויז און האָט דורך איין ישיבה-בחור איבערגעגעבען פיער רובל פופציג קאָפּ פאַר צוויי בחורים, וועלכע האָבען פערלאָזט די ישיבה, כדי אָנצוקומען אין גימנאַזיע און האָבען געוואוינט ערגעץ הינטער דער שטאָדט, גאַנץ אָבגעזונדערט. די איבריגע פיער רובל האָט ער אַוועקגעטראָגען אין „עיר מקלט" אויף אַ חודש כרנכה פאַר דער גאַנצער חברה.

אין „עיר-מקלט" זענען שוין אַלע געווען גרייט און האָבען נאָר געוואַרט אויף מירקינען, וועלכער, האָט אויך בעדאַרפען ברענגען דעם עיקר פון די קידושין—אַ זילבערנע מטבע.

אין צוויי שעה אַרום זענען די פערשווערער אַוועק צו בעריאַשעוו'ן אין קראָם. אולער איז אַלס אויסשפּירער אַוועק פריהער. די איבריגע—מירקין, פייעוויטש, ציפּאָרין און קאָרנבלאַט זענען אַריין אין נאָהנטסטען שטאָדט-גערטעל. אַלע זענען געווען פייערליך געשטימט.

—ווי אַזוי האָסטו זיך געקאָנט בעשליסען איבערצולאָזען אויף עטליכע שעה דיינע לעהר-ביכער.—האָט זיך מירקין האַלב אין שפּאַס געווענדט צו קאָרנבלאַט'ן.

—נישקשה! מיינס וועט מיר נישט פערלוירען געהן!—האָט קאָרנבלאַט פרעהליך געענטפערט.—איך האָב בעשלאָסען שוין די נאַכט נישט צו שלאָפען. איך וועל מיר שוין איינשפּאָרען עטליכע שעה.

דערווייל איז אולער געקומען צו לויפען אַ פערסאַפּעטער.

—נו, געשווינד, געהט!—האָט ער זיי געאיילט.—זי איז נאָר וואָס געקומען אין קראָם אַריין מיט דער מוטער... דער פאָטער איז אויך דאָרט דאָ!...

—געהען מיר!—האָט פייעוויטש קאָמאַנדירט.

—וואַרט!—האָט איהם אולער אָבגעשטעלט.—דו ביזט דאָך אַ חתן, דאַרף מען דאָך דיך בענשען!

און אויסשפּרייטענדיג די הענד איבער פייעוויטשעס קאָפּ האָט ער גענומען זאָגען ווי אַ תּפילה:

—„זאָל דיך לייטזעליגען דער גאָט פון אברהם... מיכאַילישקער, יצחק... לעבענזאָהן, יעקב... רייפמאַן, משה... דעססער, אהרן... שאַצקעס...

—גענוג! גענוג! ס'איז נישטאָ קיין צייט!—האָט איהם מירקין איבערגעריסען.—געהט! און געדענקט: קאָרנבלאַט און ציפּאָרין געהען אַריין די ערשטע און אין אַ מינוט אַרום, ווען מ'וועט זיי שוין ווייזען די סחורה, וועסטו פייעוויטש אַריינ-

געהן... נו, מיט'ן רעכֿטען פוס! מיר וועלען דאָ וואַרטען אויף אייך...

ווען קאָרנבלאַט און ציפּאָרין זענען אַריין אין קראָם איז גראָד קיין קונים נישט געווען. הינטער'ן טיש איז די אַלטע בעריאַשעוואַ געשטאַנען און האָט גלייך געלעגט צוואָרפענע שטיקלעך סיץ. נעבען איהר איז סאָניע געשטאַנען, גאָרנישט טהוענדיג. בעריאַשעוו איז געזעסען אין אַ זייט מיט עפּעס אַנ'אַלטען יודען, וועלכער האָט גערעדט געלאַסען, נישט געהיצט זיך, ווילענדיג דורכֿאויס איבערצייגען אין עפּעס זיין מיטשפּרעכֿער, געשווינד פערבויגענדיג מיט דער רעכֿטער האַנד איין פינגער נאָכֿ'ן צווייטען פון דער לינקער האַנד, ווי ער וואָלט עפּעס געצעהלט. בעריאַשעוו האָט איהם שווייגענדיג בייז, אונצוטרויליך אויסגעהערט גלעטענדיג זיך די שוואַרצע עטוואָס גרויליכֿע באָרד.

קאָרנבלאַט און ציפּאָרין זענען דרייסט אַריין אין קראָם און נישט אַ קוק טהוענדיג אפילו אין דער זייט פון סאָניע'ן, וועלכֿע איז, זיי דערזעהענדיג, עטוואָס בלאַס געוואָרען און אפילו עטוואָס אָבגעשפּרונגען אַהינטער, גלייך צו צום קראָם-טיש און געווענדט זיך צו דער אַלטער בעריאַשעוואַ:

—ווייזט אונז ליינוואַנד אויף אַ העמד,—האָט קאָרנבלאַט געבעטען.

בעריאַשעוואַ האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל ליינוואַנד פון דער פּאָליצע און האָט עס זיי געוויזען.

דער אַלטער בעריאַשעוו האָט אַ פלינקען בליק געוואָרפען אויף די יונגעלייט. אַזעלכֿע קונים האָט ער זעלטען געזעהן ביי זיך אין קראָם. ליינוואַנד אויף אַ העמד קומען געוועהנליך פרויען קויפען. און גלאַט וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה'ס, קריעה-ובליעה'ניקעס אין קורצע סורדוטען?... „מוזען זיין געוויס פון יענער חברה“,—איז איהם אַדורך אַ געדאַנק און ער האָט נישט ווילענדיג אַ קוק געטהון אויף סאָניע'ן, וועלכֿע איז געשטאַנען הינטער'ן קראָם-טיש אַ בלייכֿע און צעטראָגענע. דער אַלטער האָט עפּעס דערפיהלט אַ נישט-קלאָרע שרעק, קנייטשענדיג דעם

טערען און האָרכענדיג ווייטער מיט איין אויער דעם אַלטען יו־ען, האָט ער גענומען פאַרשענד קוקען אויף די פערדעכטיגע ק נים.

דערווייל איז פייעוויטש אַריינגעקומען האַלטענדיג פעסט פערמאַכט אין דער האַנד אַ צוויי-גריוועניק. ער איז געשווינד אַריין, איז גלייך צו צו סאָניע׳ן, און האָט מיט עטוואָס אַ צי-טערדיגער שטים, צו הויך און צו שנעל, ווי מ׳זאָגט אַנ׳אויס-געַ׳חזר׳טע פראַזע, געזאָגט:

—ווייזט מיר אַ האַלז-טיכעל, אַ וואַרימס, אַ גוטס און נישט קיין טייערס!

—וואָס פאַר אַ האַלז-טיכעל... ווילט איהר?...—האָט סאָניאַ גענצליך פערלירענדיג זיך איבערגעפרעגט און באַלד כאַפּענדיג זיך האָט זי צוגעגעבען: גלייך, גלייך ווייז איך אייך!...

און זי האָט גענומען אַראָבשלעפּען פון פּאָליצע פּעקלעך טיכלעך.

דאָס בעווייזען זיך פון אַ דריטען יונגענמאַן, אויך אַזעל-כער, ווי די ערשטע צוויי, האָט ענדליך איבערגעצייגט דעם אַלטען בעריאַשעוו, אַז דאָ פלאַנט זיך עפּעס נישט גוטס. ער האָט געוואָרפען אַ פאַרשענדען בליק אויף פייעוויטש׳ן, וועלכער האָט איהם נאָך אפילו אויסגעוויזען בעקאַנט צו זיין. און פּלוצ-לינג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט אַמאָל געזעהן דעם דאָזיגען בחור צוזאַמען מיט דעם הויפּט-שולדיגען אין זיין טאָכ-טערס פערדאָרבענקייט—מירקינען. דער אַלטער האָט אַזש אַ צי-טער געטהון ביי דער ענטדעקונג „זיי ווילען”... איז אַדורך ווי אַ בליץ ביי איהם אין קאָפּ.—און ער האָט פערענדיגט: „זי מקדש זיין”...

ער האָט געשווינד און האַסטיג אַראָבגעלאָזט זיין האַנד אויף דעם יודס קניה, געבענדיג איהם דערמיט אַ צייכען ער זאָל שווייגען. יענער האָט גלייך אויפגעהערט צו ריידען און האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון, נישט פערשטעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. בעריאַשעוו האָט זיך דערווייל אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום קראָם-טיש און אָנשטעלענדיג אויף פּייעוויטש׳ן

אַ שאַרפען דורכדרינגליכען בליק, האָט ער שטרענג געפרעגט:

—וואָס פאַר אַ האַלז-טיכלעך דאַרפסטו צו האָבען, יונ-גערמאַן?

—איך... ווייז דאָך איהם... שוין...—האָט סאָניע מיט אַ נידערגעשלאָגענער און ציטריגער שטים אַרויסגעמורמעלט.

—אַוועק פון דאַנען!—האָט צו איהר דער פאָטער בעפעה-לעריש אויסגערופען און האָט זי מיט אַ פעסטער האַנד אַריינ-געשטויסען אין אַ קליין צימערל וואָס הינטער'ן קראָם-טיש.—איך וועל זיך שוין אַליין אַנ'עצה טהון מיט דעם דאָזיגען קונה!

און וואַרפענדיג אַנ'אינקוויזיטאָרישען בליק אויף פייעוויטש'ן האָט ער איהם גיפטיג געפרעגט:

—דאַרפסטו, הייסט עס, אַ האַלז-טיכעל? האַ?

—יאָ!—האָט פייעוויטש מיט פערצווייפעלטער דרייסטקייט געענטפערט.—אַ בעסערס ווי דאָס!—האָט ער צוגעגעבען בעקו-קענדיג דאָס טיכעל, וועלכעס סאָניע האָט איהם נאָך דערלאַנגט.

ציפּאָרין און קאָרנבלאַט, זעהענדיג, אַז אַלץ איז דורכ-געפאַלען, האָבען גענומען זוכען עפּעס אַנ'אויסרייד ווי זיך אַרויסצובעקומען פון דער קראָם.

—ניין, ניין! נישט אַזאַ ליינוואַנד!—האָט קאָרנבלאַט שנעל געזאָגט.—מיר דאַרפען... אַנדערע... גאָר אַנדערע ליינוואַנד... פון אַנ'אַנדערן סאָרט... מיט פּינטעלעך, מיט שוואַרצע פּינטע-לעך!—האָט ער שטאַרק צמישט צוגעגעבען.

—ליינוואַנד מיט פּינטעלעך?—האָט זיך די קרעמערין גע-וואונדערט.—אפשר מיינט איהר סיץ?...

—ניין! איהר ווייסט נישט! איהר האָט נישט אַזעלכעס. קום!—און זיי זענען צוזאַמען שנעל אַרויס פון געוועלב.

—אפשר דאַרפסטו אויך אַ טיכעל מיט שוואַרצע פּינטע-לעך? האַ!—האָט בעריאַשעוו דראָהענדיג געפרעגט.

—געה אין דער ערד אַריין, אַלטער הונד!—האָט פייע-וויטש מיט כעס אויסגעשריען און איז אַרויסגעלאָפען פון קראָם.

—דו משומד!!—האָט בעריאַשעוו ווילד אויסגעשריען און

זיך געוואָרפען נאָך פייעוויטש'ן, אָבער ער איז געבליבען שטעהן ביי דער שוועל פון קראָם.

צעטראָגענע, רויט פאַר בושה און פערביטערונג זענען די פערשווערער געקומען אין גאָרטען אַריין.

—נו? וואָס? בעגריסען?—איז אולער זיי אַנטקעגענגעלאָפען.

—אַדורכגעפאַלען!—האָט פייעוויטש און קאָרנבלאַט פער־צווייפעלט אויסגעשריען.—דער אַלטער הונד האָט זיך אָנגע־שטויסען!...

## לא

דערשלאָגען און ענטמוטיגט האָבען זיי זיך דערשלעפט אין „עיר-מקלט”.

—פייעוויטש איז צו פריה אַריין אין קראָם...—האָט קאָרנ־בלאַט געפּרובט ערקלערען דעם דורכפאַל.

—איהר האָט עס בעדאַרפט גאָר אַנדערש מאַכען—האָט זיך אולער אָבגערופען.—מ'האָט בעדאַרפט צוּוואַרטען ביז דער פאָ־טער וועט אַוועקגעהן...

—נו, וואָס איז זיך איצט דאָ צו גריבלען, וואָס מ'האָט בעדאַרפט, אָדער וואָס מ'האָט נישט בעדאַרפט.—גלייכער אַ קלער טהון, וואָס עס איז איצט פערהאַן צו טהון.

—וואָס קאָן מען איצט מאַכען? פערפאַלען!—האָט קאָרנ־בלאַט געזאָגט.

—איצט דאַרף מען זאָגען רבנן-קדיש און פערטיג,—האָט אולער איינגעשטימט.—אַך! מיך פערדריסט נאָר, וואָס דער אַל־טער הונד וועט איצט אַ נקמה זעהן.

—און מיך פערדריסט נאָר, וואָס אַוועקגעהענדיג איז מיר נישט איינגעפאַלען צו דערלאַנגען איהם אַ זעץ אונטער'ן האַרץ!—האָט ציפּאָרין זיך אָנגערופען.

—אויב בעריאַשעוואַ איז ווירקליך אַנ'ערנסטער מענש,—האָט זיך מירקין פלוצלינג אָנגערופען,—דאַרף זי גאָרנישט דאָס

„מקדש זיין". זי קאָן דורך אַ מעהר פשוט'ן און מעהר זיכערן מיטעל פטור ווערען פון איהרע פייניגער... פאַרוואָס זאָל זי נישט אַנטלויפען פון דער היים?—האָט ער הויך אויסגערופען און האָט געוואָרפען אַ פרעגענדיגען בליק אויף אַלע אַרום.

דער דאָזיגער פאָרשלאָג האָט אַלעמען ערשטוינט מיט זיין אומגעריכטקייט און אין פלוג האָט קיינער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

—און טאַקי, אין דער אמת'ן?—האָט זיך מירקין ווייטער געהיצט.—מיר זענען פשוט נישט צוגעוועהנט, אַז מיידלעך זאָלען אַנטלויפען פון די עלטערן און עס ווייזט זיך אונז אויס ווילד און שרעקליך. אָבער וואָס איז דאָ פערהאַן שרעקליכס? פאַרוואָס דען איז פאַר אַ פרוי שרעקליכער צו אַנטלויפען פון די עלטערן, ווי פאַר אַ מאַן? בעריאַשעווא דאַרף אַוועק פון דער היים און נישט נאָר כדי פטור צו ווערען פון דעם חתן, נאָר אויך אום כדי צו לערנען און ענטוויקלען זיך!

—וואוהין אַנטלויפען?—האָט אולער ערשטוינט געפרעגט און האָט זיך אַ קראַץ געטהון דעם קאָפּ.

—נאָר ביי אונז איז דער פלאַן אַ נייעס,—האָט מירקין ווייטער גערעדט, נישט הערענדיג אולערס פראַגע.—ס'זענען פערהאַן מיידלעך... אפשר נישט קיין יודישע קינדער, אפשר שטאַרקערע ווי בעריאַשעווא, וועלכע קלויבען זיך צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, כדי אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט...

—וואָס רעדסטו?—האָט אולער פער'הידוש'ט אויסגערופען.—וואָס איז דאָס פאַר אַנ'אוניווערזיטעט וואו מ'נעהמט אָן מיידלעך?...

—נישט וועגען דעם רעדט מען איצט!—האָט איהם מירקין איבערגעריסען.—מ'דאַרף ערנסט אַרומריידען דעם דאָזיגען פלאַן.

—וואָס וועט זי זיך לערנען? צו וואָס וועט זי זיך צוגרייטען?—האָט פייעוויטש נישט פערשטאַנען.

—זי קאָן זיך דאָך לערנען אויף אַקושערקע!—איז מירקינען איינגעפאַלען.

—אמת!—האָט זיך אולער דערפרעהט.—איך האָב אַליין געזעהן יודישע געלערנטע אַקושערינס. ווי אַזוי איז אונז דאָס פריהער נישט איינגעפאַלען?

—אין קישעניעוו איז פערהאַן אַקושערינס-שולען,—האָט זיך מירקין דערמאָהנט.—זי וועט קאָנען דאָרט אַהינפאָהרען.

הלל איז אַריינגעקומען אַ רויטער, אַנ׳אויפגערעגטער קוים איינהאַלטענדיג זיין כעס.

—מענשען,—איז ער אָנגעפאַלען אויף חברים,—נעהמען זיך פאַר אַנ׳עסק! איהר וואָלט זיך גלייכער גאָרנישט גענומען דערצו, אַז איהר קענט נישט!

—שטילער,—האָט איהם מירקין אָבגעשטעלט.—קיינער איז דאָ נישט שולדיג! פשוט נישט איינגעגעבען זיך... נו, דער-צעהלט, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען?

—ס׳ווילט זיך אפילו נישט דערצעהלען!—האָט הלל אַלץ נאָך בייז געשריען.—ס׳איז אַלץ געווען אַזוי גוט איינגעאָרדענט און צוגעגרייט!

—נו, טאָ ווער איז שולדיג, אַז דער אַלטער האָט זיך אָנגעשטויסען, איז אַרונטער הינטער׳ן קראָם-טיש און האָט סאָניע׳ן אָבגעשטופט?—האָט פייעוויטש זיך אָנגערופען.

—ישיבה-בחור!—האָט הלל צו איהם בייז אויסגעשריגען.—ביז דער פאָטער איז צוגעקומען האָט איהר געהאַט צייט צעהן מאָל איהר אַריינצורוקען די מטבע אין האַנד. אַזוי ווי איהר האָט נאָר געזעהן, אַז ער הויבט זיך אויף האָט איהר דאָס גלייך געדאָרפען טהון!

—נו, פערפאַלען! וואָס איז שוין דאָ וועגען דעם צו ריידען,—האָט איהם מירקין בערוהיגט.—מיר האָבען איצט אַנ׳-אַנדערן פּלאַן, אפילו אַ בעסערן.

—ע-ע, אייערע פּלענער...

—בערוהיגט זיך. דערצעהלט וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט ביי זיי.

הלל האָט שווייגענדיג אַרומגעשפּרייזט איבער׳ן צימער ווילענדיג זיך בערוהיגען.

—וואָס עס איז פאָרגעקומען? גאָרנישט! ס'זענען געווען געשרייען און קללות!—האָט ער אָבגעהאַקט גערעדט.

—ער האָט זי נישט געשלאָגען?—האָט מירקין אונרוהיג געפרעגט.

—נאָר צוליב אַ נס,—האָט הלל געענטפערט.—זי איז גע-פאַלען אין חלשות... ווען איהר זייט אַרויס פון קראָם, האָט ער זיך צו איהר געוואָרפען ווי אַ ווילדע חיה, זי איז אָבער געגעבען אַ פאַל אַנידער אויף דער ערד און נישט געמאַכט זיך, נאָר זי איז ווירקליך געפאַלען אין חלשות. מ'האָט זי אַהיים געבראַכט אויף אַנ'איזוואָזטשיק. איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען וואָס אין דער היים האָט זיך אָבגעטהון. מ'האָט אַרויסגערופען אַ דאָקטאָר. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זי דערמונ-טערט. דער פאָטער האָט אויף זיך די האָר געריסען, ער האָט געוויינט, געשאָלטען אַלע אפיקורסים, בעזונדערס איך, מירקין... איהר האָט דאָס פון איהם געכאַפט! — האָט ער צוגעגעבען שמייכלענדיג.

—נו, און איצט?

—איצט האָט זיך אויסגעלאָזט נאָך בעסער, ווי מ'האָט זיך געקאָנט ריכטען. ווען סאָניע איז געקומען צו זיך, האָט זי קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז אַזוי ווייטער לעבען קאָן זי נישט, אַז זי וועט זיך אויפהענגען... די מוטער איז געווען אויף איהר זייט, האָט זיך געבייזערט אויפ'ן אַלטען, פערזיכערענדיג, אַז די יונגעלייט, וועלכע זענען געווען אין קראָם, האָבען קיין שום שלעכטס נישט געמיינט. נאָר גאָר בעזונדערס האָט ער געכאַפט פון דער פלימעניצע...

—וואָס פאַר אַ פלימעניצע?

—היינט האָט דאָך בעדאָרפען זיין די תנאים, איצט האָ-בען זיי עס אָבגעלעגט אויף שבת און דאָס איז זעהר וויכטיג— אַלזאָ, איז אויף די תנאים געקומען צופאָהרען בעריאַשעווס אַ שוועסטער מיט איהרס אַ טעכטערל. נאָר, שוין איינמאָל אַ מיי-דעל—אַ פייער! אַ צינגעל—אַ חלף! זי האָט דאָס געגעבען דעם בעריאַשעוו'ן און זי האָט איהם געגראַבן דערצו, אַז ער האָט

זיך אינגאַנצען פערלוירען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַ געשריי געטהון: „לאָזט מיך אָפּ! טהוט אייך וואָס איהר ווילט! דרעהט אייך אפילו דעם קאָפּ אָפּ!" ער האָט אַ שפּיי געטהון און איז אַנטלאָפען אין קראָם.

—איז עס דאָך, הייסט עס, גאָרנישט אַזוי שלעכט—האָט מירקין געזאָגט און האָט הלל'ן דערצעהלט דעם גאַנצען פּלאַן וועגען אַנטלויפען.

—אַ צו דרייסטער פּלאַן,—האָט הלל בעשלאָסען,—נאָר, „פקוח נפש דוחה שבת"...

—איצט ווענדט עס זיך נאָר, צי זי וועט איינווילליגען דערויף.—האָט מירקין געזאָגט.—ס'איז דורכאויס נויטיג זיך צו זעהן מיט איהר און וועגען דעם דורכשמועסען.

—דאָס איז איצט נישט אַזאַ שווערע זאַך.—האָט הלל געענטפערט.—צייט די פּלימעניצע איז דאָ לאָזט מען זי שפּאַצירען. דאָס דאָזיגע מיידעל קאָן אַלץ פועל'ן! אַי, אַ מיידעל—אַ פייער!—האָט ער מיט התפעלות אויסגערופען.

—אויב אַזוי, דאַרף מען שוין אָנהייבען טהוען.—האָט מירקין געזאָגט.

—איהר, הלל, וועט אַהינגעהן און וועט זעהן אַז זי מיט דער פּלימעניצע זאָלען גלייך דאָ אַהערקומען. ווי מיינט איהר, ס'איז מעגליך דאָס צו מאַכען?

—געוויס! נאָך דערצו, אַז דער פאָטער איז איצט אין קראָם!

הלל איז באַלד אַוועק און די חברים זענען געבליבען וואַרטען אויף דעם אונגעוועהנליכען בעזוך. מעהר פאַר אַלע איז ציפּאָרין געווען איפּגערעגט, כאָטש ער האָט זיך בעמיהט דאָס צו פערבאָרגען מאַכענדיג אַ פערזאָרגט אויסזעהן. ווי אגב אורחא האָט ער גענומען גלייכשטעלען זיינע אַרבייטס-כלים, צוגערוימט און בעהאַלטען די בגדים, וואָס האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט.

פּייעוויטשעס שאַרף אויג האָט דאָס גלייך בעמערקט און ער האָט איראָניש געזאָגט:

—וואָס האָסטו עפּעס פּלוצלינג אין מיטען דרינען געגומען צורוימען אין צימער?

—כ׳רוים גאָרנישט צו... ס׳פּאַלט מיר גאָרנישט איין!—האָט ציפּאָרין שטאַרק רויט ווערענדיג געענטפערט.

—וואָס דערצעהלסטו מעשיות! כ׳זעה נישט אַז דו רוימסט צו? ווילסט זיך אויספּיינען פאַר די מיידלעך? אַריסטאָקראַט!

—ביזט אַ גרויסער חזיר, אַז דו זאָגסט מיר אַזעלכע זאַ-כען!—איז ציפּאָרין שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען.—וואָס פאַר אַנ׳אַריסטאָקראַט בין איך דיר? און אַז כ׳וואָלט אפילו צוגעֵ-רוימט אין צימער—איז וואָס פאַר אַנ׳עבירה? מ׳דאַרף דאָך אַמאָל צורוימען אויך...

—אָבער פאַרוואָס גראָד איצט? האַ?—האָט זיך פייעוויטש מיט איהם גערייצט.

—נו, וועל איך טאַקי בכיון צורוימען! און אַז זיי וועלען קומען, וועל איך זיי מאַכען קאָמפּלימענטען דיר אויף צופּיקע-ניש!—האָט ציפּאָרין בייז אויסגעשריען. פונדעסטוועגען האָט ער אויפגעהערט צו רוימען.

## לב

אין אַ שעה אַרום איז אַריינגעקומען בעריאַשעוואַ, אַ הויך שלאַנק מיידעל, מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט אַ דינע עטוואָס הוי-קערדיגע נאָז, גרויסע שוואַרצע אויגען פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ קרענקליכע מידקייט. צוזאַמען מיט איהר איז געקומען איהר פּלימעניצע ציפּע זוואולאָווין. אַ פלינק, קיילעכ-דיג דיק מיידעל, מיט זומערשפּרענקעלעך אויפ׳ן פּנים, מיט לעבעדיגע אויגעלעך, מיט איבערטריבענע דרייסטע מאַנירען. זוואולאָווין איז אַריין די ערשטע, האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט, דרעהענדיג פויגעלש מיט׳ן קעפּעל אין אַלע זייטען, און האָט דרייסט געזאָגט:

—אָט זענען מיר געקומען!

נאָך איהר איז אַריין בעריאָשעווא, אַ דערשלאָגענע כּיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. ריכטענדיג זיך אויף אַ שמועס וועגען איהרע צרות און פיהלענדיג אַז אַלע ווע̄לען זי בעדויערן, האָט זי אונבעוואוסטזיניג פאַר זיך אַליין נאָך פריהער אָנגענומען אַ געהעריגען אויסדרוק פון אַ דערשלאָגענעם אומגליקליכען קרבן. די יונגעלייט האָבען זיך גענצליך פערלוירען ביי די מיידלעכס אַריינקומען, האָבען גענומען זיך דרעהען איבער׳ן צימער און דריקענדיג זייערע אונגעשיקט די הענד האָבען זיי אַלץ אינאיינעם איבערגע׳חזר׳ט: „זעצט זיך"!... „זעצט זיך"!...

—אָבער געהענדיג, האָב איך די גאַנצע צייט געציטערט ווי אַ פיש, מורא געהאַט נישט צו טרעפען ווע̄מען פון די בע-קאַנטע אויפ׳ן וועג...—האָט בעריאָשעווא שטיל און אומעטיג געזאָגט.

—געווען פאַר וואָס מורא צו האָבען!—האָט זוואולאָווין העלדיש אויסגעשריען.—איך בין געגאַנגען דרייסט ווי אַ קאָזאַק!

און דרעהענדיג פויגעלש מיט׳ן קעפעל האָט זי זיך נאָכ-אַמאָל אַרומגעקוקט אויף אַלע אַרום.

די מיידלעך האָבען זיך געזעצט אויף די נאַרעס און מיר-קין האָט זיך געזעצט קעגענאיבער זיי ביים טיש.

—איך געה... וואָס האָב איך דאָ צו טהון? האָט ציפּאָרין ברוגז׳דיג אַ זאָג געטהון.

—איך געה אויך...—האָט אולער אויך ברוגז׳דיג געזאָגט.— וואַרפענדיג אַ שנעלען מעלאַנכאָלישען בליק אויף בעריאָשעווא.

—איך אויך!—האָט קאָרנבלאַט זיך דערפרעהט.—כ׳וועל געהן אין גאָרטען, כ׳וועל זיך דאָרט לערנען די סלאַוויאַנישע גראַ-מאַטיק.

און איינציגווייז זיך אַרויס׳גנב׳ענדיג, זענען אַלע דריי אַרויס פון שטוב.

—גוט וואָס איהר זייט געקומען,—האָט מירקין גענומען ריידען קומענדיג צו זיך נאָך דער ערשטער בערוישונג.—מיר וועלען איצט בעטראַכטען, וואָס צו טהון...

—איהר דאַרפט וועגען דעם טראַכטען! איהר דאַרפט איהר

אַנ'עצה געבּען! איהר דאַרפט זי ראַטעווען! איהר הערט!—האָט זוואולאָווין ענטשלאָסען אויסגעשריען.—וואָרים אַז נישט וועט זי זיך אַ מעשה אָנטהון! נישט אמת, סאָניטשקע?—האָט זי ווייך צוגעגעבען, קוקענדיג סאָניע'ן אין פּנים אַריין מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ שווער קראַנקען.

סאָניע האָט נאָך מעהר אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אָבּגעזיפצט.

—איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שרעקליכע צרות זי טראָגט איבּער!—האָט זוואולאָווין אַריינקומענדיג אין אַזאַרט אויסגערופען.—ווען איך וואָלט היינט נישט געווען, ווייסט איין גאָט, וואָס עס וואָלט פאָרגעקומען! איהר פערשטעהט? עפּעס עטליכע יונגעלייט זענען אַריינגעקומען אין קראָם און דער פעטער, דער משוגע'נער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבּען געהאַט בדעה מקדש צו זיין זי! וואָס זאָגט איהר נישט צו דער געשיכטע? כ'זאָג אייך, ווען איך וואָלט נישט געווען, וואָלט פאָרגעקומען כ'ווייס אַליין נישט וואָס! נאָר איך האָבּ איהם געגעבּען, דעם פעטער! איך האָבּ פאַר איהם קיין מורא נישט! איך האָבּ פאַר קיינעם קיין מורא נישט! איך בין אַ קאָזאַק!

סאָניע האָט אויפגעהויבּען דעם קאָפּ און אָנקוקענדיג שאַרף מירקינען, האָט זי איהם געגעבּען צו פערשטעהן, אַז זוואולאָווין ווייסט גאָרנישט פון דעם פּלאַן מיט'ן מקדש זיין. מירקין האָט זי פערשטאַנען און האָט זיך איבּערגעקוקט מיט פּייעָוויטש'ן.

—הערט אויס,—האָט זיך מירקין געווענדט צו סאָניע'ן איבּעררייסענדיג זוואולאָווי'ן אין מיטען שנעלען ריידען.—מיר האָבּען דאָ בּעטראַכט אייער לאַגע. איצט קלערט איהר נאָר, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם חתן, וועלכען מ'שדכנ'ט אייך. באַטירליך אַז דאָס איז איצט דער עיקר! אָבּער דאָס איז דאָך נאָך נישט אַלץ פאַר אייך! לאָמיר זאָגען, אַז עס האָט זיך אייך איצט איינגעגעבּען פּטור צו ווערען פון דער צרה. און וואָס ווייטער? אין אַ חודש אַרום וועט זיין אַ צווייטער שידוך, אַ צווייטע צרה. און אין אַלגעמיין, וואָס איז עס פאַר אַ לעבּען?..

—איהר זאָגט דאָס מיר?—האָט סאָניע שוואַך אַ שמייכעל געטהון.—איהר ווייסט דאָך נישט קיין הונדערטסט חלק פון דעם וואָס איך לייד! כ'וועל אייך נאָר דערצעהלען...

—וואַרט! איך וועל בעסער פון דיר דערצעהלען! כ'זאָג אייך...—האָט זוואָלאָווין מיר שנעל איבערגעריסען.

סאָניע אָבער האָט זי ווייך אָנגענומען ביי דער האַנד און איבערגעשלאָגען איהר:

—ניין, ציפּע, איך וועל בעסער דערצעהלען... וועגען אייגענע ליידען קאָן יעדער גוט דערצעהלען... ווי איך האָב פריהער געלעבט,—האָט זי זיך געווענדט צו מירקינען—ווייסט איהר דאָך גאַנץ גוט. כ'האָב געמוזט זיך בעהאַלטען, מאַסקירען, אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען אַנ'אמת'ער גן-עדן אין פער-גלייך מיט דעם וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבען... אין שטאָדט זענען אַרומגעגאַנגען וועגען מיר פּליאָטקעס. יעדען טאָג האָט זיך בעוויזען אַנ'אַנדערע קרוב'טע, אָדער אַ בעקאַנטע און איינגערוימט דער מאַמען, אַז אין שטאָדט בערעדט מען מיך, אַז איך בין נישט קיין גאָטספורכטיגע, אַז כ'פיהר בעקאַנטשאַפט מיט בחורים, נאָך דערצו מיט די „היינטיגע", אַז מען האָט מיך געזעהן שפּאַצירען אין „קריסטליכען געגענד". מיינע חבר'טעס האָבען בעקומען אָנצוהערעניש פון זייערע עלטערן נישט צו שפּאַצירען מיט מיר און אפילו זיך נישט צו גריסען מיט מיר... דער טאַטע האָט אָנגעהויבען צושטעהן צו מיר מיט קשיות, פּאָרווירפען און זידלערייען. ביז ער האָט מיך איינמאָל געכאַפּט שפאַצירען מיט מייעראָווי'ן... כ'קאָן מיך נישט אָהן שוידער דער-מאָהנען וועגען דעם! דורך צוויי גאַסען האָט ער מיך געפיהרט ווי דורך אַ בראַנד, האַלטענדיג מיך פעסט פאַר דער האַנד און גלייך ווי מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער אַ גע-שריי געטהון: „מיאוסע בריאה! חציפה!" און האָט מיר דער-לאַנגט צוויי פייערדיגע פּעטש... עס האָט זיך מיר דאַן אויסגע-דוכט, אַז איך ווער אינגאַנצען פערברענט און אַז אַרום מיר איז אַ העלישע שרפה, כ'האָב גענומען לויפען איבער'ן צימער ווי אַ משוגע'נע און געשריען: „אוי, ס'ברענט! לעשט!" כ'האָב

געמיינט, אַז כ׳וועל פון זינען אַראָב... נו, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריכטיגע גיהנום. זיי האָבן פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, זיין האָבן מיר קיינמאָל נישט ערלויבט אַליין פון שטוב אַרויסצוגעהן. דער טאַטע האָט די גאַנצע צייט אונאויפהערליך געטאָטשעט, איראָניזירט, זיך גע-רייצט, געדראָהט און געזידעלט. די מאַמע ווידער האָט געמו-טשעט מיט איהרע טרעהרען און אַ צוגאָב צו אַלעם איז נאָך צוגעקומען דער דאָזיגער חתן... דאָס אַלץ איז שוין איבער די מענשליכע כחות! טיילמאָל לאָזען זיך שוין די הענד אַראָב, איך ווער ווי פערשטיינערט, גלייכגילטיג צו אַלעם: זאָל דער טאַטע שלאָגען, זאָל ער מיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד, זאָל ער מיך חתונה מאַכען פאַר אַ פערשלעפּטע קרענק. טיילמאָל נאָר פּרעסט זיך דאָס האַרץ אַזוי צונויף פון וועהטאָג און עס ווילט זיך אַזוי לעבען...

סאָניע, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט נישט הויך, אָבער מיט אַ טיף געפיהל, האָט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט און אין איהר שטימע האָט זיך געהערט געוויין, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט, אַראָפּוואַרפענדיג פון זיך דאָס אויסזעהן פון אַ דערשלאָגענע הילפלאָזע און האָט זיך מוטיג אַרומגעקוקט.

די ערצעהלונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף מירקינען און אויף פּייעוויטש׳ן. דער ערשטער איז געזעסען אונבעוועגליך, נישט אַראָפּלאָזענדיג זיין שטרענגען בליק פון סאָניען. פּייעוויטש איז אויפגערעגט געגאַנגען הין און צוריק איבער׳ן צימער און האָט נערוועז געוואָרפען מיט די האָר. אפילו זוואָלאָווין איז שטיל געוואָרען, אַדורכגענומען מיט׳ן איינדרוק פון דער ערצעהלונג און דרעהענדיג פויגעלש מיט׳ן קעפּעל האָט זי מיט ערשטוינטע אויגען זיך אַרומגעקוקט דאָ אויף מירקינען, דאָ אויף פּייעוויטש׳ן. און ווען סאָניע האָט גע-ענדיגט, האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט האַלב טראַגיש, האַלב טריאומפירענדיג אויסגעשריען:

—נו? איהר האָט געהערט? איצט פערשטעהט איהר שוין? איצט הערט איהר שוין?

# לג

מירקין האָט ווייטער געקוקט דורכדרינגליך אויף סאָניע׳ן. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבען פון אָרט און מאַכענדיג עטליכע טריט איבער׳ן צימער איז ער געבליבען שטעהן און האָט קאַטעגאָריש און האַרט געזאָגט:

—איהר דאַרפט אַנטלויפען פון דער היים. דאָס איז די איינציגע רעטונג פאַר אייך!

זוואולאָווין איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון איהר אָרט און האָט מיט אַ פּאָר קיילעכדיגע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט שרעק און ערשטוינונג געוואָרפען בליקען אויף מירקינען. סאָניע האָט איהם אויפמערקזאַם און פרעגענדיג אָנגעקוקט.

—איהר זאָגט: אַנטלויפען?—האָט זי פערוואונדערט געפרעגט.

—יאָ! אַנטלויפען!—האָט מירקין פעסט איבערגע׳חזר׳ט.— בעטראַכט נאָר: לאָמיר זאָגען אַז עס איז געשעהן אַ נס און דער תּכשיט, וועלכען מ׳וויל אייך געבען פאַר אַ חתן איז ערגעץ פערלוירען געגאַנגען. לאָמיר אויך זאָגען, אַז מ׳וועט אייך לעת עתּה צורוה לאָזען מיט אַנדערע חתנים און מ׳וועט אייך אויך אויפהערען מוטשען. וואָס פאַר אַ ציל אָבער וועט איהר דערגרייכען? אין בעסטען פאַל—וועט אייך געלונגען בגנבה איבערצולעזען נאָך עטליכע ביכלעך. און ווייטער וואָס? אייביג קאָן מען דאָך נישט קעמפען. און סוף כּל סוף וועט אייך דער פאָטער איינברעכען, וועט אייך נויטען חתונה צו האָבען און עס וועט פון אייך ענדגילטיג אַ תּל ווערען... אין דער צייט, וואָס איהר וואָלט געקאָנט ווערען אַ דענקענדער מענש! יאָ!—האָט ער געענדיגט ענערגיש.—איהר מוזט אַנטלויפען פון דער פינסטערניש! אַנטלויפען!

מירקינס רייד האָבען טיף געריהרט סאָניע'ן, נאָר זי האָט ווייטער געצווייפעלט:

—גוט... נאָר ווי אַזוי?... וואוהין לויפען?... צו וואָס?

—ווי הייסט: צו וואָס?—האָט מירקין אויסגעשריען,—כּדי צו לערנען זיך, כּדי צו ענטוויקלען זיך! אַנטלויפען צום ליכט, צו אַ נייַ פריי און בעסער לעבען! צי דען קאָן זיך אַ פרוי נישט אַזוי ענטוויקלען ווי אַ מאַן? פאַר אייך איז דאָס אַ נייעס, דערפאַר ווייזט עס אייך אויס אַזוי ווילד און שרעקליך. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז אין דעם גאָר קיין ווילדעס און קיין שרעקליכעס נישטאָ! איך קען אַ געוויס רוסיש מיידעל, וועלכע האָט בעשלאָסען צו אַנטלויפען פון דער היים און ווייסט איהר וואוהין זי וויל אַוועק? קיין אויסלאַ-אַנד! און וועט דאָרט אַריינ-טרעטען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי אין אוניווערזיטעט!—האָט ער הויך און פייערליך אויסגעלאָזט.

—ווער איז זי? ווער?—האָט זוואולאָווין שנעל אויסגע-רופען.

—איהר קענט זי נישט,—האָט איהר מירקין טרוקען צו-געוואָרפען און ווענדענדיג זיך צו סאָניע'ן, האָט ער ווייטער זיכער און איבערצייגענד גערעדט.—געוויס! שוין צייט אַז אויך מיידלעך זאָלען צערייסען זייערע קייטען און שטרעבען צום בילדונגס-קוואַל. דער עיקר—נישט מורא האָבען! און נישט אָפּ-שטעלען זיך דערויף, וואָס קיינער האָט נאָך דאָס נישט געטהון. איינער מוז דאָך מאַכען דעם ערשטען אָנהויב. און זעהט איהר, אויב איהר וועט זיך בעשליסען צו אַנטלויפען, וועלען גלייך אויך אַנדערע מיידלעך אָנהויבען צו לויפען פון די עלטערן זיך לערנען. איהר וועט נישט נאָר זיך רעטען, נאָר איהר וועט אויך פאַר אַנדערע עפענען אַ וועג צום ליכט.

סאָניע האָט אויסגעהערט מירקינען מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם, שלינגענדיג דורשטיג יעדעס וואָרט. און פּלוצלינג האָט זי מיט אַ שטאַרקע בעוועגונג אַראָבגעוואָרפען דאָס טיכעל פון די פּלייצעס און אויפשטעלענדיג זיך האָט זי אָנגעקוקט מירקי-

בין מיט גלאַנציגע אויגען פון ענטציקונג און בעגייסטערונג און געזאָגט:

—איך הער אייערע רייד וועגען אַ ניי לעבען—און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ חלום, אַ מעשה׳לע פון „טויזענד און איין נאַכט״, פונקט ווי איהר וואָלט געשילדערט דאָס גן-עדן, וועלכעס איז נישטאָ און וועלכעס קאָן נישט זיין אויף דער ערד! וואָס? איך וועל מיטאַמאָל ווערען אַ פרייע, האָבען די מעגליכקייט צו לערנען זיך און צו ענטוויקלען זיך? דאָס קאָן גאָרנישט אַריין אין מיינע געדאַנקען, מיין האַרץ זאָגט זיך אָב דאָס צו פערנעהמען...

—אָט נעהמט אייך אַ ביישפּיל פון אונז,—האָט זיך פּייע-וויטש אָנגערופען.—גיט אַ קוק, ווי מיר לעבען. מיר האָבען דאָך אויך געלעבט אַמאָל ביי עלטערן און געוועזן געשמידט הענד און פיס. און איצט? איהר זעהט!—האָט ער טריאומפירענדיג אויסגעשריען.

—ווען דאָס זאָל מעגליך זיין! ווען דאָס זאָל מעגליך זיין—האָט בעריאַשעוואַ ווי אין שלאָף גערעדט.

—נישט נאָר מעגליך, נאָר דאָס איז אויך נויטיג!—האָט מירקין פעסט געזאָגט.—איהר דאַרפט זיך בעשליסען אויף דעם שריט!

—דו דאַרפסט זיך בעשליסען!—האָט זוואָלאָווין אונגעריכט פאַר זיך אַליין און ווייט נישט מיט קיין ענטשלאָסענער שטים אויסגעשאָסען און האָט זיך ערשטוינט אַרומגעקוקט.

סאָניע איז געזעסען שווייגענדיג, טיף פערטראַכט.

—בעשליסען זיך... בעשליסען זיך איז נישט שווער,—האָט זי לאַנגזאַם געזאָגט—איך וואָלט זיך אויף אַ מעהר געפעהרלי-כערן שריט בעשלאָסען. נאָר... וואָס וועט זיין מיט דער מאַ-מען? פאַר איהר וועט דאָס זיין אַ שרעקליכער קלאַפּ! זי וועט מיינען, זי וועט אפילו זיכער זיין, אַז איך בין אַוועק שמד׳ן זיך. און וואָס וועט זיין, אויב זי וועט דאָס נישט איבערלע-בען?...—האָט זי שטיל צוגעגעבען און האָט מיט איהרע ברייט געעפענטע אויגען געקוקט אויף מירקינען.

עטליכע מינוט האָט איהר קיינער נישט געענטפערט—און אין צימער איז געווען אַזאַ טויטע שטילקייט, פונקט ווי אַ שאָ־טען פון טויט וואָלט דאָ זיך דורכגעשלייכט.

—נאַרישקייטען!—האָט מירקין פלוצלינג אויסגערופען.— עלטערן לעבען נישט נאָר אַזוינע אומגליקען איבער! זיי לעבען אויך איבער דעם טויט פון זייערע קינדער. זאָרגט אייך נישט, זיי וועלען זיך שוין דערוויסען, אַז איהר האָט זיך נישט גע־שמד׳ט. און אַז עס וועט פאַר זיי קלאָר ווערען, אַז זיי קאָנען אייך נישט נויטען צו לעבען אויף זייער שטייגער, וועלען זיי זיך בערוהיגען און שלום מאַכען מיט דער צרה אויך! כ׳פער־זיכער אייך! דיזעלבע געשיכטע איז מיט אונז פאָרגעקומען. אונזערע מוטערס האָבען אונז אויך געזאָגט: „מיר וועלען דאָס נישט איבערלעבען!" און דאָך האָבען זיי עס יאָ איבערגעלעבט און שלום געמאַכט מיט אַלעם.

—זאָל זיין וואָס עס וויל!—האָט סאָניע פעסט און ענט־שלאָסען געזאָגט.—כ׳הויב אָן אַ ניי לעבען! זאָגט! וואוהין לוי־פען? ווי אַזוי לויפען? איך בין גרייט אויף אַלעם! איך האָב זיך שוין פעסט ענטשלאָסען!

—אָט אַזוי! אַזוי—איז גוט!—האָט פייעוויטש נערוועז ריי־בענדיג די הענד אויסגערופען און האָט גענומען לויפען איבער׳ן צימער.

—איך מיין,—האָט מירקין גענומען ריידען צו דער זאַך,— אַז אַמבעסטען וואָלט געווען צו פאָהרען אין קישעניעוו. איך האָב דאָרט עטליכע בעקאַנטע וועלכע וואָלטען אייך צוגעהאָלפען זיך איינאָרדענען. דאָרט איז פערהאַן אַנ׳אַקושערין־שולע. צייט אַ האַלב יאָהר וועט איהר בעוויזען זיך צוגרייטען... אַ פראַגע איז נאָר: פון וואָס וועט איהר לעבען?

—לעבען? כ׳וועל נישט שטאַרבען פון הונגער,—האָט סאָניע רוהיג געענטפערט.—דערפאַר שרעק איך זיך נישט. איך קען נייען, אויסהעפטען, אפשר וועל איך אויך בעקומען עפּעס אַנ׳ אוראָק. און באין ברירה, אַז ס׳וועט אויסקומען צו צוהונגערן, איז אויך קיין גרויס אומגליק נישט...

—פאַר דריי יאָהר בין איך אַנטלאָפען פון דער היים מיט אַכט קאָפּיקעס אין קעשענע און בין נאָך ביז איצט נישט גע-שטאָרבען פון הונגער!—האָט זיך פייעוויטש אָנגערופען.

—געוויס!—האָט מירקין זיכער איינגעשטימט.—דערפאַר איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען... קישעניעוו איז נישט קיין דאָרף. עס זענען דאָרט דאָ אונזערע מענשען—איהר וועט נישט פער-פאַלען ווערען...

—יאָ!—האָט זיך סאָניע געכאַפּט.—איך האָב דאָך נישט קיין גראָשען אויפ׳ן וועג. כ׳האָב עטליכע גאָלדענע חפצים, פינגערלעך, אויערינג, אַ בראָשקע... אָבער דאָ קאָן איך דאָך זיי נישט פערקויפען... אין קישעניעוו וועל איך זיי פערקויפען. כ׳וועל דערפאַר בעקומען אַ רובל זעכציג, אָדער נאָך מעהר. ס׳איז נישט מעגליך דערוויל ביי וועמען צו באָרגען?

די יונגעלייט האָבען געפּרובט זיך דערמאָהנען, ביי וועמען מען וואָלט געקאָנט לייען. מירקין האָט זיך דערמאָהנט אָן שיפּרינגען, און ער האָט זיך נאָכאַמאָל פאָרגעוואָרפען פאַרוואָס ער האָט זיך מיט איהם צעקריגט.

—אפשר ביי שיינבורג׳ן?—האָט פייעוויטש אונענטשלאָסען געפרעגט.—ער איז דאָך רייך! ער האָט, דוכט זיך, בעקומען פינף טויזענד רובל נדן?

—וואָס רעדסטו!—האָט זיך מירקין געוואונדערט.—שיינבורג וועט קיין צוואַנציג קאָפּיקעס נישט אַוועקבאָרגען! ער איז אַ גרויסער משכיל, נאָר וואָס שייך געלד, איז ער האַרט ווי שטיין.

—דו ווייסט קאָנען אַרויסנעהמען פון קראָם-טיש!—האָט זיך זוואולאָווין פּלוצלינג אָנגערופען.—פּששש! אַ גרויסע זאַך! ס׳איז דאָ פאַר וואָס מורא צו האָבען!... איך נעהם שטענדיג צו ביסלעך פון קראָם-טיש און האָב גאָר קיין מורא נישט...

—ניין! דאָס טויג נישט!—האָט זיך מירקין אָבגעשאָקעלט.

—נאָך דאָס וואָלט געפעהלט!—האָט בעריאַשעוואַ מיט אַנ׳-אומעטיגען שמייכעל צוגעגעבען.—דער טאַטע וואָלט געזאָגט, אַז איך האָב איהם בע׳גנב׳עט.

—אָט וואָס,—האָט זיך פּייעווויטש דערמאָהנט.—דוכט זיך, אַז דער נייער, וועלכער איז נעכטען געקומען צופאָהרען האָט געלד...

—יאָ! ריכטיג!—האָט זיך מירקין דערפרעהט.—ער האָט זעקס אָדער זיבען רובל, אויסערדעם האָט ער נאָך מיטגעבראַכט צוויי פּאָר תּפילין, פאַר וועלכע מ׳קאָן בעקומען אַכט רובל... הייסט עס, אַז וואָס נוגע געלד האָט איהר זיך נישט וואָס צו זאָרגען, איצט דאַרפט מען בעשליסען ווען צו פאָהרען...

—וועגען דעם איז אויך נישטאָ וואָס לאַנג צו קלערען,—האָט סאָניע געזאָגט.—אויף שבת צו נאַכטס איז בעשטימט די תּנאים. היינט איז שוין דאָנערשטאָג. הייסט עס, אַז מאָרגען מוז איך שוין פאָהרען.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך אַ שוועריגקייט. דער צוג געהט אָב איינס בייטאָג; און אין דער צייט אָבצו־פאַהרען פון שטאָדט-וואָקזאַל וואו עס איז שטענדיג דאָ פיל יודען איז פּשוט נישט מעגליך. עס איז דעריבער געבליבען, אַז סאָניע וועט אַוועק אויף דער נאָהנטסטער סטאַציע, אַ פער־צעהן ווערסט פון מ. און דאָרט וועט זי זיך איינזעצען אין דער באַהן. איצט ווייטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ נייע מניעה, ווי אַזוי אַוועקצוגעהן פרייטאָג אָדער שבת אינדערפריה אונבע־מערקט פון שטוב?

—אָט וואָס!—האָט זיך מירקין אָנגערופען.—אַמבעסטען וועט זיין, אַז איהר וועט אַוועק פון שטוב פרייטאָג צו נאַכטס נאָכ׳ן עסען, ווען אַלע לעגען זיך שלאָפען. איך וועל אייך אָבוואַר־טען אויף אַ בעשטימט אָרט און וועל אייך אַוועקפיהרען צו מיינע אַ בעקאַנטע... אַ קריסטין... איהר וועט ביי איהר איבער־נעכטיגען און באַלד פאַרטאָג וועט איהר מיט אַנ׳אַרומגעהילט פּנים אַוועקפאָהרען אויף דער סטאַציע... כ׳דאַרף אפילו פריהער איבעררייידען מיט דער בעקאַנטער, אָבער זי וועט בעשטימט גערן טהון אַלץ וואָס ס׳איז נויטיג...

—נו, איז גוט—האָט סאָניע אויסגערופען.—הויב איך,

הייסט עס, אָן אַ נײַ לעבען!... ווי גרינג און ליכטיג עס איז איצט אויף דער נשמה!...

—אין אַ מזל׳דיגער שעה!—האָט מירקין לעבהאַפט געזאָגט.—דער עיקר—דרייסט און אָהן שרעק געהן פאָראויס צום נייעם לעבען!

—צום נייעם לעבען!—האָט איהם פייעוויטש נאָכגעזאָגט.

ווען ביידע מיידלעך זענען אַרויס, האָט זיך זוואולאָווין אָבגעשטעלט און מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף האָט זי צעטראָגען אויסגערופען.

—איך פערשטעה נישט! הייסט עס, אַז דו וועסט ווירקליך אַוועק פון דער היים... און דערנאָך וועט דער פעטער זאָגען, אַז איך האָב דיך צוגערעדט דערצו?...

—ווייסטו וואָס?—האָט זיך סאָניע נישט פערלוירען.—רייד צו דיין מוטער, זי זאָל נאָך היינט מיט דיר צוריק אַהיימפאָהרען. זי פאָלגט דאָך דיך. דו ביזט דאָך אַ קאָזאַק! אַלזאָ, ציפעלע, וועסט דאָס טהון!

—וואָס מיינסטו, איך וועל עס טאַקי טהון! מיר וועלען נאָך היינט אַוועקפאָהרען, כדי דער פעטער זאָל מיר נישט קאָנען אויפוואַרפען... דו וועסט זיך שוין אַליין אַן עצה געבען...

ווען מירקין און פייעוויטש זענען אַליין געבליבען, האָבען זיי זיך איבערגעקוקט מיט שטאָלצע און בעגייסטערטע בליקען.

—נו, וואָס זאָגסטו דערצו? די וועלט געהט נאָך נישט אונטער! ס׳לוינט זיך נאָך צו לעבען אויף דער וועלט!—האָט מירקין טריאומפירענד אויסגערופען.

—וואָס פאַר אַ מיידעל! וואָס פאַר אַ מענש!—האָט פייעוויטש הייס אויסגעשריען.—איך האָב זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז זי איז אַזאַ דרייסטע, אַזאַ קלוגע... אַן עכטער מאַנספערשוין! עהרען וואָרט!

—יאָ, אַ נייַ לעבען קומט אָן, אַ נייַ לעבען!—האָט מירקין פער׳חלום׳ט געזאָגט און ווי ער וואָלט געקומען צו זיך האָט ער שנעל צוגעגעבען:

—לויף גלייך צו אייזערמאַנען, דערנאָך... נאָך ערגעץ וואו...—האָט ער שטיל צוגעגעבען און איבער זיין געזיכט איז אַ שאָטען אַריבער.

ער איז שנעל אַרויס. פייעוויטש איז נאָך לאַנג אַרומגע־גאַנגען איבער׳ן צימער ריידענדיג צו זיך אין געדאַנק: „אַ זעל־טענער מענש!" „אַנ׳אמת׳ער מאַנספּערשוין!" און אַליין נישט בעמערקענדיג האָט ער שטיל גענומען אונטערברומען מיט׳ן יום־טוב׳דיגען ניגון פון „אתה נגלית":

יעדו לי נאָטשיו פאָ או-אוליצע טיע-ע-עמנאָי
בו-וריו-ל׳ זאַ-אַסלישו יאַ וו פאַ-אַ-אַסמורני דיען׳...

## לד

בעזעצענדיג זיך אין דער נייער דירה האָט אייזערמאַן מיט אַ געוואַלדיגען אימפּעט גענומען זיך צום לערנען. דעם ערשטען טאָג האָט ער אָהן הפסקה געלערנט פון דער פריה אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, פערגעסענדיג אָן עסען, אָן טרינ־קען און אָן אַברוה. אין משך פון דעם טאָג האָט ער שטאַרק געביטען די מיינונג וועגען קאַפּלונערס מעטאָד פון לערנען. אין די לעקציעס, וועלכע קאַפּלונער האָט איהם אויפגעגעבען האָט ער אומגעריכט געפונען אַ גרויסען אינטערעס און אַ בע־זונדערן רייץ. דאָס איבערגעבען מיט אייגענע ווערטער אויף רוסיש דאָס מעשה׳לע „פּריזנאַטעלני וואַניאַ", האָט אייזערמאַנען שטאַרק פערנומען מיט די שוועריגקייטען דערפון; און צוגויפּ־שטעלענדיג מיט אונגעהויערן מיה „רוסישע פּראַזען", וועלכע זענען, נאַטירליך, נישט געווען קיין „פּראַזען" און נישט קיין „רוסישע"—האָט ער זיך כסדר געטראַכט: „גוט! אויסגעצייכענט!" אַז עס קומט דיר עפּעס שווער אָן, דאַן פיהלסטו דעם „טעם פון לערנען". זאָל טאַקי קאַפּלונער מיר נישט ערלויבען אויס־ריידען אַ וואָרט אויף יודיש! זאָל ער מיר ברעכען די צונג

מיט אַזעלכע שווערע ווערטער ווי „ציז". זאָל ער! וואָס שווע-רער, אַלץ בעסער, אַלץ אינטערעסאַנטער און נוצליכער!

אויף צומאָרגענס איז אייזערמאַן אַ מוטיגער און זיכערער אין זיך אַוועק צו קאַפּלונער'ן אויפ'ן אוראָק. פיהלענדיג אין זיך אַ צופלוס פון ענערגיע, איז ער געגאַנגען מוטיג, ווי אַ העלדישער סאָלדאַט אויף אַנ'ענטשידענער שלאַכט, מיט די רו-סישע לעהר-ביכלעך און ער איז געווען זיכער אין זיין זיג.

ביי קאַפּלונער'ן אין צימער האָט אייזערמאַן געטראָפען אויסער דעם לעהרער, אויך זיין פאָטער. אַנ'עלטערער מענש, מיט אַ ביילעל, מיט אַ קיילעכדיג אונטערגעשוירען בערדעל און אין גאָלדענע ברילען. ער איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנד מיט איין האַנד אַרונטער און אין דער צווייטער האָט ער בעהאַלטען אַ גראָבען ציגאַר. קאַפּלונער—דער זוהן איז געזעסען ביים טיש מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און אויסגעהערט דעם פאָטערס רייד, שטרייכענדיג פערטראַכטערהייד מיט בלייפעדער איבער אַ פאַפּיר.

ווען אייזערמאַן איז אַריינגעקומען האָט קאַפּלונערס פאָ-טער גראָד שאַרף און איבערצייגענד גערעדט:

—און איך זאָג דיר פונדעסטוועגען נאָכאַמאָל, אַז ס'איז דורכאויס נויטיג צו האַלטען שטאַט...

און דערזעהענדיג אייזערמאַנען האָט ער געפרעגט:

—דאָס איז דיין נייער שילער?

—יאָ!—האָט דער זוהן אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געענטפערט און אויפשטע-לענדיג זיך, האָט ער טרוקען געזאָגט:—איך וועל איצט מיט איהם מאַכען דעם אוראָק!

—ס'מאַכט נישט, ער וועט עטוואָס אונטערוואַרטען,—האָט דער פאָטער זיך אָנגערופען און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען אַזאַ אויסדרוק, ווי ער וואָלט דערפיהלט אין מויל אַ שלעכטען טעם פון טאַבאַק.—זעץ זיך!—האָט ער צוגעגעבען ווענ-דענדיג זיך צו אייזערמאַנען.

ביים יונגען קאַפּלונער איז אויפ'ן פנים דורכגעלאָפען אַ

שאָטען פון אונצופרידענהייט. אָבער ער האָט פערשוויגען און האָט נישט גערן געפרעגט:

—כ׳פערשטעה נישט, וואָס דו רופסט אָן „שטאָט"? געהן אַלע טאָג אין שוהל—דאָס איז לויט דיין מיינונג „שטאָט"?

—קיינער זאָגט דיר נישט, דו זאָלסט געהן אַלע טאָג אין שוהל—האָט דער פאָטער אונצופרידען געענטפערט.—דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין דער וואָכען געה איך אויך נישט אין שוהל. אָבער יום-טוב און טיילמאָל אויך שבת דאַרף מען געהן אין שוהל אַריין.

—אָבער נאָך וואָס? איך פרעג דיך: נאָך וואָס? כדי צו בעטען גאָט אויף „טוי און רעגען"? דאָס איז דאָך צביעות!

—ס׳איז גאָרנישט קיין צביעות! אין דער גאַנצער שטאָדט ווייסט מען גאַנץ גוט, דאָס איך בין נישט קיין פרומער און דאָך געה איך שבת אין שוהל אַריין. אַ מענש מוז זיך איינ-מאָל פאַר אַלעמאָל שטעלען אין בעשטימטע גרעניצען, כדי מען זאָל אויף איהם נישט קוקען ווי אויף אַ הפקר-מענש, מען זאָל אויף איהם נישט טייטלען מיט די פינגער...

—ניין! איך פרעג דיך עפּעס אַנדערש!—האָט איהם דער זוהן היציג איבערגעריסען.—ערקלער מיר, פאַרוואָס אייגענטליך שטעלסטו די גרעניץ גראָד דאָ? פאַרוואָס, למשל, רעכענסטו, אַז בפרהסיא טרינקען טעה פון סאַמאָוואַר אום שבת מעג מען און רויכערן אַ פּאַפּיראָס איז לויט דיר, פערבאָטען? פאַרוואָס?

—כ׳זאָג דאָך דיר פאַרוואָס. דערפאַר, ווייל אַ מענש מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל שטעלען אַ בעשטימטע גרעניץ. אַ מענש וועלכער האָט קיין שום גרעניצען נישט, קאָן גאָט ווייסט, צו וואָס קומען!

דער זוהן האָט אונגעדולדיג געהויבען מיט די אַקסלען און האָט גאָרנישט געענטפערט.

—האָסט שוין אַמאָל געזעהן,—האָט דער פאָטער נאָך אַ ווײלע שווייגען ווייטער גערעדט,—ווי יונגלעך לאָזען זיך ווינ-טער-צייט אַראָפּ פון אַ באַרג אויף גליטשערס?

—נו?

—האָסט געזעהן?... און אַט ווען כ׳קוק אויף אייך—אויף דיר און דיינע חברים,—שטעלט זיך מיר פאָר, אַז אויך איהר פליהט פון אַ גליטשיגען באַרג אַראָב! דאָס יונגעל אויף די גלי-טשערס מיינט אויך געוויס, אַז דאָס, וואָס ער פליהט פון די בערג אַזוי געשווינד איז עס פון זיין אייגענעם ווילען און שׂכל; און ערשט דאַן ווען ער קלאַפּט זיך אָן מיט׳ן גאַנצען אימפּעט אָן אַ שטיין אָדער אַ וואַנד, פערשטעהט ער ערשט, דאָס נישט ער האט געקירעוועט מיט די גליטשערס, נאָר די גליטשערס מיט איהם...

—קעגען וואָס איז דער משל?...—האָט איהם דער זוהן אונגעדולדיג איבערגעריסען.

—וואַרט צו, ועסטו הערען,—האָט איהם דער פאָטער אונ-צופרידען בעמערקט און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווידער בע-וויזען דער אויסדרוק פונ׳ם אונאָנגענעהמען טעם אין מויל.— איהר פליהט אויך פון באַרג און מיינט, אַז דאָס איז אַזאַ חכמה אַ גרויסע, אָדער אַ העלדישקייט פון אייער זייט... און איך מיין, אַז ס׳איז פיל קלוגער לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג אַראָבצוגעהן פון גליטשיגען באַרג, קאָנען זיך אָבשטעלען וואו מ׳דאַרף און ווען מ׳דאַרף! יאָ... איהר פערשטעהט דאָס נישט! איהר טראַכט זיך, אַז מ׳דאַרף ווי ווייט שנעלער צעברעכען אַלע צוימען. מיט דריי טעג צוריק בין איך אַריין צו מאַקסימאָוויטש׳ן און האָב דאָרט געטראָפען דיין קעוועש׳ן עסען חזיר... אַ שנעק, נאָך פון דער ערד נישט אַרויסגעוואַקסען, אַ זוהן פון אַנ׳איזוואָזטשיק, קאָן אפילו רעכט קיין עברי נישט,—און גלייך ווי ער איז נאָר אין גימנאַזיע אַריין, כאַפּט ער זיך שוין עסען חזיר! ער האָט אַ העלדישקייט בעוויזען!

די לעצטע ווערטער האָט דער פאָטער מיט כעס אויס-גערעדט און האַסטיג זיך אומדרעהענדיג צו אייזערמאַנען, האָט ער איהם געפרעגט:

—פון ישיבה, געוויס?

—ניין... פון דער היים...—האָט אייזערמאַן צעמישט גע-ענטפערט.

—געוויס אַנטלאָפֿען? און ווער איז יין פאָטער? אַ מלמד? אַ שוחט? אַ דיין?

—ניין, פשוט אַ פרומער יוד...

—געקומען קיין מ. איז אודאי דיין ערשטער חוב געווען צו פערקויפען די תפילין און קויפען קאָלבאַס?

אייזערמאַן איז שטאַרק רויט געוואָרען און האָט גאָרנישט געענטפערט.

—הער מיך אויס יונגערמאַן!—האָט דער אַלטער קאַפּלונער מיט אַ פעסטער שטים געזאָגט צו אייזערמאַנען.—איך, ווי דו זעהסט, בין נישט קיין פאַנאַטיקער און ווייט נישט קיין פרומער יוד. וואָס נוגע „השכלה‟ וועל איך נאָך פערשטעקען אין גאַרטעל צעהנדליגער אַזעלכע ווי דו און מיין זוהן. נאָר איך האָב שוין געלעבט אויף דער וועלט און ווייס ווי אַזוי מ׳דאַרף לעבען. הער מיך! אייל זיך נישט אַראָבצעוואַרפען פון זיך מיט־אַמאָל דעם „גאַנצען יוד‟, אייל זיך נישט צו צעברעכען אַלע צוימען! עסען חזיר און אין גאָרנישט גלויבען קאָן אויך אַ פראָסטער פויער פון דאָרף. אויף דערויף דאַרף מען בעשטימט קיין שום חכמה נישט!... דו האָסט דאָך געוויס געלערנט גמרא? און געלערנט ווי ס׳געהער צו זיין?—האָט ער געפרעגט בעמערקענדיג דעם לעבעדיגען אויסדרוק פון אייזערמאַנס אויגען.

—אפילו „יורה-דעה‟...

—זעהסטו? איך האָב עס באַלד דערקענט, אין דיינע אוי-
האָב איך דערקענט, אַז דו האָסט געלערנט גמרא... ער אָבער האָט נישט געלערנט, ער קען נישט... מיין שולד, כ׳האָב איהם פריה אָבגעגעבען אין גימנאַזיע... און איצט פערשטעהען מיר זיך נישט איינער דעם צווייטען, ריידען מיר אויף צוויי בעזונדערע שפּראַכען...—האָט ער מיט פערביטערונג אויסגעלאָזט.

דער יונגער קאַפּלונער האָט פעראַכטליך אַ שמייכעל געטהון, האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און האָט שווייגענדיג גענומען שפּרייזען איבער׳ן צימער.

—קאָנסט זיך מאַכען מיט דער האַנד וויפיל דו ווילסט, נאָר איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז כ׳בעדויער זעהר, כ׳קאָן זיך

גאָרנישט מוחל זיין, וואָס איך האָב דיך נישט געלערנט קיין גמרא! יאָ!... דו ביזט זיך אפשר קלוג און געבילדעט, נאָר אָהן קענטעניש פון דער גמרא פעהלט דיר עפּעס... ביי אַ מענשען וועלכער האָט געלערנט גמרא, איז אויסער די פינף חושים נאָך אויך דאָ אַ זעקסטער חוש, וועלכער האָט נישט קיין נאָמען, אָבער וועלכער ווייזט זיך אַרויס אין דער שפּיציגקייט, לעבע-דיגקייט און איידעלקייט פון געדאַנק, אין דער געשווינדער אָריענטאַציע... ביי דיר, ווי ביי אַ סך פון דיינע חברים איז אָט דער זעקסטער חוש נישטאָ!... ביי אייך קומט עפּעס אַלץ אַרויס אַזוי גראָב! אפילו ווען איהר רעדט פון קלוגע זאַכען, קומט עס ביי אייך אַרויס אַזוי שווער, האַמעטנע, נישט פיין, נישט יודיש...

—אמת,—האָט זיך ביי אייזערמאַנען נישט ווילענדיג אַרויס-געריסען.

—זעהסטו? אָט דו האָסט מיך פערשטאַנען!—האָט זיך דער אַלטער קאַפּלונער דערפרעהט.—און דאָס איז דערפאַר וואָס דו קענסט גמרא. ער האָט אַ צוויי דריי חברים וועלכע קענען גמרא, פערשטעהען זיי מיך אויך... אָבער ער פערשטעהט מיך נישט, ניין!

און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווידער בעוויזען דער אויסדרוק פון אונאָנגענעהמען טאַבּאַק אין מויל.

—פּאַפּאַ! ער דאַרפט דאָך איצט מאַכען דעם אוראָק...—האָט דער זוהן מיט אַ נישט העפליכע שטימע געבעטען.

—ס'מאַכט נישט! וועט איהר איין אוראָק דורכלאָזען—נישט קיין גרויס אומגליק! דאָס, וואָס איך זאָג איהם, דאָס איז אויך אַנ'אוראָק!

דער יונגער קאַפּלונער האָט פּראָטעסטירענדיג געהויבען מיט די אַקסלען, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

—אַלזאָ, זאָג איך דיר,—האָט דער אַלטער זיך געווענדעט צו אייזערמאַנען,—אייל זיך נישט אַזוי גיך אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם „יוד"! אויב דו שטרעבסט נאָך השכלה—לייען זשע,

דענק, לערן זיך... דו האָסט געלייענט די כּתבים פון יצחק בער לעווינזאָהן?

—ניין... איך האָב געלייענט „חטאת נעורים“,—האָט איי־זערמאַן געענטפערט.

—וואָס מיר דאָרט „חטאת נעורים“!—האָט דער אַלטער קאַפּלונער אויסגערופען אַ מאַך טהוענדיג ביטול'דיג מיט דער האַנד.—וואָס איז „חטאת נעורים“? אַ מעשה! אַ לייכט מעשה'לע פאַר קינדער! אָט דו לייען בעסער לעווינזאָהן!... און נישט לייענען, נאָר לערנען! אָט די אַלע היינטיגע שרייבער, די אַלע ליליענבלומס, גאָרדאָנס, סמאָלענסקיס קאָן מען דאָך לעזען, ווי מען לעזט אַ מעשה... „אונזערע“ שרייבער אָבער, די גרויסע לעהרער פון אונזער צייט—זיי קאָן מען נישט לעזען. זיי דאַרף מען לערנען מיט קאָפּ ווי גמרא... ע־עך, נאָך יצחק בער לע־ווענזאָהן איז אונזער ליטעראַטור געפאַלען, שטאַרק געפאַלען—האָט ער מיט אַ זיפץ צוגעגעבען.—איבריגענס, אויב דו ווילסט,—האָט ער ווייטער גערעדט,—לעז דיר סמאָלענסקין, ליליענבלומען און אַנדערע, נאָר לעז מיט קאָפּ, נישט געאיילט... און דער עיקר, דער עיקר ראַט איך דיר—אייל זיך נישט אַראָבצוװאַרפען פון זיך דעם „עול היהודית“...

—פּאַפּאַ!—האָט דער יונגער קאַפּלונער געדרייצט געזאָגט.—מעגסט זיין גאַנץ זיכער, אַז ער וועט דיך נישט פאָלגען, וויפיל דו זאָלסט איהם נישט ראַטען! אויב ער האָט זיין אייגע־נעם פּאָטער נישט געהאָרכט, וועט ער אַ פרעמדען געוויס נישט האָרכען!...

דאָס געזיכט פון אַלטען קאַפּלונער האָט אַ ציטער געטהון, אין די אויגען האָט זיך בעוויזען אַ פונק צאָרן און שאַרף ווענ־דענדיג זיך צום זוהן, האָט ער אויפגערעגט, מיט אַ טאָן פון אַ טיף בעליידיגטען מענשען געזאָגט:

—וואָלסט זיך געמעגט שעמען מיט מיר אַזוי צו ריידען! מיך, מיך פערגלייכסטו מיט אַנדערע פּאָטערס, מיט אַזעלכע פון וועמען די קינדער מוזען אַנטלויפען?... דו מיינסט, אַז אויב דו האָסט דורכגעלייענט פּיסאַרעוו'ן און טורגעניעוו'ן, און איך האָב

זיי נישט גע־ייענט, ווייס איך שוין גאָרנישט, בין איך שוין גאָרנישט ווערט און דו האָסט דאָס רעכט פאַר מיר צו פערדרייסען די נאָז... אָבער דו זאָג מיר, כ׳בעט דיך, מיט וואָס האָסטו, מיט וואָס האָט איהר אַלע שטאָלץ צו זיין? דערמיט וואָס איהר געהט אין גימנאַזיע ווייל מ׳האָט אייך דאָרט אַריינגעגעבען? דערמיט, וואָס איהר לעזט גוטע ביכער, ווייל די בעסטע לעהרער האָבען אייך געלערנט לעזען רוסיש? דערמיט, וואָס איהר רויכערט פאַפּיראָסען אום שבת, ווייל איהר ווייסט אַז די פאָטערס אייערע וועלען אייך דערפאַר נישט שלאָגען און נישט אַרויסטרייבען פון שטוב? דערמיט זענט איהר שטאָלץ? אין דעם איז אייער העלדישקייט? וואָלט איהר נאָר געפּרובט לעבען אין אונזער צייט, מיט אַ פינפאונצוואַנציג יאָהר צוריק, ווען אַרום האָט געהערשט אַ טיפע פינסטערניש, ווען דער רב און זיין כנופיה זענען געווען די פולע בעלי-בתים אין שטאָדט, ווען לעזען אַ לשון-קודש ביכעל, האַלטען ביי זיך אַזעלכע ווערק, ווי „התורה והפילוסופיה“, אָדער אַ תנ״ך מיט „ביאור“ איז געווען דאָסזעלבע ווי איינשטעלען דאָס לעבען, ווען מ׳האָט אומגעבראַכט פון דער וועלט, געשלאָגען ביז טויט, אָבגעגעבען אין סאָלדאַטען פאַר דער קלענסטער רעליגיעזער עבירה! וואָלט איהר נאָר דעמאָלט געלעבט, וואָלט איהר שוין געזעהן וואָס פאַר אַ העלדען איהר וואָלט געווען! און מיר האָבען אָט דעם גאַנצען קאַמף אויסגעהאַלטען און אויף אונזערע רוקענס אויסגעקעמפט! אַ דריי—פיער מענשען זענען מיר געווען אין דער גאַנצער שטאָדט, וועלכע האָבען געהאַלטען טריי דאָס ליכטעל פון השכלה און די גאַנצע שטאָדט געגען אונז! מ׳פלעגט אונז פערשעלטען מיט טויטע קללות, זיי זענען גרייט געווען אונז צו פערוואַרפען מיט שטיינער, דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער, פון דער וועלט אַראָבּרוימען! ווען איינער פון אונזער קאָמפּאַניע איז געשטאָרבען, האָבען זיי איהם אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט ברענגען צו קבר ישראל. אַז מ׳האָט איהם שוין ענדליך אַוועקגעפיהרט אויפ׳ן בית-עלמין, האָבען זיך דאָרט פערזאַמעלט אַלע חברה-קדושה-לייט. האָבען זין אָנגע׳שיכור׳ט און

האָבען בפרהסיה, מיט געלעכטערס און זידלערייען אָבגעשמיסען דעם מת!! אָט אַזעלכע זאַכען האָבען זיך דאַן אָבגעטהון! ווען ביי מיר איז אַמאָל געשטאָרבען אַ קליין קינד, איז אין שטאָדט געווען אַנ'אמת'ער יום-טוב! מ'האָט פאַר שמחה געטרונקען משקה אין קלויז!... שפּעטער, ווען איך האָב דעם עלטערן זוהן אָבגעגעבען אין גימנאַזיע,—איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך בעשלאָסען אויף אַזאַ שריט!—איז עטליכע טעג נאָכאַנאַנד געשטאַנען הינטער מיין פענסטער אַנ'אויפגעלויף פון יודען מיט יודענעס און אויפ'ן שרעקליכסטען אופן געזידעלט מיך און מיין הויזגעזינד. אַלע שויבען אין די פענסטער האָבען זיי אויסגעהאַקט. אָט אין וואָס פאַר אַ צייט מיר האָבען געלעבט! און ווי אַזוי האָבען מיר זיך געלערנט? האָבען מיר דען געהאַט לעהרער, ווי איהר איצט? האָבען מיר דען געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבען? האָבען מיר דען געהאַט ביכער? אין מיטען דער נאַכט, פערשטעקט אין די קעלערס און בוידעמער, איינשטעלענדיג דאָס לעבען האָבען מיר זיך געלערנט רוסיש. און נאָך ווי אַזוי געלערנט! איינער פון אונז, וועלכער איז געשטאָרבען אויף שווינדזוכט, האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט פון אויסענווייניג אַ רוסיש-דייטש ווערטער-בוך. קיין רוסיש-העברעאישער ווערטער-בוך איז נאָך דאַן נישט געווען—און אַזוי נאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש. אַ צווייטער האָט זיך אויסגעלערנט פון אויסענווייניג אַ גאַנצען „קאָדעקס", כדי מיט איין קלאַפּ אי רוסיש זיך אויסלערנען אי זאַקאָנעס קענען. אָט ווי אַזוי מיר האָבען געאַרבייט! און איהר? וואו איז אייער העלדישקייט? וואו זענען אייערע קרבנות. מיר האָבען געטהון עבירות, אָבער מיר האָבען געוואוסט, פאַרוואָס מיר טהון דאָס. מיר האָבען אויך גערויכערט אום שבת,—יאָ, מיר האָבען גערויכערט! נאָר פאַר אונז איז אין דעם געווען אַ הויכער ציל! און ווען ס'וואָלט נויטיג געווען וואָלטען מיר אויך גרייט געווען צו שלינגען די פּאַפּיראָסען מיט'ן פייער! אָבער איהר? אין נאָמען פון וואָס רויכערט איהר אום שבת? אין נאָמען פון וואָס עסט איהר חזיר? צי דען אין נאָמען פון אַ העכערן אידעאַל? איהר

טהוט דאָס אַלץ נאָר אויס פערגעניגען פון צעלאָזענקייט און נישט בעשיידענקייט, נאָר דערפאַר, ווייל „עבדא בהפקרה ניחא ליה".

און ער איז שנעל אַרויס פון צימער אַ קלאַפּ געבענדיג בייז מיט דער טהיר.

דער יונגער קאַפּלונער איז אַ ווײַלע געשטאַנען שווייגענדיג מיט אַן אויסדרוק פון גרויס אונצופרידענהייט אויפ׳ן געזיכט און מאַכענדיג אַ גרימאַסע, האָט ער ווי צו זיך זעלבסט גערעדט:

—ע-עך, מיר ווילען זיך זיי שוין קיינמאָל נישט אָבצאָהלען דערפאַר וואָס זיי זענען אַמאָל געווען משכילים!... עהרען וואָרט, ס׳איז שוין פיל בעסער צו האָבען אַ פאַנאַטישען פאָטער, ווי אַזעלכען!... אַלענפאַלס, הערט מען אַ ביסעל ווענינער רייד און זעלבסט-בעריהמעריי...

און ווענדענדיג זיך צו אייזערמאַנען, האָט ער מיט שמייכעלע געזאָגט:

—נו, איהר האָט אויסגעהערט אַ גאַנצע דרשה... נאָר אויף אַן׳אוראָק איז שוין היינט קיין צייט נישטאָ. איך מוז שוין געהן אויף אַ צווייטען אוראָק... קומט מאָרגען...

אייזערמאַן איז אַוועק פון קאַפּלונער׳ן אויפגערעגט. די ערצעהלונג פון אַלטען קאַפּלונער האָט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אַלץ וואָס ער האָט גערעדט איז פאַר אייזערמאַנען געווען נאָהנט, פערשטענדליך, סימפּאַטיש. אָבער גלייכצייטיג האָט ער געפיהלט אַז אין די אויספיהרונגען פון דעם „אַלטען און אמת׳ן משכיל" איז פערבאָרגען עפּעס אַ גרויסער טעות, עפּעס אַזעלכעס וואָס געהט להיפוך די גרונד-פּרינציפּען פון דער השכלה און בעמיהענדיג זיך אויסצוגלייכען דידאָזיגע סתירות האָט אייזערמאַן צו זיך געזאָגט: „פערשטעהט זיך, אַ טאַטע... רעדט ווי אַ טאַטע... ביי זיך אין האַרצען ווייסט ער בעווים אַז „אַלץ איז מותר"—נאָר אַלס פאָטער דאַרף ער ריידען אַנדערש... אַזוי זענען שוין אַלע פאָטערס... נאָר אַ משכיל איז

ער שוין איינמאָל אַנ׳אמת׳ער, טויזענד מאָל אַ גרעסערער ווי דער זוהן!״

צוקומענדיג צו זיין וואוינונג האָט אייזערמאַן דערזעהן געהן מירקינען און אולער׳ן און האָט זיי אַ רוף געטהון.

—מיר געהען דאָך טאַקי צו אייך!—האָט זיך מירקין מיט איהם דערפרעהט.

—הער אויס!—האָט אולער אויפגערעגט אָנגעהויבען,—קורץ און שאַרף: ווילסט ראַטעווען אַ מענשען? זאָג!

—וואָס פאַר אַ פראַגע?...—האָט אייזערמאַן פערלירענדיג זיך געענטפערט.

—כּדי צו ראַטעווען אַ מענש פון אונטערגאַנג,—האָט אולער ווייטער אין דעמזעלבען טאָן גערעדט,—דאַרף מען האָבען געלד! פערשטעהסט? און קיין געלד איז, נאַטירליך, נישטאָ! אַלזאָ, זאָג זשע, ווילסט אויסלייהען אויף אַ צייט דיין געלד?

—איהר וועט עס צוריקבעקומען נישט שפּעטער, ווי אין אַ וואָך אַרום, איך גאַראַנטיר אייך,—האָט מירקין, פּיהלענדיג זיך אונאָנגענעהם, געזאָגט.

—נו, געוויס! וואָס איז דאָ פערהאַן לאַנג צו ריידען! נעהמט!—האָט אייזערמאַן אויסגערופען.—אַ, אַ שאָד! האָט ער מיט פערביטערונג צוגעגעבען.—ווען איך וייס פריהער וואָלט איך נישט אויסגעגעבען. און אַזוי האָב איך שוין פאַר די צוויי טעג אויסגעגעבען אַ גאַנץ פערמעגען! צוויי און פערציג קאָפּ.!

—מיר דאַרפען נישט עפּעס קיין קליינע סומע!—האָט אולער בעמערקט.—מ׳דאַרף גאַנצע צוועלף רובל!

—אוי-וי, וואָס זשע טהוט מען?—האָט אייזערמאַן אין שרעק אויסגעשריען.—איך האָב דאָך אינגאַנצען נאָר פינף רובל מיט זעקס און אַכציג קאָפּיקעס?...

—און וועגען דיינע תּפילין האָסטו פערגעסען? גיב זיי נאָר אַהער—ועסטו זעהן וואָס פאַר אַ געלד איך וועל פאַר זיי בעקומען!

זיי זענען אַריין אין שטוב און אייזערמאַן האָט איבער-

בעגעבען אולער׳ן זיינע תּפילין און דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך.

—פּרא אדם! גיט אַוועק ס׳גאַנצע געלד! און פון וואָס וועסטו לעבען?

—וואָס דאַרף איך דען?—האָט זיך אייזערמאַן פערוואונדערט.—זעהסט ווי איך האָב מיר אָנגעקויפט פון כל-טוב: ברויט און הערינג און טעה און צוקער... ס׳וועט קלעקען, גאָט ווייסט, ביז ווען!

עס האָט זיך קוים איינגעגעבען איינצוריידען אייזערמאַנען ער זאָל ביי זיך לאָזען איין רובל מיט זעקס און אַכציג קאָפּ.

—איהר פערשאַפט מיר אַן׳אמת׳דיג עגמת-נפש,—האָט ער פערדריסליך געזאָגט.—ווען איהר וואָלט ביי מיר צוגענומען ביז דער לעצטער קאָפּיקע, וואָלט איך געפיהלט, אַז איך האָב אַ מענשען אַן׳אמת׳ע טובה געטהון. און אַזוי קומט עס עפּעס אַרויס נישט אַהין און נישט אַהער, אָהן טעם...

# לה

פון אייזערמאַנען איז מירקין אַוועק צו יעגאָראָווא׳ן אום צו בעטען זי, זי זאָל סאָניע׳ן נעהמען צו זיך אין דער נאַכט פון אַנטלויפען און צומאָרגענס אינדערפריה זי אַוועקפיהרען צו דער נאָהנטסטער סטאַציע. ער איז געווען זיכער, רוהיג און ענטשלאָסען אַהינגעהענדיג און האָט נאָר געקלערט וועגען דעם ווי בעסער איינצואָרדענען די נסיעה. זיינע געדאַנקען זענען געווען אויסשליסליך זאַכליכע און יעגאָראָווא האָט דאָרט פיגורירט אַלס איינע פון די געוועהנליכע בעקאַנטע, וועלכע האָבען אַ שייכות צו סאָניעס נסיעה. ערגעץ טיף אין זיין נשמה איז צוליב דעם פאָרגעקומען אַ פסיכישע אָנשטרענגונג, נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיך אָפּגעבען דערפון קיין רעכנונג. באַלד אין דער ערשטער מינוט ווען עס איז איהם איינגעפאַלען, אַז יעגאָראָווא קאָן צוהעלפען סאָניען אַנטלויפען, האָט ער נישט

טראַכטענדיג פעסט און קאַטעגאָריש בעשלאָסען נישט אָבצושטע-לען זיך פאַר אַזעלכע מניעות ווי פייערליכע שבועות נישט צו זעהן זיך מיט יעגאָראָוואַ און נישט טראַכטען וועגען איהר און אַז בכלל איז איצט נישט די צייט אַרומצו-ראָגען זיך מיט זיך. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז דאָס זעהן זיך מיט איהר וועט איהם פערשאַפען נישט קיין פערגעניגען נאָר ליידען און ווידער איינפרעסענדיג זיינע געדאַנקען און געפיהלען אין אַ ראַם האָט ער זיך געניוט צו טהון אַזוי, ווי דער איצטיגער ענין האָט געפאָדערט.

מיט אַ נישט געוועהנליכער דרייסטקייט האָט ער אָנגע־קלונגען ביי יעגאָראָוואַ'ן.

—וואָס פערלאַנגט איהר?—האָט איהם אַנ'עלטערע פרוי, אַ דאַרינקע, אַ קרענקליכע, מיט דינע שטריכען פון אַ פריהצייטיג פערעלטערטער געפרעגט מיט עטוואָס שרעק און פערוואונדערונג.

—איך דאַרף... אָלגאַ יעגאָראָוואַ.—האָט מירקין עטוואָס פערלירענדיג זיך געענטפערט.

—נאָך וואָס דאַרפט איהר זי? ווער זייט איהר?—האָט די פרוי נאָך מעהר פערוואונדערט געפרעגט בעטראַכטענדיג מירקינען מיט פערדאַכט פון אויבען ביז אַראָב.

—מאַמינקע! דאָס איז צו מיר! דאָס איז מיינער אַ גוטער פריינד.—האָט זיך פון צווייטען צימער דערהערט אָלגעס שטים. זי איז טאַקי באַלד אַרויסגעקומען אין פאָדערצימער און פעסט דריקענדיג מירקינען די האַנד, האָט זי איהם אַריינגעפיהרט צו זיך אין צימער, בעגלייט פון דער מוטערס פערוואונדערטע בליקען.

—איך בין צו אייך געקומען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין,—האָט מירקין זאַכליך גענומען ריידען, גלייך ווי ער איז נאָר אַריבערגעגאַנגען די שוועל פון צימער.

און דערצעהלענדיג איהר גענוי די געשיכטע מיט סאָניע'ן, האָט ער איהר אויך איבערגעגעבען דעם פלאַן וועגען אַנטלויפען און האָט זי געפרעגט צי מ'קאָן רעכענען אויף איהר מיט הילף. יעגאָראָוואַ האָט איהם ערנסט און אויפמערקזאַם אויסגעהאָרכט,

נישט איבעררייסענדיג איהם, זי האָט נאָר עטליכע מאָל געכאַפּט נישט ווילענדיג אַ קוק אויף איהם. זיין צופיל גלייכגילטיגער און קאַלטער טאָן האָט זיך איהר אויסגעוויזען עפּעס מאָדנע, אונבע-קאַנט און אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט זי פּלוצלינג דערפיהלט אַז ס'טהוט איהר זעהר באַנג, פּונקט ווי ס'וואָלט איהר עפּעס טייערס פערלוירען געגאַנגען. און אויך נישט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג, האָט זי דערשטיקט אין זיך דאָס געפיהל צו-ליב דער וויכטיגקייט פון דער איצטיגער אויפגאַבע.

—גוט. כ'נעהם אויף זיך דאָס צו טהון,—האָט זי איינפאַך און ערנסט געענטפערט.—אַרום האַלבע נאַכט וועל איך זי אָב-זאָרטען אין גערטעל, כ'וועל זי אָבפיהרען צו מיר און וועל שוין ס'איבריגע איינאָרדנען אין בעסטען אָרדנונג. איהר קאָנט זיין פאָלקאָם רוהיג.

—נו, אַ דאַנק אייך! צום ווידערזעהן!—האָט מירקין איי-לענדיג אויסגערופען און דערלאַנגט איהר די האַנד.

—זיצט אַ ווײַלע... מירקין,—האָט יעגאָראָוואַ אונענטשלאָ-סען אַרויסגעזאָגט, נישט אַרויסלאָזענדיג זיין האַנד און אין איהר שטימע האָט אַ ציטער געטהון אַ פרעגענדיגער און בעטענדיגער טאָן.

—כ'בין געוואַלדיג פערנומען!—האָט מירקין ענטשלאָסען און רוהיג געענטפערט, קאַלט אַ קוק טהוענדיג איהר אין די אויגען.

יעגאָראָוואַ האָט לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזט זיין האַנד און קוים־קוים בלייך ווערענדיג האָט זי געזאָגט:

—אַלזאָ, מאָרגען, האַלבע נאַכט... צום ווידערזעהן... יאָ, ווי הייסט זי דאָס מיידעל? איהר האָט מיר געזאָגט, נאָר איך האָב פערגעסען.—האָט זי זיך דערמאָהנט.

—סאָניאַ בעריאַשעוואַ...

—אַך, יאָ...

און שווייגענדיג האָט זי בעגלייט מירקינען צו דער טהיר.

מירקין איז אַהיימגעגאַנגען אַ קאַלטער, אַ גלייכגילטיגער. ער איז אינערליך געווען צופרידען פון זיין אויפפיהרונג ביי

יעגאָראָוואַ'ן, אָבער אינסטינקטיוו מורא האָבענדיג, אַז זיין גע-דאַנק זאָל זיך דאָס „נישט דערוויסען" און זאָל נישט אָנהויבען זיך איבערנעהמען מיט דער העלדישקייט, האָט ער זיך נישט אַרויסגעלאָזט פון דער כמורנער שטימונג.

איידער ער איז צוגעקומען צו זיין וואוינונג, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער דאַרף זיך זעהן מיט הלל'ן, דען ביינאַכט בעת'ן אוראָק אין קלויז איז אַ ספק צי ער וועט קאָנען מיט איהם ריידען; און ער האָט בעשלאָסען גלייך אַריינצוגעהן אין שוהל.

אין שוהל האָט ער געטראָפען עטליכע יודען, וועלכע האָ-בען געשווינד געענדיגט דאַוונען מעריב. הלל און די איבריגע ישיבה-בחורים זענען נישט געווען. נאָר אין ווינקעל איז אויף זיין שטענדיגען אָרט געזעסען דער מתמיד מענדעל און האָט מיט אַ נידריגער שטימע געלערנט מיט אַ ניגון. מירקין איז זיך איבערגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער קלויז. דער גרויער אויסזעהן און די האַלבע טונקעלקייט פון שוהל האָט זיך געפּאַסט צו זיין שטימונג און עס האָט זיך איהם נישט געגלוסט אַוועק-צוגעהן. די מתפללים זענען איילענדיג זיך איינער נאָכ'ן צווייטען אַרויס. מירקין איז, אַליין נישט בעמערקענדיג עס, געבליבען שטעהן און זיך איינגעהערט אין מתמיד'ס לערנען און דערקע-נענדיג, אַז ער לערנט איצט די מסכתא ערובין, האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסען וועגען וואָס עס רעדט זיך דאָרט.

מירקין האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אַ געוויסע צייט זיך איינגעהערט מיט אַלץ וואַקסענדען אינטערעס צום מתמיד'ס לערנען. דערנאָך איז ער צו צום טיש און אָבשטעלענדיג זיך האַרט נעבען מתמיד האָט ער זיך איינגעהאָרכט אַריינקוקענדיג אין דער מסכתא. דער מתמיד האָט ווייטער געלערנט, נישט בעמערקענדיג, אַז עס שטעהט ווער נעבען איהם.

—זאָג מיר, דו פערשטעהסט גוט, וואָס דו לערנסט?—האָט מירקין פּלוצלינג הויך, שטרענג און בעפעהלעריש אַ זאָג גע-געבען.

דער מתמיד האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון פון אומגעריכט-

קייט, ער האָט מיט שרעק און ערשטוינונג אַ קוק געטהון אויף מירקינען און האָט פערוואונדערט אַרויסגעשטאַמעלט:

—ס'טייטש, צי כ'פערשטעה?...

—דו האַלטסט שוין ביי דף כ"ז,—האָט מירקין אַלץ מיט דעם זעלבען טאָן גערעדט. הייסט עס, אַז דו דאַרפסט קענען וואָס דו האָסט שוין ביז אַהער געלערנט. אַלזאָ, ערקלער זשע מיר אָט דעם דאָזיגען ענין. ווי אַזוי וועסטו איהם מסביר זיין?

און איבערמישענדיג עטליכע בלעטער האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף דער סוגיא.

דער מתמיד האָט אַלץ געקוקט מיט צעטראָגענע אויגען אויף מירקינען, גאָרנישט פערשטעהענדיג, נאָר דער בעפעהלענדיגער טאָן פון דעם אונבעקאַנטען האָט איהם געצוואונגען אָהן פראָטעסט זיך אונטערצוואַרפען דעם בעפעהל און שנעל כאַפּענדיג אַ קוק אין דער גמרא אַריין האָט ער, אַלץ נאָך ערשטוינט, געענטפערט:

—וואָס איז דאָ פערהאַן אַריינצוקלערען? אַ געוועהנליכער ענין...

—נו, ערקלער זשע מיר איהם, אויב ער איז אַ געוועהנליכער!

דער מתמיד האָט אין עטליכע ווערטער איבערגעגעבען דעם אינהאַלט.

מירקין האָט איהם אויפמערקזאַם און שטרענג אויסגעהאָרכט, דערנאָך האָט ער שווייגענדיג אויפגעמישט אַ דף אין סוף מסכתא און אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף גאָר קליינע אותיות'לעך פון די פירשים, האָט ער בעפעהלעריש געזאָגט:

—און איצט זיי מיר מסביר דאָס אָרט אין מהרש"א...

דער מתמיד האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהון אויף מירקינען, אָבער איצט איז אין זיין בליק געווען שוין נישט בלויז ערשטוינונג, נאָר אויך דרך-ארץ. דער מתמיד האָט פערשטאַנען אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ גרויסען למדן און אומקעהרענדיג זיך צו דעם אָנגעוויזענעם אָרט האָט ער געזאָגט:

—מהרש"א?... דעם מהרש"א קען איך!... דאָ איז אַ גרוי-

סער שכל דערביי, כ'קאָן עס אייך זאָגן, אויב איהר ווילט!
—נו, זאָג!—האָט מירקין אַלץ נאָך שטרענג און אַ ביסעל אונגעדולדיג געזאָגט.
דער מתמיד האָט קלאָר געגעבען צו פערשטעהן דעם פלפול פון מהרש"א.
—מירקין האָט איהם קאַלטבלוטיג אויסגעהערט. דערנאָך האָט ער אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דער אָפענער גמרא, ווי ער וואָלט געזאָגט: זאָל זי דערווייל בלייבען אָפען, מיר וועלען זיך נאָך דאָ אומקעהרען—און צוגעהענדיג צו דער ספרים-שאַנק איז ער צוריקגעקומען מיט אַנ'אַנדערע מסכתא. ער האָט אויפגעעפענט אויף איינעם פון די לעצטע עמודים און אָנווייזענדיג אויף די קליינע אותיות'לעך פון אַ מפורש האָט ער כמעט דראָהענדיג געזאָגט:
—און איצט גיב אַ קוק, וואָס דער ר"ן זאָגט וועגען דעם. דער ר"ן זאָגט פונקט פערקעהרט. זעהסט?
נאָך ווען מירקין האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דער ערשטער מסכתא, האָט דער מתמיד שוין געפיהלט עפּעס אַנ'-אונבעשטימטע שרעק, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס אַ געפאַהר און האָט מיט אַלץ וואַקסענדער אומרוהיגקייט נאָכגע-קוקט מירקינס יעדע בעוועגונג. און איצט האָט ער מיט אַ קלאַ-פענדיג האַרץ אַריינגעקוקט אויפ'ן אָנגעוויזענעם אָרט און האָט צו זיין גרויסער שרעק געזעהן דאָרט פונקט דעם היפוך פון דעם וואָס דער מהרש"א זאָגט אין מסכתא ערובין.
אַדורכקוקענדיג פיבריג עטליכע מאָל דעם ר"ן, האָט דער מתמיד אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטהון אויף מיר-קינען מיט שרעק און געבעטע און האָט פערלוירען אַרויסגע-שטאַמעלט:
—כ'וויים נישט... כ'פערשטעה נישט... כ'וועל זיך פרעג דעם ראש-ישיבה...
—דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך, וואָס דו פערשטעהסט נישט!—האָט מירקין האַרט און מיט עטוואָס פעראַכטונג אין דער שטים געזאָגט,—פונדעסטוועגען אָבער, דאַרף מען וויסען און

פערשטעהן וואָס מ'לערנט!... פרעג דיין ראש־ישיבה און אויב ער וועט אויך נישט וויסען, וועל איך עס דיר מאָרגען מסביר זיין...

און האַסטיג זיך אומדרעהענדיג איז ער אַרויס פון שוהל, איבערלאָזענדיג דעם מתמיד איבערראַשט און פערלוירען.

אַרויסקומענדיג אויף דער גאַס האָט מירקין זיך אויסגע־גלייכט און קוקענדיג מיט גלאַנציגע אויגען פון בעגייסטערונג אין'ם אויסגעשטערנטען הימעל האָט ער אויפגערעגט און אין עקסטאַז אויסגערופען:

—כ'האָב איהם געפּאַקט! ער איז מיין!!

לאַנג נאָך איז מירקין אַרומגעגאַנגען אין גאַס, טראַכטענ־דיג ווי אַזוי ווייטער זיך אומצוגעהן מיט'ן מתמיד. ווען ער איז אין עטליכע שעה אַרום צוריקגעקומען אין שוהל אויפ'ן אוראָק, האָבען אַלע זיינע שילער, די ישיבה־בחורים שוין גע־וואַרט אויף איהם. צווישען זיי איז אויך געווען אייזערמאַן, וועלכער האָט שוין בעוויזען צו בעקענען זיך מיט אַלע. נאָר דער מתמיד איז נישט געווען אויף זיין געוועהנליכען אָרט, וועלכעס האָט שטאַרק געוואונדערט אַלע ישיבה־בחורים. בעת'ן אוראָק האָט מירקין בעמערקט דעם מתמיד אַריינקומען אין שוהל. אָבער אַנשטאָט זיך ווי געוועהנליך אַוועקצוזעצען ביי דער גמרא, האָט ער גענומען גריבלען זיך אין שאַנק פון ספרים און בלעטערן די גמרות.

ערקלערענדיג עפּעס די שילער, האָט מירקין בכיון גע־רעדט העכער און ער האָט בעמערקט, דאָס דער מתמיד האָט זיך האַסטיג אומגעדרעהט, דערקענענדיג ווייזט אויס מירקינס שטימע און ער האָט שוין נישט אַראָפּגעלאָזט זיין דערשראָקען איבערראַשטען בליק פון מירקינען. ווען מירקין איז נאָכ'ן או־ראָק אַרויס פון שוהל, איז דער מתמיד שנעל נאָך נאָך איהם און אָנכאַפּענדיג איהם פאַר'ן אַרבעל האָט ער אויפגערעגט אויס־גערופען:

—כ'ווייס עס!... דער ראש־ישיבה האָט עס מיר געגעבען צו פערשטעהן! ס'איז ריכטיג!...

— — דורך אַ מהרש״א פון מסכתא „יבמות״? — האָט מירקין רוהיג געפרעגט.

— יאָ!

— איז גוט! — האָט מירקין שוין ווייכער איינגעשטימט. — זעהסטו שוין אַז גמרא דאַרף מען לערנען אַ ביסעל טיפער ווי דו לערנסט. איך וועל דיר נאָך אַנדערע פּלפּולים ערקלערען, נאָך שווערערע; כ׳וועל דיר ווייזען ווי אַזוי מען דאַרף לערנען און פערשטעהן גמרא... מאָרגען אינדערפריה נאָכ׳ן דאַווענען, וועל איך קומען אין שוהל אַריין און וועל מיט דיר ריידען באריכות... אַ גוטע נאַכט! — האָט ער שוין אינגאַנצען ווייך געזאָגט.

— אַ גוטע נאַכט, רבי... — האָט דער מתמיד מיט הנאה געענטפערט און האָט געריהרט צוגעגעבען:

— אַ שעֶנעם דאַנק!

און לאַנג האָט ער איבערראַשט נאָכגעקוקט דעם אַוועקגעהענדיגען מירקינען.

## לז

צומאָרגענס, פרייטאָג אַ גאַנצען טאָג איז מירקין און זיינע נאָהנטע חברים געווען זעהר צערודערט. יעדענס אַנטייל אין סאָניעס אַנטלויפען איז געווען בעשטימט. הלל האָט געדאַרפט נעכטיגען ביי בעריאַשעוו׳ן, כדי צו העלפען סאָניע׳ן אויב ס׳וועט נויטיג זיין און אין פאַל אויב מ׳וועט זיך ביינאַכט כאַפּען, אַז זי איז אַנטלאָפען — זאָל ער גלייך דאָס צו וויסען געבען מירקינען. דער לעצטער, צוזאַמען מיט פייעוויטש׳ן, האָבען אין מיטען דער נאַכט בעדאַרפט וואַרטען אויף סאָניע׳ן. ווי זי וועט נאָר אַרויסקומען וועט פייעוויטש צונעהמען פון איהר דאָס פּעקעל און אַוועקגעהן דערמיט אין גערטעל און מירקין וועט זי מיט הינטער-וועגען אַוועקפיהרען דאָרט אַהין. אולער ציפּאָרין און געווערמאַן האָבען בעשלאָסען אויך צו געפינען זיך אין

גערטעל, כדי צו געזעגענען זיך מיט סאָניע׳ן. קאָרנבלאַט איז נאָך לאַנגען וואַקלען זיך געבליבען אין דער היים ביי די לעהר-ביכלעך.

מעהר פאַר אַלע איז ציפּאָרין צעטראָגען געווען. ער האָט אַ גאַנצען טאָג נישט געאַרבייט, איז כסדר געלאָפען צו מירקי-נען, האָט אויסגעזעהן פערזאָרגט און ערנסט, האָט עטליכע מאָל אויסגעזידעלט די „אַריסטאָקראַטען". וועניגער אויפגערעגט פאַר אַלע איז הלל געווען. אָבער ער איז אמת׳דיג פערביטערט גע-ווען פון ציפּע זוואָלאָווינס אומגעריכטען אַוועקפאָהרען, דען דאָס מיידעל האָט שוין געהאַט בעוויזען צו בעצווינגען זיין האַרץ. ענטציקענדיג זיך מיט איהר, האָט ער אָפענהערציג און תּמימות׳דיג געזאָגט:

—אָט מיט אַזאַ מיידעל וואָלט איך אַפילו שוין מאָרגען חתונה געהאַט. כ׳וואָלט קיין איין מינוט נישט געקלערט! כ׳האָב נאָך אַזאַ „פּייער-פלאַם" נישט געזעהן! אַזאַ קאָזאַק פון אַ מיידעל!

אַרום האַלבע נאַכט, ווען ביי בעריאַשעוו׳ן אין הויז זענען אַלע געשלאָפען פעסט, האָט סאָניע, וועלכע האָט זיך אינגאַנצען נישט צוגעלעגט, אַפּערגענומען פון אונטער׳ן בעט אַ קלומיקל מיט זאַכען, וועלכעס זי האָט זיך נאָך פון פריהער צוגערייט און איז פאָרזיכטיג אַרויס אין עס-צימער. צוגעהענדיג אין דער פינסטער צום דיוואַן אויף וועלכען הלל איז געשלאָפען האָט זי קוים הערבאַר אַרויסגעשעפּטשעט:

—זייט געזונד, הלל... אַ דאַנק!

—ששש!... אַ גליקליכע רייזע.—האָט ער שעפּטשענדיג געענטפערט.

אָנבויגענדיג זיך האַרט צו איהם האָט סאָניע מיט אַ גע-ריהרטער שטים איהם איינגערוימט:

—אויב עס וועט עפּעס געשעהן מיט דער מוטער, זאָלט איהר זיך בעמיהען זי צו בערוהיגען... איבערצייגט זי, אַז איך האָב נישט בדעה צו שמד׳ן זיך... שווערט איהר...

—ששש... כ׳וועל טהון אלץ, וואס ס׳וועט נויטיג זיין... געהט!

סאָניע האָט פאַרזיכטיג אויפגעריגעלט די טהיר, געשפּעגט און איז אַרויס אין דרויסען, אָבשטעלענדיג זיך ביי דער שוועל.

באַלד איז צו איהר צוגעקומען פּייעוויטש, וועלכער האָט שווייגענדיג ביי איהר צוגענומען דאָס קלומיקל און איז געשווינד אַוועק. דערנאָך איז אויך מירקין שטיל ווי אַ שאָטען צוגעקומען, האָט זי גענומען פאַר דער האַנד און איז מיט איהר אַוועק דורך שטילע הינטערגעסלעך. ציטערענדיג פון אינערליכער אויפרעגונג איז זי שווייגענדיג און געשווינד נאָך איהם בעגאַנגען.

אויפ׳ן בעשטימטען אָרט אין שטאָדט-גערטעל האָבען זיי שוין געטראָפען יעגאָראָוואַ מיט סאָניעס קלומיקל אין האַנד און עטוואָס ווייטער די גאַנצע קאָמפּאַניע מיט פּייעוויטש׳ן.

יעגאָראָוואַ איז צוגעגאַנגען צו סאָניע׳ן און האָט איהר שווייגענדיג געדריקט די האַנד. און באַלד בעוועגט פון עפּעס אַ געפיהל, האָט זי זי אַרומגענומען. דערנאָך האָט זי פעסט חבר׳יש דריקענדיג מירקינען די האַנד צו איהם טרוקען געזאָגט:

—איך האָב די זאַך גאָר אַנדערש איינגעאָרדענט. מיר וועלען נעכטיגען ביי מיינע בעקאַנטע, ביי די פריצים גראָזדאָווס. זיי וואוינען אַ צוויי וויאָרסט פון דער סטאַציע. פון זיי וועט זי טאַקע מאָרגען פריה אָבפאָהרען. אַזוי איז פיל בעסער. איך בין שוין געוועזען ביי די גראָזדאָווס און מיט זיי איבערגעשמועסט. זיי האָבען מיט פערגעניגען איינגעשטימט און אונז אפילו אַ קאַרעטע געשיקט, וועלכע וואַרט איצט אויף אונז הינטער׳ן גאָרטען... נו, געזעגענט זיך!

און זי איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזענדיג מירקינען אַליין מיט סאָניע׳ן.

מירקין האָט סאָניע׳ן איבערגעגעבען אַ בריף צו זיינעם אַ בעקאַנטען אין קישעניעוו און געלד אויפ׳ן וועג און דריקענדיג איהר די האַנד האָט ער געזאָגט:

—צו אַ נײַ בעסער לעבען!

אויך די איבעריגע חברים זענען צוגעקומען און דריקענדיג נישט דרייסט איהר האַנד האָבען זיי איהר יעדער בעזונדער אָנגעווינשען.

—יעגאָראָוואַ האָט צוקומענדיג צו דער גרופּע דערלאַנגט מירקינען די האַנד און ראש געזאָגט:

—איהר מעגט זיין גאַנץ רוהיג וועגען איהר! איך וועל אַלץ ברענגען אין בעסטען אָרדנונג. מאָרגען וועל איך זי צַליין אַריינזעצען אין וואַגאָן... צום ווידערזעהן!

—צום ווידערזעהן... יעגאָראָוואַ!—האָט מירקין געענטפערט און האָט איהר פעסט חבר׳יש געדריקט די האַנד.

זיי האָבען זיך בעגעגענט מיט די בליקען—און ביי ביי־דען אין די אויגען איז איצט געווען אַנ׳אויסדרוק פון אַ רוהיג, צוטרויליך חבר׳יש געפיהל.

## לז

צומאָרגענס אינדערפריה איז מירקין פריה אויפגעשטאַנען. אולער איז איינגעקורטשעט נאָך פעסט געשלאָפען אויף דער לעזשאַנקע. מירקין האָט זיך געקליבען אַריינצוגעהן אין קיך זיך וואַשען, ווען ער האָט פלוצלינג דערהערט עפּעס אַ טומעל אין גאַס און באַלד דערויף האָט זיך די טהיר פון דרויסען האַסטיג אויפגעקלאַפּט. ער האָט נישט בעוויזען זיך אַרומצוקוקען וואָס דאָ קומט פאָר, ווי אין צימער האָט זיך אַריינגעריסען דער אַלטער בעריאשעוו מיט רויטע בלוט פערלאָפענע אויגען. נאָך איהם איז אויך מיטגעלאָפען אַ יונגערמאַן בעריאַשעווס אַ קרוב מיט אַ פערפלאָנטערט געל בערדעל און אויך מיט אַזאַ ווילד געזיכט ווי בעריאַשעוו. און נאָך זיי ביידען—הלל, אַ בלייכער מיט שרעק אין די אויגען.

—אַ-אַ!!—האָט דער אַלטער געברומט דערזעהענדיג מיר-קינען.—אָט איז ער, דער משומד! אַט איז ער, דער עוכר

ישראל!! ער איז דאָ!!

און אָנכאַפּענדיג מיט זיין ריזיגער קרעפטיגער האַנד מיר־קינען פאַר׳ן קאָלנער האָט ער מיט אַלע כחות גענומען איהם טרייסלען און שרייען מיט אַ פערשטיקטער שטימע אין וועלכער עס איז אויסער ווילדען כעס געווען אויך אַ געוויין:

—וואו איז מיין טאָ־אָכטער!! ג־נב, וואו איז מיין טאָכטער!!

—אַ־אַ־אַ! משומד! אַ־אַ, געמיינע בריאה!—האָט דער גע־לער יונגערמאַן מיט ווילדען כעס אונטערגעהאַלטען דראָהענדיג מירקינען מיט אַ פעסטען אָבער כלל נישט שרעקליכען קולאַק.

—רב גרשון!... רב גרשון!...—האָט הלל מיט בלייכע לי־פען געבעטען בעריאַשעוו׳ן אָנכאַפּענדיג איהם ביים אַרבעל— רב גרשון! וואָס טהוט איהר!... דאָס פּאַסט דאָך נישט פאַר איין!...

בעריאַשעוו האָט מיט׳ן גאַנצען כח אַ שליידער געטהון מירקינען צו דער וואַנד און האַסטיג אומדרעהענדיג זיך צו הלל׳ן האָט ער צו איהם ווילד אויסגעשריען:

—ס׳איז נישט שען?! איך וועל איהם ווייזען וואָס איז נישט שען!! כ׳וועל איהם דער׳הרג׳ענען, דעם רוצח!! דעם אויס־וואורף!! וואו איז מיין טאָכטער?!—האָט ער נאָך מעהר ווילד אויסגעשריען און האָט זיך ווידער געוואָרפען צו מירקינען.

אולער אויפכאַפּענדיג זיך פון דעם טומעל האָט זיך אויפ־געזעצט און אין ערשטען אויגענבליק האָט ער געקוקט מיט בעשראָקענע אויגען, נישט פערשטעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. פּלוצלינג אָבער איז ער רויט געוואָרען און אַראָבשפּרינגענדיג פון דער לעזשאַנקע האָט ער מיט איין שטויס אַ שליידער אום געטהון דעם געלען יונגענמאַן, וועלכער האָט זיך געריסען צו מירקינען, און מיט דעם זעלבען כעס און ווילדע געשרייען האָט ער זיך געוואָרפען צו בעריאַשעוו׳ן:

—אַ־אַ, דו אַלטער הונד!! אַ־אַ, דו אַלטער ג־נ־ב! ביזט איך גאָר דאָ אַהערגעקומען שלאָגען?! איך וועל דיר ווייזען!! איך וועל דיך אָנלערנען! איך וועל זיך מיט דיר אָברעכענען!!...

אָבער ווי צעווילדעוועט אולער איז נישט געווען האָט

זיך דאָך ביי איהם קיין האַנד נישט אויפגעהויבען אַ קלאַפּ צו טהון דעם אַלטען און ער האָט זיין גאַנצען כעס אויסגעלאָזט צו זיינע מלבושים. אָנכאַפּענדיג בעריאַשעוו'ן פאַר דער האַנד און פערשטעלענדיג מירקינען האָט ער מיט דער צווייטער האַנד אָנגעכאַפּט דעם אַלטען פאַר'ן קאָלנער פון דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און האָט מיט איינמאָל אַ ריס אַראָב געטהון דעם גאַנ-צען לאַץ.

פיהלענדיג זיך אין די הענד פון אַזאַ צעקאָכטען און שטאַרקען געגנער, האָט בעריאַשעוו שוין פערגעסען אָן מיר-קינען און האָט גענומען שרייען נישט אַזוי מיט כעס ווי מיט פערצווייפלונג:

—לאָז מיך אָפּ!! מערדער!! גנב!! לאָז אָ-אָפּ!

מירקין צעטומעלט פון דעם אונגעריכטען אָנפאַל און פון דעם שליידער וועלכען ער האָט בעקומען איז געשטאַנען מיט ברייט געעפענטע אויגען אין וועלכע עס איז געווען איבעררא-שונג. קומענדיג צו זיך און זעהענדיג ווי אולער פליקט דעם אַלטענס זשופּיצע האָט ער זיך געוואָרפען צו אולער'ן און האָט מיט עקעל געשריען:

—לאָז איהם אָפּ! לאָז אָפּ! זאָל ער געהן!

—לאָזט איהם אָפּ! לאָזט איהם, האָט רחמנות!—האָט הלל פערצווייפעלט געבעטען, בעמיהענדיג זיך מיט זיינע שוואַכע הענד אַרויסצורייסען בעריאַשעוו'ן פון אולער'ס הענד.

אולער האָט גאָרנישט הערענדיג זיך ווילד אַרומגעקוקט און אונטערוואַרפענדיג זיך אינסטינקטיוו מירקינס בעפעהל, האָט ער אָפּגעלאָזט בעריאַשעוו'ן. הלל האָט זיך בענוצט מיט דעם מאָמענט און האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט בעריאַשעוו'ן אַרויס פון דער טהיר, שרייענדיג כסדר:

—קומט!! גיכער, לאָמיר אַוועקגעהן!!

—יאָ! ביזט געררעכט!!.. לאָמיר געהן!—האָט בעריאַשעוו הייזעריג און צעטראָגען געשטאַמעלט אַרויסשפּרינגענדיג פון צימער און אַרומשלייכענדיג זיך אין דער ווירטינס צימער, נישט ויסענדיג דורך וואַנען אַרויסצוגעהן.—קום! קום!—האָט ער

כסדר געשריען האַלטענדיג זיך דערשראָקען אָן הלל׳ן.

—אַרויסקומענדיג אין גאַס האָבען זיי דאָרט געטראָפען דעם געלען, וועלכער האָט האַלטענדיג זיך פאַר אַ זייט געלאָפען הין און צוריק מורמלענדיג דערשראָקען פאַר זיך:

—אוי, ער האָט מיך דער׳הרג׳עט! אוי, ער האָט מיך דער׳הרג׳עט!

בעריאַשעה האָט צעטראָגען זיך אַרומגעקוקט און נישט טרעפענדיג וואוהין צו געהן, איז ער אַרומגעלאָפען ווי אַן אונטערגעשאָסענער און פלוצלינג האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ קלאָץ, וועלכער איז געלעגען ביים הויז און אָנכאַפענדיג זיך פאַר׳ן קאָפּ האָט ער גענומען היסטעריש קלאָגען!

—מיין טאָכטער! מיין טאָכטער! מיין איין און איינציגע טאָכטער!! וואָ-אָס האָסטו מיר געטהו-ון?!!

—ר׳ גרשון, ר׳ גרשון! קומט!—האָט הלל גערעדט, קוקענדיג אויף איהם מיט שנאה און פעראַכטונג.

בעריאַשעוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אויף זיין געזיכט נאָס פון טרעהרען איז געווען אַ נעבעכדיגער אומגליקליכער אויסדרוק.

—קום, לאָ-אָ-מיר געהן...—האָט ער נעבעכדיג און געהאָרכזאַם אַרויסגעשטאַמעלט און אַ קוק טהוענדיג אויף זיין צעריסענער קאַפאָטע, האָט ער כליפענדיג ווי אַ קליין קינד געיאָמערט:

—ער האָט מיר צעריסען דעם גאַנצען סורטוק... ווי אַזוי... קאָן איך... איצט געהן איבער דער גאַס?...

און ער האָט ווייטער געכליפעט.

—כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז איהר זאָלט דאָ אַהער נישט געהן—האָט איהר מיך נישט געוואָלט האָרכען!—האָט הלל צו איהם האַרט געזאָגט.—נו, איצט קומט!—האָט ער בעפעהלעריש צוגעגעבען און האָט איהם געהאָלפען אויפשטעהן.

אָבגעהענדיג מיט בעריאַשעוו׳ן עטליכע טריט, האָט הלל זיך אומגעקוקט און דערזעהענדיג דעם יונגענמאַן וועלכער האָט

זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי דער זייט, האָט ער אויפגערעגט צו איהם אַ געשריי געטהון:

—געגוג אייך שוין צו האַלטען זיך פאַר דער זייט! ס'וועט אייך גאָרנישט זיין! קומט!

יענער האָט גלייך אַראָבגעלאָזט די הענד און איז צוגע־לאָפען צו זיי.

ווען בעריאַשעוו איז אַרויסגעלאָפען פון צימער האָט או־לער זיך געריסען צו איהם.

—לאָז מיך!—האָט ער געשריגען צו מירקינען וועלכער האָט איהם איינגעהאַלטען.—לאָז מיך צו איהם!! איך וועל איהם די באָרד און פאות אויסרייסען!! איך וועל איהם אַלע ביינער צעברעכען! איך וועל זיך מיט איהם אָברעכענען פאַר אלעם!

בערוהיגענדיג זיך עטוואָס, האָט ער זיך פערוואונדערט אַרומגעקוקט און אויסגעשריען:

—ווי געפעלט דיר די געשיכטע? האַ? ער איז זיך גאָר געקומען שלאָגען?!

—וואָס פאַר אַ ווילדע היה!—האָט מירקין אויך איבער־ראַשט געענטפערט.

—ער וואָלט דיך צעריסען, ווען נישט איך!

—געוויס!

—אָבער איך האָב איהם געגעבען!—האָט אולער בייז אויסגעשריען.—ער וועט מיך האָבען צו געדענקען! כ'האָב איהם דעם גאַנצען סורטוק צעריסען אויף שטיקלעך!...

—כ'האָב מורא געהאַט דו זאָלסט איהם נישט דער'הרג'ע־נען... דו האָסט דאָך אויסגעזעהן ווי אַ ווילדע חיה.

—וואָס דען, כ'וועל שטעהן און צוקוקען?... ער האָט דיר אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון?

—נישקשה!—האָט מירקין שמייכלענדיג געענטפערט—ער האָט מיך אַ שליידער געטהון צו דער וואַנד און איך האָב זיך צעקלאַפּט אַ זייט אָן בעט... און וואָס זאָגסטו נישט צו הלל'ן!—האָט ער ענטציקט צוגעגעבען.

—ער איז דען דאָ געוועזן?

—דו האָסט איהם נישט געזעהן?—האָט זיך מירקין גע-וואונדערט.—ער האָט דאָך בעריאַשעוו׳ן פערטיידיגט פון דיינע הענד!...

—וואו האָב איך דאָרט געזעהן? איך האָב נאָר געזעהן זיין אַטלעסענע קאַפּאָטע, ווען כ׳האָב געריגען... אַך, האָב איך איהם צורעכט געמאַכט זיין שבת׳דיגע אַטלעסענע קאַפּאָטע!!

—הלל איז שוין אָבער איינמאָל אַ וואוילער יונג!—האָט מירקין געזאָגט.—כ׳בין זיכער, אַז דאָס האָט ער צוגערעדט בעריאַשעוו׳ן דאָ אַהער צו געהן!

—נאָך וואָס?—האָט זיך אולער געוואונדערט.

—וואָס הייסט נאָך וואָס? כדי אַראָבצופיהרען איהם פון וועג, פערשטעהט זיך!... ער וואָלט זעהר קלוג געטהון, ווען ער וואָלט איהם נאָך ערגעץ צו איינעם פון אונזערע געפיהרטן דער עיקר איז דאָך אָבצושלעפען ביז אין מיטען טאָג, ביז איינס אַ זייגער, ווען דער צוג געהט אָב...

ביסלעכווייז האָבען זיי זיך בערוהיגט און זעצענדיג זיך צום סאַמאָוואַר, האָבען זיי גענומען בעטראַכטען ווי אַזוי סאָניע וועט זיך איינאָרדענען אין קישינייעוו.

פייעוויטש איז אַריינגעקומען.

—ציפּאָרין איז דאָ נישטאָ?—האָט ער געפרעגט.—וואו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? ער איז היינט פריה אויפגעשטאַנען און איז גלייך אַוועקגעגאַנגען, גאָרנישט זאָגענדיג. כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז דאָ אַהער געגאַנגען.

—ער איז דאָ נישט געווען,—האָט אולער געענטפערט.—ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט שוין דער אַלטער בעריאַשעוו פון דאַנען נישט אַרויס קיין גאַנצער.

און ער האָט פייעוויטש׳ן דערצעהלט די פּאַסירונג מיט בעריאַשעוו׳ן.

נאָך פייעוויטש׳ן איז אַריינגעקומען אייזערמאַן.

ער איז אַריינגעקומען ברייטליך, יום־טוב׳דיג מיט אַ גוט-מוטיג שמייכעלע אויף די ליפּען:

—גוט שבת, פרומע יודען!—האָט ער בעגריסט די חברים,

בעבענדיג יעדען ברייטליך די האַנד. איהר האָט שוין געדאַ-ווענט מוסף?... אפשר קאָן מען ביי אייך קידוש מאַכען איבער אַ גלעזעל טעה פון סאַמאָוואַר?

און אַנידערזעצענדיג זיך האָט ער שוין ערנסטער צוגע-געבען:

—כ'האָב היינט געפּרובט אַרבייטען—און עס אַרבייט זיך נישט... די נשמה-יתירה לאָזט נישט... נאָך מיטאָג וועלען דאָ זיך אודאי צונויפקומען עטליכע חסידים. כ'וועל כאַפּען אַ יודיש וואָרט. און דערווייל וועל איך זיך אַ ביסעל לעזען דעם „השחר". ס'וועט מיר גערעכענט ווערען פאַר תהלים, ווי מיינט איהר?

און אָנטרינקענדיג זיך מיט טעה, האָט ער זיך געמיטליך אַוועקגעזעצט מיט'ן ביכעל אויף דער לעזשאַנקע.

## לח

אייזערמאַן האָט נישט קיין טעות געהאַט, ערוואַרטענדיג נאָך מיטאָג זאָלען זיך צונויפקומען עטליכע חסידים. געוועהנליך פלעגט זיך יעדען שבת נאָך מיטאָג צו מירקינען צונויפקומען די יוגענד: גימנאַזיסטען, גלאַט בעל-בתּישע בחורים, פּראָלע-טאַריער אַזעלכע, ווי פון „עיר-מקלט" און ישיבה-בחורים פון פערשידענע מדרגות אין השכלה. זיי פלעגען קומען אויסרויכערן אַ פּאַפּיראָס נאָכ'ן שבת'דיגען זאַטען מיטאָג, טרינקען אַ גלאָז טעה פון סאַמאָוואַר, אויפעסען אַ שטיקעל חזיר „צוליב פּרינציפּ" און הויפּטזעכליך כדי צו שמועסען, דיסקוטירען און בכלל פריי אָבצואָטעמען.

זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפצוקלויבען באַלד נאָך מיטאָג. דער ערשטער איז געקומען געווערמאַן. ער איז אַריינ-געקומען אַ כמורנער, אַ טראַגישער און נישט בעגריסענדיג זיך מיט קיינעם, איז ער צו צו מירקינען, האָט איהם אָנגענומען פאַר אַנ'אַרבעל און אַריינגעפיהרט אין צווייטען צימער.

—דו האָסט זיך אודאי געוואונדערט, וואָס איך בין נעכ־טען נישט געקומען נעכטיגען?—האָט ער מיט אַ בית-הקברות־שטימע געזאָגט.—איך... בין צוריק אַהיים!...—האָט ער צוגעגע־בען שטאַמלענדיג.—איך בין אַ שמאָטע און אַ טויגעניכטס—כ'האָב נישט געקאָנט אַנדערש... כ'האָב געטראָפען אויף דער גאַס די מוטער מיט געשוואָלענע אויגען. זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיר און האָט גאָרנישט געזאָגט... פערשטעהסט?... נו, האָב איך מעהר נישט געקאָנט... איך זעה שוין איצט איין, אַז כל זמן כ'וועל בלייבען אין מ. וועל איך נישט פטור ווערען פון דעם אַלעם... מ'דאַרף אַוועקפאָהרען! כ'האָב בעשלאָסען!... און דער־ווייל האָב איך זיך אומגעקעהרט אַהיים... ווי מיינסטו: כ'בין אַ שמאַטע, יאָ? זאָג!—האָט ער געענדיגט נישט קוקענדיג אויף מירקינען.

—איך מיין, אַז דו האָסט זעהר גוט געטהון!—האָט מיר־קין איהם גלייך קאַטעגאָריש געענטפערט. און נישט ווילענדיג מעהרריידען וועגען דעם איז ער צוריק אַריין אין צימער. נאָך איהם איז אויך געווערמאַן אַריין, שוין נישט אַזוי כמורנע און האָט זיך בעגריסט מיט די חברים.

נאָך געווערמאַנען איז געקומען קאַפלונער. און גלייך ווי־ ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער אויסגעשריען:

—איהר האָט געהערט? בעריאַשעווא איז דאָך אַנטלאָפען פון די עלטערן! עהרען וואָרט! היינט ביינאַכט איז זי אַנטלאָפען!

מירקין, אולער און פייעוויטש האָבען אַלע צוזאַמען, נישט אָנריידענדיג זיך אויסגעשריען פערוואונדערט און אונצופרידליך:

—נו?

—כ'פערזיכער אייך! די גאַנצע שטאָדט קאָכט! טייל זאָ־גען אַז זי האָט בע'גנב'עט דעם פאָטער און איז אַנטלאָפען מיט עפעס אַ לעהרער, שיער נישט מיט דיר, מירקין! אַנדערע זאָגען, אַז זי איז אַנטלאָפען שמד'ן זיך!...

נאָך קאַפלונער'ן איז אַריינגעקומען קעוועש, אויך אַנ'־אויפגערעגטער. ער ווידער האָט געבראַכט עפעס אַ גרויסען „סוד”, וועלכען ער האָט קיינעם גיט'ט געטאָרט אויסזאָגען.

אָבער וועלכען ער האָט נישט געקאָנט בשום אופן האַלטען אין זיך. ער איז גלייך צו צו קאַפּלונער'ן און האָט צאַפּלענדיג איינגעאַנצען איהם איינגערוימט:

—אוי-וי, וואָס איך האָב! ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פאַר אַ בוך איך האָב!

—וואָס פאַר אַ בוך?

—אוי-וי, כ'קאָן דיר נישט זאָגען! עהרען וואָרט, כ'קאָן נישט!—האָט קעוועש אין פערצווייפלונג זיך נישט געקאָנט קיין עצה טהון און האָט מיט אַ גוטען רחמנות-בליק געקוקט אויף קאַפּלונער'ן.—נאָר ווען דו זאָלסט וויסען!

און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך מיט דערזעלבער התפעלות געוואָרפען צו מירקינען.

ציוורשטיין איז אַריינגעקומען.

—איהר ווייסט שוין געוויס אַלעס?—האָט ער אָנגעהויבען בעמיהענדיג זיך צו זיין רוהיג.—ס'איז מעגליך אַז ווער פון אייך האָט אַ חלק דערין אויך?—האָט ער מיט אַ פאָרשענדיגען בליק צוגעגעבען אָבשטעלענדיג זיך בעזונדערס אויף מירקינען.—וואָס אין שטאָדט טהוט זיך! אָט נאָר וואָס איז בעריאַשעוו צו-זאַמען מיט דיין פאָטער (ער האָט געוויזען אויף קאַפּלונער'ן) געלאָפען צום אַרכיערייי...

—צום אַרכיערייי?

—נו, יאָ! אַלע זאָגען, אַז זי איז אין מאָנאַסטיר, אַז מ'האָט זי ביינאַכט דאָרט אַהין געפיהרט... ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז עטליכע מענשען האָבען זי שפּעט ביינאַכט געזעהן מיט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע רוסישע מיידלעך און יונגעלייט אַריינקומען אין שטאָדט-גאָרטען, וואו עס האָט אויף זיי געוואַרט אַ שוואַרצע קאַרעטע. אַלע האָבען זיך אַריינגעזעצט און די קאַרעטע איז אין גאַלאָפּ אַוועק צום אַרכיערייי'ס הויז... מ'זאָגט, אַז בעריאַ-שעוואָס מוטער חלש'ט שוין פון אינדערפריה אָן און מ'קאָן זי בשום אופן נישט דערמונטערן!

מירקין איז אַריין אין צווייטען צימער אַ קוק טהון אויפ'ן

זייגער און ער איז צוריק אַריינגעקומען מיט אַ שטראַהלענדיגען געזיכט.

—האַלב צוויי,—האָט ער אולער׳ן איינגערוימט.—דער צוג איז שוין אַוועק...

קעוועש וואַרטענדיג ביז דער עולם וועט זיך בערוהיגען איז ער צו צו ציוועשטיינען:

—אוי, ווען איהר זאָלט וויסען וואָס פאַר אַ ביכעל איך האָב!—האָט ער איהם מיט דער זעלבער צאַפּלעניש איינגערוימט.

—וואָס פאַר אַ ביכעל?—האָט ציוועשטיין גלייכגילטיג גע-פרעגט, אַ קוק טהוענדיג אויף איהם פון אויבען אַראָב.

—איך קאָן עס אייך נישט זאָגען! עהרען וואָרט, ווי כ׳קאָן נישט!!

—אַז איהר קאָנט נישט, דאַרפט מען נישט,—האָט ציוועשטיין מיט דער פריהערדיגער גלייכגילטיגקייט געענטפערט און האָט זיך אָבגעקעהערט.

אַזאַ גלייכגילטיגקייט האָט שוין קעוועש נישט געקאָנט איבערטראָגען און איינבויגענדיג זיך צו ציוועשטיינען, האָט ער בעטענדיג מיט עטוואָס פערצווייפלונג אין טאָן גערעדט:

—אוי, ווען איהר זאָלט וויסען וואָס!!

און נישט קאָנענדיג שוין מעהר איינהאַלטען דאָס וואָרט וועלכעס האָט זיך ביי איהם געריסען פון דער צונג, האָט ער צוגעגעבען:

—אַ פערבאָטענס!!

דאָס האָט שוין ציוועשטיינען פעראינטערעסירט. אָבער נישט אַרויסווייזענדיג עס, האָט ער גלייכגילטיג געפרעגט:

—וואָס פאַר אַ ביכעל?

—איך האָב געגעבען דאָס עהרען-וואָרט קיינעם נישט אויסצוזאָגען! גיט איהר אויך דאָס עהרען-וואָרט, אַז איהר וועט קיינעם נישט דערצעהלען. גיט!—האָט קעוועש געבעטען רחמים.

—נישט אַמאָל „טשטאָ דיעלאַט׳?״

—ניין! עהרען וואָרט—ניין! כ׳זאָג אייך בעשטימט, אַז

נישט!... מיינס איז נאָך מעהר פערבאָטען! גיט אייער עהרען-וואָרט, כ'בעט אייך!

ציוורשטיין האָט ענדליך רחמנות בעקומען און געגעבען זיין וואָרט.

קעוועש האָט איהם אַריינגעפיהרט אין צווייטען צימער און האָט איהם צאַפּלענדיג אינגאַנצען בסוד-סודות איינגערוימט:

—דעם—„רוסקי וויעסטניק”!!...

ציוורשטיין האָט אויף איהם פערוואונדערט אַ קוק געטהון און האָט זיך פעראַכטליך צעלאַכט:

—איהר רעדט נאַרישקייטען, קעוועש! דער „רוסקי וויעסטניק” איז דער סאַמע קאָנסערוואַטיווסטער זשורנאַל! איך ווייס דאָס גאַנץ גוט!

—כ'מיין נישט דאָס! איהר ווייסט נישט!—האָט קעוועש ווערענדיג צעטומעלט זיך געקאָכט.—דאָס מיין איך, נישט דעם זשורנאַל גופא! דאָס איז נאָר געדרוקט אין זשורנאַל! דאָס איז אַ ראָמאַן! ער הייסט „פאַנגורעס סטאַדע”!...

—אָבער ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז ער איז פער-באָטען?

—מאַקסימאָוויטש אַליין האָט עס מיר געזאָגט! ער האָט מיר טאַקי געגעבען דאָס בוך... און איך זעה דאָך אַליין אויך. כ'זאָג אייך, ס'איז אַ שרעק צו לעזען!... דאָרט איז דאָ אַ העלד אַרדאַליאָן פּאָלאָיאַראָוו!*) וואָס פאַר אַ מענש! וואָס פאַר אַ מענש! אַ רעאַליסט! און וואָס פאַר אַ רייד ער רעדט!... הערט! איך קען פון אויסענווייניג!

און ער האָט שטיל מיט אָנגעשטרענגטען פּאַטאָס אָבער אויך שרעקעוודיג גענומען דעקלאַמירען:

כ'וועל אייך זאָגען, ברידער, כ'וועל אייך זאָגען:
ווער ס'איז דער אייביגער גורם

---

*) איינער פון חס. קרעסטאָווסקיס פּאַסקוויל-ראָמאַנען. ער שטעלט דאָרט פאָר קאַריקאַטוריש אַ „ניהיליסט” ארדאליאָן פּאָלאָיאַראָוו.

אין אונזער אומגליק, אין אונזער נויט
שולדיג אין אַלעם איז דער מלוכה׳שער
צוויי-מויליגער, צוויי-קעפּיגער,
אַלרוסישער אָדלער אונזערער!

—אַזוי זינגט פּאָלאָיאַראָוו!! און דאָרט איז עס אָפּגעדרוקט! צו? וואָס וועט איהר איצט זאָגען?

—געוויס... דאָס דאַרף ווירקליך זיין פערבאָטען... האָט ציוזערשטיין פּערלוירען מסכים געווען. איהם איז איצט נישט אָנגענעהם געווען, וואָס ער האָט אַזוי קאַטעגאָריש פריהער גע-זאָגט, אַז אין „רוסקי וויעסטניק" קאָן קיין פערבאָטענע זאַך נישט זיין און ער האָט דעריבער זיך איצט בעמיהט צו פער-גלעטען עס:

—עס קאָן זיין, אַז דער אויטאָר האָט בכיון, כדי אָפּצו-נאַרען די מאַכט געלאָזט אָפּדרוקען די זאַך אין „רוסקי וויעסט-ניק"...

—נו, געוויס בכיון! געוויס איז עס אַזוי!—האָט קעוועש הייס אונטערגעכאַפּט—מאַקסימאָוויטש אַליין האָט עס מיר גע-זאָגט! זיין פּאַטער, אַ פּאָלקאָווניק האָט דעם ראָמאַן געלעזען, און האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס איז אַנ׳אונלעגאַלער. כאַ-כאַ-כאַ!

—אַלזאָ, גוט. זאָגט קיינעם גאָרנישט... מיר וועלען שפּע-טער שמועסען דעריבער...—האָט ציוזערשטיין געזאָגט, נישט הילענדיג, אַז אַזאַ וויכטיגע ענטדעקונג זאָל געמאַכט ווערען נישט דורך איהם, נאָר דורך עפּעס אַ קעוועש׳ן.

זיי זענען צוריק אַריין אין צימער. קעוועש האָט זיך שוין געהאַט פּאָלקאָם בערוהיגט און האָט זיך איצט כסדר גע-האַלטען נעבען זיין בעל־סוד.

אַ בחור׳ל אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע איז אַריינגעקומען. ער איז אַריין געשווינד, פרעהליך אויפגערוימט, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אַרויסבעקומען פון שווערער געפאַנגענשאַפט.

—אַ-אַ! אַ פּאַפּיראָסעל נאָך דער שבת׳דיגער סעודה איז דאָך טעם גן-עדן. מיין נשמה-יתירה איז אַ שרעקליכער רויכע-

דער!—האָט ער אויסגערופען, פערדרויסלערענדיג האַסטיג אַ פּאַ-פּיראָס. . . .

# לט

דאָס צימער איז געווען פול געפּאַקט. מען איז געזעסען אויפ׳ן בעטעל, אויף דער לעזשאַנקע, אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די קניה איינער ביים צווייטען. אויפ׳ן טיש האָט געזעצט דער סאַמאָוואַר. מ׳האָט געטרונקען טעה לויט דער רייה פון די איינציגע צוויי גלעזער, וועלכע זענען געווען. יעדעס מאָל איז אַנ׳אַנדערער פון די געסט געלאָפען עפּעס קויפען, אין מויל צו בעהמען און באַלד האָט זיך אויפ׳ן טיש געוויזען זעמעל, קאָלבאַס און אויך קיכלעך. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ געדיכטער רויך פון טאַבאַק, אַ טומלענדיגער גערויש און יונגע געלעכטערס.

—לאָמיר, רבותי, עפּעס לעזען!—האָט געווערמאַן אויסגעשריען.

—ניין, זינגען, בעסער זינגען!—האָט קאַפּלונער זיך בעמיהט איהם איבערצושרייען.

—נאָר לעזען! לעזען פּיסאַרעוו׳ן!—האָט געווערמאַן זיך געהאַלטען ביי זיינס.

אָבער דער עולם איז נישט געווען גענוג ערנסט געשטימט אויף צו לעזען פּיסאַרעוו׳ן. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פּראָטעסטען.

—ניין, ניין! פּיסאַרעוו׳ן אַנ׳אַנדערש מאָל! איצט דאַרף מען עפּעס זינגען!

דאָס בחור׳ל אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, וועלכער האָט אַזוי גיריג זיך געכאַפּט רויכערן, האָט נישט וואַרטענדיג ביז מ׳וועט איהם בעטען, אָנגעהויבען מיט אַ נידריגער שטים צו זינגען דאָס פּאָפּולערע יודישע ליד:

שטעה אויף מיין פאָלק, ערוואַך פון דיין דרימעל,
אין נאַרישקייט זיי נישט פערטיפט...

—האַרפאַרב! זינגט טאַקי עפּעס!—האָט קאַפּלונער זיך אָנגערופען.—איהר זינגט דאָך גוט!... נאָר נישט דאָס, נישט קיין יודישעס; זינגט עפּעס אַ רוסיש ליד...

—כ'וועל אייך זינגען אַ שפּאָגעל-ניי רוסיש ליד, וועגען אַ יודישער טאָכטער—האָט האַרפאַרב בנעימות און עטוואָס סענטימענטאַל געזאָגט.—אַ-אַך, וואָס פאַר אַ טייער ליד! אָט וועט איהר באַלד הערען!

און ער האָט גענומען זינגען מיט אַ דינעם, גענוג אָנגענעהמען טענאָר אומעטיג און טרויעריג, דאָס רוסישע ליד וועגען יודישען מיידעל.

—נו, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעקליבען אַזאַ טרויעריגס!—האָט איינער פּראָטעסטירט.

—פּונקט ווי ער וואָלט קינות געזאָגט—האָט קאַפּלונער אויסגעשריען.—זינגט עפּעס פרעהליכס... זינגט: „יעדו לי באָטשיו".

—עך, דאָס איז אויך זעהר שען—האָט האַרפאַרב טרוימעריש געענטפערט.—מיר געפעלט עס זעהר! „די יודישע טאָכטער איז פּעראַכטעט, ווייסט פון נויט און זאָרג!"—האָט ער געפּיהלפּול און מיט אַ ליידענדיגען אויסדרוק אין געזיכט איבערגע'חזר'ט די ווערטער פון ליד.—אַך, ווי ריכטיג דאָס איז! יודען ווערען דאָך פון אַלעמען פעראַכט און בעליידיגט... נישט אמת?

—צום ביישפּיל דער לעהרער פון ליטעראַטור;—האָט קעוועש פּלוצלינג קלאָגענדיג זיך אויסגעשריען. ער רעדט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויס, ער זאָל נישט נאָכשפּעטען ווי יודען ריידען. מיט אַ פּאָר טעג צוריק פרעגט ער מיך: „און איהר זייט זיכער, אַז אייער פאָטער איז אַ יוד און נישט קיין זשיד?"

—ווען ער וואָלט עס מיר געזאָגט, וואָלט איך איהם אָנגעשפּיגען אין צורה!—האָט ציווערשטיין אויפגערעגט געזאָגט.

—ער וואָלט גלייכער נאָכגעשפּעט דעם לעהרער פון לאַטיין ווי ער רעדט רוסיש,—האָט קאַפּלונער געזאָגט. און פּלוצלינג צעלאַכענדיג זיך, האָט ער אויסגערופען: וואָס פאַר אַ שענע

סצענע מיר האָבען די טעג געהאַט מיט'ן לעהרער פון לאַטיין! ער האָט אַרויסגערופען גראַבער'ן און איהם געהייסען זאָגען די אויסנאַהמען פון מענליכען געשלעכט אויף „is“. יענער אָבער האָט גראָד אַלץ געהאַט פערגעסען! שטעהט ער ביים ברעט און קוקט זיך אַרום, אפשר וועט איהם ווער אונטערזאָגען. און דער לעהרער דערמאָהנט איהם נאָכאַמאָל: נו, זאָגט: פערהאַן עפּעס נעמען אויף „is“. גראַבער האָט דרייסט אָנגעהויבען: „פיל נע-מען זענען פערהאַן אויף „איס“: „mosculini generis“.... און גלייך האָט ער גענומען ווייטער בראָקען:

„יקום פורקן מן שמיא

חנא וחסדא, ורחמי וחיא.“

און אַזוי האָט ער אָבגעבראָקט דעם גאַנצען „יקום פורקן“ און קוקט דעם לעהרער גלייך אין די אויגען. צווישען די שילער איז אַ געלעכטער, אָבער דער לעהרער פערשטעהט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז עטוואָס טויבליך. ער הערט, אַז דער מאָטיוו איז דער זעלבער, און זעהט אַז גראַבער ענטפערט דרייסט—איז ער צופרידען. „גוט, זאָגט ער, זעצט זיך!“ און האָט איהם געשטעלט אַ פינף פאַר „יקום פורקן“!

—אָט הערט בעסער, רבותי, וואָס ס'איז געשעהן מיט סלאָבאָדקינען,—האָט זיך ציווערשטיין אָבגערופען.—ער איז איצט נישט לאַנג אָנגעקומען אין דריטען קלאַס גימנאַזיע און רעדט שלעכט רוסיש. מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער אינספּעקטאָר איהם אָבגעשטעלט און האָט איהם גענומען אויספרעגען וועגען זיינע עלטערן. סלאָבאָדקין האָט נישט קיין פאָטער און די מו-טער דינט ערגעץ אַלס קעכין. איהם איז אָבער נישט אָנגענעהם געוועזען צו זאָגען, אַז זי איז אַ קעכין, האָט ער אַ קלער גע-טהון און געענטפערט: „זי פערנעהמט זיך מיט... איבערקאָכען שפּייז“...

אַלע האָבען זיך צעלאַכט. אויך אייזערמאַן האָט זיך צע-לאַכט, נישט פערשטעהענדיג אפילו אין וואָס דער וויץ בע-שטעהט. דער עולם איז בגילופינדיג געוואָרען. גאַנץ אונבע-מערקט האָבען זיי זיך צעטיילט אויף צוויי טיילען. איינע האָ-

בען זיך געזאַמעלט אַרום ציוזערשטיינען, וועלכער האָט דער-צעהלט אַנעקדאָטען פון גימנאַזיסטען-לעבען. און אַ צווייטע טייל האָט אַרומגערינגעלט אולער'ן, וועלכער האָט זיך בעזעצט אויף דער לעזשאַנקע און דערצעהלט מעשיות פון ישיבה-לעבען, אַדורכפלעכטענדיג מיט גמרא-ווערטלעך. אייזערמאַן מיט פייע-וויטש'ן פלעגען איהם אונטערהעלפען מיט זייערע ווערטלעך, פון צייט צו צייט האָט זיך פון ביידע גרופּעס געלאָזט הערען אַ געלעכטער.

קומענדיג אין התלהבות אַריין איז אולער אַראָבגעשפרונ-גען פון דער לעזשאַנקע און האָט הויך אויסגעשריען, כדי צו-ציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון ביידע גרופּעס:

—הערט, רבותי. טרעפט לאָמיך זעהן אָט וואָס: איך זאָג, אַז איך און פיסאַרעוו זענען מיר איינס און דאָס זעלבע! אַנו, טרעפט ווי אַזוי?

—נו? ווי אַזוי?—האָבען זיך אַלע געפרעגט.

—ער וועט אונז שוין אָבשמאַליען אַ פיין גמרא-ווערטעל!—האָט קאַפּלונער זיך דערפרעהט און איז צו צו אולערס גרופּע.

—זעהר פשוט!—האָט אולער געענטפערט.—„פיסאַרעוו" איז בגימטריא „זלמן אולער". רעכענט איבער!

עטליכע האָבען זיך גענומען אין דער מחשבה איבעררע-כענען.

—ניין, נישט ריכטיג!—האָט אייזערמאַן גיך אויסגעשריען.—„פיסאַרעוו" בעטרעפט 433 און „זלמן אולער" בעטרעפט 434! מיט איינס מעהר!

—פרא אדם!—האָט איהם אולער געענטפערט.—און איך וואו בין? איך בין דאָך די איינס, איז צוזאַמען 434 דאָס הייסט „זלמן אולער"!

—נאָך עפּעס אַ גמטריא!—האָבען זיך אַלע געבעטען.

אולער—וואַרט צו, כ'וועל אַ ווייליגקע אַ טראַכט טהון!—האָט געענטפערט.

צולעגענדיג די האַנד צום שטערען איז ער אַ מינוט גע-

שטאַנען פערטראַכט. אַלע האָבען אויף איהם נייגיריג געקוקט ווי אויף אַ פלינקען פאָקוסניק.

—ס'איז דאָ!—האָט ער פעסט אויסגעשריען.—איך וועל אייך בעווייזען מיט אַ גמטריא, אַז פיסאַרעווס רעאַליזם איז אַ השכלה למשה מסיני!

—אַ נו! אַ נו!

—זעהר פשוט! רעכענט צונויף די סומע פון די ווערטער: „הראליזם הגדול, היפה והזך על פי פסרוו ז"ל"...

—נישט פיסאַרעוו, נאָר פיסאַרעוו!—האָבען איהם קאַפלונער און געווערמאַן מיטאַמאָל פערריכט.

—ניין—פיסאַרעוו!—האָט אולער מיט עקשנות געענטפערט.

—אודאי פיסאַרעוו!—האָט מירקין ערנסט אונטערגעהאַלטען אולער'ן.—נאָך אַ „יוד" רעדט זיך אַ „פיי" אויב זי איז אין אָנפאַנג וואָרט, אַרויס ווי אַ „פיי", דעריבער ווערט נאָכ'ן וואָרט על פי, די „פ" פון פיסאַרעוו אַ „פ".

—געה רייד מיט זיי, מיט די עמי הארצים!—האָט אולער בייז אויסגעשריען און האָט ווייטער גערעדט:

—איצט רעכענט צונויף די סומע פון די ווערטער „חוק גדול הוא לנו, הלכה למשה מסיני"—וועט איהר בעקומען דעם זעלבען מספר.

נאָכאַמאָל האָבען זיך אָנגעהויבען אויסרעכנונגען, אויסענווענינ און אויפ'ן פאַפיר און ווידער האָט אייזערמאַן אויסגערופען דער ערשטער בעדויערענד:

—ווידער אַ טעות אויף איינס!—דער ערשטער פסוק בעטרעפט 1218 און דער צווייטער 1217.

—ס'קאָן נישט זיין!—האָט אולער אויסגעשריען, און האָט זיך אַליין גענומען אויסרעכענען.

—אמת!—האָט ער מיט פערדרוס מודה געווען.—נו!—האָט ער זיך אָבער באַלד געטרייסט.—אַזוי ווי דאָ פעהלט איינס און אין דער פריהערדיגער גמטריא איז דאָ איינס איבריג גיב זשע יענע איינס דאָ אַהער און מיר וועלען זיין—קוויט!

—נו, איצט נאָך עפּעס!—האָט דער עולם געבעטען.

—עפּעס אַ „נוטריקון"—האָט אייזערמאַן פאָרגעלעגט.

—איך האָב אַנ'אויסגעצייכענטען „נוטריקון" אויפ'ן וואָרט פּיסאַרעוו!—האָט אולער געזאָגט.

פּיסאַרעוו
י למד
ס ברות
אַ מתיות
ר או
ע ורים
ו אַטומים
ו יוכחו.

—און איצט עפּעס אַ דרשה!—האָבען די גימנאַזיסטען גע-פּאָדערט.

—וואָס פאַר אַ דרשה ווילט איהר, עמי הארצים, גראָבע קעפּ!-האָט אולער בייז געשריען.—איהר וועט דען עפּעס פערשטעהן, אַז כ'וועל אייך זאָגען עפּעס טיפעס, עפּעס פּלפּול? איך וועל אייך, משומדים, גלייכער זאָגען אַ ביסעל מוסר!

—ניין! ניין!—האָבען אַלע געשריען.—נאָר אַ דרשה!

—געדענקט, איך וועל אייך פערשרפה'נען מיט מיינע ווערטער, ווי ר' שמעון בן יוחאי מיט'ן בליק!

—ס'מאַכט נישט! מעגסט פערברענען!—איז דער עולם אויף דעם אויך בעשטאַנען.

—אַלזאָ גוט! קלויבט אויס עפּעס אַ טעמע!

—דערווייז אונז פון גמרא, אַז מיכאַילאָוו איז העכער פאַר דאָסטאָיעווסקי'ן!—האָט געווערמאַן פאָרגעלעגט.

—ניין, ניין! דערווייז אונז, אַז משה רבינו איז געווען אַנ'אמת'ער רעאַליסט!—האָט איהם קאַפּלונער איבערגעריסען.

—אויף דעריויף דאַרף מען נישט קיין דרשה,—האָט זיך מירקין ערנסט אָבגערופען.—משה רבינו איז טאַקע געווען אַ רעאַליסט. אין חומש שטעהט: „כי הדם הוא הנפש". וואָס דאַרפט איהר מעהר?

—ס'מאַכט נישט! לאָז ער זאָגען אַ דרשה אויף דער טע-מע!—האָט דער עולם פערלאַנגט.

—גוט!—האָט אולער מסכים געווען.—פון וואַנען זאָל איך עס אייך בעווייזען? פון תנ"ך, פון תלמוד צי פון זוהר? מיר איז אַלץ איינס!

—פון תנ"ך! פון תנ"ך!

—טאָ גיט עפּעס אַ פּסוק, וואָס פאַר איינעם איהר ווילט נאָר.

—„האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי."—האָט אייזערמאַן איילִיג פאָרגעלעגט ווארטענדיג מיט אונגעדולד אויף דער דרשה.

—זאָל זיין דער פּסוק!—האָט אולער מסכים געווען און טראַכטענדיג אַ מינוט האָט ער פעסט אויסגעשריען אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט דער פויסט אין טיש:

—נו הערען!

אַלע זענען אַנטשוויגען געוואָרען. אולער איז געשטאַנען אין מיטען צימער אין דער פּאָזע פון אַ בעל-דרשן און האָט הויך, מיט אַ ניגון, באַלמאַכענדיג דעם ניגון און די תנועות פון מגידים, גענומען זאָגען:

—אוי, אוי! „האזינו השמים ואדברה!" אין פּלוג איז דאָך דאָס נישט צו פערשטעהן! ערשטענס, וואָס איז עפּעס משה'ן איינגעפאַלען זיך צו ווענדען צו הימעל און ערד, אַנשטאָט זיך צו ווענדען צו די יודען? און צווייטענס, אויב ער האָט זיך שוין געווענדט צו הימעל און ערד, טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך צום הימעל געווענדט גלייך, „הערט אויס" און וועגען דער ערד האָט ער געזאָגט „און זאָל הערען די ערד"? פאַרוואָס האָט ער נישט געזאָגט „הער אויס, ערד"? און דריטענס: נאָך וואָס חזר'ט ער צוויי מאָל איבער דאָס זעלבע „ואדברה" און „אמרי פי", ווען ער האָט געקאָנט זאָגען קירצער: „האזינו השמים ותשמע הארץ אמרי פי"? א—א—און פירטענס, נאָך וואָס זאָגט ער „אמרי פי", פונקט ווי עס וואָלט מעגליך געווען רייד פון דער נאָז,

אָדער פון די אויגען? ער האָט דאָך געקאָנט זאָגען קירצער: „מיינע רייד״!

—בראַוואָ!—האָט זיך קאַפּלונער נישט געקאָנט איינהאַלטען פון צופרידענהייט.

אולער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אַלעמען אָנגעקוקט מיט אַ שטאָלצען בליק און האָט ווייטער גערעדט מיט אַ וויינענדיגען ניגון:

—אַזוי, אַזוי, רבותי, דעם גאַנצען פסוק איז נישט צו פערשטעהן און האָט קיין טעם נישט!... אָבער ער ועט אייך גלייך פערשטענדליך ווערען, אויב מיר וועלען איהם אויסטייטשען על פי אמת׳ן רעאַליזם...

—הערט זשע, רבותי! משה האָט נישט געזאָגט „הערט אויס הימלען״, נאָר: „הערט אויס, וועגען די הימלען וועל איך אייך ריידען״. און וואָס איז אַזעלכעס דער „הימעל״? דער הימעל דאָס איז דער כסא הכבוד, ס׳הייסט דער העכסטער זין פון דער יצירה. אַלזאָ: „משה זאָגט: הערט אויס, איך וועל רייּדען וועגען דעם העכסטען זין פון דער יצירה ותשמע הארץ... און וואָס איז אַזוינס „די ערד״? די ערד דאָס איז דער „חומר״—די מאַטעריע. און ווידער: ערד, דאָס איז—שטויב, און שטויב—דאָס איז דער מענש „וואָרים עס שטעהט: „עפר אתה ועל עפר תשוב״. ובכן: משה ווענדעט זיך צום מענשען און זאָגט: זאָל דער מענש—דער חומר הערען אמרי פי. וואָס איז אַזוינס פי? פי—דאָס איז די ראשי תיבות פון „פיסאַרעוו״, נאָך אַ פשט: פי—איז בגימטריא 90, דאָס איז במספר אות „צדיק״... אַזוי, רבותי! משה זאָגט אַזוי: „הערט אויס! איך וועל ריידען וועגען העכסטען זין פון דער וועלט-יצירה און זאָל דער מענש-חומר הערען די רייד פונם צדיק פיסאַרעוו״.

—אַזוי, אַזוי, אחינו בני ישראל!—האָט אולער אויסגעלאָזט מיט אַ פייערליכען ניגון.—איך האָב אייך אויפגעוויזען, אַז משה רבינו האָט נביאות געזאָגט אויף פיסאַרעווס רעאַליזם! און אַלס שכר פאַר אָט דער מצוה מיינער—זאָל דער גואל באַלד אין גיכען קומען ונאמר אָמן!

—אָמן! בראַוואָ! אויסגעצייכענט!—האָבען געהילכט געשרייען פון אַלע זייטען.

—זע-ע-על‏טען גוט!—האָט קאַפּלונער אין התפּעלות אויס-געדופען, קלאַפּענדיג אולער'ן איבער'ן פּלייצע.—איהר זייט, עהרען וואָרט, אַ מאָלאָדיעץ!

—אויך מיר אַ גרויסע זאַך!—האָט אולער מיט פּעראַכטונג אין דער שטים געזאָגט.—דאָס הייסט אויך אַ דרשה? דאָס איז דאָך נאָר געווען אַ שפּילכעל. איך וואָלט אייך געזאָגט אַ דרשה פון זוהר—וואָלט געווען וואָס צו הערען! איך האָב איינמאָל אַ גאַנצען אָוועגד געהאַלטען אַ דרשה, אין וועלכער כ'האָב אויפ-געוויזען פון זוהר און פון אַנדערע קבלה-ספרים, אַז עס איז קיין גאָט נישטאָ. דאָס איז געווען אַ דרשה!

# מ

שוין גאַנץ שפּעט פאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלינג ציפּאָרין בעוויזען. זיינע שטיוועל זענען ביז העכער די קנאָפּעל געווען פערבלאָטיגט, דאָס געזיכט מיד, די האָר קלעבען זיך פון שוויס און פון די אויגען שטראַהלט אַ פריידיגע שטימונג.

דער פרעהליך געשטימטער עולם האָט זיך עפּעס זעהר דערפרעהט מיט איהם און אויפגענומען איהם מיט אויסרופען און שאלות פאַרוואָס ער איז אַזוי שפּעט געקומען.

—כ'בין געזעסען אין בית-המדרש און געזאָגט תהלים!—האָט ער ליטרע שמייכלענדיג געענטפערט.

פּייעוויטש האָט זיך פילבעדייטענד מיט איהם איבערגע-קוקט, אַ וואונק געטהון צו מירקינען און אַלע דריי זענען איי-נער נאָכ'ן צווייטען אַרויס אין צווייטען צימער אַריין.

—שוין זשע ביזטו טאַקע געגאַנגען צום פּאָיעזד?—האָט פּייעוויטש געפרעגט.

—וואָס דען? געוויס!—האָט ציפּאָרין שטאָלץ געענטפערט. און גלייך האָט ער געמאַכט אַנ'ערנסטען פּערזאָרגטען אויסדרוק,

און האָט צוגעגעבען: ס'איז דאָך בויטיג געווען צו וויסען, ווי אַזוי זי וועט אָבפאָהרען! ווען אַ צווייטער וואָלט געגאַנגען...

—אַלזאָ, וואָס? דערצעהל! זי איז אָבגעפאָהרען בשלום?—האָט איהם מירקין אומגעדולדיג איבערגעשלאָגען.

—געוויס איז זי אָבגעפאָהרען!

—דערצעהל גענוי!—האָט פייעוויטש געפאָדערט.—עהרען וואָרט, דו ביזט אַ וואוילער יונג!—האָט ער צוגעגעבען קלאַפּענדיג איהם האַרציג איבער'ן פּלייצע.

—ס'איז אַזוי געווען,—האָט ציפּאָרין אָנגעהויבען פיהלענדיג זיך געשמייכעלט און בעמיהענדיג זיך דאָס נישט אַרויסצעווייזען.—כ'בין געקומען אויפ'ן וואָקזאַל, געוואַרט, געוואַרט. אַ שעה דריי האָב איך געוואַרט. ענדליך זענען זיי אָנגעקומען... אין אַ קאַרעטע.

—ווער?

—נו, סאָניע און אויך די רוסישע, וועלכע איז דאָ נעכטען געווען און נאָך עפּעס אַ רוסיש מיידעל... זיי האָבען שפּאַצירט איבער'ן פּעראָן און באַלד איז דער פּאָיעזד אָנגעקומען. זיי האָבען זיך צעקושט, סאָניע איז איינגעזעסען אין וואַגאָן און אָבגעפאָהרען... דאָס איז אַלץ...

—און דו ביזט נישט צוגעגאַנגען געזעגענען זיך?—האָט מירקין זיך געוואונדערט.

—וואָס נאָך?—האָט ציפּאָרין מיט פּעראַכטונג אויסגעשריען.—מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָל איך צוגעהן? וואָס בין איך—אַ קאַוואַלער?!... איך האָב דאָך נאָר בעדאָרפען וויסען צי זי וועט בשלום אָבפאָהרען... מעהר גאָרנישט! און שווייגענדיג אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבען:

—כ'האָב בעשלאָסען אַ לעב טהון! לכבוד איהר גליקליכער אָברייזע האָב איך געקויפט נאַשערייען! אַ צעהנדליג קיכלעך!

און ער האָט איבערגעגעבען די חברים די קיכלעך.

—וואויל! מיר'ן עס צעטיילען פאַר דער גאַנצער חברה! אַז הוליען—איז הוליען!—האָט פייעוויטש געזאָגט.—און קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאַלען אין געדאַנק, אַז די דאָזיגע קיכ-

לעך בעהאַלטען אין זיך אַ קליינע דראַמע. די קיכלעך זענען בעשטימט געווען פאַר סאָניע׳ן... נאָך אַ לאַנגען אינערליכען קאַמף, נאָך לאַנגען זעלבסט-איבערצייגען זיך, אַז „קיכלעך זע-נען דאָך אין תוך אַריין, דאָס זעלבע וואָס שפּייז וועלכעס יע-דער מענש דאַרף אין וועג", האָט ציפּאָרין זיך מתיר געמאַכט פאַר די לעצטע דרייסיג קאָפּ. צו קויפען אַ צעהנדליג קיכלעך און טראָגען עס פערצעהן וויאָרסט וועגס צו דעם וואָקזאַל פאַר דער אָבּפאָהרענדער סאָניע׳ן. אָבער בעת סאָניע איז געקומען אויפ׳ן וואָקזאַל און נאָך דערצו אין דער בעגלייטונג פון צוויי אונבעקאַנטע רוסישע פּריילינס, איז ציפּאָרין נישט נאָר נישט צוגעגאַנגען, נאָר האָט זיך נאָך אויך בעהאַלטען, זיי זאָלען איהם נישט בעמערקען.

און אַזוי זענען די קיכלעך געבליבען נישט איבערגעגע-בען דער אָבּפאָהרענדער. געהענדיג צוריק אין שטאָדט, האָט ציפּאָרין בעמיהט זיך זעלבסט איבערצוצייגען, אַז ער איז צופרי-דען, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געטראָפען.

—זעהר גוט, וואָס כ׳האָב זיי איהר נישט איבערגעגעבען!— האָט ער צו זיך גערעדט.—וואָס עפּעס פּלוצלינג קיכלעך! וואָס איז זי דען—„אַ בעל-הבתיש טעלטערל?" זי וואָלט נאָך, גאָט ווייסט, וואָס געטראַכט וועגען מיר... זעהר גוט, וואָס כ׳האָב עס נישט געגעבען און אפילו נישט צוגעגאַנגען צו איהר!

## מא

די געסט זענען זיך צעגאַנגען. נאָר איין אייזערמאַן איז געבליבען און געלייענט אַ ביכעל ביים טיש. מירקין האָט זיך אויף און אָב געדרעהט איבער׳ן צימער און האָט טרוימעריש פערבענגט שטיל זיך צוגעזונגען זיין בעליבט ליד: „הקיצי עמי".

„ווי לאַנג וועסטו שלאָפען אָ, פאָלק מיינס? שטעה אויף!
די נאַכט איז פאַריבער, די זון שיינט שיין אויף.

װאַך אויף, קוק זיך מוטיג אַרום און בעטראַכט:
די װעלט האָט פון לאַנג אַרום דיר שוין ערװאַכט.

מירקין האָט געזונגען פערטראַכטערהייד. ער האָט געטראַכט װעגען סאָניען. איהר געלונגענער אַנטלויפען און ציפּאָרינס ידיעה װעגען איהר בשלום׳דיגען אָבּפאָהרען, האָבּען איהם גוט אויפגעלייגט. זי איז אַװעק! איצט װעט זי שוין קיינער דעריאָגען! דער צוג פליהט און טראָגט אַװעק אָט דאָס אידעלע מיידעל װייט, װייט פון דער פינסטערניש און זומפּ פונ׳ם אַלטען לעבען, פון דער צעלאָזענער פערגליװערטקייט. דער צוג לויפט און טראָגט זי אַװעק צו אַ ניי לעבען, צו אַ ליכטיג, שען, פריי און פערנונפטיג לעבען!

סאָניעס אַנטלויפען האָט ביסלעכװייז אָנגעװאוירען ביי מירקינען אין די אויגען דעם כאַראַקטער פון אַ פּערזענליכען פאַקט און ער האָט עס דערזעהן אַלס אַ ריזיגען נצחון פון דער ליכט איבער דער פינסטערניש, פון דער השכלה איבער דעם פאַנאַטיזם, פון דער פרייהייט איבער דעם געװאַלד. יאָ! עס קומט אַ סוף צו דער אַלטער װעלט! זי בעקומט אַלץ שטאַרקערע ענטשיידענדערע טויט-קלעפּ. די פינסטערע װאַנד, װעלכע האָט אָבּגעצוימט אין משך פון יאָהרהונדערטער און יאָהרטויזענדער דאָס יודישע פאָלק פון דער גאַנצער װעלט, פון לעבען, פון ליכט און װיסען, די װאַנד װעלכע איז נאָך נעכטען געװען אַזוי אונערשיטערט פעסט, איז איצט אינגאַנצען צעטרייסעלט, אין איהר איז דורכגעגראָבּען גרויסע לעכער און זי האַלט שוין ביים איינפאַלען! עס איז שוין נישט װייט די צייט! אַלע מענשען װעלען אָנפאַנגען קלאָר און פערנונפטיג צו דענקען, זיי װעלען אָבּװאַרפען אַלע אַבערגלויבּענס, די רעליגיעזע און די װעלטליכע, װעלען זיך פערנעהמען מיט נוצליכע און געזונדטע אַרבּייטען, זיי װעלען איינשטעלען צװישען זיך חבר׳שע בעציהונגען פון גֶעגענזייטיגען צוטרוי און פערשטעהן זיך. און עס װעט דאַן נישט זיין קיין אונטערשיד צװישען יודען און אַנדערע פעלקער, צװישען מיוחסים און פּראָסטע, צװישען שטאַרקע און שװאַכע. אַלע װעלען זיין גלייך און אַלע װעלען זיין ברי-

דער. אַלע וועלן זיך לערנען און אַרבייטען. ישיבות, חדרים און אַנדערע נעסטען פון אונוויסענהייט וועלן פערשוואונדען ווערען. די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען וועלן פול זיין מיט תלמידים. די פרייע צייט וועט די יוגענד ווידמענען אויף לעזען ערנסטע ווערק, וויסענשאַפטליכע בעשעפטיגונגען און זיי וועלען פערגעסען אָן פוסטען פלירטעווען און וועלען נישט אויסברענגען די טייערע צייט אויף אוננוצליכע לידער-שריי-בעריי...

עס איז אָנגעקומען אַ גרויסע אונפערגלייכליכע עפּאָכע אין דער וועלט-געשיכטע. דער דורכברוך איז געמאַכט געוואָרן ערשט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק. פאַר דער מענש-הייט, וועלכע האָט געבלאָנדזשעט אין דער טיפער פינסטערניש איז מיט אַמאָל אין דעם גאַנצען גלאַנץ ערשינען דער „אמת", דער אייביגער, דער גרויסער—און אַלץ וואָס איז נאָר געווען אין דער מענשהייט דענקענדעס און לעבעדיגעס האָט זיך גע-וואָרפען צום אמת, האָט איהם אָנגענומען ווי אַ נייע תורה, וועלכע דאַרף דערפרישען און ווידערגעבורירען די וועלט, האָט איהם געטראָגען מיט זיך ווי די לוחות אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון דער וועלט און אין זיין נאָמען האָט מען ער-קלערט אַ הייליגען, אונ'ברחמנות'דיגען קריג דער גאַנצער אַל-טער וועלט! און דער נצחון איז נאָהנט! נאָך עטליכע ענטשלאָ-סענע קלעפּ—און זי פאַלט איין ענדגילטיג!... וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס דערוויל הונגערט מען, ס'איז קאַלט און אונהיימליך! נאָך עטליכע יאָהר אונערמידליכער קאַמף—און די גאָלדענע צייט וועט קומען! וויפיל גליק און פרייד וועלען מיר דערפאַר האָבן! און דאַן:

—„ומלאה הארץ דעה"...—האָט מירקין הויך און מונטער אָנגעהויבען, נישט בעמערקענדיג, אַז ער זאָגט עס אויפ'ן קול.

—כמים על ים מכסים!"—האָט אייזערמאַן אויך אַזוי מונ-טער און אויך מיט אַזאַ גלויבען אין טאָן פערענדיגט.

מירקין האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון און עטליכע מינוט האָט

ער געקוקט אויף אייזערמאַנען, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך דער־וויסען פון וואַנען ער נעהמט זיך דאָ אַהער.

—איהר האָט געענדיגט דאָס אַרטיקעל?—האָט ער געפרעגט, דערמאָהנענדיג זיך, אַז ער האָט געלעזען דעם „השחר".

—געענדיגט!

און קוקענדיג אַזוי אויף אייזערמאַנען, האָט ער זיך בע־מיהט צוריק אָנצוקניפּען די איבערגעריסענע געדאַנקען, וועלכע האָבען איבערגעלאָזט אַ ליכטיגען, פריידיגען שפּור אין זיין נשמה. און פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז אָט דאָס בחור'ל איז דאָך אייגענטליך אויך אַ בולט'ער סימבאָל פון'ם זיג פון דער נייער וועלט איבער דער אַלטער. און אייזערמאַנס געזיכט איז איהם געוואָרען מיטאַמאָל ליב און נאָהנט.

—האַ? וואָס זאָגט איהר?—האָט ער לוסטיג און טריאומפי־רענדיג גענומען ריידען.—די אַלטע וועלט געהט אונטער? עס קומט אָן אַ נייע לעבען?

—אַ נ-ייע לעבען קומט אָ-ן!—האָט אייזערמאַן זיכער און פערבענגט געענטפערט.—אַז איך דערמאָהן זיך אָן מיין לעבען אין מילאָסלאַווקע און כ'פערגלייך עס מיט'ן איצטיגען, גלויבט זיך מיר נישט אַז דאָס איז אַלץ ווירקליך פאָרגעקומען! בע־טראַכט זיך נאָר! ערשט מיט איין וואָך צוריק בין איך דאָך נאָך געוועזען אין דער היים, געוועזען פערזונקען אין טיפער פינ־סטערניש, געשמידט מיט הענד און פיס! און איצט?...

ער האָט נישט געענדיגט די פראַזע און האָט גענומען קוקען אויף מירקינען מיט טריאומפירענדע גליקליכע אויגען און אָבגעבענדיג זיך זיינע ערינערונגען, האָט ער ווייטער גערעדט:

—פּונקט מיט אַ וואָך צוריק אין דער צייט, בין איך גע־נויט געוועזען צו זיצען אין קלויז און אויסהערען אַ מחלוקת וועגען אַ תלמודישער נאַרישקייט. מיט זעקס טעג צוריק אין דער צייט, פאַר'ן סאַמע אַנטלויפען, בין איך אַריין אין קלויז... כ'בין אַריין געזעגענען זיך מיט'ן לעהרער און... שיקען איהם מיין קללה. איך האָב איהם אַ זאָג געטהון גלייך אין פּנים: „ירבעם בן נבט!!"

מירקין, וועלכער האָט גוטמוטיג און פערטראַכט די גאַנצע צייט געקוקט אייזערמאַנען אין די אויגען, האָט זיך אַזש אַ צאַפּעל געטהון פון איבערראַשונג:

—דעם לעהרער?

—„דעם לעהרער״,—האָט אייזערמאַן מיט אַ ביטער שמייכעלע הויבענדיג די אַקסלען געענטפערט.—ער האָט זיך נאָר גערופען „לעהרער״, אין אמת׳ן איז ער ערגער פון אַ גנב... ער האָט בעשמוצט דעם נאָמען „לעהרער״...

—וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ לעהרער אַזעלכער?—איז מירקין פעראינטערעסירט געוואָרען.

—איך האָב זיך שוין עטליכע מאָל געקליבען צו דערצעהלען אייך די דאָזיגע געשיכטע,—האָט אייזערמאַן געזאָגט.—דאָס איז אַנ׳אונערהערטע, אונגעוועהנליכע געשיכטע... שטעלט אייך פאָר: אַנ׳אמת׳ער משכיל, וועלכער לעזט „חטאת נעורים״ און אַנדערע משכילישע ביכער און ווערט פלוצים אַ בעל-תשובה, זאָגט זיך אָב פון זיינע אוראָקען, טהוט אָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ יאַרמולקע און זעצט זיך אַוועק אין קלויז פאַר דער גמרא...

—וואָס רעדט איהר?!—האָט מירקין איבערראַשט אויסגעשריען. ווי אַזוי איז דאָס עפּעס פון דער העלער הויט פאָרגעקומען?!

—נאַטירליך, נישט פון דער העלער הויט,—האָט אייזערמאַן געענטפערט.—וועלכער משכיל קאָן דאָס פון דער העלער הויט ווערען אַ „בעל-תשובה״? דאָ האָבען געאַרבייט און שטאַרק געאַרבייט, אונזערע מלמדים און אַנדערע פרומע יודען! דעם אמת זאָגענדיג, קאָן מען גאָר דעם לעהרער נישט אַזוי שטאַרק בעשולדיגען... קיין מילאָסלאַווקע צו אונז איז ער געקומען אַנ׳אמת׳ער משכיל! אין אַ קורצען סורטוק, אָהן פאות—ס׳איז אַ פערגעניגען געווען צו קוקען! ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די בעסטע משכיל׳ישע ביכלעך: „חטאת-נעורים״ און נאָך. הכלל, איז ער געקומען און האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. האָט אָנגענומען אוראָקען און האָט שוין צו ביסלעך אָנגעהויבען פער-

שפּרייטען השכלה. ער האָט, נאַטירליך, אָנגעהויבען פאָרזיכטיג, מאַכענדיג זיך פאַר אַ פרומען, אַלץ ווי ס'געהער צו זיין!... ביז צו זיין קומען איז אין מילאָסלאַווקע נישט געווען אויסער מיר קיין איין משכיל! איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, ווי איך האָב זיך דערפרעהט, געוואָהר ווערענדיג, אַז אַ לעהרער איז געקומען צופאָהרען! אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפענט, משיח איז געקומען! איך בין גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען און האָב אַלץ געטראַכט ווי אַזוי צו זעהן זיך מיט'ן לעהרער. ענדליך, איינמאָל שבת נאָכ'ן עסען, האָט זיך מיר איינגעגעבען אַריינצו'גנב'ענען זיך צו איהם אונבעמערקט און איך האָב ביי איהם פערבראַכט ביז נאַכט... ער האָט מיט מיר גערעדט ווי אַנ'אמת'ער משכיל, ער האָט גערעדט וועגען לעהרע, וועגען בילדונג. ער האָט גערעדט מיט פייער, ווי אַ נביא, ווי אַ לייב, ער האָט מיר הייס אויפגעוויזען, אַז מ'דאַרף זיך לערנען, האָט מיר געגעבען „חטאת נעורים". בקיצור—ער האָט אין מיר אַ לעבעדיגע נשמה אַריינגעבלאָזען! און אַוועקגעהענדיג פון איהם האָב איך געשוואוירען צו אַנטלויפען פון דער היים...

אייזערמאַן איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט טיף אָבגעאָטעמט, פונקט ווי ער וואָלט אָנגענומען כח אויף ווייטער צו דערצעהלען.

—און אָט,—האָט ער ווייטער דערצעהלט,—האָט דער רב און אַ חברה מלמדים דערפיהלט די סכנה און האָבען בעשלאָסען עפּעס צו טהון געגען דעם. לאַנג האָבען זיי זיך בעראַטען, און ענדליך האָבען זיי בעשלאָסען פאַר יעדען פרייז דעם לעהרער מחזיר למוטב צו זיין. און זיי האָבען איהם אַרומגערינגעלט ווי די הונגעריגע וועלף, ווי גיפטיגע שלאַנגען! זיי האָבען איהם געדראָהט, זיי האָבען איהם צוגעזאָגט „גילדענע בערג". בקיצור—זיי האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט אויף קיין איין מינוט, זיי האָבען איהם געמוטשעט און געריסען, האָבען איהם געשלעפּט צום רב, צו די גבירים, האָבען איהם אָנגעשיכור'ט און אַריינגערעדט אין איהם. ביז איינמאָל, אָנ'שיכור'ענדיג איהם, האָבען זיי איהם געניט צו זאָגען „אָמן" אויף

זייערע פֿאָדערונגען! און נאָכדעם האָט ער זיך שוין געפֿונען פֿולשטענדיג אין זייערע הענד. זיי האָבען איהם געגוויט זיך אָבצוזאָגען פֿון די אוראָקען, אָנטהון אַ לאַנגע קאַפּאָטע, זיך זעצען צו דער גמרא און ווערען צוריק אַ ישיבה-בחור... דאָס אַלץ איז זיי אָבער נאָך ווענעג געווען—און זיי האָבען נאָך געמאַכט אַ גאַנצע צערעמאָניע. זיי האָבען איהם געפֿיהרט אין מקוה אַריין, האָבען איהם אָבגעשוירען און פֿערברענט די האָר און, ועל כולם, האָבען זיי נאָך געבראַכט אין באָד אַריין זיינע אַלע ביכלעך, אַ מענגע טייערע ביכער און אַלץ ביז איינס פֿערברענט!!

—שרעקליך!—האָט מירקין אויפגערעגט געמורמעלט.

—און איצט זיצט דער דאָזיגער „לעהרער" אין קלויז בײַ דער גמרא—און דער רב מיט זיין כנופיא טריאומפירט...

—טריאומפירט...—האָט מירקין האַלב איבערראַשט, האַלב אין שרעק נאָכגעזאָגט און די הענד האָבען זיך איהם אַראָבגעלאָזט.

ער האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבער׳ן צימער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. זיין שטימונג האָט זיך שאַרף געביטען, פּונקט ווי אַ העלע זון וועלכע האָט נאָר וואָס בלענדענד בע־לויכטען די וועלט וואָלט מיטאַמאָל פֿערלאָשען געוואָרען און עס איז אָנגעשטאַנען אַ שווערער דומפּיגער חושך. מיט איין האַלבע שעה פֿריהער האָט זיך מירקינען געדוכט, אַז די אַלטע וועלט הויכט שוין דעם לעצטען אָטעם אַרויס—און אָט האָט זיך גאָר אַן׳אַנדער פּערספּעקטיוו בעוויזען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די קרעפֿטען פֿון דער אַלטער וועלט זענען נאָך ווייט נישט בעזיגט. נישט נאָר זיי האָבען זיך נישט אונטערגעגעבען, נאָר זיי פֿאַלען נאָך אָן מיט מוט, אָרגאַניזירט, האַלטען נאָך אָב נצחונות איבער דער „השכלה" און... טריאומפירען!!

מירקין האָט זיך בולט פֿאָרגעשטעלט דאָס שרעקליכע בילד פֿון פֿערברענען די השכלה-ספרים. די ווערק פֿון לעווינזאָהנ׳ען, סמאָלענסקינ׳ען, ליליענבלומען, גאָרדאָנ׳ען און אַנדערע גאונים פֿון דער השכלה. די טייערע פּערעל פֿון מענשליכען גייסט

וואַלגערן זיך אויף דער ערד פון דער שמוציגער באָד, צעטרע-טענע פערבלאָטיגטע און אָט טראָגט מען צו זיי צו אַנ'אָנגע-צונדענע שוועבעלע... איין בלעטעל נאָכ'ן צווייטען, איין ביכעל נאָכ'ן צווייטען צינדט זיך אָן און עס ווערט אַ גרויסער פלאַם... עס ברענען די בלעטלעך, עס ברענען די שורות, עס ברענען די ווערטער—און ווערען פערשוואונדען. גרויסע געדאַנקען ליכ-טיגע הויבען זיך אויף מיט'ן רויך! היילינע געדאַנקען ליגען אין בלאָטע, צעטרעטען מיט די פיס!... אַ הייסער שטראָם פון גע-וואַלדיגען צאָרן האָט מירקינען אַ שלאָג געטהון צום האַרץ, פונקט ווי מ'וואָלט איהם גופא שרעקליך בעליידיגט. און צוזאַמען מיט דער שנאה צו דער טריאומפירענדער באַנדע האָט זיך אין איהם אויך דערוועקט אַ געפיהל פון נקמה...

—רבונו של עולם! רבונו של עולם!—האָט אייזערמאַן דערווייל געפעדט מיט פערביטערונג און בקשה.—ווען עס וואָלט זיך געפונען כאָטש איין מענש, וועלכער זאָל זיך דערבאַרימען און אָוועקפאָהרען אין מילאָסלאַוקע! א-אוי! ער וואָלט דאָך גע-ראַטעוועט, בפירוש געראַטעוועט דאָס גאַנצע שטעדטעל!!

מירקין האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיגע ווערטער—זיי האָבען גראָד ענטשפּראָכען זיינע געדאַנקען און איצטיגע שטימונג. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אייזערמאַנען מיט אַ פערטראַכטען פרעגענדיגען בליק און האָט ענטשלאָסען געזאָגט:

—יאָ, איהר זייט גערעכט! עס דאַרף ווער דאָרטען אַהינ-פאָהרען!

איבערגעהענדיג הין און צורוק איבער'ן צימער, האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט און האָט שוין גאַנץ טרוקען צוגעגעבען:

—קומט צו מיר מאָרגען אַריין, וועלען מיר וועגען דעם געניו איבעררעדען.

# ט

נאָך אייזערמאַנס אװעקגעהן האָט מירקין נאָך װײטער גע-טראַכט װעגען מילאָסלאַװקע. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט די גאַנצע ריזיגע פּרוכטבאַרע אַרבײט, װעלכע װאַרט דאָרט אויף דעם משכיל. קודם כל, מוז מען, נאַטירליך, ראַטעװען דעם אומקומענדיגען לעהרער, זעהן ער זאָל קאָנען אַנטלויפען פון מילאָסלאַװקע. דערנאָך דאַרף מען דאָרט נעהמען פערזייהען השכלה צװישען דער יוגענד, גרינדען אַ קלײנע פעסטע גרופּע און אָנהויבען אַ קאַמף מיט דעם רב און זיין כנופיא. דער קאַמף װעט מוזען געפיהרט װערען עקשנות'דיג און ענטשלאָסען, ביז דער שונא װעט ענטגילטיג אַ מפלה האָבען. דער איצטיגער טריאומף פון די פאַנאַטיקער מוז פאַר זיי פערװאַנדעלט װערען אין אַ ציין-קריצעריי...

—פאַרװאָס, אייגענטליך, זאָל איך גופא נישט אַהינפאָהרען?

מירקין האָט זיך הייס אָנגעכאַפּט פאַר דעם געדאַנק. װאָס שטערט איהם דען דאָס צו פערװירקליכען? בעשטימט גאָרנישט! װאָס בינדט איהם דען מיט מ.? װאָס טהוט ער דאָ אויף?

„דאָ געהט ביי מיר די צייט אַװעק אָהן אַ תכלית און אָהן אַ נוצען—האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. קלײניגקייטען, אַ האַװעניש, פּוסטע פּלוידערייען, נאַרישע אָבשפּעטערייען פון דער רעליגיע. און דאָרט? דאָרט שטיקען זיך אין פינסטערניש צעהנ-דליגער און אפשר הונדערטער יונגעלייט, דורשטען נאָך אַ לע-בעדיג װאָרט, אַנ'עצה, אַ ביכעל, דאָרט איז גענוג עטליכע װערטער אום צו ראַטעװען אַזאַ יונגענמאַן װי אייזערמאַן. איז דען נישט קיין פערברעך צו בלייבען דאָ, װאו די השכלה האָט

שוין אַ באָדען און טהוער, און נישט צו איילען דאָרט אַהין וואו עס הערשט נאָך אַ טיפע פינסטערניש?

—כ׳מוז אונבעדינגט דאָרט אַהינפאָהרען?—האָט [illegible] נאָכאַמאָל געזאָגט.

אָבער זאָגענדיג זיך אַליין עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד די ווערטער, האָט מירקין דערפיהלט, אַז איהם איז אייגענטליך שווער צו בעשליסען זיך אויף דעם שריט, אַז איהם בינדט זעהר פיל מיט מ. און ער האָט זיך גענומען איבערצייגען מיט אַנדערע אַרגומענטען, לאָגישע, אוטיליטאַרע.

—וואס פאַר אַ זין האָט עס דען בכלל דאָ צו פערבלייבען?—האָט ער זיך זעלבסט געפרעגט מיט אַ געשעפטליכען טאָן.—איך בין דאָ אַהער געקומען מיט׳ן ציל צוצוגרייטען זיך צום „אַטעסטאַט זריעלאָסטי״*)—איז נישט נאָר וואָס כ׳האָב זיך נישט צוגעגרייט, נאָר פאַר די צוויי יאָהר האָב איך נאָך כמעט פערגעסען, וואָס כ׳האָב פריהער געקענט. אין הינזיכט פון ענטוויקלונג האָב איך אויך גאָרנישט געווינען: כ׳האָב קיינמאָל קיין צייט נישט צו לעזען, נישט צו טראַכטען. כ׳האָב געהאָפט אָנצוזאַמלען אַ ביסעל געלד, אָבער איך לעב גאָר אין הונגער. וואָס פאַר אַ זין האָט אַזאַ לעבען? וואָס פאַר אַ תכלית?

—און דאָרט,—האָט ער שוין גאַנץ ניכטער ווייטער געצויגען,—וועל איך נישט נאָר ברענגען נוצען אַנדערע, נאָר, איך וועל אַליין אויך לעבען מענשליך, וועל זיך פלייסיג לערנען, לעזען. דאָרט וועל איך אויך קאָנען אָנזאַמלען אַ ביסעל געלד... און בכלל וועל איך זיך דאָרט גוט איינאָרדנען אין אַלע הינזיכטען...

און פלוצים, גאַנץ אומגעריכט, האָט פאַר זיינע אויגען אויפגעבליצט אַ געזיכט מיט אומגעהויער ליבע שטריכען און דורך זיין קאָפּ האָט זיך ווי אַנ׳אורוהיגער שאָרך דורכגעטראָגען דער ליבער נאָמען: „אָלגאַ״.

---

*) רייפס־אַטעסטאַט.

מירקין האָט דערפיהלט אַז זיין האַרץ האָט זיך שמערצ-ליך צונויפגעפּרעסט. ער איז בלייך געוואָרען און עטליכע מי-נוט איז ער געשטאַנען אונבעוועגליך. קומענדיג צו זיך, האָט ער רוהיג און האַרט זיך געזאָגט:

—בעשלאָסען! כ׳פאָהר אין מילאָסלאַווקע.